STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04098

KULTUR KVALN

William Nathanson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילִיאַם נאַטאַנסאָן

קולטור קוואַלן

בוך

35

וויליאַם נאַטאַנסאָן

קולטור קוואַלן

(פילאָסאָפיש ליטעראַרישע עסייען)

פאַרלאַג "יידבוך"
ביי דער
"געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס

1959

דרוקעריי „גראַפיקאָן“ נ. זשעלאַני, לאַריאַ 618, טעל. 93־8331 ב. איירעס

אינהאַלט:

אַלפרעד ווייטהעדס קולטור־סינטעז — — — — — — — — — 7

ה. לייוויקס „אין די טעג פון איוב" — — — — — — — 25

ה. לייוויקס „אין די טעג פון איוב" (צווייטע טייל) — — — — 55

ה. רויזנבלאַט, דער דיכטער פון פשוטן וואָרט
און אַנגעלאָדענע שורות — — — 89

ה. רויזנבלאַט, די אויסגעבענקטע חלום־וועלט
(צווייטע טייל) — — — — — 131

א. לוצקים דיכטונג אין אַ פילאָסאָפיש ליכט — — — — — 201

" " דער העלפאַנט אַ צדיק (צווייטע טייל) — — — — 257

די געשטאַלט און פערזענלעכקייט אַלבערט איינשטיין — — — 287

ישראל אין ליכט פון אייביקייט — — — — — — — — 303

דער יידישער באַגריף וועגן דער שייכות צווישן וועלט און גאָט 326

פּראַגמאַטיזם ווי אַ פאַרגייער פון לאָגישן פּאָזיטיוויזם — — 334

שיר השירים, דאָס געזאַנג פון ליבע — — — — — — — — — 344

אלפרעד ווייטהעדס קולטור-סינטעז

דער קינסטלער מער ווי אלע אנדערע קולטור־שאפער, מוז זיין אינטואיטיוו, ער מוז אויפנעמען אלץ, מיט וואס ער קומט שעפעריש אין באריר, אויף אן אינטואיטיוון אופן. נאר אין מאמענטן, ווען ער ווערט באהערשט פון א הארץ־ און נשמה־אויפבליץ, וואס ליכטיקט אויף דעם געדאנק, קען ער שאפן און איבער־שאפן רעאליטעטן. א צונויפגעגאסענער אין זיין ווילן, פילן און דענקען, אן אריינגעוואקסענער ארגאניש אין אן אומבאוווסטער באוווסטזיניקייט, ווו עס ווערן אפגעווישט די גרענעצן פון באוווסט און אומבאוווסט, קען ער זיך אראפלאזן צו אלע תהומען און זיך דערהייבן צו אלע הויכן פון דער אוניווערסאלער דינאמישקייט. די באהעפטונג מיט דער דאזיקער דינאמישקייט, דאס ווערן איינס מיט איר, פארשארפט און פארטיפט זיין שעפערישקייט און אנטפלעקט אים די טיפקייט פון דער קאסמישע יצירה. ווי די קונסט, אזוי אויך די פילאסאפיע קען אויפנעמען וועלט־מהותן בלויז דורך אינטויטיווער דערקענטעניש.

אזוי האט געלערנט ספינאזא און פאר אים — פלאטינוס. נאך ספינאזאן האט בערגסאן זיך שטארק איינגעשטעלט פאר אינטויאיציע אין דער פילאסאפישער דערקענטעניש. בערגסאן איז באשטאנען, אז נאר ווען דער פילאסאף גיט זיך איבער בלב ונפש דער אינטואיציע, נאר ווען ער גייט איין ארונטערצולאזן זיך מיט אירע זינק־שנורן אין די פינצטערע תהומות פון דער אייביקייט און אומענ־דלעכקייט, קען ער אריינדרינגען אין די אינעווייניקסטע פראצעסן פון דער העכ־סטער רעאליטעט.

פארבלענדנדיק איז דער הרף־עינדיקער אויפבליץ אין דער שעפערישער אינטואיציע פון געוויסע מיסטעריעזע כוחות און דערשיינונגען אין די קאסמישע טיפענישן. ער איז פאראנטווארטלעך פאר דעם, וואס די קולטור־שאפונגען פון מענטשלעכן גייסט רופן ארויס פארשיידענע אויסטייטשונגען און דערקלערונגען. זיי טראגן אין זיך מער ווי איין זינען און מער ווי איין באטייט. במילא איז זייער השפעה פארשיידן אויף דער רעאליטעט, וואס איז דורכגעשניטן פון צייט־ און שטח־ליניעס און וואס ווערט אריינגעזאפט דורך די חושים און באגריפן פון דעם אינטעלעקט. צומאל איז א גאנץ לעבן פון שאפער גופא נישט גענוג קלאר צו מאכן זיך אליין אפילו איינאונאיינציקן אינטויטיוון באנעם זיינעם.

עס איז בכן נישט מעגלעך צו דערגיין דאָס, וואָס דער פילאָסאָף אָדער קינסטלער האָט געמיינט און וואָס אים האָט באַוועגט, אַזוי, און נישט אַנדערש, צו פאָרמולירן זיין אַריינבליק אין דער סינטעטישקייט און אָרגאַנישקייט פון גאָט־מענטש און וועלט־שייכותן. פאַר דער קולטור־אַנטוויקלונג און פאַר אַלע אירע שאַפונגען איז וויכטיק נישט דאָס וואָס דער שאַפער האָט אין זינען געהאַט בעת ער האָט געשאַפן זיינע קינסטלערישע, פילאָסאָפישע אָדער וויסנשאַפטלעכע וויזיעס און אידעען וועגן וועלטן און רעאַליטעטן. וויכטיק איז, וואָס אַזוינע שאַפונגען מיינען פאַר יענע, וואָס קענען זיי אויפנעמען און וואָס קומען צו זיי מיט אַזעלכע אָדער אַנדערע כוונות. די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער שאַפונג באַשטייט אין די מעגלעכקייטן, וואָס זי פאַרמאָגט, אַז עס זאָל אין איר קענען אַריינגעטייטשט ווערן אַזעלכע באַטייטן, וואָס זאָלן פירן צו דער פאַרטיפונג פון דעם מהות מענטש און פירן דעם מענטש צו אַ העכערער מדרגה פון קולטור. די גריבלענישן אין דעם זינען פון עמעצנס אַ שאַפונג האָבן אַ ווערט נאָר דעמאָלט ווען זיי קענען אַרויסרופן אַ גייסטיקע פאַרטיפונג און סטימול צו קולטור־אַנטוויקלונג.

אַלע שאַפונגען פון מענטשלעכן גייסט, וואָס פאַרטיפן און דערהויבן דעם מין מענטש זענען קולטור־אויסדרוקן און ווי אַזעלכע זענען זיי גלייכוועדטיק און אָפּהענגיק איינער פון אַנדערן אין זייער אַנטוויקלונג און ווירקונג אויף מענטשן און וועלט. די מחיצות, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן די פאַרשיידענע קולטור־אויסדרוקן זענען אַבסאָלוט אומבאַגרינדעט און שעדלעך פאַר דער מענטשלעכער קולטור, ווען זי ווערט אויפגענומען אין איר גאַנצקייט. די פאַרשטעלונג וועגן די תהומים צווישן אַזאַ אָדער אַן אַנדערן קולטור־אויסדרוק זענען אילוזיעס וואָס וועלן פריער אָדער שפעטער צערונען ווערן פון אַ שאַרפן און אַלץ אַרומנעמענדיקן קולטור־בליק ווי דער שניי דורך דער פרילינג־זון.

האָט דאָך שוין דער אבי הפילאָסאָפיע, פלאַטאָן, איבערגעגעבן זיינע טיפע און גרויסע פילאָסאָפישע געדאַנקען אויף אַ קינסטלערישן אופן. איז דאָך זיין קינסטלעריש־פילאָסאָפיש ווערק די רעפובליק געוואָרן דער גרונט־ און פייערזייל פון דער פאָליטיש סאָציאַל־פילאָסאָפישער וויסנשאַפט. אין זיין בוך די נוצן פון דער פילאָסאָפיע רעדט אירווינג עדמאַן וועגן פלאַטאָנען ווי וועגן דעם פילאָסאָף מיט אַ סך אָפּגעשליפענע זייטן.

פלאַטאָן — שרייבט ער — איז דער דענקער מיט אַ ליידנשאַפט פאַר אומליידנשאַפטלעכן דיסציפלינירטן דענקען. ער איז דער פאָעט מיט אַ מיסטישן חוש פאַר שיינקייט. ער איז אויך דער שטאַטסמאַן מיט אַ וויזיע פון שטאַט־באַגריפן און איינגעשטעלט פון אַ פאַרשטענדלעכקייט, וואָס שאַצט הויך דאָס גוטע. און מחמת מען געפינט נישט אין זיינע שריפטן קיין פעסטגעשטעלטע פאָרשריפטן, נאָר אַ גאַנצן רעפערטואַר פון אידעאַליזם און אינספּיראַציע, בלייבט ער נישט דער לערער פון אַ סיסטעם, נאָר דער דראַמאַטורג פון דער נשמה — אַ נשמה וואָס פרעגט זיך אייביקע פראַגן וועגן דער מיסטעריע פון זיך גופא ווי אויך פון דער גאַנצער וועלט און רייסט זיך אייביק פון יענער זייט נעפלען צו דעם ריינעם זון־ליכט פון דער אייביקייט.

קולטור קוואלן

פלאטאנס קולטור־געשטאלטיקייט און פערזענלעכקייט זאגט עדות אויף דער איינקוואליקייט, ארגאנישקייט און סינטעטישקייט פון מענטשלעכן גייסט, ווען ער טוט א בליץ מיט זעלטענער טיפקייט און הויכקייט. כאראקטעריסטיש פאר דער מעגלעכקייט די קולטור־אויסדרוקן זאלן זיך אריינוועבן איינער אין דעם אנדערן איז דער פאקט, וואס דער פילאסאפיש־וויסנשאפטלעכער מאטעריאליזם אין גריכנלאנד, פארמולירט פון דעמאקריטן, איז אין זיין גאנצער אפגעשלאסנקייט פון יענער תקופה פארקערפערט אין לוקרעציוסעס פאעמע דע רערוס נאטורא.

אין לאנגעס געשיכטע פון דעם מאטעריאליזם, פארנעמט די דאזיקע דידאקטישע פאעמע וועגן נאטור א גאר אנזעעוודיק ארט. „די מאטעריאליסטן פון לעצטן יארהונדערט" — זאגט לאנגע — „האבן געשטודירט און ליב געהאט לוקרעציוסן" און לאנגעס אייגענע ליבע און באגייסטערונג פאר לוקרעציוסן און זיין פאעמע זעען מיר פון לאנגעס ווייטערדיקע ווערטער:

> דער ענטוזיאזם, מיט וועלכן לוקרעציוס באקעמפט די דערלייזונג, וואס מען האט געדענקט, אז זי געפינט זיך אין עפּיקורס פילאסאפיע — א דערלייזונג פון די צרות פון דעם גיהיליזם פון יענע צייטן, גיט זיין ווערק א דערהויבענעם טאן, א התלהבות פון גלויבן און איינבילדונג, וואס גייט א סך העכער פאר דער אומשולדיקער לויטערקייט פון עפּיקורס לעבן און נעמט אפט אן א סטאָישן אימפעט — — — — — די ריינקייט, קרעפטיקייט און שטארקייט פון השגה, וואס לוקרעציוס האט ארויסגעוויזן זענען געווען זעלטן אין זיין שול און אפשר קאן מען זיי שוין נישט אנטרעפן נאכאמאל זינט לוקרעציוס צייט ביז אויף הייגטיקן טאג.

בערך אין דער זעלביקער תקופה, ווען פלאטאן און דעמאקריט האבן געשאפן זייערע היפּוכדיקע קאסמישע איינשטעלונגען, איז אויך דורכן יידישן פאלק געשאפן געווארן דאס גראנדיעזסטע קונסט־און פילאסאפיע־געוועב איוב. עס איז קיינמאל נישט געווען, און עס איז אויך איצט נישט פאראן, קיין שום חילוקי דעות צווישן שאפערס און קונסט און פילאסאפיע־קריטיקערס וועגן דעם, אז קיין איין ווערק אין דער וועלט האט נישט סטימולירט קיין טיפערע פילאסאפיע פראגן ווי דאס ווערק איוב.

און וואס איז מכוח אונדזער אייגענעם צוואנציקסטן יארהונדערט? האט די בילדערישקייט און קינסטלערישקייט, וועלכע איז ביי בערגסאנען געקניפּט און געבונדן מיט א שטרענג־וויסנשאפטלעכער אנאליטיק, אויף א האר געשטערט צו קומען צום אויסדרוק זיינע פילאסאפישע טיפקייטן? האט דען זיין ריין־וויסנשאפטלעכע און אנאליטישע צעגלידערונג פון די אלע ביז אים עקסיסטירנדיקע באגריפן פון עוואלוציע נישט געפירט דערצו, אז אלע וויסנשאפטלערס זאלן פון דעמאלט אן אוועקשטעלן אלע זייערע פארשונגען אין ליכט פון בערגסאנס פילאסאפיש־קינסטלערישן באגריף פון באשאפנדיקער עוואלוציע? און האט דען נישט בערגסאנס אינטויטיוו־קינסטלערישער חוש פון אן אומאויפהערלעך שאפנדיקן שטראם פון דויער, א שטיים געגעבן אלע וויסנשאפטן אין

וויליאם נאטאנסאן

גאנץ נייע ריכטונגען אדאנק דעם גאנץ נייעם פילאסאפישן באגריף וועגן צייט־און רוים־שייכותן?

פריער אבער פאר אלע האט אין דעם צוואנציקסטן יארהונדערט דער־קלערט די קעגנזייטיקייט און אפהענגיקייט פון אלע קולטור־צווייגן און קולטור־אויסדרוקן דער גרויסער וויסנשאפטלער אלפרעד נארד ווייטהעד (1861 ־ 1947). ווייטהעד איז געבוירן אין ענגלאנד. ביז 60 יאר האט ער זיך אפגעגעבן מיט מאטעמאטיק און זיינע פילאסאפישע אידעען ברענגט ער ארויס אין דריי ווערק, וואס שטעלן אים אוועק צווישן די טיפע און אריגינעלע דענקערס. זיין ווערק פראצעס און רעאליטעט איז א מעטאפיזיש־פילאסאפיש ווערק. זיין אוואנטור־רעס פון אידעען איז א פילאסאפיש־היסטארישער ביישטייער צו די באגריפן וועגן גאנג און אנטוויקלונג פון אידעען אין פארשיידענע געשיכטלעכע תקופות און זייערע השפעות אויף דעם קיום און המשך פון דער מענטשהייט. אין זיין בוך וויסנשאפט און די מאדערנע וועלט קומט אויפן ערשטן פלאץ זיין איינשטעל פאר אן ארגאנישן צוזאמענהאלט פון דער קולטור, פאר דער סינטעטישער געקייטלט־קייט פון אירע צווייגן און אויסדרוקן. ווייטהעד האט אזוי ארגאניש צונויפגע־בונדן אלע קולטור־אויסדרוקן אין זיין בוך וויסנשאפט און די מאדערנע וועלט, אז ווען ער זאל אנשטאט וויסנשאפט אוועקשטעלן פילאסאפיע, ליטע־ראטור אדער רעליגיע, און די מאדערנע וועלט וואלט דער תוכן פון ווערק אליץ געווען אין הסכם מיטן נאמען.

אין דאזיקן בוך פארטיפט ווייטהעד אויף אן אויסערגעוויינלעכן אויפן די וויסנשאפט דורך דער פילאסאפיע און די לעצטע פארשטארקט ער דורך דער ערשטער. דורך דעם ווידער, וואס ער לייענט ארויס אי וויסנשאפט אי פילא־סאפיע פון דער ליטעראטור, גיט ער צו א וועלט שיינקייט און קאנקרעטקייט צו דער וויסנשאפטלעכער פילאסאפיע. די נשמה פון דעם ליטעראטור־לייענער ווערט באַרייכערט דורך דעם מיט א סך וויסנשאפטלעכע און פילאסאפישע אינ־האלטן, וועלכע ער פירט ארוים פון די באהעלטענישן אין די קנייטשן און פאלדן פון דער ליטעראטור. ער לאזט דא אויך נישט אוים די רעליגיע. זי וואקסט און אנטוויקלט זיך מיט דעם וווקס און דער אנטוויקלונג פון די שוין דערמאנטע קולטור־אויסדרוקן פונקט אזוי פיל, ווי די לעצטע וואקסן און אנטוויקלען זיך דורך דעם וווקס און דער אנטוויקלונג פון די מענטש־און גאט־שייכותן.

וויסנשאפט און די מאדערנע וועלט קען באטראכט ווערן ווי אן אנזאג אויף דער צייט, ווען עס וועט נישט בלייבן מער קיין סימן פון אויסדערוויילטקייט פון איין קולטור־אויסדרוק לגבי דעם אנדערן; ווען שאפונגען אויף איין געביט וועלן, צוליב זייער ארגאנישער אנגעשלאסנקייט אן אנדערע געביטן, אלע מאל גע־לייענט און ארויסגעלייענט ווערן אין ליכט פון די קולטור־שאפונגען אויף אלע אנדערע געביטן.

פּילאָסאָפיע, רעליגיע, וויסנשאַפט און קונסט פליסן אַרויס, פאַר וויטהעדס וועלט־בליק, פון איין און איינציקן קוואַל. דערפאַר גלייבט ער, אַז צווישן זיי קען זיין בלויז אַן אינטים־אָרגאַנישע שייכות. ער געפינט אַ סטימולירנדיקן איינפלוס און אַ גוטע נישט פאַרלוירן־גייענדיקע ווירקונג אויף דעם אייראָפּעישן געדאַנק אַפילו אין דער סכאָלאַסטישער לאָגיק און מיטל־עלטערלעכער טעאָלאָגיע. אָן אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע וואָלט, דענקט ער, גאַליליים וויסנשאַפט אָדער אין גאַנצן נישט געווען, אָדער זי וואָלט געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע ווי זי איז.

די געוווינהייט — שרייבט וויטהעד — פון באַשטימטן עקזאַקטן דענקען איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אינעם אייראָפּעישן געדאַנק דורך דער לאַנגער הערשאַפט פון סכאָלאַסטישער לאָגיק און סכאָלאַסטישער טעאָלאָגיע. די דאָזיקע געוווינהייט איז, נאָך דעם ווי די פילאָסאָפיע איז פאַרשטויסן געוואָרן, געבליבן די ווערטפולסטע געוווינהייט פון זוכן אַן עקזאַקטן פונקט און האַלטן זיך אין אים, ווען מען האָט אים געפונען. גאַליליי האָט צו פאַרדאַנקען אַריסטאָטלען מער ווי דאָס ווייזט זיך אויבנאויפיק אַרויס פון זיינע דיאַלאָגן. ער האָט אים צו פאַרדאַנקען זיין קלאָרן קאָפּ און זיין אַנאַליטישן געדאַנק — — — דער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון וויסנשאַפט, וואָס איז געבוירן געוואָרן פריער, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער לערע, איז אַן אומבאַוווסטער אָפּשטאַם פון מיטל־עלטערלעכער טעאָלאָגיע.

דער צוקונפטיקער גאַנג פון דער וויסנשאַפט, גלייבט וויטהעד, וועט מוזן זיין נישט די דערווייטערונג און אָפּזונדערונג פון דער פילאָסאָפיע, נאָר די דערנענטערונג און שטאַרקערער אָנקניפּ אין דער פילאָסאָפיע.

די אַלטע יסודות פון וויסנשאַפטלעכן דענקען — לייענען מיר ווייטער אין דעם זעלביקן בוך — ווערן אומפאַרשטענדלעך. צייט, רוים, מאַטעריע, עטער, עלעקטריציטעט, מעכאַניזם, אָרגאַניזם, קאָנפיגוראַציע, סטרוקטור, מאָדעל, פונקציע — אַלע פאָדערן זיי אַן אינטערפּרעטאַציע פון דאָס ניי. וואָס טאַר אַ זין האָט צו רעדן וועגן מעכאַנישער דערקלערונג ווען מען ווייסט נישט וואָס מען מיינט אונטער מעכאַניק? — — — — כדי די וויסנשאַפט זאָל נישט דעגענערירט ווערן צו אַ מישמאַש פון ad hoc השערות מוז זי ווערן פילאָסאָפיש און זי מוז אונטערנעמען אַ גרינטלעכע קריטיק פון איהע אייגענע יסודות.

די וויסנשאַפט אָבער איז און דאַרף זיין אָנגעקניפּט נישט נאָר אין דער פילאָסאָפיע, נאָר זי איז און דאַרף ווערן אַלץ מער אַריינגעוועבט און דורכגענומען מיט אַלע אויסדרוקן פון קולטור. דער מהות און די אָנטרייבנדיקע אַנטוויקלונגס־קראַפט פון דער וויסנשאַפט איז דער גלויבן, אַז אין דער נאַטור איז פאַראַן אַ סדר און אַ שכלדיקייט און אַז פון אַלע פינצטערע בלינדקייטן שלאָגט אַרויס אַ ליכטיקע זעעוודיקייט. דער דאָזיקער גלויבן איז נישט קיין פּראָדוקט פון צונויפגעקליבענע פאַקטן אין דער וועלט, וואָס ליגט מחוץ אונדז, נאָר ער איז אַ פועל־יוצא פון דעם פילן די ליכטיקייט און די זעעוודיקייט אין אונדז גופא. אין די טיפענישן פון אונדזער נשמה נעמט אָן די דאָזיקע זעעוודיקייט און ליכטיקייט געשטאַלטן נישט נאָר פון שכלדיקייט, נית נאָר פון אמת, נאָר אויך פון שיינקייט, גערעכטיקייט, פון פרייהייט, קוראַזש, געשטאַלטן פון אַלערליי קולטור־אַנטפּלעקונגען. פון די זעלביקע טיפענישן פילט זיך אויך דאָס פיינלעכע

און אַנגסטלעכע רייסן זיך פֿונעם גאַנצן מענטשלעכן וועזן צום אורקוואַל, וואָס פֿון אים שלאָגט אַרויס אויף אַן אומאויפֿהערלעכן אופֿן די ליכטיקייט און זעעורדיקייט. אָט דאָס רייסן זיך גופֿא צום איבערמענטשלעכן, איז דער אַנלען־פּונקט פֿאַר אַלע גלויבנס. דאָס פֿילט אָן מיט זין און אינהאַלט אַלע זוכענישן, די וויסנשאַפֿטלעכע אַריינגערעכנט. די וויסנשאַפֿט מוז דעריבער באַטראַכט ווערן ווי אַן אבר אין דעם קולטור־אָרגאַניזם. אָט ווי ווייטהעד דריקט אויס דעם דאָזיקן געדאַנק:

דער גלויבן אין דעם סדר פֿון דער נאַטור, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם וווקס פֿון וויסנשאַפֿט, איז אַ ספּעציפֿישער בײַשפּיל פֿון אַ טיפֿערן גלויבן. אָט דער גלויבן קאָן נישט גערעכטפֿאַרטיקט ווערן דורך אַ וואָסער עס איז אינדוקטיווער פֿאַראַלגעמיינערונג. ער אַנטשטייט פֿון אַ גערעכטן אונטערזוכן די נאַטור פֿון זאַכן, ווי זיי אַנטפּלעקן זיך אין אונדזער אייגענער אוממיטלבאַרער איצטיקער דערפֿאַרונג. מען קאָן זיך נישט אָפּטיילן פֿון אייגענעם שאָטן, דערפֿאַרן דעם דאָזיקן גלויבן, מיינט וויסן, אַז זייענדיק דאָס, וואָס מיר זענען, זענען מיר מער איידער דאָס, וואָס מיר זענען. עס מיינט צו וויסן, אַז אונדזער דערפֿאַרונג, טונקל און פֿראַגמענטאַריש ווי זי איז, גרונטעוועט פֿונדעסטוועגן די סאַמע לעצטע, טיפֿענישן פֿון דער רעאַליטעט.

אזא באַציונג און אזא אַריינלעבן זיך אין עסטעטישע דערגרייכונגען מצד איינעם, וואָס איז באַרופֿן געוואָרן צו דינען דער וויסנשאַפֿט אויף אַן עכט־שעפֿערישן אופֿן, איז אַ זעלטנקייט. ווייטהעדס אויפֿטו איז אַ שוואַלבישער אָנזאָג אויף דעם נאָענטן אָנקום פֿון אַ צייט, ווען אַ שאַפֿער אויף איין קולטור־געביט וועט האָבן דעם ווילן און די פֿעיקייט דורכצונעמען אַלע דערגרייכונגען אויף אַנדערע קולטור־געביטן אין ליכט פֿון זיין געביט. דורך אָט די אַלע דערגרייכונגען וועט ער טרייבן מיט מער אימפּעט די אַנטוויקלונג פֿון דעם קולטור־צווייג פֿון זיין אייגענעם באַרוף.

מיט אַ וויסן און אַ פֿילן, וואָס איז זעלטן פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלער, ווייסט און פֿילט ווייטהעד, אַז דאָס אַריינלעבן זיך אין זאַכן און געשעענישן, טראָגן אין זיך אַ טיפֿערע און אמתערע דערקענטעניש, ווי דאָס אויפֿנעמען געשעענישן מיטן פֿאַרשטאַנד און מיט דער לאָגיק. דער קאָנקרעטער אַריינבליק איז פֿאַר אים מער ווערט, ווי די אַבסטראַקטע דעדוקציע. דערפֿאַר דאַרפֿן אַלע אַבסטראַקציעס פֿון צייט צו צייט רעווידירט ווערן אין ליכט פֿון די קאָנקרעטע דערקענטענישן, וואָס אין זיי איז די אינטויציע אַ גרעסערער פֿאַקטאָר און אַ שטאַרקערע אָנטרייב־קראַפֿט, איידער די לאָגיק. ובכן מוזן די וויסנשאַפֿטלערס לאָזן אַלע זייערע השערות דורכגענומען ווערן מיט די שטראַלן פֿון פֿילאָסאָפֿיע, און זיי ביידע, דער וויסנשאַפֿטלער ווי דער פֿילאָסאָף, מוזן אַזוי אָפֿט ווי מעגלעך, טרינקען פֿון די קונסט־קוואַלן.

איין אינטויטיווער אַריינבליק, איין קאָנקרעט־בילדלעכער אַריינדרינג איז בכוח אַרויסצוברענגען אַן אַ שיעור אַבסטראַקציעס, היפּאָטעזן, און לאָגישע דעדוקציעס. זיי אַלע פֿאַרלירן אָבער זייער דינאַמיש־אָרגאַנישע קראַפֿט אַן ווײַ־

טערדיקע און נייערע אָנשטרענגונגען פון דער אינטויציע, אָן איר קאָנקרעטער בילדלעכקייט. פאַר דער ווייטערדיקער אָנשטרענגונג אָבער פון דער אינטויציע איז נייטיק אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מדץ דעם שאַפער מיט אַלץ וואָס איז אַרויסגעקומען אל הפועל פון דעם כוח, וועלכער ליגט אין דער אינטויציע און אין דער קאָנקרעטער בילדלעכקייט. דערפאַר איז פאַרן וווּקס פון דער קולטור שטאַרק נייטיק אויך דער פאַרקערטער פּראָצעס, דאָס גיין פון דער קונסט צו דער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט. עס איז נייטיק אַן אינטימע באַקאַנטשאַפט פון קינסטלער מיט דער פילאָסאָפיע און פון זיי ביידע מיט דער וויסנשאַפט.

די פילאָסאָפיע — שרייבט ווייטהעד — איז די קריטיק פון אַבסטראַקציעס. אַ ציוויליזאַציע, וואָס קאָן נישט דורכברעכן אירע לויפנדיקע אַבסטראַקציעס, איז פאַרמשפּט צו אומפּרוכטבאַרקייט נאָך אַ זייער באַגרענעצטער תקופה פון פּראָגרעס. אַן אַקטיווע שול פון פילאָסאָפיע איז אַזוי נויטיק פאַר דער באַוועגונג־פעיקייט פון אידעען, ווי אַן אַקטיווע שול פון באַן-אינזשעניערן פאַר דער באַוועגונג־קראַפט פון דעם ברען-מאַטעריאל — — דער חסרון פון דער וויסנשאַפטלעכער סכעמע פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט באַשטייט אין דעם, וואָס זי ווייזט נישט אָן אויף קיין איינעם פון די עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף די אוממיטלבאַרע פּסיכאָלאָגישע דערפאַרונגען פון דער מענטשהייט.

צוליב אָט דעם דערבליקן די עלעמענטן פון די אוממיטלבאַרע פּסיכאָלאָגישע מענטשלעכע דערפאַרונגען, דאַרפן מיר, דענקט ווייטהעד, גיין צו דער קונסט. דורך איר דערבליקן מיר און דערזען דאָס גאַנצע וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דעם סדר פון דער נאַטור. די צאָל אויסדרוקן, אַספּעקטן אָדער מאַניפעסטאַציעס איז אומענדלעך. דאָס גאַנצע איז אומדערשעפּלעך.

אויף וויפל די וויסנשאַפט האָט ביז דער לעצטער צייט נישט געוואָלט אָנערקענען די נייטיקייט פון פילאָסאָפישע און קינסטלערישע אַריינבליקונגען און אַריינדרינגונגען אין די קאָנקרעטע מהותן און תמציתן פון זאַכן און געשעענישן, אויף אַזוי פיל איז די קונסט, צום גליק פון דער מענטשהייט, זיך געגאַנגען איר וועג, גלייך עס וואָלט גאָר קיין וויסנשאַפט אויף דער וועלט נישט געווען.

ביז נישט לאַנג צוריק — זאָגט ווייטהעד — האָבן כמעט אַלע שרייבערס זיך געווייקט אין דער קלאַסישער ליטעראַטור און אין דער ליטעראַטור פון דעם רענעסאַנס — — — — דער וויסנשאַפטלעכער אויסבליק איז אין אַלגעמיין פּשוט איגנאָרירט געוואָרן.

אין דער ליטעראַטור באַקומט דער קאָנקרעטער פּרצוף פון דער מענטשהייט זיין אויסדרוק. צו דער ליטעראַטור, דער עיקר צו אירע מער קאָנקרעטע פאָרמען, ס'הייסט, פּאָעזיע און דראַמע, דאַרפן מיר קוקן, אויב מיר האָפן צו אַנטדעקן די אינעווייניקסטע געדאַנקען פון אַ דור.

די גאַנצע גייסטיקע צערודערטקייט, באַדנלאָזיקייט, אומפעסטע גלויביקייט פון דעם 19־טן יאָרהונדערט געפינט ווייטהעד אויסגעדריקט אין טעניסאָנס און מעטיו אַרנאָלדס פּאָעזיע.

טעניסאָנס פּאָעמע in memoriam שרייבט ווייטהעד — הייבט זיך אָן:

ווילי‏אַם נאַטאַנסאָן

שטאַרקע זון פון גאָט אומשטערבלעכע ל י ב ע,
דורך גלויבן, און בלויז גלויבן, נעמען אַרום,
וואָס מיר, וועלכע האָבן דיין פּנים נישט געזען,
גלויבנדיק דאָרט, וו מען קאָן נישט באַווייזן.

שוין דאָ ווערט אָנגעשלאָגן דער טאָן פון צעמישעניש. דער ניינצנטער יאָרהונדערט איז געווען אַ מבולבלדיקער יאָרהונדערט אין אַ זינען, וואָס איז ניט אמת בנוגע קיין איינעם פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער פון פאַר דער מאָדערנער תקופה. אין די פריערדיקע צייטן זענען געווען איינע קעגן די אַנדערע שטייענדיקע מחנות, וואָס האָבן נישט איינגעשטימט איינע מיט די אַנדערע אויף דעם ביטערסטן אופן וועגן פראַגן, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר פונדאַמענטאַל. אָבער מיט דעם אויסנאַם פון אייניקע בלאָנדזשענדיקע, איז יעדע מחנה געווען גאַנץ האַרציק. די וויכטיקייט פון טעניסאָנס פּאָעמע ליגט אין דעם פאַקט, וואָס זי האָט גענוי אויסגעדריקט דעם כאַראַקטער פון זיין תקופה.

מעטיו אַרנאָלד איז, נאָך מער ווי טעניסאָן געווען דער פּאָעט, וואָס האָט אויסגעדריקט אָט די שטימונג פון אינדיווידועלער צעמישטקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יענעם יאָרהונדערט.

פאַרגלייכט מיט in memoriam די לעצטע שורות פון אַרנאָלדס Beach Deve

און מיר זענען ווי אויף אַ פינצטערן פליין
פאַרטראָגן מיט צעמישטע ליאַרעמס פון קאַמף און אַנטלויפן,
וו אומוויסנדיקע מחנות שטויסן זיך צונויף ביינאַכט.

און בעת וויטהעד באַטראַכט טעניסאָנען און אַרנאָלדן פאַר די אויסדריקער פון גייסט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, פילט ער אין די פּאָעטן וואָרדסוואָרט און שעלי די פאָרלויפערס, די בשורה־ אָנזאָגערס, פון דעם וועלט־גייסט, וועלכער איז געקומען און קומט צום אויסדרוק ערשט איצט אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

וויטהעדס אייגענער פילאָסאָפישער בליק אויף דער וועלט זעט הינטער יעדער דערשיינונג אין דער וועלט אַ פסיכישע אָדער גייסטיק-אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטונג. אין אָט די אַלע געשטאַלטונגען גופא זעט ער אויסדרוקן פון אַן איין און איינציקן אוניווערסאַלן גייסט. דעם דאָזיקן פילאָסאָפישן בליק זיינעם לייענט אַרויס וויטהעד פון וואָרדסוואָרטס און שעלים פּאָעזיע. אין קורצן פאָרמולירט וויטהעד זיין פילאָסאָפישע אָנשויונג אין אָט די ווערטער:

הער גאַנצער באַגריף פון מאַטעריאַליזם איז חל בלויז אויף די זייער אַבסטראַקטע וועזנטלעכקייטן, די פּראָדוקטן פון לאָגישער פונאַנדערשיידונג. די קאָנקרעט-דויערנדיקע וועזנטלעכקייטן זענען אָרגאַניזמען — — — — דער עלעקטראָן לויפט בלינדערהייט סיי אינווייניק אין קערפּער, סיי מחוץ דעם קערפּער. אָבער אין קערפּער לויפט ער אין איינקלאַנג מיט זיין כאַראַקטער, וואָס ער פאַרמאָגט אינעווייניק אין קערפּער, דאָס מיינט, אין איינקלאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון קערפּער. און דער דאָזיקער פּלאַן שליסט איין דעם גייסטיקן צושטאַנד. דער פּרינציפּ אָבער פון פאַרענדערונג איז דורכאויס אַלגעמיין דורך דער גאַנצער נאַטור, זי שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין אייגנשאַפט פון די לעבעדיקע קערפּערס בלויז — — — די דאָזיקע לערע מיינט דאָס אויפגעבן דעם טראַדיציאָנעלן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם און דאָס איינשטעלן, אנשטאט אים, די אַלטערנאַטיווע לערע פון אָרגאַניזם.

די אָרגאַניזם־לערע, מעטאַפיזיש גענומען, מיינט אַוועקצושטעלן ביים מקור פון דער וועלט אַ לעבעדיקע גייסטיקע קראַפט. די דאָזיקע קראַפט דריקט זיך אויס און פאַרווירקלעכט זיך דורך אינדיווידואַליזירטע געשעענישן, וואָס יעדע איינע פון זיי טראָגט אין זיך מהותן פון גייסט. דער אַלגייסט שליסט אַלץ אין זיך איין און ער דערלויבט נישט קיין שום זאַך, געשעעניש, מאַדום אָדער פאַר־ענדערונג, באַטראַכט צו ווערן ווי אַן אויסגעשלאָסענעם פון אים.

דאָס איז אַ בערגסאָניזירטער ספּינאָזיזם. מיר האָבן דאָ פאַר זיך די פולסטע ספּינאָזיסטישע, אָרגאַניש־אַנטוויקלטע אימאַנענץ, אָנשטאָט אַ מעכאַניזירטע סוב־סטאַנץ, אַן אַקטיוו־לעבעדיקע, גייסטיקע קראַפט, וועלכע איז פול מיט זינען און באַטייט. פאַר ספּינאָזען איז די וועלט, די נאַטור וועלכע ער האָט אידענטיפיצירט מיט גאָט, געווען אַ סובסטאַנץ. די דאָזיקע סובסטאַנץ אָבער מיט אַלע אירע אומ־ענדלעכע פאַרענדערונגען, איז, אין איר עצם מהות, געווען און געבליבן אַן אומ־בייטעוודיקע פון אייביק ביז אייביק. אַזאַ באַגריף וועגן אַ וועלט־מקור דער־וועקט נישט אין אונדז קיין פאַרשטעלונג פון אַן אַקטיוון לעבעדיקן גייסט, וואָס זוכט צו קומען צום אויסדרוק, און אינדיווידואַליזירן זיך אויף אַלערליי אופנים. עס איז אַ סובסטאַנץ־באַגריף, אַן איינגעשמידטער אין די קייטן פון דעטערמי־ניזם, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז פאַר אַ געוויסער צייט זאָל דער מאַטע־ריאַליזם געפינען אַ שטיץ־פונקט אין דעם ספּינאָזיזם.

וויטהעד שטעלט אַוועק אָנשטאָט נייטראַלער סובסטאַנץ אַן אַקטיוו־גייס־טיקן יש, וועלכער רעאַליזירט זיך אויף אַן אומענדלעכער צאָל אופנים און דריקט זיך אויס אין אָן אַ שיעור מאָדוסן. רעאַליזירן זיך אויף אַ ממשותדיקן און ווערטפולן אופן מיינט ווידער נישט נאָר ׳ זיך אַרויסברענגען מכוח אל הפועל, נאָר אויך — צו שאַפן אין זיך און דורך זיך נייע כוחות.

שעפערישקייט דעפינירט וויטהעד ווי די אַקטואַליזירונג פון פּאָטענציעלע כוחות. אַלץ וואָס מיר דערפאַרן איז דאָס וואָס קומט אַרויס מכוח אל הפועל. דער ערשטער כוח פון די סיבות־הסיבות איז גייסט, אידעע און נישט מאַ־טעריע.

אַ משך פון פיר און צוואַנציק הונדערט יאָר טיילט אָפּ פּיטאַגאָרן פון העג־געלן און אין פאַרלויף פון אָט די צייט־דיסטאַנצן, זאָגט וויטהעד, קען דער באַ־גריף פון אַ רעאַלער וועלט, וואָס דעמאָנסטרירט די עוואָלוציע פון אַן אידעע, צוריקגעפירט ווערן צום געדאַנקענגאַנג וואָס אים האָט פּיטאַגאָר געגעבן דעם ערשטן שטויס.

אויף זיין פילאָסאָפישער קרובהשאַפט מיט ספּינאָזאַן אַזוי גוט ווי מיט בערגסאָנען איז וויטהעד באַקאַנט. בנוגע ספּינאָזאַן אין שייכות צו זיך, זאָגט וויטהעד: „אין דער אַנאַלאָגיע מיט ספּינאָזאַן איז זיין סובסטאַנץ פאַר מיר די

יסודותדיקע זיך רעאַליריזירנדיקע טעטיקייט, וועלכע אינדיווידואַליזירט זיך גופא אין אַ צונויפגעפלאָכטענער פלוראַטיטעט פון מאָדוסן". און אין שייכות צו בערגסאָנען זאָגט ער:

> אין אַ סך וועגן זענען נישט דעקאַרט און נישט דזשיימס געווען די כאַראַקטעריסטישע פילאָסאָפן פון זייער באַטרעפנדיקער עפּאָכע. איך בין געניינט צוצושרייבן די דאָזיקע פּאָזיציעס לאָקן און בערגסאָנען רעספּעקטיוו, לפּחות בנוגע זייערע שייכותן צו דער וויסנשאַפט פון זייערע תקופות. — — — — בערגסאָן האָט אַריינגעפירט אין דער פילאָסאָפיע די אָרגאַנישע באַגריפן פון דער פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט. ער איז לחלוטין אַוועק פון דעם סטאַטישן מאַטעריאַליזם פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט. זיין פּראָטעסט קעגן דער טענדענץ צו רוימיזירן איז אַ פּראָטעסט קעגן אָננעמען דעם ניוטאָנישן באַגריף וועגן דער נאַטור פאַר עפּעס אַנדערש ווי הויכע אַבסטראַקציע. זיין צוריקקער צו דעקאַרטן איז באַגלייט פון אַן אינסטינקטיוון דורכדרינג מיט דער מאָדערנער ביאָלאָגיע.

אין אָט דער ביאָלאָגישקייט גייט ווייטהעד ווייטער פון בערגסאָנען. ער אידענטיפיצירט די אָריגינעלסטע און פּרימיטיווסטע רעאַליזירונג אָדער אויסדרוקאַקט מיט אַ דערקענטעניש־געפיל, מיט השגה. אַזאַ אַקט רופט ער אָן „עווענט", געשען. ווי דער מהות פון אַלע וועלט־דערשיינונגען איז דער „עווענט" פאַר זיך שוין אַ גאַנצער גייסטיקער יש. דאָס דערקלערט פאַרוואָס דער מענטש קען, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין די טיפערע און פּרימיטיווערע אונטערגרונטן פון זיין אייגענעם איך, צוקומען צו עפּעס, וואָס זאָל אים מאַכן דערפילן זיין ענלעכקייט מיט דעם העכסטן און קאָמפּליצירטסטן אין דער וועלט, אַזוי גוט ווי מיטן נידעריקסטן און איינפאַכסטן. דער „עווענט", דער דערקענטעניש־געפיל, די אינדיווידואַליזירטע השגה בינדט גאָט, מענטש און וועלט. אויף אַזאַ אופן שאַפט ווייטהעד פאַר אונדז אַ בילד פון גייסטיקער, דינאַמישער, אינדיווידואַליזירטער פּערזאָניפיצירטער אימאַנענץ, אָנשטאָט ספּינאָזאַס סובסטאַנציעלער, פּאַנטעיסטישער און מעכאַניזירטער אימאַנענץ.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ווייטהעדן מיט זיין איינשטעלן זיך פאַר דער אָרגאַנישקייט און גלייכווערטיקייט פון די קולטור־אויסדרוקן איז דאָס, וואָס פאַר זיין דערזען און דערפילן דעם „עווענט" ווי אַ קאָסמישער יסוד, האָט, ווי ער אַליין זאָגט, צו פאַרדאַנקען דער קונסט בכלל און דער פּאָעזיע בפרט. ער שרייבט:

> געדענקענדיק דעם פּאָעטישן פּירוש פון אונדזער קאָנקרעטער דערפאַרונג, זענען מיר תיכף, אַז דער עלעמענט פון ווערט, פון זיין ווערטפול און האָבן אַ ווערט, פון זיין אַ צוועק אין זיך גופא, טאָר נישט אַרויסגעלאָזט ווערן פון קיין שום חשבון, וואָס מיר גיבן זיך אָפּ וועגן אַ געשעעניש, ווי עטוואָס, וואָס איז מער פון אַלץ קאָנקרעט און אַקטועל. "ווערט„ איז דאָס וואָרט, וואָס איך באַנוץ פאַר דער אינעווייניקסטער רעאַליטעט פון אַן עווענט. „ווערט" איז אַן עלעמענט, וואָס דרינגט דורך ביז צו די טיפענישן דעם פּאָעטישן בליק פון דער נאַטור. מיר דאַרפן בלויז אַרימערטראָגן צום עצם-געוועב פון דער רעאַליזירונג יענעם ווערט, וואָס מיר דערקענען אַזוי גרינג אין די טערמינען פונעם מענטשלעכן לעבן. דאָס איז דער סוד פון וואָרדסוואָרטס פאַרגעטערן די נאַטור.

פאַרגלייכנדיק וואָרדסוואָרטס פּאָעטיש־אויסגעדריקטן בליק אויף דער נאַ־

טור מיטן בליק, וואָס די וויסנשאַפט האָט ביז לעצטנס געהאַט אויף דער נאַטור, קומט דער וויסנשאַפטלער ווייטהעד צום אויספיר, אַז דער פּאָעט וואָרדסוואָרט איז געווען אַ סך וויכטיקער ווי אַלע פאָרשטייערס פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. די נייעסטע וויסנשאַפט וועט זיך דעריבער מוזן אַריינלעבן און אָנהייבן איבערצולעבן די קינסטלערישע וויזיעס בנוגע אַלץ וואָס הייסט נאַטור, אויב זי וויל אויף אַ דערפאָלגרייכן און פּראָגרעסירנדיקן אופן טרייבן אירע ווייטערדיקע פאָרשונגען.

דער פונקט — זאָגט ווייטהעד — וואָס איך וויל אַרויסברענגען ציטירנדיק וואָרדסוואָרטן איז, אַז מיר פאַרגעסן, ווי אָנגעצויגן און ווי פּאַראַדאָקסאַל עס איז דער בליק אויף דער נאַטור, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט לייגט אַרויף אויף אונדזערע געדאַנקען. וואָרדסוואָרט דריקט אויס, ביז צו דער הויכקייט פון גאונות, די קאָנקרעטע פאַקטן פון אונדזער אויפפאַסונג-קראַפט, בעת אינעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז ווערן זיי פאַרקריפּלט.

אזוי איז אויך מיט שעלין.

וואָס די בערג — שרייבט ווייטהעד — זענען געווען פאַר וואָרדסוואָרטס יוגנט, איז די כעמישע לאַבאָראַטאָריע געווען פאַר שעלין. עס איז אַן אומגליק, וואָס שעלים ליטעראַרישע קריטיקערס האָבן אין דער פיזיקער הינזיכט געהאַט אזוי ווייניק פון שעלין אין זייער אייגענער געדאַנקלעכקייט. זיי זענען געניגט צו באַטראַכטן ווי אַ צופעליקע עקסצענטרישקייט פון שעלים נאַטור דאָס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט אַ טייל פון דער עיקר-סטרוקטור פון זיין געדאַנק, וואָס דרינגט אַדורך זיין פּאָעזיע דורך און דורך.

ווייטהעד ברענגט דערביי צוויי אויסצוגן פון שעלים פּאָעזיע. אין איינעם פון זיי פירן די ערד און די לבנה אַ שמועס צווישן זיך אין דער שפּראַך פון דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. דער צווייטער אויסצוג איז פון דער פּאָעמע „מאָנט בלאַנק” און רעדט וועגן דער שייכות צווישן דער נאַטור און דעם מענטשלעכן געדאַנק.

ווייטהעד איז זיכער אַז שעלי האָט עס געשריבן אין זינען האָבנדיק אַ וועלכע עס איז פאָרעם פון אידעאַליזם — דעם אידעאַליזם פון קאַנטן, בערקלין אָדער פּלאַטאָן. אויף אַזאַ אופן זענען, לויט ווייטהעדן נאָך, אי שעלי, אי וואָרדסוואָרט, שטאַרקע עדות אַז די נאַטור קען נישט אָפּגעשיידט ווערן פון אירע עסטעטישע ווערטן. ווייטהעד שטעלט אַוועק וואָרדסוואָרטן און שעלין אויף איין ברעט מיט דעם פילאָסאָף בערקלי. ער רעדט בנשימה־אחת וועגן זיי אַלע דריי, ווי וועגן „פאָרשטייערס פון אַן אינטואיטיוון אָפּזאָגן זיך אָנצונעמען ערנסט דעם אַבסטראַקטן מאַטעריאַליזם פון דער וויסנשאַפט”.

אויף אַזאַ אופן ווייזט אונדז ווייטהעד, אַז די וויסנשאַפט איז, אין איר ווייטערער און טיפערער אַנטוויקלונג, אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער פילאָסאָפיע. דעם אינטואיטיוויסטן און סאַמע טיפסטן אַריינדרינג אין די אמתן און מהותן פון

דער רעאליטעט, דארף דער וויסנשאפטלער, אזוי גוט ווי דער פילאסאף, זוכן ביי דער עסטעטיק. וויסנשאפט, פילאסאפיע און עסטעטיק זענען פאר וויטהעדן בלויז פארשיידענע אספעקטן פון איין גרויסן איינשטעל אין מענטשלעכן גע־דאנק.

> אלע מענטשן — שרייבט ער — געניסן פון אויפבליצן פון אן אריינבליק אין זינענס וואס זענען למעלה פון די וואס זענען שוין סטאביליזירט אין דער עטימאלאגיע און אין דער גראמאטיק. די ראלע דעריבער פון די ספעציעלע וויסנ־שאפטן, פון דער פילאסאפיע און פון דער ליטעראטור דארף זיין זיך צו פארנע־מען אויף פארשיידענע אופנים אויסצוגעפינען שפראכלעכע אויסדרוקן פאר זינענס וואס זענען נאך נישט געקומען צום אויסדרוק.

אומגעהויער גרויס, דענקט וויטהעד, איז די קראפט פון מענטשנס גייסטיקע אוואנטורעס — אוואנטורעס פון געדאנק, אוואנטורעס פון לײדנשאפטלעכע גע־פילן, אוואנטורעס פון עסטעטישע דערפארונגען. גלייך אבער מיט די וויסנשאפט־לעכע, פילאסאפישע און עטישע קולטור־אויסדרוקן שטעלט וויטהעד אוועק דעם רעליגיעזן קולטור-אויסדרוק ווי אזעלכן וואס הענגט אפ פון אלע איבעריקע אין דער זעלביקער מאס ווי זיי הענגען אפ פון אים.

פון דעם, וואס איז ביז איצט געבראכט געווארן פון וויטהעדן, איז געווען צו זען, וואסער גרויסן מהלך וויטהעד האט געמאכט לגבי די דענקערס ביז איצט אויף דעם וועג פון גלייכווערטיקייט פון די קולטור־אויסדרוקן. דאס גיט א האפ־ענונג, אז די צייט איז נישט ווייט, ווען דער מענטשלעכער גייסט וועט אנער־קענען נישט נאר די פולסטע און אבסאלוטע ארגאנישקייט און סינטעטישקייט און גלייכווערטיקייט פון די קולטור־אויסדרוקן, נאר אויך די אבסאלוטע גלייכ־צייטיקייט פון זייער אנטשטייונג און אנטפלעקונג. עס איז צו גלייבן, אז זייט ביי זייט מיט דער אנערקענונג פון זייער גלייכצייטיקייט אין זייער אויפקום, וועט גיין די אנערקענונג פון זייער גלייכקייט אין ווערט און וויכטיקייט. אזוי אז עס וועט קיין שפור נישט בלייבן פון וועלכער עס איז אויסדערוויילטקייט און מיוחסדיקייט פון איין קולטור-און גייסט־אויסדרוק אדער אנטפלעקונג איבער דעם אנדערן.

אזוי איז עס מיט קולטור־אויסדרוקן און אזוי אויך מיט נשמה־אויסדרוקן. איין געפיל פארנעמט ניט דאס ארט און ברענגט נישט די צופרידנשטעלונג אדער די גליקזעליקייט פון אן אנדער געפיל. יעדער געפיל, יעדער עמאציע טראגט אין זיך ספעציפישע מעגלעכקייטן פאר איבערלעבונגען פון אזא און נישט קיין אנ־דער קאלאריט, און אלע אין איינעם טרייבן זיי די נשמה און דעם גייסט פונעם מענטשן צו א טיפערער און העכערער אנטוויקלונג.

קולטור אויסדרוקן בכלל זענען געבונדן צווישן זיך און זיי הענגען אפ איי־נער פונעם אנדערן, זיי ווערן פארטיפט, פארשענערט איינער דורך דעם אנדערן. קיין איינער פון זיי האט נישט קיין פרעפערענץ לגבי דעם אנדערן. דאס וואס מיר פילן און שאצן-אפ איז די פארשיידנארטיקייט פון זייערע פונקציעס און זייער

השפּעה אויף אונדזער נשמה. און אויב מיר זאָלן רעדן וועגן זיי, ווי דער דענ־
קער קראָטשע טוט עס, ווי וועגן מינים דערקענטעניש, וועלן מיר בשום אופן
נישט זאָגן אַז איין מין דערקענטעניש, פילאָסאָפיע, למשל, שטייט העכער פון
קונסט, צי אַז רעליגיע איז אַ נידעריקע דערקענטעניש־מדרגה וואָס וועט מיט
דער צייט פאַרשווונדן און פילאָסאָפיע וועט איר פּלאַץ פאַרנעמען. דער קולטור־
סינטעטישער כלל, וואָס האַרמאָנירט מיט דער השגה פון קאָסמאָס ווי אַן אָר־
גאַניזם, איז אַז יעדער מין דערקענטעניש, עמאָציאָנעלער אָדער באַגריפלעכער,
ראַציאָנאַלער צי איראַציאָנאַלער האָט זיך זיין ספּעציפישן ווערט, גיט זיך זיין
אייביקן צושטייער, אָן וועלכן די דערקענטעניש, ווי אַ גאַנצע, וואָלט נישט גע־
ווען דאָס וואָס זי איז. קורץ, ביי זייער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט זענען אַלע
קולטור און גייסט-אויסדרוקן גלייכווערטיק.

קולטור — שרייבט וויטהעד — איז אַקטיוויטעט פון דענקען און אויפנעם-
פעיקייט פון שיינקייט און פון הומאַניטאַרע געפילן. ברעקלעך פון אינפאָרמאַציע
האָבן נישט קיין שייכות מיט קולטור. אַ בלויז אינפאָרמירטער מענטש איז דער
אומניצלעכסטער מענטש אויף גאָטס ערד. מיר מוזן שטרעבן אַרויסצוברענגען
מענטשן וואָס פאַרמאָגן אי קולטור, אי אַן עקספּערטיזן וויסן אין אַ געוויסער
ספּעציפישער ריכטונג. זייער ספּעציעלער וויסן וועט זיי געבן דעם יסוד פאַר אַן
התחלה, און זייער קולטור וועט זיי דערפירן צו דער פילאָסאָפישער טיפקייט און
צו קינסטלערישער הויכקייט. מיר מוזן געדענקען אַז די ווערטיקסטע אינטעלעק־
טועלע אַנטוויקלונג איז די אַליין-אַנטוויקלונג.

אין זיין צילן פון דערציונג באַטאָנט וויטהער אַז ביי דערציונג איז וויכטיק
די אידעען־אַסאָציאַציע. דאָס מיינט אָנווייזן אויף דער שייכות פון אַן אידעע
צום שטראָם וואָס איז צוזאַמענגעזעצט פון חושיקע פּערצעפּציעס ווי געפילן,
האָפענונגען, ווונטשן און פון אַזאַ מענטאַלער אַקטיוויטעט וואָס צופּאַסנדיק
געדאַנק צו געדאַנק פאָרמירט עס אויס אונדזער לעבן. דערציונג דאַרף, לויט
וויטהעדן, שטרעבן צו גלייכוואָגיקייט און גלייכווערטיקייט פונעם איך און פון
דער אינדיווידואַליטעט.

„באַלאַנסירן דעם גייסט, שרייבט וויטהעד, איז איצט געוואָרן אַ טייל פון
דער טראַדיציע וואָס איז משפּיע דאָס קולטוריזירטע דענקען. דאָס איז דאָס
זאַלץ וואָס דערהאַלט די זיסקייט פונעם לעבן. — — — חכמה איז די פּרוכט
פון באַלאַנסירטער אַנטוויקלונג. אָט־דער באַלאַנסירטער וווקס פון דער אינדי־
ווידואַליטעט דאַרף זיין די כוונה פון דערציונג".

אין מיין בוך קולטור און ציוויליזאַציע, פאַרעפנטלעכט אין 1923, ווערט
אָנגעוויזן אויף דעם אונטערשייד וואָס דאַרף געמאַכט ווערן צווישן ציוויליזאַ־
ציע און קולטור, און צווישן בילדונג און אַנטוויקלונג. די אויפגאַבע פון קול־
טור איז צו דערקענען דעם איך און דורך אים, די וועלט אַרום דעם איך. קולטור
באַטייט שפּירן דעם זינען און דעם תכלית פונעם אייגענעם איך און דורך אים,
תופס זיין דעם באַטייט און דעם תכלית פון דער גאַנצער עקסיסטענץ. דאָס האָט

די קולטור, דורך אירע צווייגן: רעליגיע און עטיק, פילאָסאָפיע און קונסט, גע־פירט דעם מענטשן פון זיין אייגנעם איך צו אַ העכערן אוניווערסאַלן איך.

דער העכסטער מאָמענט אין מענטשנס לעבן איז די צונויפפאַלונג פון זיין אייגן האַרץ מיטן האַרץ פונעם אוניווערס. די זיכערסטע באַוואָרעניש אַז דער אוניווערס פאַרמאָגט אַ האַרץ און איז, בכן, ווי פּרץ דריקט זיך אויס, נישט הפקר, איז דאָס וואָס אינעם מענטשן שלאָגט אַ האַרץ. פּונקט ווי אַ מענטש קען זיין ציוויליזירט און נישט קולטורעל, אַזוי קען ער אויך זיין געבילדעט אָבער ווייניק אַנטוויקלט. אַנטוויקלונג פאָדערט אַ סוביעקטיווע טיפקייט פון דענקען וואָס קיין שום וויסן איז נישט בכוח צו געבן. דער אָביעקטיוויזם וועל־כער האָט אַ דאַנק דעם מאַטעריאַליזם און דעם אינטעלעקטואַליזם, אין די לעצטע פופצן יאָר פונעם 19־טן י״ה, ארומגעכאַפּט דעם האָריזאָנט פון מענטשלעכן דענקען, האָט געפירט דערצו אַז דער אָביעקטיווער וויסן, וואָס איז נישט נוגע דער נשמה, זאָל אַרויסשטויסן פון זיין פּאָזיציע דאָס סוביעקטיווע נשמהדיקע דענקען און דורך דעם זאָל בילדונג פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַנטוויקלונג.

דער קולטורעלער מעמד פון אַ מענטשן שטייגט נישט דורך בילדונג, נאָר דורך דערציונג, וווּ נישט וויסן, נאָר פילן און דענקען זענען דער עיקר. דער דער־ציונגס־פּראָצעס איז כולל טיפע איבערלעבונגען, שטאַרקע נשמה־צעטרייסלונ־גען, אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן, באַגעגענישן מיט גרויסע פּערזענלעכקייטן אא״וו. די דערציונג קען זיין אַ באַוווּסטזיניקע און צוועקמעסיקע ווי אויך אַן אומבאַוווּסטזיניקע און צופעליקע. די ציל־באַוווּסטע דערציונג איז יענע וואָס שטעלט דעם מענטשן אונטער פּאָרויסגעפּלאַנטע באַדינגונגען און ווירקט, בכן, אויף דעם וווּקס און שוווּנג פון זיין גייסט, און זי רופט זיך אַנטוויקלונג. עס הייסט, אַז אויב מען איז אויסן קולטור און נישט ציוויליזאַציע, מוז מען איינזי־נען האָבן אַנטוויקלונג און נישט בילדונג.

די ראָלע פון קונסט, ווידער, באַשטייט דער עיקר אין דעם וואָס זי אַק־צענטירט פאַר אונדז און לאָזט אויפציטערן אונדזער נשמה פון די אָן אַ שיעור קנייטשעלעך אין די געפילן, ווי פון די פאַרשיידנאַרטיקע פאַרבן און ניואַנסן וועגן וועלכע מיר וואָלטן גאָר נישט געקענט חלומען ווען נישט די קונסט. ווי גרויס, אָבער, דער אויפטו און די השפּעה פון דער קונסט זאָל נישט זיין אויף דער נשמה פונעם יחיד, און דורך אים אויף דער אַנטוויקלונג פונעם מענטש־לעכן גייסט, איז זי דאָך, פּונקט ווי די פילאָסאָפיע אָדער די וויסנשאַפט, נישט בכוח איבערצושטייגן און פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דעם רעליגיעזן אויסדרוק. עס זענען געווען, און עס זענען פאַראַן, מענטשן מיט נשמות וואָס אַ דאַנק זייער אייגנאַרטיקער פּסיכישער געשטאַלטונג ווערן זיי צום שטאַרקסטן אויפגעציטערט בלויז אין די מאָמענטן ווען זיי דערפילן בפועל־ממש און דערזעען — מעטאַפיז־ריש גערעדט — אויג אויף אויג דאָס כוללדיקע פון דעם אַלץ ארומנעמענדיקן גייסט. עס זענען פאַראַן קולטור־שאַפונגען, אין וועלכע אָט די דערשפּירונגען

און זעונגען פאַרנעמען דעם אויבנאָן. ווען די קונסט גופא פון אַזעלכע פאָר־שטייער אירע ווי: דאַנטע, שעקספּיר, געטע, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, צי מענדעלע און פּרץ, וואָלטן פון צייט צו צייט נישט געטרונקען די קוואַליקע וואַסערן פון די רעליגיעזע ברונעמער, וואָלטן אַלע קונסט־שאַפונגען מיט זייערע אויסדרוקן וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער און בלאַסער געוואָרן ביז זיי וואָלטן לסוף אויסגעגאַנגען פון גייסטלאָזיקייט. פּונקט אַזוי וואָלטן אויך די רעליגיעזע שאַפונגען אויסגעגאַנגען פון בלוטלאָזיקייט ווען זיי זאָלן נישט טרינקען פון די קונסט־קוואַלן, וואָס דורך איר בילדערישקייט מאַכט זי פאַר אונדז פאַנטאַסטיש די ווירקלעכקייט און רעאַל דאָס פאַנטאַסטישע. דערמיט ווערט קאָנקרעטיזירט די סינטעטישקייט פון גאָט, מענטש און חיה און עס באַקומט אַ זינען דעם רוסישן פּאָעט דערזשאַווינס אויסגעשריי: „איך בין אַ וואָרעם, איך בין אַ קיסר, איך בין אַ גאָט!”.

און אויב דאָס איז אמת בנוגע די שייכותן צווישן קונסט און רעליגיע, איז דאָס נאָך מער אמת בנוגע די שייכותן צווישן די אַנדערע קולטור־צווייגן און רעליגיע.

> רעליגיע, שרייבט פּאַול טיליטש, איז אומעטום אין דער היים, דהיינו, אין דער טיף פון אַלע פונקציעס פונעם מענטשלעכן גייסטיקן לעבן. רעליגיע איז זייער אַלעמענס טיף־דימענסיע׳ זי איז דער אַספּעקט פון דער טיף אין דער טאָטאַליטעט פון מענטשלעכן גייסט. וואָס אַזוינס מיינט עס דער מעטאַפאָר טיף? ער מיינט אַז דער רעליגיעזער אַספּעקט ווייזט אָן אויף דער סיבת הסיבות, אויף דאָס אומענדלעכע און אומאויסשעפּלעכע אין מענטשנס גייסטיקן לעבן. רעליגיע איז די סובסטאַנץ, דער יסוד, די טיף פונעם מענטשנס גייסטיקן לעבן. זי איז די גאָר לעצטע שאַפונג. זי גיט דעם העכסט לעצטן זינען, משפּט און גיט שעפערישן קוראַזש צו אַלע מעשים פונעם מענטשלעכן גייסט.

וויטהעד האָט אָנערקענט אָט דעם אמת. „מען קען נישט, זאָגט ער, אויסבאַהאַלטן די טעאָלאָגיע פאַר דער וויסנשאַפט אָדער די וויסנשאַפט פאַר דער טעאָלאָגיע און קיין איינע פון זיי, פאַר דער מעטאַפיזיק אָדער די מעטאַפיזיק אויסבאַהאַלטן פאַר איינער פון זיי. נישט פאַראַן קיין פאַרקירצטער וועג צום אמת”. און יעדעם מאָל ווען וויטהעד ווייזט אָן אויף דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון די קולטור־אויסדרוקן, פאַרגעסט ער אויך נישט צו דערמאָנען וועגן דער אייגנאַרטיקייט און תכליתדיקייט פון יעדן איינעם פון זיי, דעם רעליגיעזן ווי יעדן אַנדערן. „ביים איינשטעלן אירע דאָגמעס, שרייבט וויטהעד, מוז די רעליגיע צולאָזן מאָדיפיקאַציעס אין דעם גאַנצן היקף פון אונדזער דערקענטעניש. זי פאַרמאָגט אָבער אויך איר אייגענעם צושטייער פון דער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג”.

פאַר וויטהעדן איז דער רעליגיעזער באַוווסטזיין אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער, ער איז לחלוטין אַנדערש פון דעם פילאָסאָפישן, קינסטלערישן אָדער וויסנשאַפטלעכן באַוווסטזיין. דאָס איז אַזאַ באַוווסטזיין וואָס איז פאַראינטערעסירט אין די שייכותן צווישן דעם מענטש און צווישן דעם וואָס דער מענטש פילט און האַלט

פאַר דער העכסטער אַלץ אַרומנעמענדיקער קראַפט, אַ קראַפט וועלכע קען און פילט דעם מענטש, פונקט ווי ער קען און פילט די קראַפט. „רעליגיע — זאָגט וווייטהעד — איז דאָס וואָס דער מענטש טוט מיט זיין איינזאַמקייט". און עלנט מוז זיך פילן דער מענטש סיי אין אַ וועלט וווּ עס עקסיסטירט נישט עפּעס העכערס פונעם מענטשן, סיי אין אַזעלכער וווּ די איבערוועלט-קראַפט איז טראַנסצענדענט און וואָס שטייגט אַזוי ווייט איבער דעם מענטש אַז עס קען גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן אַ וועלכער עס איז צווישנאַנאַנדיקער באַציונג. די אוממעגלעכקייט פאַר דעם מענטש צו זיין אַליין מיט דער איינזאַמקייט, פירט זיין פאַנטאַזיע און זיין האַרץ צו גלייבן אַז עס איז פאַראַן אַ העכערע קראַפט און אַז די דאָזיקע העכערע קראַפט איז אימאַנענט און נישט טראַנסצענדענט. זי האָט געבוים דעם מענטש ווי חוה איז געבוים געוואָרן פון אדמען. דעריבער קאָן אַ מענטש פאַרלאָזן די וועלט אָדער ווערן פון איר פאַרלאָזט און זיך באַ־העפטן מיט זיין גאָט און זיי זאָלן ווערן נישט איין לייב, נאָר איין גייסט וואָס שליסט איין אויך לייב.

עס איז דער דראַנג זיך צו באַפרייען פון דער איינזאַמקייט, וועלכע האָט געטריבן דעם מענטשלעכן גייסט אויסצושרייען: ליהוה הארץ ומלואה תבל ויושבי בה — גאָטס איז די ערד און איר פולקייט, די וועלט און די וואָס וווינען אין איר (תהלים, כד) און: גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע, כי אתה עמדי שבטך ומשענתך המה ינחמני — אפילו ווען איך גיי דורך דעם טאָל פון טויט־שאָטן וועל איך קיין מורא נישט האָבן פאַר קיין שלעכט, וואָרעם דו ביסט מיט מיר, דיין רוט און דיין שטעקן, זיי טרייסטן מיך. (תהלים, כג).

אוודאי איז דער גאַנצער תנך פול מיט דער טיפסטער פילאָסאָפיע און שענס־טער קונסט, דאָס איז אָבער אַ פילאָסאָפיע און אַ קונסט, וועלכע זענען אָרגאַניש און אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט דעם רעליגיעזן באַוווסטזיין. זיי זענען דירעקטע און אינטימע פּראָדוקטן פון דער רעליגיעזער אינטויציע אָדער אינטויטיווער רע־ליגיעזיטעט.

רעדנדיק וועגן קריסטוסן, זאָגט וווייטהעד:

> די אַפאָריזמען, וועלכע מען שרייבט צו קריסטוסן, זענען נישט קיין פאָר־מולירט דענקען. זיי זענען באַשרייבונגען פון אַ דירעקטן אַריינבליק. די אידעען זע־נען אין זיין געדאַנק ווי אוממיטלבאַרע בילדער, און נישט ווי אַנאַליזירט אין טערמינען פון אַבסטראַקטע באַגריפן. ער זעט אינטויטיוו די שייכותן צווישן גוטע און שלעכטע מענטשן. זיינע אויסדרוקן זענען אויסגעגאָסן אין דער פאָרעם פון אַנאַליז וועגן דעם מענטשנס גוטסקייט און שלעכטקייט. זיינע אַפאָריזמען זענען האַנדלונגען און נישט קיין איינאָרדענונגען פון באַגריפן.

רעליגיעזיטעט איז, בכן, אַנדערש אין קוואַליטעט פון אַלע אַנדערע קולטור־אויסדרוקן. איר צוגאַנג צו דער רעאַליטעט איז אַנדערש ווי דער צוגאַנג פון וועלכן עס איז אַנדערן קולטור-צווייג. אויף אַזוי פיל איז אויך אַנדערש איר

וואָרט-אויסדרוק, אויף אַזוי פיל יענע רעליגיעזע שאַפונגען אַ מין פאַר זיך אַליין, מעגן זיי האָבן אַ וועלט מיט פילאָסאָפיע און קונסט אין זיך. פילאָסאָפישע אָדער קינסטלערישע ווערק בלייבן פילאָסאָפיש אָדער קינסטלעריש, מעגן זיי אַפילו וועקן צו דער שטאַרקסטער און טיפסטער רעליגיעזיטעט.

וויפיל ענלעכקייטן די רעליגיע־דעפיניציעס זאָלן נישט האָבן מיט די דע־פיניציעס פון פילאָסאָפיע און קונסט, וועלן די טיפערע דעפיניציעס אַרויסברענ־גען דאָס אייגנאַרטיקע און פאַרזיכיקע פון רעליגיעזן קולטור־אויסדרוק, און דאָס טוען ווייטהעדס דעפיניציעס פון רעליגיע.

ער דעפינירט רעליגיע, ווי אַ וויזיע פון עפּעס וואָס געפינט זיך פון יענער זייט פאַרבייגייענדיקן פלוס פון באַלדיקע זאַכן. עפּעס, וואָס איז רעאַל און וואַרט אויף דער רעאַליזירונג; עפּעס, וואָס איז אַ ווייטע מעגלעכקייט און דאָך דאָס גרעסטע פון די איצטערדיקע פאַקטן; עפּעס, וואָס גיט אַ זינען צו אַלץ וואָס גייט פאַרביי און דרייט זיך דאָך אַרויס פון פאַרשטאַנען ווערן; עפּעס, וואָס זיין פאַרמעג איז דאָס לעצטע גוטס און דאָך לחלוטין אומדערגרייכלעך; עפּעס, וואָס איז דער סאַמע לעצטער אידעאַל און דאָך האָפענונגסלאָזע נאָכזוכונג.

אַזאַ וויזיע גיט זאַפט צום גלויבן, אַז „דער סדר פון דער וועלט, די טיף פון דער וועלטס רעאַליטעט, דער ווערט פון דער וועלט אין איר גאַנצקייט און אין אירע טיילן, די שיינקייט פון דער וועלט, דער געשמאַק פון לעבן, די רוי־קייט פון לעבן און דער קאָנטראָל איבער שלעכטס — זיי אַלע צוזאַמענגענומען זענען פאַראַן נישט אויף אַ צופעליקן אופן, נאָר צוליב דעם אמת, אַז דער אוני־ווערס ווייזט אַרויס אַ באַשאַפנקייט מיט אַן אומענדלעכער פרייהייט און אַ ממלכה פון פאָרמען מיט אומענדלעכע מעגלעכקייטן. די דאָזיקע באַשאַפנקייט אָבער און די דאָזיקע פאָרמען זענען אינאיינעם נישט בכוח צו דערגרייכן ממשותדי־קייט, אָפגעזונדערט פון דער פאַרפולקאָמטער האַרמאָניע וואָס איז גאָט".

און גאָט איז, לויט ווייטהעדס רעליגיעזן אַריינבליק, די סאַמע לעצטע באַ־גרענעצונג. גאָטס עקזיסטענץ איז די סאַמע לעצטע איראַציאָנאַליטעט. „גאָט — שרייבט ווייטהעד — איז נישט קאָנקרעט, ער איז אָבער דער יסוד פאַר קאָנ־קרעטער אַקטואַליטעט. קיין שום טעם קאָן נישט אָנגעגעבן ווערן פאַר דער נאַ־טור פון גאָט, מחמת יעדע נאַטור איז דער יסוד פון ראַציאָנאַליטעט — — — דאָס דינען גאָט איז נישט קיין פראַגע פון באַקוועמלעכקייט, עס איז אַן אַוואַנ־טורע פון גייסט, אַ פלי נאָך דעם אומדערגרייכלעכן".

עס איז באמת מערקווערדיק, וואָס ווייטהעדס גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון וויסנשאַפט, אויף וועלכן ער האָט לאַנג געאַרבעט מיט ראַציאָ, לאָגיק און עקספּערימענטאַלע דערפאַרונגען, האָבן נישט אוממעגלעך געמאַכט פאַר אים צו פילן די נויטיקייט פאַר דעם מענטש צו איבערשטייגן דאָס דערגרייכלעכע. ווייטהעד פאָדערט פון דעם מענטש ער זאָל זיך שטענדיק ציען צום אומדער־

גרייכלעכן, ער זאָל אַרויפציען אַלץ וואָס איז דערגרייכלעך צו די הויכן פון דעם וואָס זעט אויס אומדערגרייכלעך. אַריינציען ווי ווייט מעגלעך, וואָס אָפטער און וואָס מער פון דעם אומדערגרייכלעכן אין אַלץ וואָס איז דערגרייכלעך.

ה. לייוויקס „אין די טעג פון איוב״

מיין תפילה צו דיר, באשאפער: ווי באלד
איך בין באשאפן אין דיין געשטאלט,
און ווי באלד איך בין נאך דא —
דערהייב מיך אויף אן אויסדערוויילטער שעה,
צו זיין אויף אן אמת גערעטן אין דיר.

...באשער אויך מיר צו זיין,
א צר צורה בתוך צורה*
מיט נאר איין קליינער שורה.

(פון לייוויקס ליד: מיין תפילה צו דיר, באשאפער)

גאט - מענטש - שייכות

— 1 —

ה. לייוויקס דראמאטישע פאעמע אין די טעג פון איוב איז א טיף פילאסאפיש ווערק, רייך אין סימבאלן, אנגעלאדן מיט מיסטיק און פלאמיק אין פאנטאזיע. זי איז דורגענומען מיט א רעליגיעזן ציטער און מיט אן עטיק, וואס גרענעצט זיך מיט איבערמענטשלעכקייט. „צונויפגיסן זיך מיט וועלט־יצירה״, „טראכטונגען וועגן א סוף פון לעבן״, „טויער פון אן אומענדלעכן היכל״, „צו זיין אויף אן אמת גערעטן אין באשאפער״ — דאס זענען מיסטיש־רעליגיעזע און סימבאליש־פאנטאסטישע ווערטער און אויסדרוקן. זיי אלע רירן אן שייכותן פון גאט צו מענטש, און פון מענטש צו גאט און צו גאטס וועלט, וואס נעמט אריין דעם מענטשן. גאט־מענטש־שייכות איז די ערשטע פראבלעם, וואס אויף איר ווארפט די דאזיקע פאעמע פילאסאפיש־רעליגיעזע ליכטשטראלן.

אין דער פאעמע ווערט קודם־כל געשטעלט די פראגע: איז דער מענטש, דער בחיר היצורים, פריי אין זיינע מעשים, אדער זענען זיי אלע דיקטירט און פארויס

---

* געשטאלטיקער פון א געשטאלט אין א געשטאלט.

באשטימט פון דער העכסטער וועלטקראפט? זיינע ברירות און החלטות — אויס־דאכטענישן און זיין בחירה — אן אילוזיע? דעם ענטפער אויף די דאזיקע פראגעס גיט אונדז לייוויק אין דער פאעמע. גאר שארף און קלאר איז דער ענטפער אין די ווענדונגען פון שטן צו גאט, און אין די ענטפערס, וואס דער שטן הערט ארויס, ווי אים דאכט זיך, פון גאטס קול.

דער שטן זאגט צו גאט:

דער מענטש איז מיר גאר, אפשר נאענט און טייער,
ווי דו אליין האסט אים בשעתו אויסגעפורעמט
און פריי געלאזט אים אין זיין פולער טבע.
וואס מיר איז ניט צום הארצן איז — זיין גאווה,
זיין זיכערקייט אין זיך און, אפט נאך, זיין מחשבה,
אז דו אליין אנטפלעקסט זיך גאר צו אים.

דער שטן סימבאליזירט דא די מענטש־געשטאלט אין די מאמענטן, ווען דאס חיהשע אין מענטשן וויל אים אוועקרייסן פון גייסט, פון אייבערמענטש און פון געטלעכקייט. דער מענטש איז טייער און נאענט דעם שטן, ווען ער איז געווען מער נאטור ווי קולטור, א נאר וואס אויסגעפורעמטער פון גאט. דאס מיינט מענטש איידער ער איז דורכגענומען געווארן מיט א גאט־דערקענטעניש; איידער ער האט זיך געלאזט אויף אומענדלעכע וועגן פון העכערער אנטוויקלונג. גאט לאזט דעריבער וויסן דעם שטן, אז דעם מענטשנס „בענקשאפט נאך אנטפלעקונג איז זיין זכיה, — זיין ברכה און זיין דאנק פאר אויסדערוויילט צו זיין". דא ווערט פעסטגעשטעלט, אז דער מענטש אין זיין העכערער געשטאלטונג איז דער בחיר היצורים. די העכערע געשטאלטונג גופא האט אבער אירע מדרגות, און ניט יעדער מענטש איז אויסדערוויילט.

דער שאטן פרעגט:

איז אויך דער מאן פון עוץ דיין אויסדערוויילטער,
ווי דו האסט אויסדערוויילט אברהמען דא דערביי,
און יצחקן זיין זון — אין צייכן פון נסיון?

דער ענטפער איז, אז דער מאן פון עוץ איז נאך ניט אויסדערוויילט.

די אויסדערוויילטע זענען, נאטירלעך, ניט צום הארצן דעם שטן, וועלכער איז אליין ניט קיין אויסדערוויילטער. זיין עובדה איז דאך ארויפצורייסן די שלי־מים פון וואס א גרעסערער און גרעסערער צאל גייסטיק־טיטולירטע, ווייל זיי קאנען ניט ביישטיין קיין נסיונות. איבער די וואס זענען אויס־ערוויילט האט ער ניט קיין שליטה מער. זייערע ראנגען אין גייסטיקייט און דערהויבנקייט זענען לעבנסלאנג, אדער גאר אייביק. דעם שטן פארדריסט זייער שטארק הלמאי גאט רופט אים שלאנג, דערפאר וואס ער שפייט מיט גיפט אויף אברהמען און יצחקן:

קולטור קוואַלן

דער שטן שטעלט דעם בורא עולם אַ פילאָסאָפיש באַרעכטיקטע פראַגע:

צי איז מיין כבוד אויך ניט דיינער, בורא עולם?
פאַרוואָס אַזוי באַליידיקן מיין כבוד?

די לאָגיק איז דאָ לחלוטין אויף דעם שטנס צד: דער וועלטבאַשאַפער איז דאָך, אייגנטלעך, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרעסטער אַזוי גוט ווי פאַר דער קלענסטער בריאה, פאַר דער נידעריקסטער און מיאוסער, ווי פאַר דער העכסטער און שענסטער. אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זאָל די שלאַנג זיין אַן אומכבוד?

די דאָזיקע פראַגע פון שטן רופט אַרויס אַ פילאָסאָפישן ענטפער וואָס רירט אָן די באַשערטקייט פון באַשעפענישן אין גאָטס וועלט, זייערע שייכותן צו מענטש און גאָט.

גאָטס קול לאָזט דעם שטן וויסן אַז זיין אמתע באַשערטקייט איז צו דינען דעם מענטשן. און ווען דער שטן פרעגט מיט שטוינונג:

אפילו ווען איך שלאָג אים און פאַרוואַרף אים מיט יסורים?

הערט ער גאָטס קול זאָגנדיק אים:

ערשט דעמאָלט דינסטו אים צו נוץ, צו גרויסקייט —
ווייל ווען דו מיינסט, אַז דו באַליידיקסט אים, — דערהייבסטו אים.
איך לאָז דיך פריי אַרומגיין צווישן מענטשן
און אויך אַריינדרינגען אין טיפעניש פון זייער האַרץ,
ווי פריי איך לאָז דעם מענטש אַליין אין זיינע וועגן,
אַז ער אַליין זאָל זיין דער אויסקלייבער פון זיינע מעשים,
און ער אַליין זאָל דיך אין זיך דערקענען,
און ער אַליין זאָל זיך פון דיר באַפרייען.
דער מאַן פון עוץ האָט דיך דערווייל נאָך ניט דערקענט.

פון דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער דאָזיקער פּאָעטישער דראַמע, וועלכע איז איינגעטיילט אין זיבן בילדער, געפינען מיר אויס, אַז צו דערקענען אין זיך דעם שטן מיינט מקבל באהבה זיין יסורים, שלום מאַכן מיטן גורל. שטן־דערקענונג און אויסנוץ פון שטן אין דעם מענטשן צו דערהייבונג פון מענטשלעכקייט — מיינט אַ גייסטיקע פעלדזן־שטאַרקייט, וואָס זאָל גובר זיין פיזישע ווייטיקן, לייב־פייניקונגען, און דורך זיי אויפגעלייזט ווערן אין דער אייביקייט. דאָס אַריינלעבן זיך אין דער אייביקייט ביז צו דערפילן אַ צונויפגאָס מיט איר שטאָלט די פערזענליכקייט, פעסטיקט דעם ווילן און מאַכט מעגלעך אַריבערצוטראָגן „מיט צוגעהאַקטע ליפּן אין שווייגעניש”. דעם שטן געפעלט ניט דעריבער איובס זיבן־מעת־לעתדיקע שווייגעניש, זיין איבערטראָגן אָן שום פּראָטעסט זיבן טעג נאָך אַנאַנד די שרעקלעכע פּלאָגן, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף אים דורך די הענט

פון שטן. ער וואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף אַן אויסבראָך פון רעוואָלט מצד איובן קעגן גאָט.

דער שטן זאָגט צו גאָט וועגן איובן:

זיין שווייגעניש איז וויל געפעלן דאָך אין דיינע אויגן.
פון דעסטוועגן וואָלט איך פאַרבליבן נאַר אויף אייביק,
ווען איוב זאָל אויך די יסורים שטום פאַרטראָגן, —
די ווונדן, די צרעת, די געשווירן אויף זיין לייב
און ניט אַרויסטרעטן מיט קיין שום טענה קעגן דיר
פאַר נעמען און צעיאָטערן אַ שיין און איידל פנים,
פאַרוואַנדלען עס אין אַ צעקרעציקטער פאַרזעעניש,
אַז עקלען זאָל פון דעם אויף מײלן ווייט.

דער שטן וויל ניט פאַרבלייבן קיין אייביקער נאַר. ער וויל בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז אויך איוב זאָל ווי אברהם און יצחק אַריינגענומען ווערן פון גאָט צווישן די אויסדערוויילטע, וואָס איבער זיי האָט ער קיין שליטה ניט. ער וואַרט דעריבער מיט גרויס אומגעדולד צו הערן איובס געשריי.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, ווען יצחק דריקט אויס פאַר אברהמען זיין ווונטש צו דערזען גאָט אין שטילע רגעס און ניט נאָר ליגנדיק אויפן מזבח אַ געבונדע-נער הענט און פיס, זאָגט צו אים אברהם:

דו ווילסט מנוחה? גוט, מיין זון,
הייב אויף דיין קאָפּ און זע ווי שלווהדיק,
ווי לויטערדיק די זון פאַרגייט אין מערב,
און זאָל אויך דיך אַרומנעמען די שלווה.

ניט באַשערט אָבער איז געווען יצחקן דאָס מאָל אַרומגענומען צו ווערן מיט מנוחה און שלווה. אינעם זעלביקן מאָמענט, ווען אברהם איז אליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רויקייט און לויטערקייט פון דער זונס פאַרגיין אין מערב, און ווען ער האָט געוואָלט, אַז יצחק זאָל דערזען גאָטס אַנטפּלעקונג דורך שטילער אָבער גראַנדיעזער נאַטור-דערשיינונג, האָט זיך דערטראָגן איובס געשריי און זיין שילטנדיקער געיאָמער.

אַ דערפרייטער שרייט אויס דער שטן:

מיין שעה די געגאַרטע קומט.
ער שילט — דער בעל יסורים! ער שילט!
ער האָט ענדלעך אויפגעעפנט זיין מויל!
און אַז ער שילט — וועט ער אויך לעסטערן.

— 2 —

די האָפענונג אָבער פון שטן איז ניט מקוים געוואָרן. פון דער רגע אָן, וואָס איוב האָט אָנגעהויבן שרייען און טענהן צו גאָט ביז ער האָט דערזען גאָט, האָט ער אים ניט געלעסטערט. פון דעם ספר איוב, ווייסן מיר אויך, אַז נאָך דעם ווי אַלץ וואָס איוב האָט פאַרמאָגט איז פון פייער פאַרצערט געוואָרן און פון שווערד געשלאָגן געוואָרן און נאָך דעם ווי זיינע קינדער זענען געשטאָרבן, האָט איוב אויסגעשריען:

נאַקעט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין מוטערס לייב
און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין;
גאָט האָט געגעבן, און גאָט האָט צוגענומען,
געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט.

דער דאָזיקער גאָט — איז נאָך אַלע פּלאָגענישן, וואָס ער האָט דערלויבט דעם שטן אָנשיקן אויף איובן, געבליבן פאַר איובן אַן אל חי וקים. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיינע מוראַדיקע ליידן האָט ער באַטראַכט פאַר אומווערדיק צו לעסטערן גאָט. איוב האָט ניט אויפגעהערט צו גלייבן אַז „גאָט איז קלוג אין האַרצן און שטאַרק אין כוח". ער האָט געוווסט און געגלויבט, אַז גאָט איז:

דער וואָס רוקט איבער בערג און זיי מערקן ניט,
ווען ער קערט זיי איבער אין זיין צאָרן.
דער וואָס טרייסלט אויף די ערד פון איר אָרט,
אַז אירע זיילן ציטערן.
דער וואָס הייסט דער זון, און זי שיינט ניט
און די שטערן פאַרחתמעט ער.

ווען איוב האָט זיך געפּלאָגט אין זיינע יסורים און עינויים און האָט „געפילט אויף זיינע ברעמען דעם שאָטן פון טויט", האָט אויך „זיין אויג געטריפט צו גאָט" אַז ער זאָל מישפּטן „צווישן מאַן און גאָט" ווי „צווישן אַ מענטשנקינד און זיין חבר". איוב האָט געוואָלט, אַז זיינע ווערטער זאָלן אויפגעשריבן ווערן, אַז זיי זאָלן אין אַ בוך פאַרצייכנט ווערן, און נאָך בעסער, ווען זיי ווערן:

מיט אַן אייזערנער פען און בליי
אויף אייביק אין פעלדז איינגעהאַקט.

ער האָט עס געוווּנטשן דערפאַר ווייל ער האָט פעסט געגלויבט, אַז זיין אויס־לייזער לעבט און שפּעטער וועט ער אויפשטיין אויף דער ערד. אונטער זיין הויט און אין זיין פלייש איז איינגעקלאַפּט זיין באַגער צו זען גאָט.

אויף דעם גרונט פון איובס טיפן גלויבן אין גאָטס עקסיסטענץ, לאָזט לייוויק איובן אויסשרייען צו זיין ווייב:

ווילי אַם נאַטאַנסאָן

פון מיינע ביטערנישן רוף איך און איך בעט:
ניט רייד, מיין ווייב, אַזוינע רייד.

זיין ווייב איז אין כעס אויף איובן פאַר וואָס ער שילט ווידער און ווידער נאָר ז י ך. זי'פאָדערט פון אים, אַז ער זאָל שילטן גאָט און ניט זיך. אויף דער דאָזיקער פאָדערונג ענטפערט איוב מיט אַן אויסגעשריי צו זיין ווייב און צו זיינע פריינד:

אויך מיין באַגער איז — שטאַרבן.
ווייל איידער די צעפוילעניש פון מיינע ביינער
איז בעסער שוין דער טויט.
איך טענה, — אָבער ניט אין לעסטערונג,
איך שריי אין מיין גערעכטיקייט:
כ'בין אומשולדיק!

און אויב איך טענה — טענה איך צו גאָט
צו דעם אַלמעכטיקן; צו אים און ניט צו אייך.
איך האָב געשריען און כ'וועל ניט אויפהערן צו שרייען:
אָ, ערד, דו זאָלסט ניט צודעקן מיין בלוט!

לייוויק האַלט מיטן תנא ר' חנינא בר פפא, אַז איובס געשריי וועלכער האָט דערפרייט דעם שטן איז ניט ווייל געפעלן געוואָרן גאָט. דורך זיין שרייען, אנשטאָט אין שווייגעניש אַריבערצוטראָגן זיינע פּיינען און יסורים, האָט איוב פאַרלאָרן די זכיה, ווי אברהם און יצחק, אויסדערוויילט צו ווערן. לייוויק זאָגט אונדז, אַז ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ממרה פון ר' חנינא בר פפא, אַז ווען איוב וואָלט ניט אויפגעהויבן קיין געוואַלד-געשריי, איז אַזוי ווי מען זאָגט איצט אין דער תפילה: גאָט פון אברהם, פון יצחק פון יעקב, וואָלט מען אויך געזאָגט גאָט פון איוב. איוב, ווי לייוויק ווייזט אים אונדז, האָט נאָך דעם ווי ער איז אויסגעהיילט געוואָרן פון דער קרעץ, דערפילט אַז זיין שרייען איז גע־ווען אַ גייסטיקע שוואַכקייט, וואָס קאָן ניט דערהייבן איינעם צו גאָטס אויס־דערוויילטקייט.

איוב זאָגט צו אברהמען:

מיין אייגענער געיאָמער הילכט נאָך איבער מיר,
ער קלינגט מיר נאָך אין מיינע אויערן.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר יאָ פאַרמידן.
אַן אַנדערער וואָלט זיינע ציין אַזוי פאַרביסן,

אַז קיין שום קרעכץ וואָלט זיך דורך זיי ניט דורכגעריסן,
און גרוילגעוויין און שילטן זיך אַליין — אוודאי ניט.

און נאָך דעם ווי איוב האָט דערהערט גאָטס קול דורך פייער און שטורעם און האָט דערזען אים מיט זיין אויג, האָט ער דערפילט זיין שוואַכקייט ווי אַ גרויסע זינד. ער זאָגט צו אברהמען:

עס קען דאָך טאַקע זיין, אַז אייגעמס לייב
זאָל ממש ליגן אויף אַ פייער, אין אַזוינע טויט־יסורים,
אַז מיינע וואָלטן זיין אַ שפּיל אַנטקעגן זיי,
פון דעסטוועגן זאָל ער זיין שטאַרק גענוג און גלויביק
צו אויסהאַלטן, צו ניט אַרויסווייזן קיין סימן שרעק,
און ביזן לעצטן אָטעמצוג קיין איין געשריי ניט געבן.

איינער נאָר וואָס איוב האָט אים אין זינען איז יצחק. איידער איוב האָט זיך געטראָפן מיט אברהמען, און באַלד נאָך דעם ווי גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים אין די שטורעם־פייערן, האָט איוב פאַרנומען פון יצחקן קלאָרע און שאַרפע ווערטער וועגן דער נפקה־מינא צווישן גאָטס געשריי. יצחק האָט געזאָגט צו איובן:

...עפּעס ווערט מיר קלאָר און קלערער:
ווען גאָטס געשריי איז לויטער העליש פייער —
איז מענטשס געשריי נאָך אַלץ ניט מער ווי לייב-געשריי,
ניט מער ווי פלייש און בלוט און ווונד־געשריי.
ניט מער ווי פאַרשעמונג, זיידע.
די ווערטער מיינע זענען אויך צו מיר געווענדט.

יצחקס ווערטער געווענדט צו איובן און צו אים אַליין קלינגען ברוטאַל און מינדערווערטיק פאַרן מין מענטש, אפילו אין דער איצטיקער מדרגה פון אַנט־וויקלונג. און דווקא דורך דער געשטאַלט פון זיין שטן לאָזט לייוויק אַרויסדו־נערן פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער דערנידערונג פון מענטשלעכער ווערדע. אַ סימן אַז לייוויקן אַליין האָט אויפגעשוידערט די דאָזיקע דעפיניציע פון מענטשנס ווייגעשריי. פון אַלץ וואָס לייוויק מאָלט פאַר אונדז וועגן דעם, וואָס איז פאַר־געקומען אַרום איובן אונטער דער שליטה פון איובס דערשיטערנדיקן געשריי, ווערט קלאָר פאַרן לייענער פון אין די טעג פון איוב, אַז דער מחבר פון דער פּאָעטישער דראַמע איז ניט גאָר אין גאַנצן מסכים מיט יצחקס שאַרפער דעפי־ניציע פון מענטשס געשריי. לייוויק האָט געמוזט דערפילן, אַז פלייש-און בלוט־און ווונד־געשריי מוז טראָגן אין זיינע טיפעניש עפּעס פון גאָטס העלישן פייער, עפּעס פון גאָטס געשריי. ווי אַנדערש קאָנען דערקלערט ווערן די וויי־טערדיקע שפּיזיקע ווערטער פון שטן צו גאָט:

איך פרעג, ווייל כיזיץ איצט אויף דיין יונגער ערד
און כיקלאַפּ זיך מיט מיין שטערן אָן איר האַרטן שטיין.
דאָס מיינט דאָך, אַז איך קלאַפּ מיטן קאָפּ אָן ד י י ן פאַרהאַרטקייט.
איז וויל איך טאַקע דיך אַליין אַוועקרייסן פון זיך אַליין,
און וויל פונאַנדערפליקן אַלע דיינע אָנהאַלטן,
און כיוויל צעשטויבן אַלע דיינע ישן.
און אויב דו ווילסט דורכאויס ממשות און יסוד,
איז מיין באַגער געווען צו ברענגען דיר דאָס אמתע ממשות:
יסורים פון אַ לייב און הייסע קלעפּיקייט פון בלוט,
דו זאָלסט זיך איינטונקען מיט גאָר דיין אייביקייט אין זיי, —
ווייל וואָס קאָן זיין נאָך מער ממשותדיק ווי וווּנד, וואָס רייסט?

און דער שטן דערוועגט זיך צו פרעגן גאָט צי איז ניט אייביקייט אַליין צעשטויבטע ברעקלעך סוף. דער שטן „צעשטראַלט זיין מחשבה" אַזוי ווייט און שטאַרק, אַז ער דערלויבט זיך משער צו זיין, אַז די סיבה פון מענטשלעכע יסורים, די סיבה, למשל, פון „צודעקן אַ לעבעדיקן גוף מיט מאַטערדיקע וווּנדן" — ליגט אין דעם, וואָס דורך זיי מוז גאָט „מתקן זיין עפּעס פאַר זיין יונגער וועלט און ברענגען דורך דעם אַ תיקון אויך פאַר זיך". אַזאַ השערה איז מחייב אַ גאָר אינטימע שייכות צווישן גאָט און מענטש, צווישן גאָטס אייביקייט און דעם מענטשנס אַריינוועב אין איר אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן. און אויב דאָס זאָל זיין אמת וועגן מענטש בכלל, — איז עס אוודאי און אוודאי אמת וועגן דעם איוב, וואָס ווערט געגעבן אין ספר איוב !

דאָ האָבן מיר, קודם-כל, אַ געשריי פון איינעם וואָס זיין גייסטיקע גבורה, זיין פעסטע גאָט-גלייביקייט האָט מעגלעך געמאַכט פאַר אים, נאָכן פאַרלוסט פון אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט און נאָכן טויט פון זיינע קינדער, צו פּראָקלאַמירן בקול רם:

נאַקעט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין מוטערס לייב
און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין;
גאָט האָט געגעבן, און גאָט האָט צוגענומען,
געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פון גאָט.

דאָס איז — דאַרפן מיר געדענקען — דער לויב צו גאָט אין די טרויעריקסטע מאָמענטן פון אַ מענטשנס לעבן, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אויף אייביק אין האַרץ פון יידישן פאָלק. דורך די ווערטער: „יהוה נתן ויהוה לקח, יהי שם יהוה מברך" האָט דער תנכישער איוב פאַראייביקט און גאָטס נאָמען געהייליקט אין זכרון פון יידישן פאָלק.

און נאָך איין זאַך מוז דער לייענער פון לייוויקס פּאָעטישער דראַמע אין די טעג פון איוב אין זינען האָבן, כדי ריכטיק אָפּצושאַצן די דאָזיקע פּאָעמע,

אין וועלכער איוב פיגורירט בלויז ווי איינער פון די העלדן. ער מוז, לויטן לעגענדיק די דאָזיקע פּאָעטישע דראַמע, ניט אַרויסלאָזן פון זיין זכרון, אַז הגם לייוויק איז אויסן צו שילדערן פאַר אונדז דער עיקר וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אַרום איובן, אין די טעג פון איובן, און דערפאַר שטעלט ער די טראָפּ אויף אין די טעג, געשטאַלטיקט ער אָבער דאָך פאַר אונדז אַן איוב, וואָס האָט אַ שטאַרקע און אינטימע שייכות צום תנכ׳ישן איוב.

— 3 —

דער שטן באַשטייט, אַז ביידע, אי דער האַר באַשאַפער, אי איוב, האָבן פאַרלאָרן איבערגעבנדיק אין דער האַנט פון שטן אַלץ אין איובן אַחוץ זיין נפש.

דער שטן שטעלט פרעגן נאָך, איינע שאַרפער פאַר דער אַנדערער.

ער פרעגט:

צי קאָנסטו אַ געשעעניש פאַרוואַנדלען אין אַן אומגעשעעניש?
צי קאָן אַן איינגעשטילט געיאָמער אויפהערן צו זיין געיאָמער?
אַפילו ווען פאַרברענטע קינדער וואָלטן אויפגעלעבט צוריק —
צי קאָנען בטל ווערן די יסורים זייערע פון נעכטן,
בשעת זיי האָבן זיך געפּרעגלט אויפן פייער?
צי קאָנען אברים אויסגעהיילטע פון געשווירן
פאַרגעסן און פאַרגעבן די געוועזענע געשוואָלנקייט?
צי קאָן אַ מאָרגנליכט פאַרבייטן אויף אַן אמת
די אָנגעליטנקייטן פון אַ בלינדער פינצטערניש? — — —

די שאַרפקייט פון די דאָזיקע פראַגעס, וואָס אַלע אין איינעם גענומען שטעלן זיי צונויף די אייביקע לאָגיש אומפאַרענטפערלעכע פּראָבלעמען פון מענטשנס ליידן, האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דעם, אַז איוב אין זיין אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז ער איז ריין פון זינד און אומשולדיק קעגן מענטש און גאָט, זאָל ברעכן זיין שווייגעניש, אויפשטורעמען מיט פּראָטעסט און פאָדערן עקשנות־דיק גאָטס ענטפער און אַ משפט מיט אים.

די שפּיזיק שאַרפע פּראָבלעם פון פיין און ליידן, פון גוטס און שלעכטס און די שייכות צווישן דעם און דער פּראָבלעם פון גאָטס שטראָף און באַלוינונג פאַר די מעשים פון צדיק און רשע מאַכן איובן אויפציטערן פון דעם וואָרט נ ס י ו ן.

אויף יצחקס פראַגע: „צי זענען ניט צו מאָל אויך דיינע ליידן, דיין וואַל־גערן זיך דאָ אין חורבן, גאָטס נסיון? ענטפערט ער מיט כעס:

נסיון? — אויסגעפּרוווט זיין גלאָט אַזוי,
אָן זינד און אָן פאַרברעכן פון מיין צד?
אויך די נחמה איז פאַר מיר ניט קיין נחמה.
אויב ליידן — דאַרף איך וויסן קלאָר פאַר וואָס.
ווייל דיך געבוונדן האָט אַ טאַטנס האַנט.
און מיך — די האַנט פון גאָט אַליין.

דער דראַמאַטיקער רעוואָלט קעגן גאָט, די עקשנותדיקע פאָדערונג צו וויסן קלאָר, פאַר וואָס האָט זיך גאָטס האַנט אויף אים אַראָפּגעלאָזט, מאַכט איובס געשריי פאַר אַ סך מער ווי בלויז אַ לייב־פליש־בלוט־און וווּנד־געשריי. איובס געשריי איז דורכגענומען מיט גייסט און מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס קאָן ניט געמאָלט זיין אָן העלישן פייער פון געטלעכקייט.

עס טאָר אויך ניט פאַרגעסן ווערן אין דער דערמאָנונג פון איובס נאָמען, אַז דער תנכיש געשטאַלטיקטער איוב האָט בלויז אַ נ ג ע ה ו י ב ן זיינע טענות און זיין געשריי צו גאָט וועגן ז י י נ ע א י י ג ע נ ע פּלאָגענישן און אָנ־שיקענישן אויף אים. אין פאַרלויף אָבער פון גאָר אַ קורצער צייט טראָגט ער אַריבער זיין געשריי, זיינע טענות און מענות צום וועלטבאַשעפער אויפן מענטשן־גורל בכלל. איוב ווערט פאַרכאַפּט אין זיין פּראָטעסט צו גאָט מיט דער גאָט־מענטש־פּראָבלעם, מיט דעם גורל פון מענטשן און פעלקער. אין די דראַמאַטיקע שטעלן ווערט אין שיינקייט און שטאַרקייט פון אויסדרוק דערגרייכט אַ הויכפּונקט, וואָס שטייגט איבער אפשר אַלץ וואָס איז ביז איצט געשאַפן גע־וואָרן אין דער וועלט־ליטעראַטור. זיין אייגענע פּראָבלעם ווערט פאַר אים, און דורך אים, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט אַ מענטש־גאָט־און וועלט־פּראָבלעם.

ער הייבט אָן מיט דעם אויסגעשריי:

אונטערגיין זאָל דער טאָג,
וואָס איך בין אין אים געבוירן געוואָרן,
און די נאַכט וואָס האָט אָנגעזאָגט:
אַז אַ יינגל איז אָנטפאַנגען געוואָרן.

נאָך דעם קומען די פראַגעס:

פאַר וואָס בין איך ניט פון טראַכט געשטאָרבן?
אַרויס פון לייב און פאַרגאַנגען?
הלמאי האָבן מיך קני צוגענומען?
און נאָך וואָס בריסט, איך זאָל זייגן?

באַלד אָבער ווערט איוב, צוליב טיפקייט און הויכקייט פון זיין פּערזענ־

לעבקייט, אוועקגעריסן פון זיך אליין, ער ווער ניט בלויז דער אדם קרוב לעצמו. ער ווערט דער מענטש, וועמען אלע ליידנדיקע זענען נאענט.

און ער טענהט:

פאר וואס גיט ער ליכט דעם וואס מאטערט זיך
און לעבן די פארביטערטע אין געמיט?
די וואס הארן אויפן טויט, און ער קומט ניט
און זיי אקערן נאך אים מער ווי נאך אוצרות.

ער קלאגט אויף דעם וואס:

דער מענטש, געבארן פון א פרוי,
האט קורצע טעג און זאט פארדראס,
ווי א בלום קומט ער ארויס און ווערט פארשניטן.

איובן פארדריסט פאר וואס דער בוים איז מער פריווילעגירט פאר דעם מענטשן.

ווארעם פאר א בוים איז דא א האפענונג,
אז ער ווערט אפגעשניטן, באנייט ער זיך ווידער
און זיין שפראץ הערט ניט אויף.

אבער א מאן שטארבט און פאלט אוועק,
און פארגאנגען דער מענטש, און וו איז ער?

א תל געמאכט האסטו פון מענטשנס האפן,
אייביק באוויזטו אויף אים דיין גוואלט
און ער דערגייט!

די דאזיקע אויסצוגן פון ספר איוב, וואס זענען בלויז א קליינער טייל פון גאר א סך ענלעכע ווענדונגען פון איובן צו גאט, שטעלן פעסט, אז איוב האט „דערבליקט אין זיין פערזענלעכן פאל דעם גורל פון דעם מענטשן איבערהויפט, און זיין נשמה איז אויפגעציטערט געווארן פון דעם שוידערלעכן אמת, וואס האט זיך פלוצלונג אנטפלעקט פאר זיינע אויגן. ער האט אין זיך דערפילט ניט דעם איוב, דעם באשטימטן ליידנדיקן יחיד, נאר דעם מענטשן, דאס שפילכעלע אין די הענט פון דער אלוועלטלעכער מאכט?" (זשיטלאווסקי).

איובס שטארקע פערזענלעכקייט האט אבער ניט געקאנט משלים זיין מיט דעם, אז דער מענטש זאל זיך פילן ווי בלויז א שפילכעלע אין די הענט פון ווע־

מען עס זאָל ניט זיין. קיינער פון די העלדן אין דער וועלט-ליטעראַטור האָט ניט פּראָטעסטירט אַזוי שטאַרק ווי איוב קעגן דעם מענטשנס פּילן זיך כחומר ביד היוצר. איוב האָט געפּילט, אַז ניט געקוקט אויף דער אומפאַרמיידלעכקייט פון מענטשנס גורל זענען דאָך פאַראַן ספערן, וווּ דער מענטש קאָן דורכזעצן זיין ווילן, כל־זמן ער לעבט און איז באַוווּסטזיניק אויף זיין עקסיסטענץ ווי אַ פּער־זענלעכקייט אין גאַנצן גרויער וועלט.

עס איז דער דאָזיקער באַוווּסטזיין וואָס טרייבט איובן אויסצושרייען:

מעג זיין וואָס, איך וועל נעמען מיין פלייש און מיינע ציין
און מיין לעבן וועל איך איינשטעלן אין מיין האַנט.
אָט וועט ער מיך טייטן — איך ריכט זיך אויף אים,
אָבער מיינע וועגן וועל איך אויפווייזן פאַר אים.

עס איז העכסט פּסיכאָלאָגיש פאַר אַ פּערזענלעכקייט, וואָס גלייבט אין דער עקסיסטענץ פון אַ גאָט וואָס פירט די וועלט, צו געשטאַלטיקן אים, לפּחות אין גע־וויסע מאָמענטן פון שטאַרקע און טיפע איבערלעבונגען, — ווי אַ העכסט גראַ־דיקע אוניווערסאַלע פּערזענלעכקייט. אין אַזעלכע מאָמענטן טראָגן עס איובס טענות צו גאָט דעם כאַראַקטער פון אויפפאָדערונגען מצד איין פּערזענלעכקייט — אַ קלענערע אין גראַדן — צו דער איינציקער און העכסטער פּערזענלעכקייט אין קאָסמאָס. און ווען איוב שרייט אויס צו זיינע פריינד:

דרום זאָלט איר וויסן, אַז אַ משפּט איז פאַראַן!

מיינט ער, נאַטירלעך, ניט נאָר משפּט צווישן גאָט און איוב, נאָר צווישן גאָט און מענטש בכלל. ווער עס פאָדערט משפּט צווישן זיך און גאָט, דער מוז זיך פילן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. ער מוז פילן אַ געוויסע מעגלעכ־קייט צו משפּיע זיין, אויף אַ געוויסן אופן, די שייכותן צווישן מענטש, וועלט און גאָט. מיט דעם דערקלערט זיך פאַר וואָס לייוויק לאָזט דעם שטן צו דערהערן אין גאַנצן קול די ווערטער:

איך לאָז דיך פריי אַרומגיין צווישן מענטשן
און אויך אַריינדרינגען אין טיפעניש פון זייער האַרץ,
ווי פריי איך לאָז דעם מענטש אַליין אין זיינע וועגן,
ווען פאַר זיין שיין פלעג איך גיין אין דער פינצטער.
און ער אַליין זאָל דיך אין זיך דערקענען,
און ער אַליין זאָל זיך פון דיר באַפרייען.

— 4 —

אַן אָפּשאַצונג פון דער תנכישער איוב־געשטאַלט פאָדערט, אַז איוב זאָל אויפגענומען ווערן אין ליכט פון זיין גייסט־שטאַרקייט ביז צום מאָמענט, ווען זיין העראָישע שטילשווייגעניש האָט געפּלאַצט, און אויך אין ליכט פון זיין העלדישן רעוואָלט, ניט נאָר אין זיין אייגענעם נאָמען נאָר אין נאָמען פון מענטש בכלל. אַזאַ אַריינבליק אין דעם גייסט פון דעם העלד פון ספר איוב ברענגט מיט זיך די איבערצייגונג, אַז איוב ניט די געשרייען און אויפברויזן פון אַ ל ע מענטשן, זענען פאַראַן לפּחות נשמה־צאַפּלענישן און צעטרייסלונגען פון ג ע ו ו י ס ע מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך אַ העליש פייער. אײנער אַזאַ געשריי איז געווען איובס געשריי.

אָט דער כוח וואָס איז געלעגן אין איובס העליש פייער־געשריי האָט עס, גלייב איך, צעפלאַמט די פאַנטאַזיע פון מחבר פון אין די טעג פון איוב, צו מאָלן אויף אַ סימבאָליש־מיסטישן אופן די איבערקערענישן אין דער נאַטור און די פאַרוואַנדלונגען אין לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס איובס געיאָמער האָט אַרויסגערופן.

איוב איז — ווי לייוויק לאָזט גאָטס קול זאָגן דעם שטן — נאָך ניט אויס־דערוויילט באַגלייך מיט אברהמען און יצחקן. איוב האָט ניט געקאָנט ווי יצחק אַריבערטראָגן דעם נסיון פון אָנהייב ביזן סוף אין שטילשווייגעניש. לייוויק אָבער האָט זיך געמוזט דערמאָנען, אַז איוב איז דער וואָס האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַז מורא פאַר גאָט דאָס איז חכמה און זיך אָפּ־קערן פון שלעכטס איז פאַרשטענדיקייט. אים האָט אפשר אויך אַן עגבער גע־טאָן פון צייט צו צייט די פראַגע, וואָס אַ סך פון די לייענער פון זיין דראַמאַ־טישער פּאָעמע וועלן זיכער פרעגן: אפשר איז גאָר אַ סך גרינגער אַריבערצו־טראָגן אין שטומקייט די שרעק פון אַ חלף אויבן האַלדז אָדער די שאַרפע פיי־נען און ווייטיקן פון אַ קרעץ־צעפרעסענעם קערפּער? עס איז דאָך פאַראַן אַ וועלט מיט אמת אין דעם פאָלקסאויסדריק „אויס מענטש" לגבי איינעם וואָס איז מסוכן קראַנק. אין מאָמענטן פון שרעק, ווי אין די מאָמענטן פון טיפסטן צער, קאָן נאָך זייער אָפט דער מענטש בלייבן מענטש און די שטאַרקייט פון דער פּערזענלעכקייט קאָן אונטערדריקן און קאָנטראָלירן אויסערלעכע מאַניפעס־טאַציעס אָדער היסטערישע אויסבראָכן. דאָס ווערט אָבער אָפט ניט מער מעגלעך פאַר קיין שום מענטשן, ווען קראַמפּן פון גוף, קראַמפּן וואָס שניידן ווי מעסער, פאַרשלינגען דעם גייסט און איבערוועלטיקן דעם ווילן און די ווערדע פון מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. איובס גבורה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס באַלד נאָך די ערשטע אויסבראָכן פון שילטן דעם טאָג פון זיין געבוירן ווערן און די נאַכט וואָס האָט ניט פאַרשלאָסן די טירן פון זיין מוטערס טראַכט, קומט ער צו זיך, איז גובר זיין צעפּלענעם און עקלדיקן גוף. זיינע אויסבראָכן און געשרייען קריסטאַליזירן זיך אויס אין שאַרף לאָגישע און טיף קינסטלעריש־פילאָסאָפישע

געדאַנקען און וויכוחים מיט זיינע פריינד און מיט פראַגעס צו גאָט, וואָס זע־נען עד־היום נאָך געבליבן אומפאַרענטפערלעך דורכן מענטשלעכן שכל.

וואָס העכער און וואָס שטאַרקער עס וואַקסט אויס אין אונדזערע אויגן די תנכישע געשטאַלט פון איוב, אַלץ אָריגינעלער דערשיינט פאַר אונדז לייוויקס אַנטפּלעקונג פון איובס עטישער שוואַכקייט. אַזוי דעם געביט פון עטיק קאָן לייוויקס באַשולדיקונגס־אַקט קעגן איובן ניט אָפּגעפרעגט ווערן. דאָס איז אָבער נאָר דערפאַר, ווייל לייוויקס וויזיע האָט זיך דערהויבן צו אַ מענטשלעכער עטיק, וואָס גרענעצט זיך מיט איבערמענטשלעכקייט. אין ליכט פון אַזאַ אחרית הימים־דיקער עטיק האָט איוב דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן, און דאָס האָט גע־פירט צום געבורט פון דער פּאָעטיש־דראַמאַטישער דראַמע אין די טעג פון איוב.

איוב האָט געזינדיקט מיט דעם וואָס ער האָט זיין פּראָטעסט וועגן מענטש־לעכע ליידן אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען ער אַ ל י י ן איז שווער גע־טראָפן געוואָרן פון דער צרעת. די לאַנג־יאָריקע ליידן פון די מצורעים זענען פאַרביי־געגאַנגען אומבאַמערקט אויך פאַר אים. ער איז אין דעם פּרט געווען, ווי מענטשן זענען בכלל, דער אדם קרוב לעצמו. אין דעם זינען איז לייוויקס איבערגעשטאַלטונג פון תנכישן איוב אַן אָריגענעלע המצאה.

אין זיין ליד מ י י ן ת פ י ל ה צ ו ד י ר, ב א ש א פ ע ר בעט לייוויק גאָט ער זאָל אים באַשערן צו זיין אַ „צר צורה בתוך צורה" — אַ גע־שטאַלטיקער פון אַ געשטאַלט אין אַ געשטאַלט — מיט נאָר איין קליינער שורה. אַ געשטאַלט אין אַ געשטאַלט — ער האָט אָבער שוין געשאַפן, הגם מיט אַ סך מער ווי איין שורה, פיר „געשטאַלטן אין געשטאַלטן" דאָס זענען די פיר צענ־טראַלע העלדן — דער שטן, אברהם, יצחק און איוב — אין דער פּאָעטישער דראַמע אין די טעג פון איוב. די צענטראַלסטע געשטאַלט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דער דראַמע, איז לייוויקס איוב־געשטאַלט אין דער תנכישער איוב־געשטאַלט.

דער שליסל צו לייוויקס איוב־געשטאַלט זענען גאָטס ווערטער צום שטן: „דער מאַן פון עוץ איז נ אָ ך נ י ט א ו י ס ד ע ר ו ו י י ל ט", דאָס מיינט איוב איז ניט אויסדערוויילט באַגלייך מיט די אבות. די זכיה אָבער צו בלייבן אויף אייביק דער העלד פון ספר איוב איז ניט געגעבן געוואָרן יעדן מענטשן. דאָס איז אַ הויכע און זעלטענע אויסדערווײלטקייט. דער גרונט פאַר דער דאָזי־קער אויסדערווײלטקייט איז נאַטירלעך איובס טיפקייט און רייכקייט פון גייסט, זיין מעכטיקע און הויך־טורעמדיקע פּערזענלעכקייט, וואָס איז אויך דורכגע־נומען מיט אַ הויכער עטיק, הגם בלויז אין די ראַמען פון מענטשלעכער עטיק. די דאָזיקע אַלע שטריכן פון תנכישן איוב קומען צום אויסדרוק אין די רייד, וואָס זענען איינגעקריצט געוואָרן אין דער אייביקייט. איוב פרעגט שטו־רעמדיק:

ווער מאַכט מיך אַזוי ווי אין די חדשים פון אַמאָל,
ווי אין די טעג וואָס גאָט האָט מיך אָפּגעהיט!
ווען זיין ליכט האָט געשיינט איבער מיין קאָפּ,
ווען פאַר זיין שיין פלעג איך גיין אין דער פינצטער.
אַזוי ווי איך בין געווען אין די טעג פון מיין יוגנט,
ווען די פאַרטרויטקייט פון גאָט איז געווען אויף מיין געצעלט;
ווען דער אַלמאַכטיקער איז נאָך געווען מיט מיר.

און דאָ דערציילט אונדז איוב ווי הויך ער איז געהאַלטן געוואָרן אין דער צייט, ווען ער האָט נושארחן געווען אין גאָטס אויגן, וויפל כבוד עס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פון יונגע און אַלטע, פון רייכע און אָרעמע און אַלץ דער־פאַר ווייל ער פלעגט ראַטעווען דעם אָרעמאַן וואָס האָט געשריען, און דעם יתום וואָס האָט ניט קיין העלפער. די אומגליקלעכע פלעגן אים בענטשן און דער־פרייען פלעגט ער דער אלמנהס האַרץ. און איוב רופט אויס שטאָלץ:

איך האָב אָנגעטאָן רעכטפאַרטיקייט און זי האָט מיך אָנגעטאָן
ווי אַ מאַנטל, און אַ הויב איז געווען מיין גערעכטיקייט.

מיט דער פולסטער זיכערקייט אין דער טיפקייט און גרויסקייט פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט, אין זיין קלוגשאַפט און השפעה אויף די אַלערליי מענטשן, וואָס ער איז געקומען מיט זיי אין באַריר, דערקלערט ער מוטיק און שטאָלץ פאַר זיינע פריינד:

אויגן בין איך געווען פאַרן בלינדן
און פיס פאַרן הינקעדיקן בין איך געווען.
איך בין געווען אַ פאָטער פאַר די באַדאַרפטיקע
און דעם מישפט פון דעם וואָס איך האָב ניט געקענט
פלעג איך אויספאָרשן.

און פלעג זיצן אויבנאָן
און רוען ווי אַ מלך צווישן חיל,
ווי דער וואָס טוט טרויער טרייסטן.

ערשט ווען מען דערגרונטעוועט זיך צו דער מאַיעסטעטישקייט פון דער פערזענלעכקייט פון דעם תנכישן איוב, ניט אַרויסלאָזנדיק פון אויג אויך איר סאָציאַל־עטישן באַנעם, הייבן זיך אָן ליינען אויפן געמיט און אויפן שכל פון לייענער לייוויקס פאַנטאַסטיש־סימבאָלישע און מיסטישע בילדער וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אַרום דעם מאַן פון עוץ, בעת זיין קללה־געיאָמער האָט אויסגעבראָכן.

— 5 —

„דער געיאָמער — שרייבט ליוויק — נעמט וואקסן אין אַן אומגעהייערע שטימונג, און אַלץ אַרום אין דער נאַטור נעמט זיך משונהדיק ענדערן. שטיקער פינצטערניש נעמען זיך טראָגן איבערן הימל, צעפּליקן די פאַרגייענדיקע זון אויף גרוילִיקע אויפבליצן, וואָס לעשן זיך גלייך אויס. אַ ווינטשטורעם הייבט אָן ווילדעווען איבער אַלע שטחים, ביימער נעמען זיך ברעכן, זעמדער דרייען זיך אין וויכערדיקע זיילן, אַזוי ווי אַלץ אין דער נאַטור וואָלט זיך נעמען איבערקערן".

ליוויקס איוב־געשטאַלט איז אַריינגעוועבט אין דער געשטאַלט פון תנכישן איוב — אַנדערש וואָלט ליוויקס קינסטלער־דיכטערישע אינטויציע אים ניט דערלויבט אָפּצוגעבן דאָס גאַנצע דריטע בילד פון די זיבן בילדער אין זיין פּאָעטישער דראַמע דער באַשרייבונג פון אומנאַטירלעכע און איבערנאַטירלעכע געשעענישן אין דער נאַטור, ווי אַן ענטפער אויף דעם קללה־געיאָמער פון דעם מאַן פון עוץ מיטן נאָמען איוב.

די איבערקערענישן אין דעם וועלט־סדר, וואָס זענען אַ פועל־יוצא פון איובס געיאָמער, פירן דערצו, אַז חיות זאָלן אָנהייבן ריידן מיטן מענטשנס לשון און מענטשן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין חיות. אויך די אומבאַלעבטע נאַטור הייבט אָן צו פונקציאָנירן אַנדערש ווי געוויינטלעך.

איובס פריינד אליפז, צופר און בלדד ריידן צו איובן מיט פאַרדראָס און שרעק וועגן דעם איבערקער אין דעם גאַנג פון דער וועלט, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיין מער ווי בלויז מענטשלעכן געיאָמער. צום עולם, וואָס איז אָנגעקומען צו זען איובן נאָך דעם ווי זיין אַרויסגעדונערטער געשריי האָט דערגרייכט זייערע אויערן — זאָגט אליפז:

די רייד פון אונדזער ליידנדיקן פריינד
פאַרמאָגן אַזאַ קראַפט אין זיך, ווייזט אויס,
וואָס דרינגט אַדורך פאַרצאַמונגען און ווייטקייטן
וואָס ווייטער — אַלץ מער שליטהדיק און מעכטיק,
און טרייסלט אויף און קערט אַלץ איבער:
אַ קראַפט וואָס מיר די נאָענטע קאָנען קוים.

און בלדד גיט צו:

זיין קול האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן סדר פון דער וועלט.

און צו איובן זאָגט צופר:

דעם גאַנצן סדר פון דער וועלט האָסטו צעשטערט.
דורך דיינע קולות איז אין מענטשן אַריין אַ ווילדער רוח
און אויך אין פי, און אויך אין חיות

און בלדד גיט ווידער צו:

און אויך אין ווייַנגאָרטן און אויך אין ברונעמער,
און פייגלען זאַמלען זיך אין גרויסע מחנות
און חיות נעמען ריידן פונקט ווי מענטשן.
און דעקן אַלע פעלדער צו ווי היישעריקן,
אפילו שפּעטן עפּעס פונאַנדער גרויסע מיילער,
אפילו טויטע, זאָגט מען, שטייען אויף און טענהן.

און צופר האַלט אָן ווייטער און זאָגט:

פון אייַנרייַדעניש, פון פאַלשע צונגען —
און גרעסערע נאָך פון אַלע שרעקן איז די שרעק
ווי מענטשן ווערן גאָר אין שלענג מגולגל,
און וועלף — אין אייזלען און אין שוואַרצע ציגן.

און אליפז שרייט אויס:

און שרעקלעכער פון אַלץ איז אָט די אָנזאַמלונג
פון מענטשן־אָפּפאַל דאָ אַרום די פעלדער דייַנע;
פאַר זיי ווערסטו באַזונדער בלייַבן שולדיק,
ווייל אַלע ליגן זיי און וואַרטן און דערוואַרטן עפּעס
פון דיר און פון דייַן צאָרן־יאָמער! —

און אויך יצחק זאָגט צו איובן:

דייַן קרעכץ צעטרייסלט די יסודות פון דער וועלט!

אויף אַ פאַנטאַסטיש־סימבאָלישן און מיסטיש־מיסטעריעזן אופן וועקט אין אונדז לייוויק אויף די הרגשה, אַז אומבאַגרענעצט זענען די מעגלעכקייטן פון אַ מעכטיקער מענטש־פערזענלעכקייט צו באַווירקן, דורך פּראָטעסט און רעוואָלט, דורך אייַנשטעל און קאַמף, דעם גאַנג פון דער וועלט און די פּראָצעסן פון איר אַנטוויקלונג. מיר דערפילן אין די קינסטלערישע פאַנטאַסטיש־שטורעמדיקע בילדער פון אַ פלאַצעדיקער און מאָמענטאַלער איבערגעשטאַלטונג פון דער נאַטור אין אַ מין איבער־נאַטור — אַן אָנווונק אויף דעם, אַז אַלץ וואָס זעט אויס איצט צו זייַן אוממעגלעך און אומרעאַל קאָן אין פאַרלויף פון דער צייט — צום „סוף פון די טעג" — ווערן רעאַל. אַלץ וואָס זעט איצט טייל מאָל אויס איבערנאַטירלעך וועט אין דער צוקונפט באַטראַכט ווערן און אויפגענומען ווערן ווי נאַטירלעך. די נאַטור, לויט בערגסאָנען, דוויערט, ד"ה זי בייט זיך אין איכות און כמות, שאַפט זיך אומאויפהערלעך פון דאָס ניי דורך דעם אימפּעט פון גייסט וואָס רייסט זיך אַדורך דורך איר. דאָס איז דער זינען פון גאָטס ווערטער צום שטן:

וויליאַם גאָטאָנסאָן

איך האָב געלאָזט דעם מענטשן אַ פרייען אין זיינע וועגן.

פאַר דעם פרייען מענטשן, פאַר דעם ווילן וואָס ברויזט אין אים קאָנען ניט זיין קיין גרענעצן, דער עיקר ווען אונטער מענטש ווערט פאַרשטאַנען ניט נאָר דער י ח י ד אין לויף פון זיין לעבן, נאָר דער מ י ן מענטש וואָס וועט דויערן עד לאין סוף. דער מענטש וואָס פילט זיך פולשטענדיק פריי אויסצודריקן זיין ווילן, מוז זיך אין געוויסע מאָמענטן פילן אַריינגעוועבט אין גאָט.

דער דאָזיקער בליק אויף דער שייכות צווישן מענטש און גאָט דערקלערט דעם שטנס ווערטער צו איובן, ווען ער טרעפט זיך מיט אים צום לעצטן מאָל.

דער שטן דערקענט איובן, איוב דערקענט ניט דעם שטן. זאָגט דער שטן צו איובן: „מיין נאָמען איז ניט וויכטיק".

וואָס שטייט דער האַר און מאַכט פאַר זיך אַ צייכן
דורך זיינע ווייסע הענט פאַרהייבענע צום אָוונטשיין? —
וואָס וויל דער האַר מיט זיינע הענט דערגרייכן,
ווען אַלע פאַלדן פון זיין קלייד אין ווינט צעפליען?
וואָס וויל דער פלאַטער פון זיין קלייד? — צי מיינט דער האַר,
אַז אַך זאָל פאַלן אויף די קני פאַר אים צו קניען?
צי מיינט דער האַר, אַז גאָט אַליין זאָל פאַלן אויף די קני פאַר אים?
וואָס זע איך אין דעם קוק פון זיינע פייער־אויגן?
צי זע איך טויט אין זיי? צי זע איך גאָט אין זיי?
צי זע איך זיך אין זיי? — צי אפשר אַלץ אינאיינעם?

אין די דאָזיקע ווערטער פון שטן ווערט קורץ און שאַרף כאַראַקטעריזירט די תנכישע איוב־געשטאַלט. די אויסדרוקפולע שטאָלצקייט און זעלבסטווערדע פון איובס מעכטיקער פערזענלעכקייט, וואָס האָט דורכגעמאַכט גהינומשע ליידן און מוטיק געפאָדערט מישפּט מיט גאָט אַליין, רופט אַרויס ביים שטן אַ חשד אַז איוב מיינט אַז אי דער שטן, אי גאָט דאַרפן אָנערקענען זיין גרויסקייט און זיין מאַכט. אין איובס ברענענדיקע אויגן דערזעט דער שטן די שיין פון גאָט. האָט דאָך טאַקע איוב צום סוף פון זיין קאַמף מיט גאָט דערזען גאָט מיט זיין אויג. אויף וויפל דער מענטש אָבער טראָגט אין זיך אויך די חיה, דערזעט דער שטן אויך זיך אין אים. דאָס וואָס דער שטן האָט דערזען אויך טויט אין איובס אויגן דערקלערט זיך מן־הסתם דערמיט, וואָס איוב האָט קיין מאָל ניט געקאָנט אויפנעמען דעם טויט ווי אברהם און יצחק האָבן אים אויפגענומען. טויט און לעבן איז קיין מאָל ניט אויפגענומען געוואָרן פון איובן ווי אַ סינטעז פון אַ העכערער עקסיסטענץ, וואָס ווערט אַריינגעוועבט אין דער אייביקייט. איוב האָט טענות צו גאָט „פאַר וואָס זיינע טעג זענען פלינקער פון אַ וועבשטול, ווערן

פאַרלענדט אָן האָפענונג און דער וואָס נידערט אין אונטערערד וועט ניט אויפ־קומען, ער ווערט פאַרלענדט און פאַרגייט ווי אַ וואָלקן".

„דער מענטש — שרייט איוב אוים — ליגט זיך און שטייט ניט אויף".

איובס צוגאַנג צום טויט האָט דער שטן דערבליקט אין קוק פון איובס פייראויגן. טויט, ווי דער פינאַל פון מענטשנס זיין אויף דער וועלט, האָט ארויסגעקוקט פון זיינע אויגן. אברהם און יצחק זענען ביידע געווען פעסט אָנגעשלאָסן אין אַלטן גלויבן, און לעבן אנשטאט טויט האָט געמוזט ארויסלייכטן פון זייערע אויגן. לייוויק האָט געמוזט זיך שטארק אריינלעבן אין אַלטן גלויבן, אינטויטיוו־פילאָסאָפיש אריינדרינגען אין אים, און אויף איין רגע כאָטש אים איבערלעבן, כדי דורך די רייד פון אברהמען צו יצחקן אונדז געבן דעם קוואַל, וואָס פון אים קאָן ארויסשלאָגן, „אַ קינסטלעריש רויקע, אַן עסטעטישע צופרידנקייט מיטן טויט" (זשיטלאָווסקי).

אברהם זאָגט צו יצחקן.

שוין צייט דעם גורל פון לייב צו בטל מאַכן, יצחק, —
אַפילו ווען דו ביסט פאַרכאַפּט פון יענע גורל־געשרייען,
וואָס האָבן זיך אַהער דערטראָגן נעכטן אָוונט.
דאָס זאָגט דיר איצט פאַרטאָג דיין אַלטער פאָטער,
און דו פאַרנעם אָן כעס זיינע ווערטער.
איך לייג צו דיינע פיס אַוועק מיין טיפע זיקנה.
און וויפל פחד פון נסיון דו האָסט ניט פאַרזוכט שוין,
באַדאַרף עס זיין ניט מער נאָר ווי אַ צוגרייטונג
פאַר נאָך נסיונות אין די שפּעטערדיקע טעג.

און ווען יצחק פרעגט איבער דאָס מיינט: „פאַר נאָך עקידות?" ענטפערט אברהם:

יאָ, פאַר נאָך עקידות.
באַדאַרפסט זיין גרייט, מיין זון, אַן אויסדערוויילטער ביסטו.
גאָטס ברכה רוט אויף דיר, זאָלסט וויסן זיין.
און נאָך מער זאָלסטו וויסן, אַז דער חסד פון באַשאַף
איז אויך אין טויט פאַראַן, ווייל טויט אַליין
איז גאָטס יצירה. און אַזוי איז אויך די פּיין,
ניט מינער פון דער פרייד, אַ שיין פון גאָטס אַנטפּלעקונג;
און ווייסטו וו עס ליגט דאָס האַרץ פון חסד?
אין אייביקער געגרייטקייט צו נסיון.

די דאָזיקע שורות האָט לייוויק געמוזט שרייבן, ווען ער האָט אויף איין אויגנבליק דערפילט — ווי ער שרייבט אין זיין בריוו צו מיר — „אַ צונויפגאָס מיט דער וועלטס יצירה".

נאָר אין מאָמענטן פון אַזאַ גייסט־שטייגערונג בכלל האָבן געקאָנט באַשאַפן ווערן ל י י ו ו י ק ס אברהם־ און יצחק־געשטאַלטן אין די אברהם־יצחק־חומש־געשטאַלטן.

אברהמס גלויבן, וואָס ער וויל איבערגעבן בירושה צו יצחקן, אַז טויט אַליין איז גאָטס יצירה און דערפאַר איז אין אים פאַראַן דער חסד פון גאָטס באַשאַף, דערקלערט פאַר וואָס דער שטן האָט ניט געקאָנט האָבן קיין שליטה ניט אויף אברהמען און ניט אויף זיין יצחקן. וואָלט דער שטן געהאַט די געלעגנהייט אַ קוק צו טאָן אין אברהמס אויגן, וואָלט ער ניט נאָר דערזען גאָט אין זיינע אויגן, נאָר ער וואָלט אויך דערפילט אין אברהמען אַ ל י ב ע און אַ ג ל ו י ב ן אין גאָטס אָנפיר פון קאָסמאָס, וואָס טאָר פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט ווערן, און דערפאַר דאַרף אַלץ וואָס באַפאַלט דעם מענטשן אָנגענומען ווערן באהבה. ג ר י י ט ק י י ט צו נסיונות דאַרף העלפן זיי אויסצושטיין און זיי אויפנעמען ווי שטיינער וואָס שאַרפן, ווי עס ווערן מעסערס געשאַרפט, דעם מענטשנס גייסט, לייטערן און דערהויבן אים און עפענען די טויערן פון דער געטלעכקייט פאַר אים. אַזאַ ליבע צו גאָט און אַזאַ גלויבן אין זיין אַלקלוגשאַפט און אַלוויסן און אין זיין פירן די וועלט אין די וועגן פון אַבסאָלוטער קאָסמישער האַרמאָניע, האָט איוב ניט פאַרמאָגט און דערפאַר האָט ער אַ לאַנגע צייט זיך דערוועגט אָפּצופרעגן די שכלדיקייט און גערעכטיקייט פון גאָטס השגחה. ער האָט ניט געוואָלט שטיין פאַר נסיונות, ער האָט ניט געוואָלט געבוטן ווערן ווי יצחק פון גאָטס האַנט בלויז צוליב נסיון. אויב לידן, דאַרף ער וויסן ק ל אָ ר פאַר וואָס ער לײַדט.

— 6 —

איידער איוב האָט דערזען גאָט, אָנשטאָט בלויז צו הערן וועגן אים, האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין יצחקס ווערטער צו אים, אַז „גיין צו דער עקדה איז אַ נסיון", ער האָט ניט געקאָנט איינזען, ווי אַזוי יצחק האָט געקאָנט וויינען און טרויערן איבער דעם פּלוצעמדיקן שטאַרבן פון זיין מאַמע שרה, און אין דער זעלביקער צייט פילן דעם אָנריר פון גאָטס פליגל אויף זיין פנים. אים איז געוועזן פרעמד דער באַזונדערער נחת־רוח־געפיל, וואָס קוואַלט אַרויס פון דער זעליקייט, וואָס פילט אָן דעם מענטשנס גייסט אַמאָל, דווקא אין מאָמענטן, ווען די נשמה ווערט פאַרזונקען אין שווערסטן און טיפסטן טרויער. דאָס איז אין דעם מאָמענט, ווען די נשמה דערפילט זיך, אויף אַן אומדערקלערלעכן און אייבערשכלדיקן אופן, אָנגעקניפּט אין דער וועלט נשמה, און די אייביקייט שלינגט איין צייט און רוים. יצחק האָט יאָ געקאָנט איבערלעבן אַזעלכע געפילן, זיין נשמה איז געוועזן מסוגל אויפצונעמען און דערפילן דעם זינען פון אברהמס ווערטער, בעת ער האָט אָוועקגעלייגט צו זיינע פיס זיין טיפע זיקנה און געזאָגט צו אים:

גאָטס פליגל שוועבן איבער אונדז, מיין זון,
און ווערטער, וואָס ער לייגט אַרויף אויף אונדזער צונג,
באַדאַרפן ברענגען פרייד פאַר אונדזער האַרץ.
אַנטקעגן ווערטער פון פאַרביטערונג און קללה
גייט אויף דאָס וואָרט פון ברכה און פון רו

דאָס דערפילן און באַנעמען די אייביקייט ווי איין איינציקע איינהייט, ווי א צונויפגאָס פון פולגעשטאַלטיקייטן אין איין איין אַרומנעמענדיקער געשטאַלט, וואָס דריקט זיך אויס אין כלעריי טיפעמען פון טעזן און אַנטיטעזן — איז דער קינסטלעריש־פילאָסאָפישער הויכפּונקט פון אין די טעג פון איוב. דער דאָזיקער גאָט־וועלט־באַנעם באַהערשט לייוויקס אברהם־יצחק־געשטאַלטן.

טויט ווי לעבן, פיין ווי פרייד, פאַרביטערונג און קללה ווי רו און ברכה זענען אַלע שיין פון גאָטס אַנטפּלעקונג.

די אָ שיין פון דער געטלעכקייט לאָזט יצחקס אויער דערהערן אַ קול, וואָס רעדט צו אים אַזוי צו זאָגן:

זיי גרייט אַריינצוגיין אויף אייביק אין אַ פינצטערניש,
כדי עס זאָל אין דיר אויף אייביק בלייבן
דאָס ליכט פון יענעם פייער אויפן באַרג מוריה.

דאָס דאָזיקע ליכט דערקלערט פאַר וואָס אין אַ צייט ווען די וועלט ווערט אויפגעשטורעמט, ווען אירע יסודות ווערן צעטרייסלט פון איובס קרעכצן, ווערט גאָר יצחק פלוצלונג אַרומגענומען פון אַ חלום־פייער, און ער דערזעט אַ פּרוי — זיין כלה רבקה. ער שמייעקט אויס זיינע הענט איבער דער ערד און ווערט אין גאַנצן פאַרכאַפּט פון דער זעונג, ווי אַזוי רבקה און אליעזר רייטן אויף זייערע קעמלען דורכן מדבר, רייטן אַנטקעגן אים. יצחק און רבקה (סימבאָליזירט פון לייוויקן דורך געשטאַלטן) טרעפן זיך פּנים־אל־פּנים. אברהם האָט זיך דערוועגט, ווי מיר האָבן געזען, פּראָטעסטירן יצחקן מער נסיונות, מער עקידות ווי אַן אייביקע גרייטקייט צו זיי, ווייל דאָס איז דער גורל פון אַן אויסדערוויילטן פון גאָט. אויך יצחק זיין זון נעמט זיך אָן מיט מוט און גרייט צו רבקהס האַרץ צו פיינען וואָס דאַרפן ערשט קומען.

יצחק זאָגט צו רבקהן:

ניט פייניקן דיין האַרץ איז מיין כוונה,
נאָר גראָד פאַרקערט — דאָס האַרץ דיר גרייט מאַכן
פאַר פיין וואָס דאַרף ערשט קומען, און דורך דעם
אויך גרייט מאַכן פאַר דיר די ל ו י ט ע ר ק י י ט פון פיין.

לויטערקייט פון פיין איז איינער פון די מאָטיוון פון לייוויקס דראַמאַטישער

פּאָעמע. און דערפאַר קומען דאָ ווייטער ווערטער, וואָס דערמאָנען אָן די ווער־טער פון אברהמען צו יצחקן. אין זיינע ווערטער צו רבקהן לאָזט ער איר וויסן, אַז זי ווערט פאַרבונדן מיט אַ מאַן, וואָס איבער זיין האלדז איז געווען אויס־געשטרעקט גאָטס מעסער, און ווי ער איז דורך דעם געוואָרן גאָטס אויסדער־ווײלטער, אַזוי וועט זי אויך אין זיין ז כ ו ת ווערן אַן אויסדערוויילטע. אין דער זעלביקער צייט דריקט ער אויס די האָפענונג, אַז זיי ביידע וועלן אַמאָל דערזען גאָטס פּנים ניט נאָר בשעת שטורעם אָדער בשעת פּחד פון עקידה, און אַז ער וועט אויף אַן אמת קומען איר אַנטקעגן מיט לויטער שימחה און ניט ווי איצט „אין פאַרקלעמונג און פאַרשעמונג".

די לויטערקייט פון פּיין קאָן איינגעזאַפּט ווערן, טראַנספאָרמירט ווערן און ברענגען שימחה פון אַ באַזונדערער קוואַליטעט. פּיין און פרייד, טרויער און נחת, טויט און לעבן, אומקום און אויפקום זענען אַלע אין איינעם געגומען — אין דער טערמינאָלאָגיע פון שפּינאָזע — אַ טייל פון די אומענדלעכע אין צאָל און אומבאַגרענעצטע אין מעגלעכקייטן מאָדוסן און אַטריבוטן פון איינער און דער זעלביקער סובסטאַנץ, איינער און דער זעלביקער אייביקייט. אַלץ פליצט אַרויס פון זיי און גיסט זיך אַריין אין צייט און ווערט פונאַנדערגעשפּרייט אין שטח. אַלע אַרויסגאָסן ווידער ווערן פון דאָס נײַ סינטעזירט, אַריינגענומען און אויפגענומען פון דער איבערצייטלעכער און איבערוּוימלעכער אייביקייט סוב־סטאַנץ און סובסטאַנציעלער אייביקייט.

בערגסאָן האָט אָנגענומען שפּינאָזעס באַגריף פון אייביקייט ווי אַ קוואַל פון שטראָמען, וואָס זענען אומענדלעך אין צאָל, אומבאַגרענעצט אין זייער פאַרשיידנאַרטיקייט און אומאויפהערלעך אין זייער שטראָמען. ער האָט אָבער מיט שטאַרקער באַטאָנונג צוגעגעבן, אַז די שטראָמען הערן ניט אויף בהרף עין זיך צו בייטן דורך אַ שטענדיק גייסטיק שעפערישן באַנייונג־פּראָצעס. יעדער צוריקשטראָם מוז דעריבער זיין אַנדערש ווי דער שטראָם, און די אייביקייט איז אַ דויערנדיקע, וואָס דאָס מיינט אַ שעפערישע, אַ זיך בייטנדיקע און באַנייענדיקע ווי די געטלעכקייט גופא. דער מענטש, ווי אַ גייסטיקער מהות, איז משפּיע דורך זיין קראַפט פון ווילנס־פרייהייט די פּראָצעסן פון שעפערישקייט, איבעראַנדערשונג און באַנייונג. דאָס דערקלערט דעם דראַנג פון מענטש אָנ־צוהאַלטן זיין איינענעם לעבן דאָ אויף דער ערד אפילו אין גרויליקע יסורים און אויך צו שאַפן אַ נײַ מענטשלעך לעבן, האָבנדיק אין אויג די דורות, וואָס קומען פון אים און נאָך אים. דערפאַר זאָגט אברהם צו יצחקן:

דו ביסט דאָך דער אָנהייב פון די דורות.

ניט לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ, מיין זון, ווען כ'רייד צו דיר
מיט אָפנקייט און ליבשאַפט וועגן דעם,

ווי דו ווּעסט, מיט דער ברכה פון באַשאַפער,
מקבל פנים זיין דיין כלה — ביין פון אונדזער ביין,
פון אונדזער שטאַם, פון אונדזער אייגענער משפחה.
באַדאַרפסט ניט פילן זיך פאַרשעמט, גאָטס רצון איז עס. — — —

יצחקס וויזיע וועגן די ווייטע דורות קומט צום אויסדרוק אין די רייד פון דער יצחק־געשטאַלט צו דער געשטאַלט פון רבקהן. יצחק זאָגט צו רבקהן:

עס וועט באַשערט דיר זיין צו טראָגן אין דיין אינגעווייד
צוויי זין, וואָס וועלן ווייטאָקדיק זיך שטויסן
אין דיר נאָך פ אַ ר דער רגע פון געבוירן ווערן.
צוויי זין — צוויי פעלקער — און אויףביידן
וועט הויערן דעם טאַטנס טרויער.
ס׳וועט איינער טרייבן פון זיין האַרץ דעם טאַטנס טרויער:
אַ בייזער האַרטער יעגער וועט ער זיין,
און ראַנגלען זיך מיט וועלף, מיט לייבן און מיט טיגערס,
און זיין ווי זיי — מיט ציין און נעגל — אַ פאַרצוקער;
דער צווייטער גראָד וועט איינזאַמלען דעם טרויער
און טראָגן אים אין אַלע אברים אויף געדויער,
ווי גאָר אַן אויסדערוויילטן גאָטגעשאַנק,
און איבערגעבן אים צו אַלע זיינע ווייטע דורות.

דאָס אינטויטיווע דערפילן און דאָס אינטעלעקטועלע באַנעמען די אייביקייט ניט ווי אַן אומפאַרענדערלעך און אומאויפהערלעך זיין פון דער אַלץ אויספילנדיקער סובסטאַנץ, נאָר ווי אַ שטענדיק זיך בייטנדיק ו ו ע ר ן פון אַלוועלט, שלאָגט זיך אַדורך דורך די רייד פון אברהמען צו איובן, ווען זיי טרעפן זיך צום ערשטן און לעצטן מאָל. פון די דאָזיקע רייד הערט זיך אַרויס דער געבאָט פון דער אייביקייט: „לעבן מוז אָנגיין” „דאָס געווען” און „דאָס איז” מוז זיך אַריינוועבן דורך דעם פּראָצעס פון ווערן אינעם „וועט זיין” און שאַפן דאָס זיך שטענדיק באַנייענדיקע געוועב פון וועלט און אוניווערס. אין דעם דאָזיקן קאָסמישן געוועב האָט מענטש דאָ אויף דער ערד דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג. די אַנטוויקלונג פון מין מענטש טאָר זיך ניט אָפּשטעלן. דער טרייב צו דער אומאויפהערלעכקייט און צום אָן־אָפּשטעל פון לעבן גייט אָן אין אַלץ, וואָס אָטעמט מיט לעבן אויף אַן אומבאַוווסטן אופן. אין דעם מין מענטש ווערט דער המשך פון לעבן און אַנטוויקלונג געטריבן אויף אַן אומבאַוווסטן ווי אויך אויף אַ באַוווסטן אופן.

מיט פולן באַוווּסטזיין אויף דעם מ ו ז צו וועבן די פעדעם פון לעבן, עצהט אברהם איובן, ער זאָל זיך אומקערן צוריק צו זיין געבורטלאַנד. ער זאָגט צו אים:

וואָלט זיין מיין עצה צו מיין גאַסט אַזוי צו זאָגן:
נעם קער זיך אום צוריק צו דיין געבורטלאַנד,
און רייניק אָפּ דאָס וויסטע אָרט פון אומגליק,
שטעל אויף צוריק די חורבע געצעלטן,
און אַקער אויף צוריק די אָפּגעברענטע פעלדער,
און פלאַנץ אויף סיניי דיין ווייַנשטאָק און דיין פייגנבוים,
און ברענג צוויף דעם איבערבלייב פון דיינע פי,
און גאָט וועט זיין מיט דיר און מיט דיין מי.

די וויזיע פון טרויעריקע טעג פאַר די דורות פון וויטן עתיד שרעקן ניט אברהמען. ער זעט אָבער אין אַלע ליידן און פייניקונגען פון די גלותן לייטע־רונג און אויסדערווייַלטקייט פאַר אַלע די, וואָס וועלן גיין אין די וועגן פון זיין גאָט — דעם גאָט פון אברהם.

איוב נעמט אָן זיין עצה, און ווען ער זעגנט זיך מיט אברהמען זאָגט ער:

אַ דאַנק, מיין האַר, כיהאָב ברויט אין זאַק און וויין אין לאָגל;
איוב גייַן צוריק — זאָל ניט פאַרזאַמט זיין קיין מינוט.
די זון פאַרגייט שוין באַלד, דער וועג אָבער איז ליכטיק.
דער אָוונט נאָכן וואָלקנדיקן טאָג וועט זיין אַ לויטערער.
זאָל רוען שלום און גאָטס ברכה אויף מיין האַר
און אויף זיין אויסדערווײלטן זון — אויף יצחקן.

אַזוי פילן און אַזוי ריידן נאָך דעם ווי זיינע קינדער ליגן אַלע אויסגעמישט מיט אַש פון שרפות קאָן נאָר איינער וואָס האָט דערזען גאָט. דעם גאָט וועמען זיין אויער האָט בלויז געהערט, האָט איוב נאָך אַלע פלאָגן און מאַטערנישן, נאָך אַלע טענות און מענות צו אים, דערזען אין אַ געוויסן מאָמענט מיט זיינע אייגענע אויגן, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין שטויב און אַש. איוב האָט דערזען גאָט, דעם גאָט וואָס אברהם האָט אַלע מאָל געזען, און דערפאַר נעמט ער אָן אברהמס עצה צו בויען זיין לעבן פון דאָס ניי.

איוב דערפילט זיך אַ באַהעפטער מיט דער וועלט־נשמה. ער ווערט דורכ־גענומען מיט געפילן פון פאַרערונג און ליבע צו די, וואָס האָבן זעלטן ווען ניט געזען גאָט מיט זייערע אויגן. יצחקן האָט ער ליב געקראָגן ווי זיין אייגענעם זון, און אברהמען האָט ער אויפגענומען, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט אים, ווי זיין רבין.

— 7 —

אין ד״ר זשיטלאָווסקיס עסיי וועגן איובן געפינען מיר אַן ענטפער אויף די שווין אויבן דערמאָנטע פראַגעס, וואָס לייוויקס שטן־געשטאַלט האָט גע-

שטעלט איובן. ד״ר זשיטלאָווסקי פירט דורך דעם געדאַנק, אַז איוב האָט געליטן נ י ט א ו מ ז י ס ט, — ניט אומזיסט פ א ר ז י ך און ניט אומזיסט פ א ר ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט. ניט אומזיסט פאַר זיך, „ווייל דעם ברענענדיקן גיפט פון זיינע ליידן האָט געזויגן זיין ג י י ס ט, און ער איז אַרויס פון דעם פייער דורכגעגליט ווי די זאַמדן אין סאַלפּעטער, וואָס אין דעם שמעלצאויוון ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין דעם בעסטן קרישטאָל; און ניט אומזיסט פאַר דער מענטשהייט, ווייל וואָלט איוב ניט געהאַט אויסצושטיין זיינע יסורים, אָדער וואָלט ניט געווען אַזאַ דיכטער, וואָס האָט געקאָנט אין גאַנצן דורכלעבן זיי אין זיין גייסט, וואָלט די מענטשהייט איצטער ניט געהאַט דעם אייביק־יונגן ספר איוב, איינס פון די גוואַלדיקסטע ווערק אין דער וועלט-ליטעראַטור״.

דער שטן אָבער וועמען דער מענטש — האַלב חיה און האַלב צלם־אלוהים — איז דערווידער, קאָן קיין קיין מאָל ניט אויפנעמען גאָט ווי געוויסע מענטשן, לפּחות אין געוויסע מאָמענטן פון זייער לעבן, קאָנען עס. ניט נאָר מענטש אין גאָטס געשטאַלט איז דערווידער דעם שטן, נאָר אין געוויסע מאָמענטן אויך גאָט אַליין. זיין שטאַרקער באַגער, אַז איוב זאָל ניט אויסהאַלטן דעם נסיון און לעסטערן גאָט, איז געקומען פון זיין שטאַרקן ווילן צו פאַרקלענערן גאָטס אויטאָריטעט. זיין אָפּשטאַם, ווי לייוויק גיט אים אונדז אָן, פון אַ דאַרנקוסט, סימבאָליזירט די נישטיקייט פון שטנס מהות, זיין כולו חומרדיקע עסענץ. פון דעם נעמט זיך זיין שינאה צו אַלץ וואָס איז גייסט, און וואָס מער גייסט, אַלץ שטאַרקער זיין דערווידער צו דעם באַטרעפנדיקן גייסטטרעגער. די נאַטור־איבערקערעניש, וואָס איובס געיאָמער האָט אַרויסגערופן, איז אים שטאַרק צום האַרצן, ווייל ער טייטשט אויס די מרידה פון חיות קעגן מענטשן, די פאַרוואַנדלונגען פון חיות אין מענטשן, ווי אַן אַראָפּשטייג, אַ ירידה סיי פון גאָט און סיי פון מענטש. דעם שטן, גייט עס אין ברענגען אויסגלייך אויף דער וועלט. זיין באַגריף וועגן אויסגלייך איז אַ מין דעמאָקראַטיע אויף דער לינקער זייט: אַנשטאָט דערהייבונג פון חיה צו מענטש און פון מענטש צו גאָט, וויל ער אַראָפּנידערונג פון גאָט צו מענטש און פון מענטש צו חיה. דער דאָזיקער פאַרלאַנג פון שטן ווערט אַרויסגעבראַכט פון לייוויקן אין די רייד פון שטן צו די רעוואָלטירנדיקע חיות. ער זאָגט זיי:

די צייט פאַר אייער פולער ווידערשפעניקונג
איז ניט געקומען נאָך. ס׳איז ערשט די אָנהייב־צייט
פון מענטשנס גוואַלדגעשריי, פון זיין מרידה.

טאָ האַלט אים איין אין זיך וואָס טיפער און וואָס לענגער,
ביז אייער פולע רגע פון פאַרמעסט וועט קומען,

פאַרמעסט מיט מענטש, דערנאָך — מיט גאָט אַליין,
פאַרמעסט מיט גאָט דורך מיר — זיין טרייען שליח.
דערווייל האַלט עס ערשט ביים קאַמף פון מענטש מיט גאָט;
איז נויטיק מיר דערצו דעם מ ע נ ט ש נ ס אַנגסט,
אַז ע ר זאָל מיט פאַרצווייפלונג זיך אַריינשניידן
אין סאַמע האַרץ פון גאָט. און דאָס, זעט אויס,
בערנענטערט זיך מיט גרויסער האַסטיקייט און אימפעט.
און וואָס טו א י ך אין מיין געטרייער שליחות?
כּיגלייך אויס די וואָגשאָל צווישן גאָט און מענטש,
אַזוי ווי איך האָב זי שוין אויסגעגלייכט
צווישן מענטש און חיה. איך בין נאָר פ אַ ר מ י ט ל ע ר.

און אויספירן וויל איך, אַז צווישן גאָט און מענטש,
ווי צווישן מענטש און חיה, זאָל ניט זיין קיין צד,
וואָס זאָל זיך איבערנעמען און זאָל זאָגן,
אַז ער, נאָר ער אַליין, איז דער גערעכטער
צו לעבן אייביק, און דער צווייטער צד
זאָל אייביק שולדיק זיין און אייביק שטאַרבן.
יאָ, יאָ — כּיוויל אייביקייט אַפילו פאַר דער מילב.

די האַזוקע רייד גיבן אַ קלאָר בילד פון דעם, צו וואָס מענטשלעכקייט און געטלעכקייט וואָלטן דערפירט געוואָרן, ווען די ממשלה פון שטן וואָלט זיך אויסגעשפרייט איבער דער וועלט. זיין מוט צו ווערן אַ „פאַרמיטלער־אויסגלייכער און בונד־פאַרבינדער צווישן גאָט און מענטש און חיה", האָט דער שטן געשעפּט פון דער האָפענונג, אַז דער פעלדזן־שטאַרקער איוב־גייסט מיט זיין פעסטן גלויבן אין דער הוויה פון גאָט וועט סוף־כּל־סוף רעוואָלטירן קעגן גאָט און אַפילו לעסטערן אים. דאָס וואָלט געווען אַ דורכפאַל פאַר גאָט און פאַר דעם מין מענטש און אַ טריומף פאַרן שטן. די זיכערקייט אָבער פון שטן, אַז איוב וועט אויך לעסטערן, האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז. געוווּנען האָט מענטש, געוווּנען האָט גאָט — און פאַרלאָרן האָט דער שטן — — — —

דער סדר פון דער וועלט איז איינגעשטעלט צוריק, באַשעפער.
דער מענטש האָט אָפּגעיאָמערט טעג און נעכט אַ פּאָר,
דערנאָך געוואָרן שטיל און רויק ווי געווען,
אַפילו ווען אין עלנטקייט, אַפילו ווען אַ נשרף;
איין דונער פון דיין קול און אַלץ באַקומט אין זיינע אויגן
צוריק אי גאַנצקייט, אי פאַרענטפערונג, אי פּתרון.

דער שטן האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די אוממענטש־

לעבע און אומדערטרעגלעכע פּלאָגענישן, יסורים און עינויים, וואָס זענען פון גאָט דורך זיין, דעם שטנס האַנט, אָנגעשיקט געוואָרן אויף איובן, זאָלן ניט דערפירן אים צו גאָט־פאַרלייקענונג און גאָט־לעסטערונג. ער זאָגט צו גאָט:

כיהאָב, אמת, איינגעשטעלט אַ סך אויף יענע רגעס גראָד,
וואָס קומען נאָך די קלאָגענישן, נאָך די ווייגעשרייען,
ווען גוף, לויט מ י י ן חשבון, וואָלט דעמאָלט ערשט באַדאַרפט
אַריינפאַלן לגבי זיך אין ביטול, און לגבי דיר — אין האַס;
נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך פאַרקערט ווי כיהאָב גערעכנט:
דער בעל־יסורים האָט נאָך מער זיך אָנגעטרויט אין דיר
אין אָנפאַל פון פאַרלאָרנקייט און אָנמאַכט.

דעם מענטשנס אָנגעטרויקייט אין גאָט אין די שווערסטע און שוידערלעכסטע מאָמענטן פון לעבן צינדט אָן אין שטן אַ פייער פון שינאה און צאָרן קעגן גאָט, מענטש, און דעם גאַנצן אָנפיר פון דער וועלט. ער גיסט אויס דעם גאַנצן פאַרדראָס זיינעם אין שאַרפע, גיפטיקע און, לויטן מענטשלעכן שכל, לאָגיש־אויסגעהאַלטענע רייד צו גאָט. ער דונערט אַריין אין דער אייביקייט די ווערטער געווענדט צו גאָט:

אויך איובן זאָל וויל באַקומען זיין דערלייזונג.

אַוודאי וועט ער בויען זיך אַ נייע שטוב. אַוודאי!
ווי אַנדערש דען? — אַוודאי וועט ער בויען זיך אַ נייע שטוב!
משער בין איך זיך זיין גדולה היינט —
ער זיצט געוויס שוין איבער אַ געבראָטן קרבן־שעפּס,
אַן אָפּגעבראָטענעם לכבוד דיר, אין דאַנק צו דיר,
און קייט געוויס אויףביידע באַקן שטיקער פלייש,
און זייגט די מאַרכן און באַלעקט זיך מיט די פעטקייטן
און תפילהוועט. — ניט אמת, האַר, באַשעפער פון דער וועלט?

באַלד אָבער דערפילט, ווייזט אויס, דער שטן, אַז לא על הלאָגיק לבדו יהיה האדם. גאָט איז איבער לאָגיק, און די מענטשלעכע אָנגעטרויטקייט אין גאָט, פליצט ניט אַרויס בלויז פון די לאָגיק־קוואַלן. מענטש איז מער ווי גוף, מער ווי דאָרנקוסט, מער ווי חיה, זיין גייסט איז מער ווי לאָגיק. דאָס האָט, ווי מיר ווייסן שוין, דער שטן אויסגעפונען ווען ער האָט צום לעצטן מאָל אַריינגעקוקט אין איובס אויגן. דער שטן כאַפּט זיך, אַז ער האָט גערעדט צו גאָט מיט צו פיל גיפט און אין אַ טאָן פון מילדקייט פרעגט ער ביי גאָט:

נו יאָ, — וואָס בלייבט מיר אַנדערש דען צו טאָן?
ניט אַנדערש סיידן ווי נאָר אויסשטרעקן די הענט

און בעטן זיך: אָ, גאָט, באַפריי מיך פון באַזונדערקייט,
נעם, לייז מיך אויף צוריק אין זיך — אין דיין איין-איינציקייט!
אָ, האַר, באַשעפער פון דער וועלט, אַ נ ט ש ט ן מיך!
ווייל אויב איך דאַרף פאַרבלייבן ווייטער ווי איך בין,
איז בעסער שוין איך זאָל מגולגל ווערן אין אַ שטיין,
צי אין אַ דאָרנבוש, אָט דאָ צווישן אַלע בושעס; —
איך האָב אַמאָל געשמעקט שוין אין דער ערד — אַ דאָרנבוש,
און ס'איז מיר גוט געווען. איך זאָג דיר, בורא־עולם:
דער מענטש — האַלב חיה און האַלב צלם־אלהים —
דערווידערט מיך אויף טויט מיט זיין צעשפּאָלטנקייט.
איך בעט דיך, גאָט מיין האַר, אנטשטן מיך.

דעם שטנס דערווידער צום מענטשן לאָזט אים אָבער ניט רוען, ער קאָן בשום אופן ניט מוחל זיין איובן דאָס פאַרשפּילן זיין וועט מיט גאָט. ווען ער טרעפט זיך צום לעצטן מאָל מיט איובן, רעדט ער צו אים וועגן פּאַרדראָס און שאָדן, וואָס איוב האָט אים פאַרשאַפט מיט זיין שילטן ז י ך אַליין און ניט דעם בורא עולם. ער שרייט אויס מיט כעס: „דער אַלטער האַר האָט מיך געמאַכט צום נאַר!". דער כעס ווערט נאָך שטאַרקער ווען איוב זאָגט אים, אַז גאָט אַליין טוט אים איצט באַשיצן. דער כעס דערוועקט אין שטן אַ געפיל פון נקמה. ער איז גרייט דערשלאָגן איובן צום טויט. ער זאָגט צו איובן:

סיהאָט גאָט דער האַר מיר, לכתחילה, אָנגעזאָגט
צו שאַנעווען דיין לעבן, אָבער איצט, קאָן זיין,
אַז כיהאָב רשות צו איבערשפּאַלטן דיר דיין שאַרבן,
און דו זאָלסט טאַקע שטאַרבן, טאַקע שטאַרבן.

ער פאַרמעסט זיך מיט זיין שטעקן איבער איובס קאָפּ אָבער אינעם זעל־ביקן מאָמענט ווערט ער געטראָפן פון אַ בליץ, נעמט זיך פונאַנדערטיילן און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פונאַנדערגעשפּריטן קוסט, ווערט אַריינגעטיפט אין דער ערד ניט ווייט אהינטערן שטיין.

ווען מען פאַרטיפט זיך אין די דאָזיקע שורות, וואָס אין זיי דערציילט אונדז לייוויק וועגן סוף פון שטן, ווילט זיך אויסשרייען כ ן י א ב ד ו אַלע רשעים, אָדער אַלע שטנס. דער סוף פון שטן סימבאָליזירט דעם סוף פון אַלע כוחות, וואָס ווילן אָפּזונדערן און אָפּפרעמדן מענטש פון גאָט, דערנענטערן אים צו חיה און לאָזן דאָס חיהשע אַלץ מער און מער דאָמינירן דאָס מענטשלעכע, וואָס בענקט און גאַרט נאָך געטלעכקייט.

אין דעם זעלביקן מאָמענט, ווען איוב איז אויף שטענדיק פּטור געוואָרן פון דעם שטן, ווען מען גאָט האָט דערלויבט אַריינצוטרעטן אין זיין גבול און פּייניקן זיין גוף און נשמה, קומט אָן אברהם וואָס צוליב זיין אויסדערווײלטקייט האָט

דער שטן קיין מאָל ניט געקאָנט האָבן קיין צוטריט צו אים. איוב גיט איבער אברהמען אַ גרוס פון זיין זון יצחק, וועמען איוב האָט, ווי ער זאָגט, ליב גע־קראָגן ווי אַ זון, נאָך אפשר מער.

אויך אין יצחקס גבול האָט דער שטן קיין מאָל ניט געקאָנט אריינקומען. איוב פילט און אָנערקענט אברהמס און יצחקס באַרעכטיקונג צו אויסדער־וויילטקייט. דאָס מיינט אויך, ווי מיר ווייסן, באַרעכטיקונג פון דעם וואָס דער גאָט פון אברהם און יצחק איז געבליבן דער גאָט פון אַלע זייערע דורות אויף אייביק. ווען אברהם זאָגט צו איובן:

צו מיר האָט גאָט געריט אַזוי צו זאָגן:
פאַרלאָז דיין אָפּשטאַם און דיין פאָטערס הויז
און גיי צו יענעם לאַנד, וו איך וועל דיר באַווייזן,
און וו איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק.

ענטפערט איוב:

צו מיר האָט גאָט אַזוינע ווערטער ניט גערעדט.

באַלד נאָך דעם ווי איוב האָט פאַרלאָזן אברהמען קומט אָן יצחק. ער קומט אָן פון מידבר־וועג אַ פאַרמאַטערטער. ער זעצט זיך אוועק אויפן שטיין און זאָגט:

צוריק ביים זוים פון טאַטנס פעלדער,
אין גאָלד פון אָוונטיקער שיין,
אַ לויב אייך רויקע געצעלטן,
וו יעדער קאָן אַן אורח זיין.

דאָס זענען די אָפענע געצעלטן, וואָס איבער זיי האָט געשוועבט אַלע מאָל גאָטס גייסט — אָפענע געצעלטן פאַר אַלעמען, אָבער ניט פאַרן שטן. צו דעם דאָזיקן גייסט זאָגט איצט דער אויסדערוויילטער יצחק:

צו דיר, מיין גאָט, אָט קום איך ווידער
אין שטיל־געבעט צו תפילה טאָן;
דער אָוונט שפּרייט אויס זיינע פליגל
ווען ערשטער שטערן צינדט זיך אָן.

מיין טאַטע וואַרט אויף מיר אין אוהל,
ער קוקט די אויגן אויס נאָך מיר,
נאָר איך פאַרזאַם זיך, כדי צו שפּירן
פון דיינע פליגל דעם באַריר.

דאָס שפּירן דעם באַריר פון גאָטס פליגל איז דער בעסטער ציייכן פון גאָטס

אויסדערוויילטקייט, יצחק דאנקט גאט פאר ברענגען אין די געצעלטן פון זיין מוטער שרה זיין הארינטע רבקה — די כלה זיינע, וואס איר געשטאלט האט ער געזען און צו איר גערעדט אין זיין וויזיע דעמאלט, ווען אויבם געיאמער האט אויפגעשטורעמט די וועלט. איצט ווענדט ער זיך צו דער געשטאלט פון זיין מוטער שרה מיט א געבעט:

אָ, שרה, מאמע מיין —
פון קרבן־גזר געטראָפן,
גיי־אויף אין רבקהס שיין,
ווען שטערן זענען אָפן.

דער אויפגאנג פון פארגאנגענע דורות אין שיין פון קומענדיקע דורות איז דער קאטעגארישער אימפעראטיוו פון אייביקן לעבן אין א לעבעדיקער אייבי־קייט, א דורכגענומענער מיט גייסט און געטלעכקייט. אין גייסט פון גאט פון אברהם און יצחק איז אויך יצחקס תפילה, וואס מיט איר שליסט לייוויק זיין דראמאטישע פאעמע אין די טעג פון איוב.

יצחק בעט:

צעעפן מער נאך, גאט,
אין פרישן גראז דיין שפע
און בענטש און שיץ מיין טראט
אויף פעלדער פון באר־שבע.

מיין טראט — אין שפור פון טריט
צו גורלשער עליה, —
באשיץ מיך און באהיט
ווי ד ע מ אָ ל ט אויף מוריה.

אין דער פאראנענקייט פון גאט ליגט דער יסוד פון מענטש-שטייגערונג. די גאלדענע קייט פון אזא גאט-מענטש-שייכות ציט זיך פון אברהמען און זי קאן ניט און וועט ניט איבערגעריסן ווערן. מיט דער זיכערקייט פון דער דאזי־קער אומאיבערגעריסנקייט איז דורכגעדרונגען די פאעטישע דראמע אין די טעג פון איוב.

צווייטע טייל

ה. לייוויקס „אין די טעג פון איוב"

— 1 —

— — — — „שטיי אויף פון געלעגער,
געמוג שוין אין זיסע חלומות געלעגן"

— — — „דו חלומסט ווי אַלע דעם חלום פון אַקער:
אויף מיין הויפן אַש צו זייען און דרעשן,
דעריבער זיי וויסן — כיבין אַלץ נאָך פלאקער".
— - - — איך וויל ניט אַנטלויפן. איך בין ניט אַנטלאָפן.
איך קום דיר אַנטקעגן מיט הענט אויסגעשטרעקטע

— — — „דיין פחד פאַר פייער צו קאָנסטו פאַרטרייבן?"
— — איך קאָן, און איך וואַרט דו זאָלסט ווערן מיין טרעגער,
כיזאָל אייביק זיין דיר, אין דיין פייער פאַרבלייבן.
(ה. לייוויקס „דיאַלאָגן אין חלום")

אַ זעונג פון צייט־צעשמעלצונג דורך דער הימלישער קונסט; אַ באַשטענדיקער פאַראַן פון אַן אומענדלעך דויערדיקער אייביקייט, שוועבט איבער, און דרינגט דורך, די שורות פון דער פּאָעטישער דראַמע „אין די טעג פון איוב". דאָס האָט מעגלעך געמאַכט אין איר דאָס צונויפברענגען און צונויפרעדן זיך אויף אַ קאָנקרעט־סימבאָלישן אופן, פון אַלערליי געשטאַלטן לעבעדיקע און אומבאַלעבטע — דומם, חיה־מענטש־געשטאַלטן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע שטחים אין דער וועלט.

אינעם ערשטן טייל פון דאָזיקער עסיי זענען אַלע געשטאַלטן אַנאַליזירט אין ליכט פון גאָט־מענטש שייכות. אינעם איצטיקן טייל וועט גענומען ווערן אין באַטראַכט דער עיקר מענטש־צו־מענטש שייכות.

דער רעליגיעזער ציטער וואָס דרינגט דורך די פּאָעטישע דראַמע איז גע־

ווען דער צענטראַל פונקט פון ערשטן טייל פון עסיי. די עטיק מענטשלעכע, וואָס שלאָגט זיך אָן אין איבערמענטשלעכקייט און איז דער הויפט מאָטאָ פון דער דראַמע, ווערט אויפגענומען דאָ אין שיין פון רעליגיעזיטעט, פילאָסאָפיע און אַנדערע קולטור־צווייגן. עטיש־רעליגיעז־פילאָסאָפישע ליכט שטראַלן וועלן גערופן ווערן אויף אַלע געשטאַלטן, אַרויפגעפירטע אויף דער בינע פון דער פּאָעטישער דראַמע „אין די טעג פון איוב", די דאָזיקע היסטאָרישע, ווי אויך דורך דורות קינסטלעריש־געשאַפענע געשטאַלטן, האָט לייוויק געפונען פּאַרטיקע. ער האָט זיי איבערגעשטאַלטעט. ער האָט באַוויזן, ווי מיר האָבן געזען אין ערשטן טייל פון דער עסיי, צו שאַפן אין זיין פּאָעטישער דראַמע „געשטאַלטן אין געשטאַלטן".

אין דער פּאָעמע „אין די טעג פון איוב" דערשיינט פאַר אונדז דער מחבר ווי דער טרעגער פון אחריות ניט נאָר פאַר מענטש און חיה, נאָר אויך פאַר אַלע אומבאַלעבטע, שטומע באַשעפענישן.

אין זיין אַריינפיר־ליד צו דער דראַמע, בעט זיך ה. לייוויק ביי דער התגלות אַז „זי זאָל אים נעמען אונטער אירע פליגל, אויפדעקן פאַר אים די ווייכקייט וואָס איז אין שטיין, די שטילקייט וואָס איז אין ווינט־געוויין, די אָפנקייט אין צוגעהאַקטן ריגל". ער וויל אַז התגלות זאָל זיין פאַר אים „דער גוטער רעגן־בויגן נאָך מבול־טעג, דער צייכן וואָס זאָגט צו אַ נייע ערד מיט חסד און מיט רו".

די התגלות האָט פאַרנומען זיין תפילה. זי האָט ווירקלעך געעפנט פאַר אים וויזיעס און האָריזאָנטן פון אַ נייער ערד, און נייע הימלען — אַ נייער וועלט, וואָס אין איר וועלן געוועלטיקן נייע באַגריפן, נייע און טיפערע נשמה־צאַפּלענישן פאַר אַ העכערער און טיפערער מענטשלעכער עטיק.

די דאָזיקע עטישע וויזיעס האָבן גורם געווען די אַנטפּלעקונג פון עטישער שוואַכקייט אינעם תנכישן איוב.

זאָלן דאָ איבערגעחזרט ווערן אַ פּאָר פּאַראַגראַפן פון ערשטן טייל פון דער עסיי וואָס רירן אָן די סיבות וועלכע האָבן געפירט דעם מחבר צו דער איבער־געשטאַלטונג און צוגאָב־געשטאַלטונג פונעם תנכישן איוב.

די דאָזיקע פּאַראַגראַפן לייענען זיך:

„וואָס העכער און וואָס שטאַרקער עס וואַקסט אויס אין אונדזערע אויגן די תנכישע געשטאַלט פון איוב אַלץ אָריגינעלער דערשיינט פאַר אונדז לייוויקס אַנטפּלעקונג פון איובס עטישער שוואַכקייט. אויפן געביט פון עטיק קאָן לייוויקס באַשולדיקונגס אַקט קעגן איובן ניט אָפּגעפרעגט ווערן, און ניט צוריקגעוויזן ווערן. דאָס איז אָבער נאָר דערפאַר וואָס לייוויקס וויזיע און פאַנטאַזיע האָט זיך דערהויבן צו אַ מענטשלעכער עטיק וואָס גרעניצט זיך מיט איבערמענטשלעכקייט. אין ליכט פון אַזאַ באַחרית הימימדיקער עטיק האָט איוב דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן, און דאָס האָט גורם געווען די געבורט פון דער פּאָעטישער דראַמע „אין די טעג פון איוב".

איוב האָט געזינדיקט מיט דעם וואָס ער האָט זיין געשריי און פּראָטעסט ווענן מענטשלעכע לײדן אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען ער אַליין איז געטראָפן געוואָרן פון דער קרעץ. די לאַנג-יאָריקע לײדן פון די קרעציקע אין זיין דור זענען פאַרבייגעגאַנגען אומבאַמערקט פון אים און אַן װעלכע עס איז טענות צו גאָט. ער איז אין דעם זין געווען ווי מענטשן זענען בכלל: אדם קרוב לעצמו. אין דער הינזיכט איז לייוויקס איבערגעשטאַלטונג און צוגאָב געשטאַלטיקייט פון תנכישן איוב אַן אָריגינעלע.

ווער איז ה. לייוויקס איוב געשטאַלט אין דער תנכישער איוב געשטאַלט?

לייוויקס קורץ און שאַרפער ענטפער ווערט געגעבן אין די געציילטע ווער־טער וואָס קומען ווי גאָטס קול צום שטן:

„דער מאַן פון עוץ איז נאָך ניט אויסדערוויילט."

און אמתע אויסדערוויילטקייט האָט איוב קיינמאָל ניט זוכה געווען. ביים יידישן פאָלק איז ביז אויף היינטיקן טאָג און מסתמא שוין אויף אַלע מאָל, גאָט געבליבן דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב און ניט פון איוב. ער איז ניט אויסדערוויילט געוואָרן באַגלייך מיט די אָבות.

איובס ניט אויסדערוויילטקייט פון גאָט גיט אונדז דעם שליסל און מאָ־טיוו פון דער פּאָעטישער דראַמע „אין די טעג פון איוב".

* * *

א רמז אויף לייוויקס ענטפער פאַרוואָס איוב איז ניט אויסדערוויילט גע־פינט זיך אין די ווערטער פון שטן צו יצחק׳ן ווי אויך אין די ווערטער צו אים פון אברהמען און זיינע קנעכט תובל און יורם. דורך די דאָזיקע ווערטער הויבן זיך אויך אַן באַוויזן סילועטן פון דער געשטאַלט פון לייוויקס „איוב".

דער שטן זאָגט צו יצחקן:

„צי איז ניט מער שגעון ווען אַ האַלדז
וואָס איז געלעגן אויסגעשטרעקט צו זיין געשאָכטן,
דערפילט ניט דאָס גויאָמער פון אַ צווייטן האַלדז
וואָס ליגט ערגעץ געשוואָלן און באַדעקט מיט ווונדן?
צי איז ניטאָ טאַקע קיין שייכות....?

ווי שיקט זיך עס ———
ווען ערגעץ ליגט אַ קרבן מאַן אין טויט יסורים
און רייסט פון זיך די הויט און שטיקער לייב,

ווילִיאַם נאַטאַנסאָן

גייט דאָ זיך שטיל אַרום אַ צווייטער קרבן־מאַן
אַן איינגערואיקטער, אַ תפילהדיקער, אַ פאַרחלומטער,
שפּאַצירט זיך איבער גלאַטע אָוונט־גרעזלעך
און וואַרט אויף וואָס? אויף וועמען? אויף אַ כלה?"

און דער בלינדער קנעכט יורם זאָגט צו יצחקן:

„דער גוטער יצחק זעט מיין בלינדקייט שוין דריי יאָר,
ער זעט און שווייגט. פאַרוואָס? איך פרעג: פאַרוואָס
האָט ער געשוויגן און פאַרשוויגן גאָר מיין פּיין?"

און דער זעלביקער יורם ווענדט זיך צום צווייטן קנעכט תובל און זאָגט:

„די האַרן אונדזערע, דער פאָטער און דער זון,
פאַרברענגען גאַנצע טעג אין שטילער גוטסקייט,
ווייל גוטסקייט, ברודער, טוט ניט וויי.

אויך שטילקייט טוט ניט וויי. קום גיין אַהין.
וו ווייטיק שרייט, וו שטילקייט ווערט צעריסן,
וו שטילקייט יאָמערט".

אין יאָ אָדער ניט פאַראַן אַ שייכות צווישן אַ האַלדז פון איינעם וואָס ליגט אויסגעשטרעקט צום שעכטן, און אַ האַלדז פון אַ צווייטן וואָס איז געשוואָלן און באַדעקט מיט ווונדן? — די דאָזיקע פראַגע האָט לייוויק אויף אַזאָ אָדער אַן אַנדער אופן דירעקט און אומדירעקט געשטעלט רעאַל אָדער סימבאָליש כמעט אין יעדער איינער פון זיינע שאַפונגען. אין דער פּאָעטישער דראַמע „אין די טעג פון איוב" ווערט די דאָזיקע פראַגע געשטעלט טיפער און שאַרפער, קאָנקרעטער און סימבאָלישער. דערצו נאָך גייט אין דאָזיקן ווערק די זעלביקע פראַגע אינאיינעם מיט דער פראַגע: וואָס ד א ר ף זיין די שייכות צווישן איין האַלדז וואָס איז אויסגעשטרעקט צום שעכטן און אַ צווייטן, וואָס איז אַרומגעכאַפּט מיט אַגאָניעס פון פּיין און ווייטיק?

די לעצטע שאַפונג וואָס ווערט דאָ אַנאַליזירט, צייכנט זיך אויס פון אַלע לייוויקס שאַפונגען דערמיט, וואָס אין איר איז אַ צעווייטאָקדיקער און פאַרווונדעטער האַלדז אַ סימבאָל פאַר ווייטיק, פּיין און ווייגעשריי פון יעדן מענטשן, וואָס האָט ווען עס איז געלעבט און לעבט אויך איצט; פון יעדער באַשעפעניש וואָס מאַניפעסטירט בולט צו אונדז זיין לעבנס־ציטער, און פון יעדן שטיין און שטיינדעלע, גראָז און גרעזעלע, זאַמד און זעמדעלע; פון יעדן דומם אין דער וועלט איצט און אַלעמאָל, וואָס זיין לעבנס אָטעם קאָן אויפגענומען ווערן נאָר פון דער שטאַרקסטער פאַנטאַזיע און סענסיטיווסטער סימפּאַטיע.

אַ שווייגנדיקער, אין דער שטיל שטענדיק ליידנדיקער יצחק, וועמענס האַלדז איז געווען אוממיטלבאַר גרייט צו שעכטונג אין זיין פריסטער יוגנט — איז דער תנכישער יצחק. לייוויק האָט אים דעריבער אויסדערווײלט צו זיין דעם דיכטערס איבערגעשטאַלטעטע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל מיט איר ווייט און הויך־גרייכנדיקער עטיק, אַנטקעגנגעשטעלט ווערן דער עטיש־שוואַכערער איבערגעשטאַלטעטער פּערזענלעכקייט פון איוב.

דורך אַלעם וואָס קומט פאָר אין די דראַמאַטישע צוויי פּערזענלעכקייטן און דורך אַלע פּאַרקומענישן ארום זיי, אַלערליי אַנרעגונגען אין זיי, און אַלע זייערע נשמה ראַנגלענישן און געדאַנקלעכע געפעכטן, ווערט פונעם מחבר פון „אין די טעג פון איוב" אויסגעוועבט אַ נייע עטיק. זי שלאָגט אָן אין דעם „אומעטום" און „אַלעמאָל", און רייסט זיך אַריין אין דער אייביקייט און איבערמענטשלעכקייט. זי עפנט אויף פאַרן מענטשן, אויף דער איצטיקער ערד אונטער איצטיקע הימלען, האָריזאָנטן פון אַ נייער ערד, נייע הימלען, און פון אַ נייעם מענטשן.

* * *

יצחק ווערט אַריינגעפירט אין לייוויקס פאַנטאַזיע ווי איינער וואָס פילט אין אוניסאָן מיט אַלץ און אַלעמען אין דער נאַטור און מיט אַלעם דעם וואָס איז נאַטור גופא.

אַלץ וואָס עקזיסטירט, דאָס אומעטום פאַראַנענע האָט פאַר יצחקן געאָטעמט מיט לעבן.

אויף אברהמס פראַגע:

„מיין זון וואָס איז מיט דיר?"

ענטפערט יצחק:

ווי שטענדיק פאָטער קאָן אויך היינט
מיין אויג ניט זאַט ווערן גענוג מיט יעדן שטראַל
פון אָוונט־ליכט, מיט יעדן צוק פון לעבן,
מיט יעדן ציטער פון אַן אבר, פון אַ גראָז און בלימל,
מיט יעדן פלאַטער פון אַ פליגל. ניט נאָר לייב,
אַפילו שטיין, אַפילו שטויב אונטער מיין פוס
איז פול מיט שטיל געבעט אַזוי צו זאָגן:
זיי אָפּגעהיט מיט דיינע טריט, דו מענטש, ניט טו מיר וויי
ווייל מער פון אַלץ דערשרעקן מיך יסורים".

יצחק איז שטענדיק געווען אַ דורכגענומענער מיט יסורים, לייד און מיטלייד און דערפאַר האָט דעם שטנס אויסרייד פאַר זיין ניט אָפּרופן זיך אויף

איובס געשריי און פראטעסט צו גאט, דערוועקט פארדראס אין אים. פאר א מאמענט האט זיך אים א דוכט געטאן, אז די שרעק פון חלף איבער זיין האלז, דער פארלוסט פון זיין מוטער, ווען ער איז א לעבעדיקער צוריקגעקומען פון בארג מוריה, און די שטענדיקע ציטער־וויברירנדיקע סטרונעס פון זיין נשמה אין צונויפגוס מיט וועלט־ליידן און פיינען — האט שוין אזוי אויך איבער די ראנדן אנגעפילט זיין גאנצן וועזן מיט דערדריקונג און יסורים. ער גיסט אויס זיין כעס אויפן שטן אין די ווערטער וואס ער רעדט צו זיך אליין:

„אן איינפאל מיך צו שרעקן מיט דעם מאן פון עוץ!
ערשט היינט צום ערשטן מאל געהערט זיין נאמען !
צי מוז איך שותף זיין צו יעדנס טויט־יסורים?
צי מוז איך גרוילן מיטן גרויל פון יעדן איינעם.
אויב ערגעץ איז געשען אן אומגליק צי אן אומרעכט — —
צי מוז עס טרעפן אויפן חשבון דווקא פון מיין רו?"

אין איין הרף־עין אבער ווערט יעדער צווייפל באזייטיקט פון יצחקן און זיין גאנצע פסיכישע און ספיריטועלע אינערלעכקייט ענטפערט אויף די אלע פראגן וואס ער האט זיך אליין געשטעלט מיט אן אבסאלוטער באיאונג. דווקא דער שטן, זעט אויס, קאן אמאל ווערן אן אנרעגער צו נשמה דערהויבונג און צו א פאר־וואנדלונג פון שלעכטס צו גוטס, און א פארטראכטע און געגלוסטע עברה זאל קריגן איר תיקון אין אן אויסטערלישער מצוה. דערפאר אפשר זאגן די חכמים אז די בעלי־תשובה קאנען אמאל דערגרייכן א העכערע מדרגה ווי די צדיקים, און אז א צדיק זאל ניט קענען באטרעטן דאס ארט ווו א בעל תשובה שטייט. יצחק האט חרטה אויף זיינע ווערטער צום שטן. ער דערפילט זיך אין נאענט־קייט און אין שותפות מיטן ליידנדן איוב. ווען אברהם פרעגט אים צי האט ער זיך ניט צופיל אנגענומען מיט די גרוילן פון מעשות פון איינעם, מיטן נאמען איוב, וואס איז ווייט פון זיי, ענטפערט אים יצחק, אז ווייטקייט איז ניט קיין שוץ און ניט קיין באווארענונג, אז מען זאל ניט דערציטערט ווערן פון א צווייטנס פיין. פון אברהמס ווייטערדיקע ווערטער צו יצחקן דערוויסן מיר זיך, אז יצחק האט זיך שעהן לאנג ניט אויפגעהערט צו ווארפן און אנשטעקן יעדן איינעם מיט פחד גרוים:

אברהם זאגט צו יצחקן:

„אט ווייסטו גאר אליין ניט ווי דו ביסט
געלעגן אויפן פעלד און זיך ארומגעווארפן
אין גרויס געוויין. די יונגען האבן דיך
גענומען אויף די הענט, געבראכט דיך צום געצעלט,
ארויפגעלייגט דיך אויף דיין אייגענעם געלעגער,
און פון געלעגער ביסטו מיט אמאל פארשוונדן ווידער,

ערשט איצט, אַט־דאָ פאַרטאָג, געפין איך דיך — —
דו ליגסט אַזאַ פאַרצווייפלטער, אַזאַ צעבראָכענער".

זיין פאַרצווייפלונג און צעבראָכנקייט האָט זיך גענומען פון דעם וואָס ער האָט ווי אַ סך אַנדערע דערהערט און מער נאָך פאַר די אַנדערע דורכגענו־מען געוואָרן פון קול און פלוך פונעם ליידנדיקן, קרעציקן איוב ערגעץ ווייט. אויך ער, ווי די אַנדערע, לאָזט זיך אויפן וועג וואָס פירט צו איובס געצעלט.

ער זאָגט צו אברהמען:

„. . . צאָרן ניט אויף מיר
ווען גראָד אין דער מינוט פאַרנעם איך זיך אין וועג אַריין,
אין זעלבן וועג פון יורם און תובל.
אויך מ י י ן האַרץ מוז איך אָפּטונקען אויפסניי
אין הייסן אָטעם פון צעריסענע יסורים.
כיבין צופיל און צולאַנג געווען מיט זיך אַליין נאָר.
יאָ, צופיל אין דער שטילקייט דאָ. — — — געבענטשט זיי, פאָטער".

— 2 —

יצחק פאַרלאָזט זיין פאָטערס געצעלטן און שפּאַנט אַוועק אויפן זעלביקן וועג, וואָס אויף אים שפּאַנען די קנעכט יורם און תובל. דאָס איז דער וועג אויף וועלכן עס האָבן זיך געצויגן גאַנצע מחנות פון די וואָס זענען געשלאָגן געוואָרן מיט קרעץ, בלינדקייט, געליימטקייט און אַלע אַנדערע שווערע, פיזי־שע און גייסטיקע אַנשיקענישן.

די גאַט געשטראָפטע מאַסן פאַרפלייצן דעם זעלביקן וועג צום געצעלט פון קרעציקן און טויט־יסורים־דיקן איוב. די קראַפט אָבער און די כונה וואָס טרייבן יצחקן צו גיין צו איובן איז אַ גאַנץ אַנדערע פון דער טרייב קראַפט און כונה וואָס האָבן באַוועגט אַ ל ע אַ נ ד ע ר ע צו גיין אַהין פון וואַנען עס האָט זיך „ווידער, ווידער, ווידער דערהערט דאָס קול און די פלוכן פון דעם בעל יסורים איוב".

אַלעמענס גיין האָט באַצוועקט צו זוכן הילף און טרייסט פאַר זיך. יצחקן האָט געשטויסן צו גיין דער דראַנג צו געבן טרייסט און פאַרלייכטערונג אַנאַנ־דערן דורך טיפן מיטפיל און מיטלייד.

דאָ שווימט אַרויף אין זכרון די געשטאַלט פון נחמן פון זבאַראַש! *) דער מלאך זאָגט נחמנקען קלאָר און שאַרף, אַז „די פון גאָט פאַרגעסענע אין גהי־נום, די פאַרלוירענע און פאַרשאָלטענע, וועט ער ניט קאָנען העלפן". — —

*) י. ל. פּרץ — „ביים גוסס צוקאָפּנס"

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אָבער צוזאַמען, ליידן און מיטפילן — דאָס יאָ! און נחמנקע ענטפערט: איך גיי, איך גיי!"

דאָס איז אויך געווען דער זין און כוונה פון יצחקס גיין. אַלע די, אחוץ יצחקן, וואָס האָבן אויפן רוף פון איובן זיך געלאָזט גיין צו אים, האָבן דער־וואַרט היילונג פון אים, און דורך זיין קאַמף מיט גאָט, דערלייזונג פון זייערע אייגענע יסורים. זיי האָבן אַלע געשטראָמט צו אים ווי צו אַן „אויפמאָנער".

„וואָס שטעלט זיך איין פאַר לאָמע און פאַר בלינדע,
פאַר אַלע קרעציקע פאַר אַלע בעלי־מום".

אַלע האָבן זיי מיט יורמן געדענקט, אַז

„איצט קומט די שעה ווען װוּנדער
גייען אויף אין גרויל
ווען טויבע און שטומע
עפענען דאָס מויל —
ווען בלינדע נאַכט אין אויגן
פלאַקערט העליש אויף".

אַלע האָבן דערוואַרט, געהאָפט אויף היילונג און דערלייזונג פאַר זיך און דערפאַר זאָגט אליפז צו איובן:

„און שרעקלעכער פון אַלץ איז אָט די אָנזאַמלונג
פון מענטשן־אָפּפאַל דאָ אַרום די פעלדער דיינע;
פאַר זיי וועסטו באַזונדער בלייבן שולדיק,
ווייל אַלע ליגן זיי און וואַרטן און דערוואַרטן עפּעס
פון דיר און פון דיין צאָרן־יאָמער".

די מחנה וואָס איז געקומען צו איובס געצעלט דערמאָנט אָן דעם עולם חסידים * וואָס איז געקומען צום רבין ר' שלמה:

„דער עולם . . . .
קליינע, קליינע יידעלעך
אויסגעמאָגערטע,
איינגעשרומפּענע
יידעלעך

— —

שטעלן אויס די הענטעלעך;

— —

*) י. ל. פרץ — „די גאָלדענע קייט."

ק ו ל ט ו ר   ק וו אַ ל ן

און יעדער וויל פאַר זיך,
פאַר זיך,
פאַר אייגן ווייב און קינד
און צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מהה שחורה אַריין.
אַ וועלט !"

יצחק פרעגט, דעריבער, ביי דער מחנה אין אַ קול פון געבעט: צי זענען זיי און ער אַהער געקומען צוליב זיך נאָר? און ער דערציילט זיי אַז ער איז די גאַנצע נאַכט געשטאַנען איבער איובן און געזען דאָס בלוטעניש פון זיינע וווּנדן, און דאָס כאָרכלעניש וואָס האָט זיך געריסן פון גאָר דער טיפעניש פון זיינע אינגעווייידן. און ער זאָגט צו זיי ווייטער:

„איך האָב אין זיך אַריינגעאָטעמט זיינע קרעכצן
און פול מיט צער בין איך . . . אָ הערט מיך ברידער,
אין אַלע מיינע אברים קלאָגן זיינע ליידן".

דער סוף כל סופיקער ענטפער אָבער פון דער מחנה, וואָס האָט זיך בלויז אינזינען איז:

„וואָס שטייען מיר? וואָס וואַרטן מיר?
צערייסט, צעטראָגט די ווענט פון זיין געצעלט!"

* * *

גרויס און לאַנג איז די געדולד פון ליידנדיקע מאַסן. ווען אָבער די גאָר־לאַנג אָנהאַלטנדיקע געדולד פּלאַצט, ווערן די מאַסן ווולקאַניש געפערלעך. קיין שום זאַך קאָן זיי שוין מער ניט באַרואיקן, און שווער, זייער שווער איז דעמאָלט אָפּצושטעלן דעם אויסברוך. זייער אייגענער לעבן, ווי אויך דאָס לעבן פון אַנ־דערע ווערט אין קאָן געשטעלט. די אַנטווישונג אין די פירער פלאַקערט זיך פאַ־נאַנדער און איז גרייט אַלץ און אַלעמען צו פאַרצערן.

ה. לייוויקן זענען זייער גוט באַקאַנט און נאָענט די פיזישע און גייסטיקע ליידן פון די מאַסן. זייערע שווערע לאַסטן און די אומגעהויערע אומגערעכטיקייט צו זיי מצד דער געזעלשאַפט, זייערע פיינען און דערנידעריקונגען. באַקאַנט זע־נען אים אויך די וועגן זייערע פון רעוואָלט קעגן דעם וואָס איז שלעכט און פאַרדאָרבן אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. ניט פרעמד זענען אים אויך זייערע שטימונגען און באַציונגען צו דעם וואָס זיי נעמען אָן פאַר אַן אויפמאַ־

נער, פאַר אַ גואל. גאָר אַ סך פון די דאָזיקע קענטעניש און איבערלעבונגען בליצן אויף אין די שורות פון זיין „גאולה קאָמעדיע".

אין ווערק „גאולה קאָמעדיע" רעפּרעזענטירט יאָסעלע די לאַנג־יאָריק ליידנדיקע מאַסן — די מחנות וואָס זוכן באַפרייאונג און דערלייזונג. חנינה איז דער סימבאָל פונעם בעסערן מין אויפמאַנער און אויסלייזער — — — דער משיח בן דוד טיפּ. יאָסעלע פאָדערט דין וחשבון פון חנינהן. יאָסעלע וויל חשבון און אָפּצאָל „פאַר יאָרן אין די קעלערס, אין די גריבער, אין די תפיסות, פאַר די אומגעבראַכטע און אומגעקומענע אין הונגער און מלחמות, פאַר וויל־טאָג וואָס די רייכע און גליקלעכע האָבן אויסגעהוליעט".

די טיפקייט און שטאַרקייט פון דערדריקונג און דערנידערונג, די שווער־קייט פון די פיזישע און גייסטיקע ליידן און פּיינען פון די מאַסן זענען עד לאין שיעור. און דערפאַר פאָדערן די מאַסן, אין די ווערטער פון דער סימבאָלישער געשטאַלט, אַ „גאולה וואָס זאָל זיין „פרייד, געזעטיקטע בענקשאַפט, געשטיל־טער הונגער, טאַנץ פון ליב — — „פון אָרימען, געקריוודעטן און הונגעריקן לייב", און אין די טעג פון באו מים עד נפש, ווען די פאַרפּלייצונג פון פּלאָ־גענישן און יסורים ברעכט דורך אַלע דאַמבעס פון געדולד, שטעלן זיי זיך ניט אָפּ פון שטיינער וואַרפעריי אויף די דורכגעפאַלענע גואלים און פון קעפּ־שפּאַל־טעריי פון די דורות לאַנגע אונטערדריקער און פאַרשקלאַפער. „יאָסעלע" — — זאָגט לייוויק אין דער „גאולה קאָמעדיע" — ! — „וויל זען ווי מען זעצט זיי אריין, ווי מען דערלאַנגט זיי, ער וויל אַליין פאַרציען די קייט אַרום זיי, ער וויל האָבן די פולע פרייד פון דערלאַנגען זיי איבערן קאָפּ, ער וויל אַליין דערלאַנ־גען". און יאָסעלע בעט זיך ביי חנינהן ער זאָל אים ניט פאַרהאַלטן. אַזוי בעטן זיך אויך די קרעציקע און די געמומעטע מחנות בא יצחקן, אַז ער זאָל זיי ניט אָפּהאַלטן פון זייער גרייטקייט צו וואַרפן שטיינער אויף איובן, און ווען איוב פרעגט יורמען: „וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר" ענטפערט יורם:

ניט איך וויל עפּעס טאָן, נאָר אָט דער שטיין,
וואָס עמיצער האָט מיר אַריינגערוקט אין בוזעם נעכטן.
ווייזט אויס — — אַ קלוגער מאַן געווען, באַזאָרגט מיך
באַצייטנס מיט אַ קלוגן און גערעכטן שטיין".

און יורם נעמט אַרויס פון בוזעם אַ שטיין, פאַרמעסט זיך איבער איובס קאָפּ.

יורמס האַנדלונג דערמאָנט אָן יאָסעלעס ודוי פאַר חנינהן, אַז ער אַליין

„אַמאָל האָט אַזאַ האַק געהויבן..
אין עלנד, אין פאַרצווייפלונג — — אין געשריי — אין שנאה — — —
אַזוי פיל קעפּ — קעפּ — און בלוט — און הייזער פאַלן
און מענטשן פאַלן.... שרעקלעך צו דערמאָנען זיך".

„אין די טעג פון איוב" לויכט אויף די סיבה און דער כאַראַקטער פון מאַסן רעוואָלט אין צוויי רעיונות וואָס דרינגען דורך דעם מוח פון שטן. איין רעיון איז:

אַז „צונויפגעלאָפענע, פאַרגרוילטע מאַסן פירן מיך צו די פּרוּוונגען אַז אין אָט די מחנות ליגט איובס דורכפאַל און ניט אין גאָט". דאָס איז דערפאַר וואָס די מאַסן זענען „יסורימדיקער פון אַלע איובס ווייטאָקן און וויי־געשרייען. אַנטקעגן זיי איז ער שפלער ווי קעגן גאָט".

דער צווייטער רעיון איז:

אַז אויך זיי, די מחנות ווערן אויפגערודערט און פאַרכאַפּט אין יושר־שטראָם נאָר דעמאָלט ווען זיי זענען מחנות.

אין זיך אַליין אָבער האָט יעדערער פון זיי נאָר זיך אינזינען;
און איינער צו דעם צווייטן איז געמיין און האַרט.
ניטאָ אין זיי די אינווייניקסטע פיין־באַהעפטונג,
ווי כימערק עס אין דיין תם — אין דעם עיקדה'ניק".

אין נאָך שטאַרקערע און ווייטאָקפולערע ווערטער ברענגט איוב אַרויס די גרויזאַמקייט און סימפּאַטיע-מאַנגל אין רעוואָלטירנדיקע מחנות און צום איינצלנעם צווישן זיי, און פון יעדן איינצלנעם צום אַנדערן. די איינצלנע פון וועלכע מחנות ווערן צונויפגעזאַמלט און צונויפגעשטעלט, פאַרטראָגן זיך אָפט ניט איינע די אַנדערע. די קאָמפּליצירטע שייכותן פון איין יחיד צום אַנדערן אינעם כלל, און די קעגנזייטיקע שייכותן צווישן כלל און יחיד, קומען שאַרף צום אויסדרוק אין איובס ווערטער צו די שטורמער פון זיין געצעלט, בעת זיי פאַרמעסטן זיך אויף אים מיט שטיינער:

„זייט שטיל! פאַרמאַכט די מיילער אייערע,
איר, ערב־רב, איר — אַנגעלאָפענער המון,
איר — אָנגעיאָגטע אויף די פליגלען פון דער פינצטערניש
און אָן דעם מינדסטן בונד צווישן זיך אַליין.
צי ווילט איר מיינע אַנגסטן איבערדרייען אין אַ ליגן?
צי אפשר ווילט איר זיך אַליין צעטרעטן און צעשטויבן?
איר דאַרפט מיין יאָמער? אָט האָט איר מיין יאָמער.
איר דאַרפט מיין שטילקייט? אָט האָט איר מיין שטילקייט.
נאָר ווער פון אייך דאַרף מיך אַליין — יאָ, מיך אַליין,
דעם איינגעבראָכענעם, דעם פיין־פאַרשעמטן זקן?
און ווער פון אייך דאַרף זי — מיין שטאַרבנדיקע האַרינטע?
איר אַלע ווילט געהאָלפן זיין, געטרייסט זיין,
איר ווילט דורך גאָט דעם האַר דערהערט זיין —

און ווער פון אייך האָט ווען געהאָלפן און געטרייסט זיין שכן,
מיט אמתדיקער טרייסטנדיקער הילף?
און ווער פון אייך האָט אויף אַן אמת מיך געטרייסט
און טיילן זיך געוואָלט מיט מיינע ליידן — — אויף אַן אמת?
אָ, ווער? — — אַחוץ מיין שטאַרבנדיקער האַרינטע,
און אַ חוץ אים (ווייזט אויף יצחקן) דעם איינציקן צווישן אייך
וואָס איז מיר ווי אַ זון?

— 3 —

יצחק איז דער איינציקער אין דער גאַנצער מחנה וואָס ווערט דערפילט ווי אַ זון צו איובן. ער איז אויסדערוויילט פון גאָט, און לייוויק לאָזט אים אַלס עטי־שע פערזענלעכקייט הויך טורעמען איבער איוב׳ן, ווייל יצחק ווי ר׳ שלמה אין פרצעס „גאָלדענע קייט״ האָט געפילט, אַז האַרץ ברענגט נעענטער איידער קאָפּ דעם מענטשן ניט נאָר צום צווייטן מענטשן נאָר אויך צו גאָט. די דערהויבנקייט פון האַרץ איבער קאָפּ פּלאַטערט איבער די ווערטער פון ר׳ שלמה׳ס איינקל לאה: „אייב עס איז פאַראַן אַ וועלט מוז זיין ווער עס פירט די וועלט, מוז זיין אַן אויג וואָס קוקט אויף איר. אין אונדז, אין אונדז שלאָגט אַ האַרץ, די וועלט מוז אויך האָבן אַ האַרץ. אַ באַרמהאַרציק האַרץ״.

יצחק האָט אין איוב׳ס קרעכץ דערהערט און דערפילט ניט נאָר די צע־טרייסלונג פון איוב׳ס וועזן, נאָר אויך פון די יסודות פון דער וועלט. און ווען איוב פרעגט אים וואָס ווייסט ער פון די יסודות פון דער וועלט, ענטפערט אים יצחק, אַז ווייל ער וויל וויסן מער, דערפאַר טאַקע איז ער געקומען צו אים.

יצחק איז געקומען צו איובן מיט דער כונה און מיט ווילן זיך צו באַהעפטן מיט זיינע פיינען און יסורים. ער איז פון די וואָס גלייבן אַז די שייכות בין אדם לאדם זענען תוכן פון די שייכותן פון בין אדם למקום. דער רחמנא ליבא בעי האָט שמענדיק געקלונגען אין זיינע אויערן. עס זענען געשטאַלטן ווי יצחק וואָס אַ וויסנשאַפטסמאַן פון אַלבערט איינשטיינ׳ס ראַנג האָט אינזינען געהאַט ווען ער האָט געשריבן:

„דער עצם תמצית פון רעליגיע איז די פייאיקייט אַריינצוקריכן אונ־טער דער הויט פון אַ צווייטן מענטשלעכן וועזן, צו פרייען זיך מיט זיין פרייד און ליידן זיין פיין. די מאָראַלע אייגנשאַפטן פון גרויסע פערזענלעכ־קייטן זענען אפשר וויכטיקער פאַר אַ דור און פאַרן גאַנג פון געשיכטע ווי ריין אינטעלעקטועלע אויפטואונגען״.

וואָס טיפער איינעמס סימפּאַטיעס זענען צום צווייטן, וואָס שטאַרקער און עכטער איינעמס פייאיקייט איז מיט צולעבן און איבערלעבן נחת און צער פון דעם

וואָס איז מחוץ פון אים, פון דעם וואָס איז ניט ער אַליין, ניט דער אייגענער איך, אַלץ מער אָטעמט וועלט מיט גוטסקייט אָנשטאָט שלעכטקייט.

די וועלט ווערט דורך דעם אַלץ מער דורכגענומען מיט האַרץ־און־נשמה־טיפקייטן, און זיי זענען דער תוכן פון מאָראַל און עטיק. וואָס מער די סימפּאַטיעס און מיטגעפילן באַציען זיך אויף קאַטעגאָריעס וואָס שליסן איין ניט נאָר מענטש, נאָר אַלץ וואָס עקזיסטירט, אַלץ וואָס אונדזערע חושים און כח הדמיון קאָנען אויפנעמען, אַלץ מער וועט דער טרעגער פון אַזעלכע געפילן אויפגענומען ווערן פון די מיט וועמען ער קומט אין קאָנטאַקט ווי אַ ליבער פריינט, ווי אַן אייגענער.

אַט פאַרוואָס איוב פונעם ערשטן מאָמענט אָן ווען ער דערזעט יצחקן בעט ער זיך בא אים:

ניט רוף מיך האַר, נאָר זיידע
ווייל כיפיל אין דיר אַ נאָענטקייט און אַ וואַרימקייט".

אַט דער קוואַל אין יצחקס נשמה פון וועלכן עס איז געפלאָסן וואַרימקייט איבער די ראַנדן, דערקלערט פאַרוואָס איוב האָט זיך דערלויבט צו פאָדערן דאָס מענטשלעך אוממעגלעכע פון יצחקן — אוממעגלעך פאַרן מענטשן, ווי ער לאָזט זיך איצט דערקענען אין זיינע שייכותן צו וועלט, מענטש און גאָט. איוב, וועלכער האָט אַליין שטאַרק געזינדיקט אויף סימפּאַטיע־מאַנגל, פאָדערט פון יצחקן ניט נאָר סימפּאַטיע, ניט נאָר מיטלייד און מיטגעפיל, נאָר עמפּאַטיע. ער פאָדערט טראַציק און שאַרף פון יצחקן ניט נאָר אַ באַהעפטונג מיט זיין אומדערטרעגלעכן פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד, נאָר אַן אידענטיפיצירונג — אַן אויפלייזונג פון איינעם אינעם אַנדערן — אַן איינס ווערן מיט אים.

ווען יצחק זאָגט צו איובן אַז ער וויל זיך טיילן מיטן זיידנס ליידן, מיט זיינע ווייטאָקן — צו איבערנעמען כאָטש טייל פון זיי, שרייט אויס איוב אין אויפרעגונג:

„טאָ נעם און שריי ווי איך מיט מיין געשריי
און ניט מיט אַ געוויין וואָס קיינער הערט ניט.
דו ווילסט מיט מיר זיך טיילן — נעם און לייג זיך
ווי איך אין אַש, און רייס די הויט פון זיך
אפילו ווען דיין לייב איז פריש און טוט ניט וויי,
און שריי, צו גאָט, ווען דו אַליין אַפילו דאַרפסט ניט שרייען,
און רוף צום משפט גאָט צוליב אַ צווייטנס פיין,
אפילו ווען דיין אייגן האַרץ איז פול מיט רו,
און יאָמער ווען אַפילו דיינע ליפּן ווילן שמייכלען,
אַפילו ווען דיין האַלדז וויל זינגען"

יצחק, וועלכער האט אזוי פיל געליטן און איז אזוי אָנגעפילט מיט מיטלייד צו אַלע און אַלעמען, און איצט — מער ווי צו אַלעמען — צו איוב'ן, ווערט פונדעסטוועגן ניט אויפגערעגט פאַרוואָס איוב שטעלט אים פאָדערונגען וואָס זענען איבער מענטשלעכע כחות זיי צו דערפילן. אָנשטאָט דעם בעט ער זיך ביי איובן ער זאָל אים פאַרגעבן וואָס זיין צער איז אים אומבאַהאָלפן, און וואָס ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין, און ער ווייסט דערפאַר אודאי ניט ווי אים צו טרייסטן.

די דאָזיקע שטילע אומבאַהאָלפנקייט, דאָס ניט־וויסן אויף דעם מאָמענט וואָס צו טאָן מיט זיך און ווי צו געבן מער הילף, מער טרייסט, מער פאַרלייכטערונג דעם שווער פיזיש און גייסטיק ליידנדיקן איובן, טוט א ריר די סאַמע טיפסטע יסודות פון זיין פּערזענלעכקייט, וואָס זענען פון איין געוועב מיט די וועלט־יסודות, פון איין עסענץ מיטן וועלט באַשאַף.

די דאָזיקע אויפטרייסלונג פון אַלע אינערלעכקייטן פון זיין וועזן וואַרפט אים אריין אין א חלום־פאַרגליווערונג און ברענגט אים צו א טראַנס־צושטאַנד. ער ווערט אריבערגעטראָגן אין א רעאַליטעט, וואָס אין איר ווערן אָפּגעווישט די גרעניצן צווישן חלום און וואָר, צווישן דאָ און דאָרט, איצט און שפּעטער און אויך אפילו צווישן לעבן און טויט, באַוווסטזיין טרעט אריבער די גרעניץ פון איבער־באַוווסטזיין, איבערמענטש פליגלט איבערן מענטש, דאָס אוממעגלעכע באַקומט מער זין ווי דאָס מעגלעכע, דאָס אומרעאַלע — מער ווי דאָס רעאַלע.

דער טראַנס באַפאַלט יצחקן בעתן דערציילן איובן וועגן זיין אמאָליגער, ווי ער רופט עס, שעפּסישקייש און וועגן זיין מוטערס טויט, צוליב דער פאַלשער בשורה וועגן יצחקס אומקומען. די געדאַנקען־אַסאָציאַציע ברענגט דעם שעפּס, א תחית־המתים אויפגעשטאַנענעם, צו יצחקס פּיס. „א וואָל־צעפלאָכטענער שעפּס טויכט אַרויס פון אונטער די שאָטנס פונעם געצעלט און קריכט צו צו יצחקס פּיס".

דער שעפּס זעט אויס האָט פאַרנומען יצחקס דערציילן איובן אז זיין מוטערס לעצטע ווערטער צו אים זענען געווען:

„......אָ, יצחק מיינער
אַ שעפּס האָט דיך פאַרביטן — ווען? ביים סוף?
אַפריער, ביז דעם סוף, ביסטו געווען דער שעפּס?
ביסטו געלעגן און געוואַרט צו זיין געשאָכטן?"

איז דערפאַר קלינגט אַרויס ווי מיט דעם שאַרף פון א חלף די ערשטע פראַגע פון דעם שעפּס צו יצחקן:

„און מ י י ן האַלדז שעכטן מעג מען?

פאַרוואָס, איך פרעג דיך, האָט עס מיר געקומט?"

די שאַרפקייט פון דער פראַגע און טיפע אבסאָלוטע גערעכטיקייט, וואָס ליגט אין איר פאַרבאַהאַלטן, רופט אַרויס אַ גרויל ניט נאָר, ווי ליוויק זאָגט אונדז, אין יצחקן, נאָר אויך אין דעם לייענער. דער לייענער, ווי יצחק גופא, דערפילט זיך ווי אין אַ תהום אַ פאַרזונקענער, אונדזער לשון ווערט אויף אַ מאָמענט ווי אָפּגענומען, אַזוי אויך אונדזער דענק־קראַפט. מיר דערפילן ווי עס האַגלען אויף אונדז די ברענענדיקע, האַרץ־שניידנדיקע פראַגן פון דעם שעפּס.

דער שעפּס פרעגט יצחקן:

„צי איז דיין טאַטנס מעסער אויך ניט ד י י ן מעסער געווען?
צי איז דאָס שעפּסן־בלוט קיין בלוט ניט?
צי בין איך ניט צומאָל דיין גלגול אפשר?"

ניט וואַרטנדיק אויף יצחקס ענטפער פּייערט דער שעפּס ווייטער מיט רייד וואָס טראָגן שוין גאָר אַ גרויס וואָרנונג צו דער מענטשהייט. די ווייטערדיקע רייד לאָזן אַריינפּליסן אין דעם עטישן שטראָם אַן אַריינגוס פון אוטיליטאַריזם, פון אייגן־נוץ. די דאָזיקע רייד טראָגן אין זיך אַן אָנצוהערעניש אויף דער מעג־לעכקייט אַז נאָר אין דער אַבסאָלוטער ניט־פאַרגיסונג פון בלוט ליגט רעטונג פאַר דעם מין מענטש; נאָר דער קאַטעגאָריש אימפּעראַטיווער פאַרבאָט צו פאַר־גיסן בלוט פון וועלכער עס איז וועלט־געשטאַלטיקייט, וואָס ווייזט אַרויס סמנים פון לעבן, וועט אָפּשטעלן פאַרגיסונג פון מענטשן־בלוט. דער שעפּס ברענגט אַרויס די דאָזיקע מעגלעכקייט דורך דער וואָרנונג, אַז דאָס מעסער וואָס מיט אים שניידט מען שעפּסן־העלדזער, מוז און וועט זיך סוף כל סוף אַראָפּלאָזן אויף מענטשן־העלדזער.

ער זאָגט צו יצחקן:

„און אפשר בין איך גאָר דער ערשטער אָנזאָג וועגן דיר,
דער אָנוואונק אויף דעם חלף־שאַרף וואָס מוז
אויך ד י י ן האַלדז איבערשניידן סיי ווי סיי,
אויב ניט אין דער מינוט — איז שפּעטער, ש פּ ע ט ע ר!
צי האָט זיין שאַרף ניט אויפגעדעקט פאַר דיר
די שעכטונג, וואָס איז גרייט פאַר דיר אין ווייטע דורות
דורך מעסערס לאַנגע ווי די לאַנגע נאַכט?"

דער שעפּס באַשטייט עקשנותדיק, אַז יצחק זאָל אים דערקלערן פאַרוואָס ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון מזבח און מיט גוואַלד אים אַרויפגעשלעפּט. און ווען יצחק שווייגט אויס דערשטוינונג ווי אויך טאָקע אויס מאַנגל אין אַרגו־מענטן, וואָס זאָלן פאַרענטפערן זיין האַנדלונג, ווערט דער שעפּס נאָך שטרענ־גער אין זיין פאָדערונג. ער שטעלט זיך איין פאַר זיין רעכט צו מאָנען דין און משפּט.

ווילי‍אַם נאַטאַנסאָן

„ס'איז הײנט אַ נאַכט אַזאַ, װען ניט נאָר מענטש,
נאָר אויך אַ שעפּס האָט פרײַ רשות צו רעדן
און אויך רשות צו טענהן װעגן טויט און מאָנען משפּט
ניט װײניקער װי ס'האָט דער מענטש — אַפילו אַ געקוילעט שעפּס.

און פון רעכט און מאָראַל גײט ער װידער אַריבער צו נוץ און לוין. ער װיל אַז יצחק זאָל דערפילן און אַנערקענען אַז מיט דער שעכטונג פון שעפּס גע־װינט ניט סוף כל סוף דער מענטש, װײל דער מעסער װאָס שעכט שעפּסן, טראָגט אין זיך אַ רשעות װאָס װעט פירן צום אַרײַנדרינג פון מעסער אויך אין די אינ־געװײדן פון מענטש. ער װיל אַז יצחק זאָל אַ טראַכט טאָן אויב ער אַלײן איז אין דער אמתן ניט קײן געשאָכטענער נאָך דער גאַנצער רעטונג זײַנער דורכן ברענגען אַלס קרבן דעם שעפּס אַנשטאָט זיך; ער הײסט יצחקן זיך גוט באַטאַפּן דעם האַלדז און אַלע אברים זײַנע און זען צי האָט זײַן טאַטע אברהם סײַ װי סײַ אים ניט געשאָכטן.

אויף יצחקס געשרײַ:

„פאַרשװינד! אַװעק דו משוגעת!"

האָט דער שעפּס אַ שטורעם געטאָן אויף אים מיט מעסער־שאַרפע און פײַער־ברענענדיקע װערטער:

„...אפשר גאָר דאַרפסטו אַלײן פאַרשװינדן?
און אויך אַזױ דער אויסגעצױגענער יסורים־מאַן?
פאַרװאָרף אים אויף דײַן אַקסל און — אַװעק פון דאַנען!
אַנטרין מיט אים אין שאול אין תהום! פאַרגײ!!!"

גאָט דאַרף אײַך בײדן ניט, ער קערט זיך אָפּ פון אײַך.
מיט מ י ר איז גאָט. מיט מיר און מיט מײַן האַלדז,
דעם אויפגעשניטענעם, דעם אויסגערונענעם,
מיט מיר און מיט מײַן פלײש דעם אָפּגעבראָטענעם!
און איר זײַט בײדע קינס. בײדע! בײדע!"

מיט װעמען איז גאָט? — מיטן געקוילעטן שעפּס, צי מיט דעם געראַטע־װעטן יצחק? איז די קאַרדינאַלסטע פראַגע װאָס װערט פון מחבר געשטעלט אין זײַן פּאָעטישער דראַמע „אין די טעג פון איוב".

— 4 —

דעם שעפּס דערמאָנען קינען פירט דעם מחברס שוין אַזױ אויך צעפּלאַמטע

פאנטאסטיש־מיסטישע וויזיע, צו דעם אויפוועק פון הבלן, וואס איבער אים שטייט קין א לעבעדיקער.

דורך קין׳ס ווערטער צו יצחקן רייסן זיך דורך געפילן און געדאנקען, וואס האבן אין פארלויף פון יארן מסתמא זיך געווידמענט און געפרוכפערט אין דעם אונטער־און איבערבאוואוסטזיין פונעם מחבר. די העכסטע און טיפסטע געוויסן־מאטערנישן און געראנגלענישן געפינען תיקון אין קין׳ס ווערטער פול מיט צארן און פארדרוס. דורכן קין און הבל ברודער־מארד לאזט דער מחבר קומען צום פאדערגרונט פון דער עטיק און מאראל די וויכטיקסטע פראגע אין דער שייכות צווישן מענטש און מענטש. ווי א וואלקאנישע לאווע טוט א שלאג ארויס פון קין׳ס שטעלן צו יצחקן די פראגע פון אלע פראגעס: ווי ווייט און צייט און אין שטח שפרייט זיך אויס די טיפע התחיבות פון מענטש פ א ר מענטש? ווי טיף און הויך דארף זיין דער פארנעם פון דער בין אדם לאדם שייכות? צו וואסערע אפגרונטן פון באוווסטזיין און אונטערבאוווסטזיין דארפן זיי גרייכן? און אפשר דארפן זיי גאר אריינדרינגען אין די סאמע אינגעווייידן פון דער גאנצער עקזיסטענץ, לעבעדיקער ווי ניט לעבעדיקער, באוווסטער ווי אומבאוווסטער? אפשר דארפן זיי אין סך הכל ארומנעמען דעם גאנצן באשאף?

דער סימבאליש־מיסטיש אויפגעלעבטער קין שטעלט זיך פאר פאר יצחקן און איובן ווי א ברודער זייערער. אין זיין ווענדונג צו יצחקן זאגט ער:

„כיבין קין, — אייער ביידנס ברודער, —\
וואס מאכט איר שותפים מיינע, טייערע־געטרייע?

— —

איך זע אבער ווי גרויס ס׳איז די געטרייקייט פון א קרבן־שעפס\
צו וועלן זיך ארויסדרייען פון חלק שותפות".

און דא שטעלט קין זיי ביידן א פראגע, וואס ס׳איז באמת איינציק אין איר ארט:

„צי נאר פון אייערטוועגן האב איך דערהרגעט הבלן\
און ניט צוליב די שפעטערדיקע דורות אייערע — —\
צו מאכן לייכטער אייך דעם וועג צו מארד,\
באפרייענדיק אייך פון דער שווערקייט פון התחלה?"

קין וואגט צו דענקען אז זיי — יצחק און איוב — און דא מיינט ער נאטירלעך יעדן איינציקן פון אונדז — וואלטן געדארפט אים דאנקבאר זיין פאר דעם וואס ער האט פאר דער מענטשהייט וואס פארגיסט נאך אלץ בלוט ווי „עס וואלט געווען וואסער" — — דורכגעבראכן דעם וועג צו מארד און שעכטונג.

ער האָט געעפנט פאַר זיי די פרייהייט פון רציחה. ער האָט זיי געגעבן אַ גרייט געצייג: „אַ שטיין אַ פּאַרטיקן — — איינגעשמירט אין הרוגס בלוט".

דער געדאַנק, אַז דער מענטש טראָגט אין זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע קומענדיקע דורות איז נישט קיין נייעס און ליגט זיך אויפן שכל פון יעדן מענטשן מיט אַ גרעסערן, אָדער אפילו קלענערן, עטישן באַנעם. אַזאַ מענטש ווייסט און פאַרשטייט, אַז יעדער דור שאַפט, טראָגט אויס, דערציט און ברענגט צושטאַנד דעם קומענדיקן דור. דאָס אַלץ איז גורם פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע קומענדיקן דורות איינגעשלאָסענע איינער אינעם אנדערן, אָבער אפילו דעם דאָזיקן געדאַנק דערפירט קין ביז צו עקסטרעמסטע קאָנסעקווענצן.

קין למשל דענקט, אַז איוב מיט זיין זינדיקן האָט געבראַכט דעם אונקום פון זיינע אייגענע קינדער. ווען ער וואָלט טיף געפילט זיין פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, וואָלט ער ניט געקאָנט און ניט געטאָרט ציען מער דעם פאָדעם פון זיין לעבן. ער וואָלט מיט געוואַלט געדאַרפט אים איבערהאַקן.

ער זאָגט צו איובן:

„שילטסט און פלוכסט דעם טאָג פון דיין געבוירן?
וואָס קענסטו אָבער זאָגן וועגן יענעם טאָג,
ווען דו אַליין האָסט אָנגעבוירן קינדער
און זיי אַריינגעוואָרפן אינעם בלינדן תהום פון גורל?
צי קאָנסטו מיט פאַרשילטן זיך אַליין מכפּר זיין
אויף דער פאַרברעכערישער פאָטערשאַפט דיינער,
וואָס איז אַ האָר ניט קלענער פון מיין ברודער מאָרד?
פון אַלע קינדער דיינע איז פאַרבליבן נאָר אַ קופּע אַש,
און דו, כאָטש אין יסורים, אָבער לעבן לעבסטו!
דו לעבסט, — — דו ווילסט ניט שטאַרבן ווילסט ניט? ווילסט ניט?
וואָס שווייגסטו שטום? ...."

אויסטערליש און פילאָסאָפיש־אַוואַנטוריסטיש קלינגט קין'ס פאָדערן ביים מענטש אחריות פאַר מעשים פון די וואָס האָבן געלעבט איידער נאָך דער דאָ־זיקער מענטש איז אויף דער וועלט געקומען.

קין וויל וויסן פון יצחקן פאַרוואָס ער איז ד ע מ א ל ט ניט צוגעשפּרונ־גען צו זיין האַנט „און זי ניט אָפּגעהאַלטן פון איר מאָרד פאַרמעסט". ער באַ־שטייט עקשנותדיק אויף דער פראַגע פאַרוואָס יצחק האָט דערלאָזט אַז ער, קין, זאָל טויטן הבלן. און ווען יצחק, אַ פאַרוואונדערטער, פרעגט ווי קאָן ער גע־האַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר הבלס טויט, ווען ער איז נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט גאָר ניט געווען? ענטפערט קין דרייסט און רעזאָלוט מיט אַנ־אנדער פראַגע וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געשטעלט געוואָרן.

„צי נאָר דערפֿאַר ווייל דו ביסט דעמאָלט ניט געווען נאָך —
ביסטו ניט מיטשולדיק פֿאַר בלוט־מעשים פֿון דעמאָלט,
און מעגסט זיך גאַנצן מאָרד־חשבון
אַרויפֿלייגן אויף מיינע פּלייצעס נאָר? אויף מיינע נאָר?"

דער טיפֿער זין פֿון די פֿראַגן, וואָס מיט זיי באָמבאַרדירט קין יצחקן איז, אַז דער מענטש דאַרף לערנען און דערציען זיך אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען זיך פֿילן און זיך אויפֿנעמען ווי אַן אייביק עקזיסטירנדיקן וועזן. דער קווינטעסענץ פֿון מענטשן־זיין פֿאַרשווינדט דאָך אייגנטלעך ניט מיט זיין פֿינאַלער פֿולסירונג און לעצטן אָטעם. דער פֿילאָסאָף בערגסאָן למשל וויל האָבן אַז קערפּערלעכקייט איז ניט מער אידענטיש מיט לעבן ווי דער דראָט איז אידענטיש מיט דער עלעקטרי־ציטעט, וועלכע מאַניפֿעסטירט זיך צו אונדז דורך אים. דאָס וואָס מיר רופֿן אַ לעבן איז דאָך אין דער ווירקלעכקייט אַ צונויפֿשטעל פֿון קערפּער און גייסט. דער גייסט לאָזט זיך דערקענען צו אונדז דורכן קערפּער. וואָלטן אַלע מענטשן געקומען צו דער מדרגה אַז זיי זאָלן קענען זיך פֿילן קאָנקרעט און וויזואַליזירן זיך קלאָר ווי אומאָויפֿהערלעך־עקזיסטירנדיקע פֿון אייביק ביז אייביק; וואָלטן מענטשן זיך דערקענט ווי שטענדיק־פֿאַראַנענע אין אַזאַ אָדער אַגאַנדער וועזנטלעכער געשטאַלט, וואָלט קיין מענטש אפֿשר, אין פֿאַרלויף פֿון זיין דאַאַיקער עקזיסטענץ, ניט געלייגט זיין האַנט אויף אַן אַנדער מענטשן מיט בייזקייט און שלעכטער כוונה.

* * *

אַ געוויסן גרונט, וואָס לאָזט אַזאַ מיסטישע השערה זיך לייגן אויפֿן מענטש־לעכן שכל און דענקונגס־קראַפֿט גיט דעם מענטשן די סאַמע לעצטע אַפּצווייגונג פֿון פֿילאָסאָפֿיע און פּסיכאָלאָגיע, וואָס רופֿט זיך פּסיכישע פֿאָרשונג. נאָר באַ־דייטנדיקע וויסנשאַפֿטלער און פֿילאָסאָפֿן אַרבעטן לעצטנס אויפֿן דאָזיקן גע־ביט. די מיסטיק הויבט אָן דעריבער צו שלאָגן וואָרצלען אין דער וויסנשאַפֿט און נאָך מער אין דער פֿילאָסאָפֿיע. אַנרי בערגסאָן, איינער פֿון די נייעדע פֿי־לאָסאָפֿן, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג זיך אָפּגעגעבן מיט אַן אינטענסיווער שטודיע פֿון ביאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, שליסט זיין לעצטן בוך „מאָראַל און רעליגיע" מיט די פֿאָלגנדיקע שורות:

„לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן אַז בלויז אַ שיין פֿון דאָזיקער אומבאַוואוסטער וועלט שלאָגט זיך דורך און ווערט זיכטבאַר צו אונדזער קערפּערלעך אויג. וואָס פֿאַר אַ טראַנספֿאָרמאַציע פֿאַר דער מענטשהייט וואָס איז צוגעווינט אָנצונעמען ווי עקזיסטירנדיקס נאָר דאָס וואָס זי קאָן זען און אָנרירן. די אינפֿאָרמאַציע וואָס וואָלט צו אונדז דעמאָלט געקומען וואָלט געהאַט אפֿשר אַ שייכות נאָר צום ווייניקער וויכטיקסטן טייל פֿון די נשמות, נאָר צום נידעריקסטן גראַד פֿון ספּי־

ריטואַליטעט. דאָס וואָלט אָבער געווען גענוג אויף צו ווענדן דעם גלויבן אין יע־נער וועלט ווי אין אַ לעבעדיקער, אַקטיווער רעאַליטעט.

פאַרגעניגן וואָלט פאַרטונקלט געוואָרן פון פרייד. אַ פרייד וואָלט באמת גע־ווען די איינפאַכקייט פון לעבן וואָס וואָלט דורכגעדרונגען די גאַנצע וועלט אַ דאַנק דעם אומאויפהערלעכן אויסשפרייט פון מיסטישער אינטואיציע. אַ פרייד וואָלט אויך געווען דאָס וואָס וואָלט אויטאָמאַטיש געקומען פון אַ וויזיע פון דעם לעבן פון אַ יענער זייט וואָס ווערט דערגרייכט דורך אַ ווייטערדיקן שטויס פון וויסנשאַפטלעכן עקספּערימענט".

וואָס גרעסער אין צאָל און וואָס שטאַרקער און טיפער עס וועלן ווערן די וואָרצלען, וואָס די מיסטיק וועט שלאָגן אין דעם וויסנשאַפטלעכן עקספּערימענט, אַלץ גרעסער וועט ווערן די צאָל פון מענטשן מיט אַ מער אַרומנעמענדיקער ווי־זיע וועגן זיך ווי אַן אייביק־עקזיסטירנדיקן.

אין ליכט פון דער וויזיע פון מענטשנס אָנגעהעריקייט צו דער אייביק זייענדיקער סובסטאַנץ, אין שיין פון זיין ניט־אָפּגעשיידקייט פון דער אייביקייט, באַקומען אַ נייעם זין די ווערטער פון קינען צו יצחקן:

„צי ועסטו ניט אַז ווען דו זאָלסט ניט זיין קיין תם,
וואָלסטו געקאָנט באַצייטנס אַ געשריי געבן,
צוזאַמען מיטן קראַנקן איוב אַ געשריי געבן צו גאָט,
אַז ער זאָל אָפּהאַלטן מיין האַנט אין איר פאַרמעסט,
און הבל וואָלט ווי דו מיט שרעק נאָר אָפּגעקומען.
און איצט, אויב הבל וואָלט געקאָנט אַ יצחק זיין,
פאַרוואָס זאָל יצחק ניט מעגן זיין קיין הבל?"

אין די ווייטערדיקע ווערטער פון קינען קומט אַ בילד פון די שרעקלעכע ליידן וואָס הערן ניט אויף צו מאַטערן קינען, וועמען דער געוויסן לאָזט ניט אָפּ אויף אַ רגע צו רייסן און פאַנאַנדעררייסן אויף פיץ־פיצעלעך זיין נשמה און גייסט.

קין זאָגט צו יצחקן:

„אויף גאָר דער ערד בין איך דער איינציקער,
וואָס טראָגט אַ רצח־צייכן אויפן שטערן
און נעמט אים אָן און וואַרפט אים ניט אַראָפּ פון זיך,
און לעשט ניט אויס דעם ווייטאָק פון זיין גליענישׁ,
זיין שטערן, זיין ניט געבן מיר קיין רגע שלאָף.
איך נעם אים אָן, דעם צייכן, אין געיאָמער פון געוויסן

און לויף אַרום מיט אים פון דור צו דור,
צוזאַמען מיט מיין קרבן אויפן אַקסל, און איך שריי צו גאָט.
כיוועל שרייען אַזוי לאַנג ביז מיין געשריי וועט זיין דערהערט,
און גאָט וועט הבלען מאַכן לעבעדיק צוריק. — — — — —"

וואָס קין פאַדערט איצט פון גאָט און מענטש איז אויפצולעבן הבלען אין זיכרון און און געוויסן פון דער מענטשהייט. אין כעס איז קין פאַר דעם וואָס דער מענטש האָט פאַרגעסן אָן הבלען, דעם קרבן פון מענטשנס ע״שטן ברודער־מאָרד.

ער זאָגט צו הבלען:

„איך האָב אַהערצו דיך געבראַכט ווייל כיהאָב געמיינט
אַז דאָ הייבסט אָן צו אויפקומען די שעה
ווען מעשים אָפּגעטאָנענע באַפרייען זיך פון זייער מוז
צ ו ב ל י י ב ן א י י ב י ק אָ פּ ג ע ט אָ ן, ווען גרויל יסורים
צערייסן אַלע שלעסער פון פאַרפאַלנקייט און אויך פון טויט,
איך זע אָבער, אַז אַלץ איז ווי געווען און — רו הערשט ווידער,
און דאָרט וואו רו — — דאָרט זענען מיר ניטאָ".

נאָך פריער פאַר קינען האָט שוין הבל זיך געקלאָגט פאַר יצחקן, אַז יעדער איינער האָט אים פאַראַטן און פאַרלאָזט צו זיין אַן אומגעקומענער לעולם ועד. דער פאַראַט וועגן וועלכן הבל רעדט, באַשטייט נאַטירלעך אין דעם, וואָס דער ערשטער ברודער־מאָרד איז נאָך ווייט ווייט ניט דער לעצטער. די מענטשהייט, נאָך אויך איצט, ליגט — ווי בערגסאָן דריקט זיך אויס, „אַ האַלב צעדריקטע אונטערן געוויכט פון איר אייגענעם פּראָגרעס".

בערגסאָן אָבער גלויבט ניט מער, ווי קהלת האָט געגלויבט, אַז דור הולך ודור באָ, והארץ לעולם עומדת — — אין חדש תחת השמש. (אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט און די ערד באַשטייט אייביק און ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון).

די רעפּרעזענטאַנטן פון איצטיקן מענטשלעכן דענקען פילן דעם פּלוס פון דעם „געוועזן — איז — און — וועט זיין" — שטראָם פון קאָסמאָס. זיי פילן זיין שעפעריש און זיך שטענדיק באַנייענדיקן טעמפּאָ. זיי זעען דעריבער די וואַר־שיינלעכקייט און מעגלעכקייט, אַז אַלץ אין מענטשן און אַרום מענטשן, אין דעם איינצלנעם ווי אין דער כלל, זאָל ווערן אויף אַן אומדערוואַרטעטן און איבער־ראַשנדן אופן אַנדערש און בעסער.

— 5 —

דאָס גאַנצע פינפטע בילד אין דער דראַמע „אין די טעג פון איוב" איז אַ פלאַמיק־פאַנטאַסטישע וויזיע און אַ פילאָסאָפיש־מיסטישער רמז אויף אַן אָנקום פון מענטש צו גאָט דערנענטערונג, וואָס וועט פירן דעם מענטשן צו טיפערער גאָט־דערקענונג.

נאָך איידער יצחק קומט אַריין אין געצעלט דערהערן זיך ווערטער פון שטן צו איובן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַן אָנדייט אויף אַ נייעם באַגריף וועגן די געגנזייטיקע שייכות צווישן מענטש־וועלט־ און גאָט. דער שטן קומט צו איובן און פרעגט:

„דו שלאָפסט מיין האַר?"

ווען איוב ענטפערט ניט, רוקט זיך דער שטן אָפּ אַן אַ זייט און רעדט צו זיך אַליין:

„זיין אָטעם איז אַביסל אָפּגעהאַקט, אַביסל, גוט אַזוי!
ער שלאָפט ניט נאָר ער ליגט פאַרחלשט, גוט אַזוי".

גייט צו ווידער, קוקט זיך איין, ציט זיך ווידער צוריק און זאָגט:

„ביז וואַנען ער וועט זיך דערוואַרטן אויף אַ שלאָף אַן אמתן
אַ רואיקן, אָן ווייטאָקן און אָן יסורים, זאָל ער זיך
דערווייל אָנזעטיקן גענוג מיט שולד־צעמישעניש
אין רעכטן מיטן פון זיין טענהן וועגן אומשולד,
און דעמאָלט וועט ער ערשט דערזען זיין אייגענע פאַרשעמטקייט
און טיף אַריינפאַלן אין ביטול צו זיין אייגענעם געשריי.

„און גאָט דער האַר אַליין וועט דעמאָלט זען,
אַז אויך די געטלעכקייט מעג זיין באַשיידענער אַביסל,
ווייל ניט נאָר גאָטס באַשעפעניש, נאָר אויך גאָט אַליין
מעג ווען ניט איז זיך אָפּטונקען אין תהומיקייט פון ביטול".

באַשיידנקייט מצד גאָט אַליין, און אַ געטלעך אָפּטונקען זיך אין תהום פון ביטול — דאָס זענען נייע באַגריפן וועגן גאָט און די שייכותן צווישן אים און דעם בצלם אלוהים געשאַפענעם מענטש. זיי זענען מרמז אויף אַ צייט, ווען אַן אויפטרייסלונג פון קאָסמישע יסודות און סודות וועט ברענגען מיט זיך אַ גרונטיקע ענדערונג אינעם פסיכישן און פיזישן צונויפשטעל פון מענטש, און אין זיין באַנעם וועגן אַלץ אַרום אים און איבער אים. זיי טראָגן אין זיך אַ אָנווייזונג אויף אַ צייט, ווען אַ שנוי אין מענטשלעכן דענקען וועט קומען ווי אַ פועל

יוצא פון פסיכיש־פאַרשערישע אַנטדעקונגען פון נייע האָריזאָנטן אין די אונ־טער־און איבער־גרונטן פון קאָסמאָס. די דאָזיקע האָפענונגען און רמזים שלאָגן שוין היינט פעסטע און גאַנץ אָנזעעוודיקע וואָרצלען אין אַלע איצטיקע וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען און פילאָסאָפישע טראַכטענישן.

„די פריגעלאָזענע קראַפט פונעם אַטאָם" — — — שרייבט איינשטיין „האָט געענדערט אַלץ, אחוץ אונדזערע וועגן פון דענקען, און דערפאַר ווערן מיר געטריבן צו אַן אומפאַרגלייכלעכער קאַטאַסטראָפע. עס איז נויטיק אַ נייער וועג פון דענקען, אויב די מענטשהייט זאָל בלייבן און שטייגן צו העכערע גראַדן". האַמלעטס פראַגע: „זיין, אָדער ניט זיין?" איז שוין איצט ניט מער קיין פראַגע פאַר איינעם, אַזאַ אָדער אַן אַנדער מענטשן, פאַר איינס אָדער אַן אַנדער פאָלק, נאָר פאַרן גאַנצן מענטשהייטס־זיין, פאַר אַלץ, בוכשטעבלעך, וואָס פאַרמאָגט בלוט־שלאַג און אָטעם־צוג, אין זיך; פאַר אַלץ וואָס מאַניפעסטירט וועלכע עס איז אַנדערע סמנים פון לעבן ווי וווקס און רעפּראָדוקציע. עס איז זיך שווער צו פאָרשטעלן אַז די מענטשהייט זאָל דערלויבן דער נייער קראַפט, וואָס זי אַליין האָט געשאַפן צו ברענגען וועלט־פאַרניכטונג, אַנשטאָט צו שאַפן אַ נייעם סדר אין דער וועלט.

ווען דער איטאַליענישער וויסנשאַפטלער ענריקאָ פערמי האָט אָנגעפירט מיטן ערשטן עקספּערימענט וואָס האָט באַוויזן אויסצוהאַלטן אַ קייט־רעאַקציע אינעם אַטאָם, האָט זיך די ידיעה וועגן דעם, וואָס איז טראַנספאָרמירט געוואָרן קיין וואַשינגטאָן טעלעגראַפיש אויף אַ סודותדיקן אופן, אַזוי געלייענט: „דער איטאַליענישער נאַוויגאַטאָר האָט געלאַנדעט אין דער נייער וועלט".

מיר מוזן דעריבער באַטאָנען אַז איצט ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ביז איצט ניט געהערטער ענדערונג אין די אַרומען פון מענטש און אין זיינע וועגן פון דענקען, — אַז איצט מער פון אַלץ נויטיקט זיך דער מענטש אין נייע צוגאַנגען און נייע וויזיעס פון מ אָ ר א ל און ע ט י ק.

עס איז דער עטישער געפיל אין דעם דיכטער פון „אין די טעג פון איוב" וואָס צינדט אָן זיין פאַנטאַזיע אויף צו לאָזן דעם שטן — דעם שליח פון אַלער־ליי אָנשיקענישן און יסורים אויף מענטשן צו רעוואָלטירן קעגן גאָט, און צו גיין אַזוי ווייט אין דער אינטענסיוויטעט פון רחמנות געפיל ווי צו פאָדערן פון גאָט אַליין: „באַשיידנקייט אין תהומידיקן ביטול". דאָס מיינט צו פאָדערן פון דער העכערער קראַפט גופא מער און העכערע עטיק. עס קומט, ווייזט אויס, אַ מאָמענט אין דער וועלט, ווען דער שטן אַליין קאָן שוין מער ניט פאַרטראָגן די אַגאָנישע צאַפּלענישן פון מענטשלעכן גוף און נשמה.

* * *

די זעלביקע פאַנטאַזיע פון שאַפער „אין די טעג פון איוב", פירט אים אויך צו מאָלן פאַר אונדז איובן ווי איינעם, וואָס די אומדערטרעגלעכקייט פון זיינע ליידן און יסורים מאַכן אים צו פאָדערן פון דעם מיטליידנדיקן, מיטפילנדיקן יצחק, ניט נאָר סימפּאַטיע נאָר אויך עמפּאַטיע — אַ מין פיזיש־ גייסטיקע צו־נויפשמעלצונג מיט אים, אַ ווערן אָן איינס אין אַ צוויייענדיקער געשטאַלט.

אין ליכט פון אונדזער איצטיקן לעבנספיר איז, נאַטירלעך, אַזאַ באַהעפ־טונג מיטן אַנדערנס ליידן ניט מעגלעך און אפילו ניט ווינשנסווערט. אַזאַ באַ־העפטונג וואָלט דאָך פּאַראַליזירט דאָס מענטשלעכע לעבן. עס וואָלט דאָך גע־מיינט ליידן פּיין און יסורים פאַר יעדן מענטשן, יעדע סעקונדע פון זיין לעבן, און דאָס וואָלט איינס און צוויי געפירט צו לעבן־פּאַראַליז. ווען יעדער מענטש זאָל קאָנען באמת פילן יסורים פון אַנדערן ווי דער בעל יסורים אליין פילט זיי, וואָלט דאָך טאַקע אויף אַן אמת די וועלט אונטערגעגאַנגען, ווי ר' שלמה'ס חסידים האָבן איינגעזען, עס וואָלט ווירקלעך געמיינט,

„ניט געאַקערט,
ניט געזייט,
נישט געבויט און נישט פאַבריכט,
נישט געהאַנדלט און נישט געוואַנדלט".

יעדערנס געמיטלעכקייט און געזונטקייט, וואָס זענען נייטיק פאַר וועלט און לעבן אָנגאַנג, וואָלט געשטערט און צעשטערט געוואָרן פון דער אידענטיפיקאַ־ציע מיט אַנדערנס גייסט און גוף צעשטערונגען, און חרוב וואָלט טאַקע גע־וואָרן די וועלט!

פּרצ'עס העלד אָבער ר' שלמה בלייבט ניט שולדיק די חסידים זיינע קיין ענטפער. זיין ענטפער צו זיי איז אַן אָנזאָג אויף אַ נייער וועלט, אַן אַנדער גע־שטאַלטעטע וועלט.

דאָס מיינט אַ ניי־געשטאַלטעטע וועלט מיט מענטשן וואָס וועלן קאָנען זען בחוש די מעגלעכקייט פון זייער אייגענער עקזיסטענץ אין אַ יחידישער באַ־העפטונג מיט איבער־וועלט, די דאָזיקע וועלט וועט זיין אַ פּועל יוצא פון דעם, וואָס בערגסאָן און איינשטיין רופן אַן רעוואָלוציע אינעם מענטשן, אין זיין געזעלשאַפטלעכן איינשטעל און אין זיינע פירונגען און אויפפאַסונגען פון שייכות פון מענטש צו מענטש און פון מענטש צו גאָט.

— 6 —

לייוויקס יצחק איז נאָך אין זיין יוגנט דורכגענומען געוואָרן מיט אַ קאָס־מישקייט, וואָס וויים ניט נאָר פון באַוואוסטזיין, נאָר מאָמענטנווייז אויך פון אַן אונטער און איבער־באַוואוסטזיין, ער האָט געפילט די אומבאַגרענעצטע פּאָטענ־

ציעלע מעגלעכקייטן פאר אן אנטשטייאונג פון א וועלט, וואס ז א ל, לגבי אונדזער איצטיקער וועלט, זיין אן איבער־וועלט. ער האט געוואוסט דעם טייטש פון „גאטס פליגל וואס רירן אן פון צייט צו צייט א מענטשלעכן פנים".

אט דערפאר ווערט יצחק ניט אין כעס ווען דער זעלביקער איוב, וואס האט זיך ניט איינגעשטעלט פאר די קרעציקע ארום אים, אין פארלויף פון דער צייט, ווען ער איז געווען געזונט און שטארק, פאדערט פון אים איבערנעמען זיין קרעציקייט, און פיזיש־גייסטיק זיך ארייגלעבן אין זיינע מאטערנישן און יסורים, ער וויל פון יצחקן סימפאטיע און עמפאטיע.

ערגעץ וואו טיף אין זיין אונטערבאוואוסטזיין האט יצחק דערשפירט א דורכשלאג פון עטיש־מאראלישע געפילן, וואס שטעלן אוועק מענטש צו מענטש שייכות נאענט צו די גרענעצן פון איבערמענטשלעכקייט. דאס וואס זעט אויס אין דער איצטיקער מעכאניש־ציוויליזירטער וועלט אוממעגלעך אין דער באציאונג פון מענטש צו מענטש, ווערט מעגלעך אין א וויסנשאפטלעכער קולטור־מיסטישער וועלט.

די דאזיקע ווערטער פירן מיך צוריק צו אייניקע שורות אין מיין ווערק — „קולטור און ציוויליזאציע". (געדרוקט אין 1929) די שורות לייענען זיך: „דער מענטש איז א ווען אין ווען עס האבן אלעמאל געקעמפט צווישן זיך פאר א דאמינירנדיקער ראל צוויי שטרעבונגען: די שטרעבונג צו פאבריצירן זאכן, וואס זאל מאכן דאס לעבן מער באקוועם, און די שטרעבונג צו דערגיין דעם זין און תכלית פון לעבן.

א דאנק דער ערשטער שטרעבונג האט ער באקומען דעם טיטל האמאפאבער, דער מענטש פון מעכאניק. א דאנק דער צווייטער שטרעבונג איז ער געקרוינט געווארן מיטן נאמען האמא סאפיענס — — דער מענטש פאר פארנונפט".

צו יעדער צייט ווען די פאבריקאציע אדער ציוויליזאציע האט געשטייגט איבער דער סאפיענציא אדער קולטור, איז דער מענטש געווארן גייסטיק דעגראדירט. ווער ווייס אויב דער אונטערגאנג פון א סך פעלקער קאן ניט צוגעשריבן ווערן צו דעם פאקט, וואס דאס באטרעפנדע פאלק האט אנגעהויבן מקריב צו זיין ווערטן און הייליקייטן אויפן מזבח פון נוצן און באקוועמלעכקייט.

ציוויליזאציע אונטערשיידט זיך פון קולטור דערמיט, וואס זי שטעלט דעם טראפ אויף דאס בלויז מ ע נ ט ש ל ע כ ע און לאזט אויס איבערמענטשלעכע, אויף דאס ע ר ד י ש ע אנשטאט דאס ה י מ ל י ש ע אויף דאס פ ר א ק-ט י ש ע אנשטאט דאס ס פ ע ק ו ל א ט י ו ו ע. ציוויליזאציע איז פאראינטערעסירט אין דער מאטעריעלער געשטאלט פון וועלט־אל. קולטור שטרעבט

זיך צו פאַראייניקן מיט דער גייסטיקער און איבער־רעאַלער געשטאַלט פון דעם מהות פון וועלט־אַל.

קולטור באַצוועקט און שטרעבט צו דערנענטערן דעם מענטשן צום מקור און מהות פון דער וועלט, מאַכן אים צו דערפילן זיך ווי אַ טייל פון דער שאַפנדיקן וועלט־אַל. אַזאַ געפיל פון אינטימקייט מיט תוך פון וועלט שטאַרקט דעם מענטשנס נשמה, רעגט אָן דעם גייסט צו אַ שטאַרקערער און טיפערער אַנטוויקלונג, זי שאַפט אַ זין און צוועק פאַר זיין לעבן; פאַרבינדט אים מיט אַלע שטאַרקערע און שטאַרקערע פעדעם מיט דער אייביקייט".

דער אָנקום פון אַזאַ וועלט־איינשטעל זאָגט אויך פאָרויס דער פילאָסאָף בערגסאָן אין אַ צאָל העכסט אינטריגירנדיקע סאָציאַל־מיסטיש־פילאָסאָפישע שורות אין זיין לעצט ווערק „מאָראַל און רעליגיע". „די מאַשינען" שרייבט בערגסאָן „וואָס לויפן אויף אויל און קוילן און פאַרוואַנדלען אין באַוועגונג אַ פאָטענציעלע ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר מיליאָנען יאָרן, האָבן צוגעטיילט אונדזער אָרגאַניזם אַן אומגעהויערן אויסשפרייט, האָבן אים באַשאָנקען מיט אַ מעכטיקער קראַפט. די עקספּאַנסיע און מעכטיקייט פון דער דאָזיקער קראַפט איז אויסער וועלכער עס איז פּראָפּאָרציע צו דער גרויס און קראַפט פונעם אָרגאַניזם.

וואָס מיר דאַרפן איז נייע רעזערוון פון ענערגיע — און דעמאָלט מ אָ ר אַ ל י ש ע ענערגיע.... דער קערפער איצט איז גרעסער און נויטיגט זיך אין אַ גרעסערער נשמה.... מעכאַניזם זאָל איצט מיינע מיסטיציזם..... די מאַשינעריי וועט געפינען ווידעראַמאָל איר באַרוף, זי וועט ברענגען נוצן און פּראָפּאָרציע צו איר קראַפט, ווען די מענטשהייט, וואָס האָט זיך געבויגן אַלץ נידעריקער צו דער ערד, וועט באַוויזן צו שטיין גלייך און קוקן אַרויף־צו צום הימל".

אָט דעם קוק צום הימל האָט עס איוב דערזען אין יצחקן אינעם ערשטן מאָמענט ווען יצחק איז אַריינגעטראָטן אין זיין געצעלט. איוב האָט אין דער זעלביקער צייט דערפילט, די אַנדערשקייט פון צווישן יצחקס הימלישן קוק און זיין אייגענעם. פון יצחקן האָט אַרויסגעשיינט ליבע און גרייטקייט פאַר מסירת נפש פאַר גאָט און פאַר מענטש. דאָס דערקלערט פאַרוואָס איוב האָט געוואָגט צו פאָדערן פון יצחקן אַ באַציאונג פון איבערגעבנקייט צו אים, וואָס וואָלט אים אַפילו ניט איינגעפאַלן צו פאָדערן פון אַנדערע צו זיך און פון זיך צו אַנדערע. דאָ ליגט אויך די דערקלערונג פאַרוואָס אָנשטאָט צו ענטפערן מיט שטרענגקייט און רוגזה אויף אַזאַ אומגעהערטער איבערמענטשלעכער פאָדערונג, ענטפערט יצחק מיט מילדקייט און רחמנות:

„פאַרגיב מיר וואָס מיין צער איז אומבאַהאָלפן
און כ׳ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין
און כ׳ווייס אַוודאי ניט ווי דיך צו טרייסטן".

אָט די טיפסטע געפילן פון מיטלייד מיט דעם אין ווייטאָקן פאַרזונקענעם איובן, דער שטאַרקער ווילן צו קענען אויפלייזן זיך און איובן, וואַרפן יצחקן אַריין אין פאַרגליווערטע חלומות וועגן אַ באַחרית הימימדיקער וועלט. די דאָזיקע חלומות, שטעלן אַוועק איינס נאָכן אַנדערן פאַר אים — מיט גערעכטע טיף־רירנדיקע טענות און באַשולדיקונגען — דעם שעפּס, קין און הבלן. זייערע רייד עפענען פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן פון העכסטע שייכותן צווישן מענטש, גאָט און גאָטס באַשאַף.

קיין וואונדער ניט וואָס איוב זאָגט צום בעל־חלום יצחקן:

„ס׳איז דאָ עפּעס אין דיר וואָס מונטערט מיך,
כאָטש ביסט געלעגן ווי אַ שעפּס אויף דיין מזבח
און כאָטש דיין שעפּסישקייט פאַרטראָג איך ניט".

איוב הייבט אָן דאָ צו דערפילן, אַז די שעפּסישקייט אין יצחקן, וואָס ער קאָן ניט פאַרטראָגן, איז גראָד דאָס וואָס דערהויבט אים איבער אַנדערע מענטשן, איינשליסנדיק איובן אַליין. איוב האָט ענדלעך דערזען אין יצחקס שעפּסישקייט דאָס זעלביקע וואָס דער ליטוואַק (אין פּרצ׳עס „אויב נישט נאָך העכער") האָט דערזען אין בינטל האָלץ, וואָס דער נעמיראָווער רבי האָט אַ געוויסן פרימאָרגן סליחות צייט אַריינגעטראָגן צו אַ קראַנקער יידענע אין איר האַלב איינגעבראָכענעם הייזל. די דאָזיקע אויפפירונג האָט גורם געווען, אַז דער ליטוואַק זאָל דערפילן, אַז ניט נאָר פליט אַרויף דער רבי — ווי די חסידים האָבן געדענקט — אין הימל אַריין, נאָר אפשר נאָך העכער". יצחקס אויפפירונג, זיין שעפּסישע גרייטקייט פאַר נסיון און מסירת נפש, האָבן מיט דער צייט געמאַכט איובן דערשפירן יצחקס העכערקייט איבער אים — יצחקס פליען איבער ערד און איבער הימל אין דער אומענדלעכקייט אַריין.

* * *

יצחקס ליבע און רחמנות געפילן צום גאָטס באַשאַף איז געווען אַ פועל יוצא פון זיין טיפער מסירת־נפשדיקער ליבע צו גאָט. ער איז געווען באַוועלמיקט פון אַן עטישן גלויבן און גלויביקער עטיק. רעליגיעזיטעט און עטיק זענען געווען איינגעשלאָסן איינס אינעם אַנדערן, דער חד הוא האָט זיך באַצויגן אויף ביידן.

יצחקס ליבע און גלויבן אין גאָט לאָזט אים אַרויסהערן אין חלום די ווער־טער פון הבל:

„ניט אַנדערש, אַז דעם מענטש האָט גאָט פאַרמשפט,
אָדער אפשר נאָר דערהויבן צו אַזאַ מין גורל,
אַז ער זאָל זיך פאַרבלוטיקן אין חיה גלוסטונג
און אויפּיאָמערן דורך דעם מיט צער־חרטה".
ערשט איצטער, ווייט נאָך מיין דערמאָנונג, טראַכט איך וועגן דעם, —
ערשט איצטער, ווען דער מענטש האָט זיך צעמערט אין דורות
און אָנגעפילט די ערד מיט פירוד, זינד און שנאה
און דורכגעמאַכט אַ דור הפלגה און אַ מבול און אַ סדום";

אזוינע זעונגען און טראַכטונגען קומען נאָר צו איינעם, וואָס הערט גאָט מיט זיינע אויערן און זעט אים אויך מיט זיין אויג. יצחק האָט געזען גאָט מיט זיין אויג און האָט געטראָגן גאָטס באַשאַף אין זיין האַרץ. ער איז געווען דורכ־געגומען מיט נאָענטקייט און אינטימקייט מיטן העכסטן ווי מיטן נידעריקסטן אין דער קאָסמישער עקזיסטענץ.

און דערפאַר לאָזט לייוויק איובן זאָגן צו יצחקן:

„דיין צוקומען צו מיר דערפרייט מיין האַרץ, זון מיינער,
פאַרשעמט בין איך פאַר גאָט דעם האַר
און אויך פאַר אַלע וואָס איך זע דאָ ניט מער,
און אויך פאַר דיר בין איך פאַרשעמט".

אָבער ווען איוב זאָגט שפּעטער צו יצחקן:

„איך שפּיר אַן ענדערונג אין דיר, אין דיינע ווערטער,
אפילו אין דיין קול — אַזוי ווי צאָרן קעגן מיר".

און ער פרעגט אים:

„וואָס קוקסטו אַזוי שאַרף אויף מיר, מיין זון?
וואָס ציטערן אַזוי די ליפּן דיינע?

ענטפערט אים יצחק:

„אָ, ניין, חלילה, זיידע, גאָר פאַרקערט
אַ ליבשאַפט־רחמים נעמט אַרום מיין האַרץ
צו דיר, מיין אומבאַקאַנטער זיידע, ווי צו דעם
וואָס האָט פאַרזוכט נאָך זכותייקער פון מיר
גאָטס פייערדיקן ברען פון נס־נסיון.
איך האָב געזען דיין צער און אויך דיין פרייד,
איך האָב געזען אויך דיינע בעטנדיקע הענט,

איך האָב געוואָלט דעם צווייטנס ליידן ניט נאָר פילן
נאָר אויך פאַרשטיין, און אויך פאַרשטיין זיין רעכט אויף טענה".

אויף איובס פראַגע:

„פאַרשטייסטו איצט, מיין זון?"

קומט דער ענטפער:

„אַביסל מער ווי פריער.
פאַרשטיין א י נ ג אַ צ ן וועל איך ערשט ווען אַלע ליידן,
וואָס דו וועסט אויפזאַמלען אויף גאָר דער וועלט
דורך דורות, וועלן פיבערן אין דיר ווי דיינע אייגענע יסורים —
גאָט־אַנטפלעקנדיקע".

אין די דאָזיקע שוין כמעט לעצטע ווערטער פון יצחקן צו איובן ליגן די הויפט מאָטיוון פון ווערק: — דער מאָטיוו אַז דורך יסורים קאָן אמאָל גאָט אַנטפּלעקט ווערן צום מענטשן און דערפאַר רופט יצחק איובס יסורים „גאָט־אַנטפּלעקנדיקע" — —און דער מאָטיוו אַז דאָס מאָראַליש-עטישע שטייגן פון מענטש מוז דערגרייכן אַ מדרגה פון באַהעפטונג ניט נאָר מיט די ליידן פון מענטש, נאָר אויך מיט אַלץ וואָס פיבערט מיט לעבן, און דערפאַר ווערט יצחק גלייך פון אָנהייב אין דער פּאָעטישער דראַמע פאָרגעשטעלט, ווי מיר האָבן געזען, ווי איינער וואָס קאָן ניט זאַט ווערן גענוג מיט יעדן שטראַל פון אוּנטליכט, מיט יעדן צוק פון לעבן, און וועלכער פאַרנעמט דאָס געבעט פון שטיין און שטויב, אַז מענטש זאָל זיין אָפּגעהיט מיט זיינע טריט כדי ניט ווייַ צו טאָן, ניט פאַרשאַפן זיי קיין שרעקנדיקע יסורים".

און צום סוף פון זעקסטן בילד הערן מיר יצחקן זאָגן, אַז אינגאַנצן פאַרשטיין וועט ער ערשט דעמאָלט, ווען אַלע ליידן אויף גאָטס ערד וועלן איינגעזאַמלט ווערן, און ווען מענטש וועט ווערן גענוג עמפינדלעך און עטיש דערהויבן, אַז ער זאָל אויפגעציטערט ווערן פון יענעמס ליידן ווי פון זיינע אייגענע און דעם צווייטנס יסורים וועלן פיבערן אין אים ווי זיינע אייגענע. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַ געוויסער באַהעפטונג, אָדער אויפלייז אין דעם גאַנצן וועלט באַשאַף, דאָס קאָן מקוים ווערן נאָר דעמאָלט, ווען די ערד וועט ווי אין די ווערטער פון נביא, „פול זיין מיט דערקענונג פון גאָט ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים, קיינער וועט דעמאָלט ניט בייז טאָן און זיין פאַרדאַרבן".

דאָס קאָן מען, אויב מען וויל, אַרויסלייענען דעם ענטפער אין די פאָלגנדיקע שורות פון דער ביאָגראַפיע פון אַלבערט שווייצער, וועמעס נשמה איז דורכגענומען מיט דער זעלטנסטער עטיק אין אונדזער יאָרהונדערט — — —
אין שווייצערס לעבנס באַשרייבונג לייענען מיר:

„בלויז געוויסע געצײלטע מאָמענטן בין איך געווען באמת צופרידן וואָס איך לעב. איך האָב נישט געקאָנט פילן אַנדערש ווי סימפּאַטיע וואָס איז געווען פול מיט באַדויער; די גאַנצע פּיין, וואָס איך האָב געזען אַרום מיר נישט בלויז ביי דעם מענטשן, נאָר אין דעם גאַנצן באַשאַף. פון אָט דער שותפות פון לײדן האָב איך קיינמאָל נישט געזוכט צו אַנטרינען. עס האָט מיר אויסגעזען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז מיר מוזן אַלע זיך באַטייליקן אין דעם לאַסט, פון פּיין, וואָס ליגט אויף דער וועלט".

ה. לייוויקס איבערגעשטאַלטעטער יצחק פאַרמאָגט אין זיך די פּאָטענציעלע פייאיקייטן צו קאָנען אַרויסהערן די פרייד און די לייד וואָס געוויין אינעם קאָסמישן באַשאַף טראָגט אין זיך; אין איובן, סיי אין תנכישן, סיי אין לייוויקס, פילט זיך ניט די דאָזיקע פייאיקייט, און דערפאַר טורעמט אין לייוויקס פּאָעטישער דראַמע יצחקס פּערזענלעכקייט איבער איובס. יצחקס העכערקייט איבער איובס, וואָס גיט מער פאַרנעם צו זיין פּערזענלעכקייט שיינט אַרויס פון די שורות אין לעצטן דיאַלאָג צווישן זיי:

איוב זאָגט:

„זון מיינער, דערווײַלע זיץ איך דאָך
אויף חורבן־אַש, אויף חורבן פון מיין לעבן, שוואַך און עלנט;
דערווײַלע זע, צי בין איך ניט קיין גאָט־געניזוקטער?"

יצחק שווייגט.

„וואָס שווייגסטו מיט אַמאָל? וואָס איז מיט דיר?"

יצחק שווייגט.

„צי מיינסטו, אפשר, אַז איך האָב נאָך ניט גענוג געליטן;
נאָך, אפשר, ניט גענוג געוואַלגערט זיך אין חורבן?
דו הערסט מיך? צי דו קערסט זיך אָפּ פון מיר?
איך שפיר אין דיר אַ פּלוצימדיקע אומגעדולד,
צי ווילסטו מיך פאַרלאָזן?

— —

צי וועל איך דיך, מיין זון, ניט זען שוין מער?"

י צ ח ק: „אויף וואָגל־וועגן וועסטו מיך באַגעגענען געוויס".
א י ו ב: „צי מיינט עס אַז איך דאַרף אַוועק פון דאַנען וואָגלען?"
י צ ח ק: „די וואָגל־וועגן מוזן קומען, זיידע".
פאַר איינעם אפשר שוין, — פאַר איינעם — אפשר שפּעטער".

איובס שטאַרקער אַראָפּפאַל ביי זיך פון דעם וואָס יצחק פאַרלאָזט אים; איובס באַשטיין אַז יצחק, דער זון, ווי ער רופט אים, זאָל דעם זיידן געבן עצות וואָס ער דאַרף און וואָס ער זאָל איצט טאָן; זיין גרייטקייט אָנצונעמען יצחקס עצות און זיין באַשלוס אויסצופאָלגן יצחקס ראַט צו וואָגלען, — דאָס אַלץ ווייזט, אַז איוב אַליין פילט אין יצחקן מער נאָך ווי זיין גלייכן. ער פילט אין אים אַ העכערע און שטאַרקערע פּערזענלעכקייט.

יצחק געזעגנט זיך מיט איובן מיט די ווערטער:

„זאָל רוען שלום אויף דיין קאָפּ און אין דיין האַרץ".

און איוב „קוקט אים נאָך, זיינע הענט אויסגעשטרעקט צום אוועקגייענדיקן יצחק".

דער דיאַלאָג צווישן די צוויי גרויסע איבערגעשטאַלטעטע פּערזענלעכקייטן, און איובס פאַרלאַנקייט און הכנעהדיקייט אין זיינע אויסגעשטרעקטע הענט צו יצחקן, דערמאָנען זייער שטאַרק אין די איבערגעשטאַלטעטע פון פּרצן פּערזענלעכקייטן „די צוויי בערג" — דער בריסקער רב און דער ביאַלער רבי. לייוויק אָבער לאָזט גאַנץ בולט די יצחק באַרג־פּערזענלעכקייט טורעמען איבער דער איוב באַרג־פּערזענלעכקייט.

* * *

יצחקס טיפע געפילן פון ליבע צו גאָט און זיין גאַנצן באַשאַף אַנטפּלעקן זיך ווען ער קומט צוריק נאָך דער פינף מעת־לעתדיקער וואַנדערונג, ווען ער קומט צוריק צו זיין פאָטער. ער שטעלט זיך אוועק ביים „זוים פון טאַטנס פעלדער" און זאָגט:

„אַ לויב אייך, רואיקע געצעלטן,
וואו יעדער קאָן אַן אורח זיין.
איך נויג מיין קאָפּ צו דיינע זעמדער,
געדרייטער מדברדיקער וועג,
וואו ס'ליגן טיף די שאַרפע צייכנס
פון אַלע נסיונדיקע טעג.
פאַר אייך, באַרוטע ווייסע שטיינער,
און אויך פאַר דיר, מיין דאַרנקוויל,
אַנטפּלעקן זאָלן זיך אינגאַנצן
די הייסע ווערטער פון מיין מויל".

די הייסע ווערטער פון יצחקס מויל זענען אָנגעפילט מיט פלאַמיקער ליבע

וויליאם וואטסאן

און אמונה צו גאָט און מיט אַלץ אויספילנדיקן רחמנות און איבערגעבנקייט צו מענטש.

יצחק ווענדט זיך תפילהדיק צו גאָט און זאָגט צו אים:

„וויפל איך האָב מיט געטרויערט
אין אַנגסט פון מיין און מענטשנס פּיין,
פאַרגעס איך נאָכאַמאָל, באַשעפער,
דיין גזר וואָס איז אין מיר אַריין.
דיין גזר צו זען די שאַרף פון מעסער,
כדי צו וויסן וואָס עס מיינט
אַ האַלדז אין פיינלעכן געצאַפּל,
אַ ליפּ אַן איבשע, וואָס וויינט".

און דאָ („מיט אַ מאָל אין חידוש") דערזעט יצחק אַ נייעם דאָרנבוש מיט שאַרפע לאַנגע נאָדל שפּיצן. אים ווערט קשה ווי האָט געקאָנט אין איינע פינף מעת לעת אויסוואקסן אזא פאַרדרייטער קנויל.

דערשפּירט יצחק אַן ענלעכקייט צווישן דער קנויל פאַרדרייטקייט פון דאָרנבוש אין דער נאָדל־שפּיציקער קנויל־פאַרדרייטקייט פון זיינע טראַכטעניש. וועגן אָט דער ענלעכקייט, וואָס ליגט טיף פאַרבאָרגן אין די אָפּגרונטן פון נאַ־טור און מענטש, דריקט זיך יצחק אויס אין די פּאָעטישע ווערטער:

„די ערד אַליין, ווייזט אויס, וויל ווערן
פון אינעווייניקסטער אנגסט באַפרייט.
צעעפנט זי איר האַרץ, און נאָר איר ווילד־ווי
אַרויסגעאָטעמט ווערט אין שנעלסטער צייט.

„אויך מיין האַרץ עפנט זיך, און נאָר מיין טרויער
וויל ווערן אָפּגעשיידט פון מיר — און ווערט.
אַ טראָג זיך, טרויער מיינער, טראָג זיך
צו ווייטקייטן וואָס העכער פון דער ערד"

אין די העכסטע ווייטקייטן פון דער ערד דערטראָגן זיך יצחקס ווערטער צו גאָט:

„צו דיר, מיין גאָט, אָט קום איך ווידער
אין שטיל־געבעט צו תפילה טאָן.

‚מיין טאַטע וואַרט אויף מיר אין אוהל,
ער קוקט די אויגן אויס נאָך מיר!

נאָך איך פאַרזאַם זיך כדי צו שפּירן
פון דיינע פליגל דעם באַריר".

יצחק פילט זיין אייביקן בונד מיט גאָט, אַזוי אויך פילט ער אַז:

„דיין בונד מיטן גרעזל איז אייביק,
און אויך מיטן ערדענעם שטויב,
אין ביידן אין זיי ליגט פאַרזחתימהט
דיין אייגענע אייביקייט, גלויב".

(ה. לייוויק „דער זכות").

יצחקס שפּירן דעם באַריר פון גאָטס פליגל, זיין זען דאָס צעעפנטע האַרץ פון ערד און הימל און זייער אַרויסגעאָטעמטער ווילדוויי, האָט גורם געווען אַז ער זאָל זיין אויסדערוויילט פון גאָט — דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. ער בלייבט אויף אייביק אין גאָטס פייער, און דורכדעם — אין זכרון פון יידישן פאָלק און, דורכן יידישן פאָלק, אין זכרון פון דער גאַנצער מענטשהייט.

ה. רויזענבלאַט

דער דיכטער פון פשוטן וואָרט און אָנגעלאָדענע שורות

(אַ קולטור - קריטישע שטודיע)

ערשטער טייל

— 1 —

אין אַ בריוו צו ש. ניגער האָט ה. רויזענבלאַט מיט אַ צייט צוריק געשריבן: „קען זיין... אַז גאָט וועט מיר שענקען יאָרן, וועל איך אויך געפינען די איינציקע סטרונע. אַליין אָבער, אײַל איך זיך ניט. וואָס אַרט מיך, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט קומען אַ ייִדישער קריטיקער און זוכן (אויב ער וועט רעכע־נען אַז עס לוינט זיך) און געפינען צווישן מיינע סטרונעס די איינציק ריכטיקע, און פעסטשטעלן, אַז די אַנדערע סטרונעס זענען זייטיקע, סתמ׳יקע... מיר, מיין טייערער ש. ניגער, איז באַקוועם און אויך ליב צו שפּילן אויף מערערע סטרו־נעס, וואָרים אויך די זייטיקע סטרונעס קאָנען אַמאָל אומגעריכט אַרויסברענגען אַן אָנגענעמען טאָן... וואָס קאָן דאָס שאַטן?”

אַ שטודיע פון ה. רויזענבלאַטס לידער, אין ליכט פון אַ קולטור־פילאָ־סאָפישן וועלט־אַרומנעם, רופט אַרויס דעם געפיל און שאַפט די איבערצייגונג, וואָס שטימט מיטן דיכטערס אייגענער אָפּשאַצונג, וואָס ער פאָרמולירט אין קורצע און פשוטע ווערטער. כמעט יעדעס ליד זיינס, ווען עס ווערט גענומען פאַר זיך אַליין אפילו, איז איינע פון יענע זייטיקע סטרונעס, וואָס ברענגט זייער אָפט אַרויס אַ זייער אַנגענעמען טאָן. נאָך מער, אַפילו פון ה. רויזענ־בלאַטס פשוטע ווערטער וואָס שטעלן צונויף שורות, אָנגעלאָדענע מיט שיינקייט און טיפקייט, און מיט אַ ספּעציפיש־דיכטערישער ליכטיקייט — קלינגען אַרויס זייער אַנגענעמע טענער.

די גרויסע און שטאַרקע פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע טענער באַרייכערט און אייגנאַרטיקט די האַרמאָניע, וואָס הערט זיך אַרויס פון דער אָרקעסטירונג פון זיינע לידער, ווען זיי ווערן גענומען רובריצירט אויף אַ באַדייטנדיקער

צאָל אינסטרומענטן, כדי אויסצושפּילן אַ באַשטימטע סימפאָניע. די סימפאָניע פאַרכאַפּט דעם גאַנצן וועזן פון דעם, וואָס נעמט זי אויף אין איר גאַנצקייט ווי אַ פייער פון אַן אַ שיעור פונקען.

אין די טיפעניש פון דיכטונג, ווי פון קונסט אין אַלגעמיין, שלאָגן אָפּט, אומבאַמערקוועדיק פאַרן קינסטלער, וואָרצלען אַלגעמיין קולטורישע, ווי אויך טפּעציפיש־פילאָסאָפישע. וואָס עלטער די דיכטערישע און קינסטלערישע שאַפונג, אַלץ מער טוכט אַרויף און קוקט אַרויס פון איר בילדער, וויזיעס און געדאַנקען. זיי אָבער לאָזן זיך אינטערפּרעטירן און אַרומפאַסן אין באַשטימטע אָנשויאונגען און אַריינבליקן אין דער טיפקייט פון מענטש, אין דער ברייט פון וועלט און הויכקייט פון גאָט; אַזוי אויך אין די אַן אַ צאָל אומדערגרונטעוועטע שייכותן צווישן מענטש, וועלט און גאָט. ערשט ווען די דיכטונג בפרט און די קונסט בכלל דערשלאָגט זיך צו די טויערן פון דער קאָסמישער אומענדלעכקייט אין צייט און רוים, און רייסט זיך זיי צו פאַנאַנדערפּראַלן, אָדער עפענען אין זיי בלויז שמאָלע שפּאַרונקעלעך, קאָן זי אין אַלע אירע פאַנאַנדערצווייגונגען ווערן אַן אייביקער פייער־זייל, וואָס זאָל באַגלייטן דעם מענטשן אויף זיין דערקענטעניש־וועג. ערשט דעמאָלט קאָן די קונסט זאַפּטיקן די ערד, וואָס לאָזט אַרויסשפּראָצן פון זיך דעם עץ החיים און עץ הדעת.

הויכקייט און טיפקייט און מעגלעכקייט צו באַאיינפלוסן אויף אַ קלענערן אָדער גרעסערן אופן דאָס גייסטיקע לעבן און די אוניווערסאַלע דערקענטעניש פון מענטש — קאָן פון דער קונסט דערגרייכט ווערן אויף פאַרשיידענע וועגן און פאָרמען פון אויסדרוק. דער דורכדרינג און אַריינדרינג אין די קוואַלן און שטראָמען פון מענטשנס לעבן, אין זיינע טיפע נידערס און הויכע שטייגערונגען, קאָן זיך לאָזן דערקענען אויף אַ רעאַליסטישן, אַ ראָמאַנטישן אָדער סימבאָלישן אופן אין שפּראַך, קלאַנג, פאַרב און שטיין־קריצונג — און נאָך בעסער, דורך אַן אינאיינעם־בלענדונג פון דאָזיקע און נאָך אַנדערע אופנים וואָס האָבן זיך נאָך ניט גענוג אויסגעקריסטאַליזירט אויף באַצייכנט צו ווערן מיט אַ באַשטימטן נאָמען.

אין אַ בריוו צו זיין פריינט האָט דער רוסישער שרייבער, אַנטאָן טשעכאָוו, געשריבן: „האָב אין זינען, אַז שרייבער וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס אומשטערבלעכע, אָדער וועלכע זענען בלויז איינפאַכע גוטע שרייבער און זיי פאַרשיכורן דיך, האָבן איין זייער וויכטיקן שטריך אין אַלגעמיין: זיי גייען ערגעץ וואו און רופן דיך צו גיין מיט זיי. דו ווייסט ניט נאָר מיט דיין געדאַנק, נאָר דו פילסט מיט דיין גאַנצן וועזן, אַז זיי האָבן אַ כוונה ווי דער גייסט פון האַמלעטס פאָטער, וועלכער האָט געהאַט אַן אורזאַך פאַר באַווייזן זיך און אַלאַרמירן אונדזער פאַרשטעלונגס־קראַפט... די בעסטע פון זיי זענען רעאַליסטיש, און מאָלן דאָס לעבן ווי עס איז, אָבער ווייל יעדע שורה איז אָנגעפילט מיט

זאַפט, מיט לעבנס־אָטעם, פּילסטו אין צוגאָב צום לעבן ווי עס איז, דאָס לעבן ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, און דו ביסט פאַרכישופט".

דער רעאַליזם, וואָס אים האָט טשעכאָוו אין זינען געהאַט, איז אַ רעאַליזם, וואָס שליסט איין אין זיך און איז אַליין איינגעשלאָסן אין אַ רעאַליטעט וואָס וויים ניט פון קיין באַגרעניצטקייט אין צייט און שטח, און איז אומדערשעפּלעך אין איר אַנטפּלעקונג און דערקענעוודיקייט צו אונדזערע חושים און צו אונדזער באַוווסטזיין. די דאָזיקע רעאַליטעט פונעם „דאָרף־זיין פון לעבן" איז שוין אין אַ זין איבער־רעאַליסטיש. זי איז שטענדיק און איבעראַל, זי איז אייביקער און אוממעטומעדיקער זיין. אַזאַ רעאַליטעט לאָזט זיך מער סימבאַליזירן ווי רעאַליזירן. זי ווערט אויפגענומען אָפטער אין חלום ווי אויף דער וואָך. זי שוועבט מער אין די רעגיאָנען פון נסתר ווי פון נגלה. זי רייצט און רעגט מער דמיון און פאַנטאַזיע איידער חושים און געדאַנק. איר מאַניפעסטאַציע דערפילט זיך אָפט מער ווי אַן אַנטפּלעקונג איידער אַ דערקענונג. איר פאַרנינפטיקייט וואָרצלט אין דער אינטואיציע, אַזוי אַז דער קינסטלער איז אויף דאָזיקער פאַרנינפטיקייט ניט באַוווּסט. דער גרויסער פראַנצויזישער וואָרט־קינסטלער מאַרסעל פּרוסט דערציילט אונדז אַז ער „שרייבט קיינמאָל ניט וועגן דעם וואָס ער זעט, און וועגן קיין שום זאַך ניט צו וואָס ער קומט צו אויף אַ פאַרנינפטיקן אופן, און אויך ניט וועגן דעם וואָס ער פאַרגעדענקט אין געוויינטלעכן זי פון געדאַנקען. ער שרייבט נאָר וועגן דעם וואָס די פאַרגאַנגנהייט ברענגט פּלוצלונג צום לעבן אין אַ גערוך אָדער אָנבליק, אין עפּעס וואָס וואָלט ווי עקספּלאָדירט אינעווייניק אין אים און אויפגעציטערט די פאַרשטעלונגס־קראַפט, אַזוי, אַז די באַגלייטנדיקע פרייד רעגט אים אָן און אינספּירירט".

אַזאַ אָנרעגונג און אַזאַ אינספּיראַציע זענען עס די קוואַלן פון אינטואיציע פון קאָסמאָס.

דער קינסטלער מער ווי אַלע אַנדערע קולטור־שאַפער, מוז זיין אינטואיטיוו. ער מוז צוטרעטן און אויפנעמען אַליץ, מיט וואָס ער קומט שעפעריש אין באַריר, אויף אַן אינטואיטיוון, אינטים זיך באַהעפטנדיקן אופן. נאָר אין די מאָמענטן ווען ער ווערט באַפליגלט און באַהערשט פון אַ האַרץ און נשמה אויפבליץ, וואָס ליכטיקט אויף דעם געדאַנק, קאָן ער שאַפן און איבערשאַפן רעאַליטעטן. אַ צונויפגעגאָסענער אין זיין ווילן, אין זיין פילן און אין זיין דענקען, אַן אריינגעוואַקסענער אָרגאַניש אין אַן אומבאַוואוסטער באַוואוסטזיניקייט, וואו עס ווערן אָפּגעווישט די גרעניצן פון באַוואוסט און אומבאַוואוסט, — קאָן ער זיך אַראָפּלאָזן צו אַלע תהומען און זיך דערהויבן צו אַלע הויכן פון דער אוניווערסאַלער דינאַמישקייט. די באַהעפטונג מיט דער דאָזיקער דינאַמישקייט, דער אריינצי און איינס ווערן מיט איר, פאַרשאַרפט און פאַרטיפט זיין שעפערישקייט און אַנטפּלעקט צו אים די גרונטיקייטן פון דער קאָסמישער יצירה.

טיפער און עכטער רעאַליזם אין דער קונסט שלאָגט אָן פון צייט צו צייט אין אַ גרונדיקייט, וואָס פירט צו דער טראַנסצענדענטאַלער רעאַליטעט, און ווערט פון איר שטראַליקייט באַלויכטן. אין דאָזיקער באַלויכטונג ווערט דער רעאַליזם פון זיך אַליין ראָמאַנטיש און סימבאָליש, אוניווערסאַל און קאָסמיש. די מער־כטע קאָסמישע התגלות וואָס עכטע קינסטלערישע שאַפונגען טראָגן אין זיך פאַרכישופן אונדז. דער גרויסער דיכטער און גרויסער קינסטלער לאָזט זיך אַליין און דורך זיך די וועלט ניט נאָר מאַניפעסטירן נאָר אויך אַנטפּלעקן. עכטע דיכטונג און עכטע קונסט פאַרמאָגט אין זיך אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן ניצוץ פון נבואה. וואָס מער עס פּילט זיך אין דיכטונג און אין קונסט בכלל אַנטפּלעקונג, אַנשטאָט מאַניפעסטירונג, וואָס מער עס זעט זיך דאָס שוועבן פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט איבער דער רעלאַטיווער רעאַליטעט; וואָס מער עס מערקן זיך אין איר נביאישע וויברירונגען, אַלץ מער שניידט זי אריין זיך און אויך אונדז אין דער אייביקייט און אומענדלעכקייט. דער כח פון איר פאַר־כישופן אונדז מיט איר קדושה־ציטער איז אין ערך צו אירע אַנטפּלעקונגס־מעג־לעכקייטן און צו דער העלקייט און שטאַרקייט פון איר נביאישן אָפּגלאַנץ.

* * *

אַ שטודיע פון ה. רויזענבלאַטס לידער פירט צו דער איבערצייגונג, אַז ער איז זייער אָפט באַוועלטיקט געוואָרן פון דראַנג און גאַרעניש צו די אַנטפּלעקונגען פון די העכערע וועלטן און איבער־רעאַלע עקזיסטענצן. באַלד נאָר ווי די דיכטונג זיינע האָט אַ שלאָג געטאָן אירע וואָרצלען אין דעם טיף קינסטלע־רישן באָדן, האָט די רעאַליטעט אין חלום אָנגעהויבן באַדייטן מער צו אים ווי די רעאַלקייט אין דער וואָר. זיין טיפער און שטאַרקער רעאַליזם הויבט אָן צו אָטעמען מיט רעליגיאָזיטעט, ראָמאַנטיק און סימבאָליזם. ער אַליין אַנטפּלעקט זיך צו אונדז, אין אַ רעליגיעז־סימבאָלישער געשטאַלט אין רעאַליסטישע פאַרבן — אין זיינס אַ ליד אונטערן נאָמען „אויטאָביאָגראַפּישע פערזן".

פון די דאָזיקע פערזן ווערן מיר געוואויר, אַז אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן האָט ער געאַקערט און פאַרזייט „די ערשטע לידער זיינע". די זריעה אָבער פון זיינע לידער האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פון „טיף אוקראַינע". עס איז זייער מעגלעך, אַז די טיפע רעליגיאָזיטעט וואָס האָט שטענדיק געשלאָגן פון די אוקראַינישע גרונטן, האָט אַ געוויסע סיבה־שייכות צו ה. רויזענבלאַטס אָפטע ווענדונגען אין זיינע לידער צו גאָט, און דערהויפּט צו דעם דיכטערישן קאָלאָ־ריט פון זיינע תפילה־לידער. פון די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפּישע פערזן דערוויסן מיר זיך אויך, אַז דער דיכטער איז ניט געווען צופרידן מיט זיינע גאָר ערשטע לידער. אין זיין הארץ־אויסגוס צו גאָט זאָגט ער צו אים:

די ערשטע לידער זענען פרי
אין פרילינג אויפגעגאַנגען,
נאָר זאַמדיק איז געווען די ערד
און מאָגער מיינע זאַנגען.

די אומצופרידנקייט מיט די ערשטע שאָפונגען טרייבט אים צו דער סים־באָליש אויסגעדריקטער תפילה:

אָ גאָט, שפּרייט אויס דיין האַנט און בענטש
מיין מאָגער קליין פאַרמעגן.
האָט גאָט געזאָגט צום ווינט: גיי רייד
צום וואָלקן און צום רעגן.

די רייד פון ווינט אין גאָטס נאָמען האָט געבראַכט דעם רעגן. דער דיכטער דערפרייט זיך מיטן רעגן און ער רופט אויס:

עס רעגנט, רעגנט — גאָט מיין האַר!
פאַרמייד ניט דיין השגחה.

רעגן אַליין איז אָבער ניט גענוג פאַר דער שפע פון ערד אַרויסשפּראָצונגען, און דער דיכטער, אָנהאַלטנדיק די סימבאָלישקייט ביז צום סוף פון ליד, בעט גאָט אויך פאַר זונען־שיין. ער זאָגט צו גאָט:

דו קאַרגסט מיר ניט קיין כמאַרנע טעג,
קיין נעכט מיט ווינט און רעגן,
נאָר וואו איז, גאָט, מיין חלק זון
וואָס דו האָסט פון מיינעטוועגן?

די רייכקייט אַליין אָבער פון הן מאַטעריעלער הן גייסטיקער פּראָדוקציע איז אויך ניט גענוג פאַר דער סאָציאַל-מענטשלעכער באַשעפעניש. די סאָציאַלע גע־רעכטיקייט פאָדערט אויך אַ געהעריקע פאַנאַנדערטיילונג פון זיי, און דערפאַר ענדיקט דער דיכטער זיין ליד מיט אַ וייטערדיקן געבעט:

אָ, בענטש מיר, גאָט, מיין גערטעטעניש!
אין דיר איז די מניעה,
אַז איך זאָל קענען, נאָכן שניט,
מיין אָפּגעשפּאָרטע זריעה

פאַנאַנדערטיילן, ווי מען דאַרף,
צום כבוד פון דיין נאָמען —
פאַר פעלדער נאַקעטע, פאַר הענט
פאַר הונגעריקע... אמן!

פון דאָזיקן ליד דערטראָגן זיך צו אונדז טענער רעאַליסטישע, טענער ראָמאַנטישע און סימבאָלישע, וואָס שטעלן צונויף אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט פון שיינקייט און דערהויבנקייט.

די גאָר גרויסע צאָל פון ה. רויזענבלאַטס לידער, וואָס מיט זייער אומגעהויערער פאַרשיידנאַרטיקייט אין אינהאַלט און פאָרם, קאָנען זיי פאַרשאַפן גייסטיקן געגוס פאַר מענטשן פון פאַרשיידענע גרופן פון באַנעם און אַנטוויקלונג, שטעלן פעסט, אַז גאָט האָט אָנגענומען זיין תפילה.

— 2 —

דאָס דאָזיקע ליד — „אויטאָביאָגראַפישע פערזן" איז ניט דאָס איינציקע ליד אין וועלכן דער דיכטער גיט זיך אַליין אין זיינע אייגענע פערזן. ה. רויזענבלאַטס אָפנהאַרציקייט, זיין פשטות און זיין ליבע צו מענטש בכלל און צום פשוטן מענטש בפרט, וואָס לאָזט זיך אַזוי שטאַרק פילן אין אַלע זיינע לידער, האָט, זעט אויס, שטענדיק גערעגט אין אים אַ באַגער זיך דיכטעריש אריינוועבן אינעם לייענער. ער גאַרט דורך אַנטפּלעקונג פון זיין אייגענער נשמה זיך אינטימער באַהעפטן מיט דער נשמה פון לייענער, און אַזוי אַרום אויפשטורעמען און לייטערן זיינע געפילן און עמאָציעס, ווי אויך פאַרטיפן זיינע דענקענישן און טראַכטענישן. אים איז דעריבער אין לעבן געגאַנגען ווי ווייט מעגלעך אַליין צו געבן דעם שליסל צו זיינע דיכטערישע שאַפונגען, העלפן דער אויפלויכטונג פון זיין פערזענלעכקייט פאַרן לייענער, כדי צו שאַפן דורך דעם אינטימערע שייכותן און האַרץ־און־נשמה צונויפגוסן מיט די, וואָס ווילן און וועלן אויפנעמען זיין דיכטונג.

גאָר אַ גרויסע צאָל פון רויזענבלאַטס לידער וועגן לעבן פון אַ יידיש יינגל מיטן נאָמען בעבזיק, רופן אַרויס אַ שטאַרקן חשד אינעם לייענער, אַז דער דיכטער האָט אַ היפּש ביסל זיך אַליין געשטאַלטעט אין זיין אויסזינגען דעם קינדעריש־יינגלשן לעבנס־גאַנג פון בעבזיקן. וואָס מער מען לייענט און וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין אַנדערע לידער פון דיכטער, אַלס שטאַרקער ווערט דער חשד וועגן דער אויטאָביאָגראַפישקייט פון דיכטער אין זיין העלד, דעם יידישן יינגל — בעבזיק. אָט דערציילט אונדז, למשל, דער דיכטער אין פּאָעטישע פערזן אַזאַ מין עפּיזאָדל אין לעבן פון זיין יונגן העלד. בעבזיק ליגט ביי דער מאַמעס ברוסט „וואָס איז וואַרעם, זיס און צעגייט אין אַלע גלידער". עס געפעלט אים זייער דער פלאַם פון די רויט צעגליטע קוילן אויפן אויוון. אים אָבער איז אין דער זעלביקער צייט גאָר ניט צום האַרצן דאָס וואָס אין אַ ווינקל ליגט אַ „הענדעלע געפּענטעט צו דער שחיטה". אין דעם, נאָך קוים אויף זיך באַוואוסטזיניקן, בעבזיקן דערוועקט זיך שוין עפּעס וואָס וועט שפּעטער פון באַוואוסטזיין פאָרמולירט ווערן אין אַ פראַגע:

נאָר וואָס איז דאָס וואָס טריפעט זיך,
וואָס וויל און קען ניט פליען?

אין דאָזיקן מאָלן פאַר אונדז דעם סאַמע ערשטן אַרויסשטראַל פון מיטלייד געפילן אין בעבזיקן, דערקענען מיר דאָס אָפטע און טיפע אַריינלעבן זיך פון דיכטער אין די ליידן, וואָס נעמען דורך אַלע באַשעפענישן אין אַ סך מאָמענטן פון זייער זיין און לעבן אויף גאָטס גאָרער ערד. אָט דער סאָרט אינטענסיווער מיטלייד איז איינער פון די אָפטע און שטאַרקסטע לייט־מאָטיוון פון זיינע דיכטערישע שאַפונגען. מיר דערקענען דערפאַר דעם דיכטערס נשמה אויך אין זיין מאָלן בעבזיקס געפילן צו דער קאַץ דער פּאַדלע, וואָס די באָבע שלאָגט מכות־רצח:

— אַזאַ מרשעת: גאָר אויפן האַרץ
ביים קינד אַוועקגעזעצט זיך!

בעבזיק זעט עס צו און

— אַן עולה — טראַכט זיך בעבזיקל —
אַזאַ קאַץ באַשטראָפן!
פאַרוואָס זאָל זי אין וויגעלע
מיט אים ניט טאָרן שלאָפן

און בעבזיק וואָלט אַ בעלן זיין דערמאָנען זיין באָבעלע, אַז

ס'איז קאַלטלעך אויפן פּעצטער־געזימס,
קיין ברעקל זון פאַראַנען!
ס'איז האַרבסט — און סירעגנט אויפן גאַס
און דאָ ביי אים אין וויגעלע
איז וואַרעם, ווייך און טרוקן.

און ער האָט ליב איר מורקעניש,
איר כריפּלען קורצן אָטעם.
און אירע לאַפּקעס אויפן האַרצן
אַז אסור אויב עס שאַדט אים!

בעבזיקס ליבשאַפט, איינזעעניש און רחמנות צו דער קאַץ זענען פונקען בלויז פון דער פייערדיקער ליבשאַפט און מיטלייד צום גאַנצן וועלט־באַשאַף וואָס מאָטיווירט שטאַרק אַ גרויסע צאָל לידער און פּערזן אין רויזענבלאַטס דיכטונג. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער דיכטונג זיינער זענען דעריבער אויך די שורות, אין וועלכע ער מאָלט בעבזיקס געפילן און באַציאונג צו דער דינסט

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אין הויז — פּאַראַסקע. אין די זעלביקע פּערזן ווערן שוין אויך געגעבן בעבזיקס געפילן צו זיין טייבעלע וואָס דער פאַניטשל האָט דערשאָסן.

פּאַראַסקע, וועלכע די מאַמע האָט פאַר אַ דינסט גענומען, ווייל די באָבע איז שוין ניט מיט אַלעמען, נעמט גאָר ניט אויס ביי דער באָבען.

דער פעטער מאיר פון פּישטשאַן
געבראַכט האָט די מציאה.
די באָבע לאַכט: מיין מאירס גוסט,
אַ מבין כאָטש אַ בריאה:

צוויי פיס אַזוי ווי ביי אַ בער
און שאַרט זיך ווי יאַ כמאַרע.
און שאַרט זיך ווי אַ כמאַרע.
עס זעצט פון איר אַ פאַרע...

אָבער בעבזיקן געפעלט גראָד פּאַראַסקע. אים געפעלן אירע רויטע און גרינע פּאָליקעס און די ווײַנשל רויטע קרעלן. אים געפעלן דווקא אירע צוויי גרויסע פיס, ווייל אַלצדינג ווערט אַזוי ווי שטויב אונטער אירע פּיאַטעס. און ווען וואָלט זיך אים אַליין האָבן איצט גרויסע פיס אַזוי ווי פּאַראַסקעס. ווען ער האָט זיי,

וואָלט ער צעטראָטן אין גלחס סאָד
די בינען מיט די פּאַסטקעס,
פון גאָרטן אים אַ תל געמאַכט!
קיין גרעזל ניט געלאָזן,
דערפאַר וואָס זיין פאַניטשל האָט
זיין טייבעלע דערשאָסן.

און פּאַראַסקע, ווען די מאַמע רופט אין אַ באַליידיקטן טאָן מציאה און בריה — שאַצט שטאַרק אָפּ די גוטהאַרציקייט, די ליבשאַפט־מיטלייד־אויסגוסן פון בעבזיקלס נשמה.

פּאַראַסקע האָט אים ליב און טוט
אַלצדינג וואָס אים נאָרווילט זיך,
האָט נעכטן אויפן הויף אין פערדעלעך געשפּילט זיך,

דעם שטאַרקסטן אָנוואונק אויף אַ ביאָגראַפישן אַרומנעם פון דיכטער און אויף געוויסע נשמה־קוואַלן פון זיין דיכטונג, גיט אונדז דאָס ליד אינעם בוך „בעבזיק" אונטערן סימבאָלישן נאָמען „ווייסע אויגן". דער טיטל אַליין, „ווייסע אויגן", איז סימבאָליש פאַר רויזענבלאַטס שאַפונג, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ ספּעציפישער ווייסער זעעוודיקייט, וועלכע שניידט בליציק דורך אַ סך פון דער פינצטערניש אין מענטש און וועלט.

די צוויי אויגן אין דאָזיקן ליד, וואָס קוקן צום באַלקאָן אַזוי ווי צוויי ווייסע פּאַכירן, זענען עס די אויגן פון בלינדן אורח, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט צו פירן צו זיך אַהיים אויף שבת. בעבזיקס טאַטן האָבן די מאָדנע ווייסע אויגן פון אורח ניט פאַרטריבן, ווי זיי האָבן פאַרטריבן אַנדערע באַלעבאַטים שול־דאַווע־נער. דער בלינדער אורח

איז פון אורחים דער לעצטער
אין אַלטן בית־המדרש געבליבן.

ער האָט ניט געקאָנט ביי זיך פּועלן,
דער בלינדער זאָל הונגעריק בלייבן.

די ווייסע בלינדע אויגן פון אורח וואַרפן אַרויף אויף דער מאַמע אַ פּחד, און אויף דער באָבע אַ דאגה, אַז דאָס קינד זאָל זיך ניט דערשרעקן. די מאַמע אָבער פאַרדעקט דעם פּחד און די באָבע האַלט אין זיך די דאגה.

נאָר אַז ס׳איז געקומען צו זמירות
און ס׳האָט זיך דער בלינדער צעזונגען,
האָט אַלצדינג די באָבע פאַרגעסן
און האָט זיינע ווערטער געשלונגען.

די זמירות האָבן אַ וואַרעמע ליכט פאַרצויגן איבערן פּנים פון אורח, בעת עס האָבן זיך פאַרמאַכט ביי אים זיינע ווייסע פאַרשטיינערטע אויגן. מיט אויגן פאַרמאַכטע האָט דער אורח גאָר אַנדערש אויסגעזען. געוואָרפן האָבן זיך דע־מאָלט פאַר די אויגן פון די אַנדערע דעם אורחס הויכער, ברייטער שטערן און די צוויי לאַנגע, פאַרטראַכטע ברעמען.

בעבזיק ווידער איז פאַר דער גאַנצער צייט אָן פּחד און אָן דאגות רואיק געשלאָפן, און ער האָט ניט געשפּירט, אַז

ערגעץ וואו אין הויז שלאָפט אַ בלינדער
מיט אויגן — צוויי גרויסע פּאַכירן.

אָבער עפּעס אומדערוואַרטעטעס פּאַסירט, ווען בעבזיק דערזעט פאַרטאָג די ווייסע צוויי אויגן, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן פון זיך די באַלעבאַטים אין שול, און האָבן געבראַכט שרעק און ציטערניש אין הויז צו דער מאַמע און באָבע. בעבזיק, זעט אויס, האָט באַלד דערפילט די נשמה וואָס ציטערט און דאָס האַרץ וואָס קלאַפּט אין דער אויגן־פאַרגליווערטקייט פון אורח. בעבזיק האָט זיך פאַ־נאַנדערגעבעבעט און די הענטלעך צום אורח אויסגעצויגן. און דאָ קומט, ווי אַן ענטפער אויף דעם קינדיש־האַרציקן אויפנאַם, דאָס זינגען פון אורח, וואָס איז אַ מין רעזאָנאַנץ פון ה. רויזענבלאַטס זינגעוודיקייט.

דער אורח געטאָן האָט אַ ציטער:
— אַ קינד האָט מיט אים ערשט דערפרייט זיך,
און איבער דעם פּנים פון בלינדן
אַ שמייכל האָט וואַרעם פאַרשפּרייט זיך.

און ער האָט די אויגן די ווייסע
געשלאָסן און האָט זיך צעזונגען.
און שטום האָט דער ניגון פון תהילים
זיך ציטעריק פאַנאַנדערגעקלונגען.

* * *

גאָר אַ גרויסע צאָל פון ה. רויזענבלאַטס ניגונים זענען אַ גלגול פון בלינדן אורחס תהילים־ניגון. וואָס מער און וואָס אינטימער מען באַקאַנט זיך מיטן לעבן פון בעבזיקן, אַלץ שטאַרקער ווערט דער געפיל, אַז דורך בעבזיקן גיט אונדז דער דיכטער פאַרשטעלטערהייט זיינע אייגענע קינדער־יאָרן פון וויגעלע ביז צו דער שיף, וועלכע האָט אים גאָר יונג — קינדיש יונג — געבראַכט אין גאָלדן לאַנד. ווען מען שטעלט אַוועק דעם דיכטערס שורות, וואָס אין זיי גיט ער אונדז דעם פאָרטרעט פון בעבזיקן אין וויגל, פּאַראַלעל מיט די שורות אין וועלכע ער מאָלט חיימלס אויסזען אויף דער שיף, קריגט מען די זיכערקייט, אַז חיימל און בעבזיקל זענען איינע און די זעלביקע געשטאַלט אונטער צוויי פאַרשידענע נע־מען און צוויי פאַרשידענע צייטן פון זייער לעבן.

די שורות וועגן בעבזיקן לייענען זיך:

בעבזיק ליגט אין וויגל,
שפּיגלט זיך אין שפּיגל,
קוקט און האָט הנאה:

אייגעלעך — ליכטיק בלויע,
בעקלעך — רויטע רויזן,
גאָלדיק־בלאָנדע קרויזן.

ליפּעלעך קאָרעלן,
און זיי פּלאַפּלען, קוועלן — —
עפענען זיך, פאַרמאַכן
און זיי לאַכן.

און אין זיין ליד „אַ ליד וועגן זיך אַליין" — דערציילט אונדז אין פערזן דער דיכטער, אַז הערש ריסאַשער האָט חיימלען געבראַכט אין גאָלדן לאַנד, ווי

אַ גוי, להבדיל, ברענגט צו שלעפּן, אין אַ זאַק אויפן קאַרק פון נאָנטן דאָרף אין שטאָט, אַן ענדיק, וואָס ער האָט אויפגעהאָדעוועט צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. און ווי דער ווילדער ענדיק, אַזוי האָט אויך חיימל אויסגעזוכט אַ לאָך אין זאַק און האָט אַרויסגעשטעלט

דאָס בלאָנדע קעפּל און מיט זשעדנע אייגעלעך שרייטלדיק
געטאָן אַ נאַש פון גאָטס געבענטשטער וועלט.

און וואָס טוט זיך פריער פון אַלץ אַ וואָרף פאַר די זשעדנע־שרייטלדיקע אייגעלעך פון דעם יינגל חיים־בעבזיקל, וואָס איז אין אַן אוקראַיניש דאָרף גע־בוירן געוואָרן, און האָט די אוקראַינישע נאַטור און איר לעבנס־שטייגער אין זיך איינגעזאַפּט? עס איז נאַטירלעך, אַז קודם כל זאָלן

— קומען אים אַנטקעגן — פעלדער, וועלדער, טייכן, בערג;
באַטראַכטן אים און היפּן שמייכלענדיק פאַרביי.
ער זעט: אַ פּויער טרייבט אַ קו, דאָס קעלבל גייט איר נאָך,
דער פּויער איז דער אומעטיקסטער פון די דריי.

דער אומעט פונעם פּויער; דאָס ליכטיקע געלעכטער פון וואַסער־קוואַל אין טאָל, דאָס קרעכצן פון די פורן אויף די הרודעם פון שליאַך; דאָס לויפן פון די טויבן נאָכן ווייסן ווינט, דאָס אָנשלאָגן זיך אָן די בערג פון די ברוינע וואָלקנס און דאָס אָנצינדן זיך פון הימל ווי אַ שטרויענער דאַך — זיי אַלע אינאיינעם און באַזונדער האָבן אויף פאַרשיידענע וועגן און פאַרשיידענע פאָר־מען און אין אַלערליי פאַרשיידענע קלאַנגען און טענער באַאיינדרוקט די דיכטונג פון ה. רויזענבלאַט. די דאָזיקע קלאַנגען און טענער דערטראָגן זיך דורך זיין דיכ־טונג צו די אויערן פון לייענער און באַווירקן זייערע נשמות.

אויך די איבעריקע פערזן אין דאָזיקן אויטאָביאָגראַפישן ליד וואַרפן ליכט שטראַלן אויף די דיכטערישע שאַפונגען פון ה. רויזענבלאַטן.

אַ סך פון זיינע לידער — נאַטור־לידער, רעאַליסטישע אַזוי גוט ווי די סימבאָלישע — ווערן קלאָרער און פאַרשטענדלעכער דורך די שורות אין וועלכע ער מאָלט פאַר אונדז זיין טאַטן און זיך אַליין אין גאָר די ערשטע יאָרן פון זיין איינוואָרצלען זיך אין „גאָלדן לאַנד":

אַ גוי, וואָס הייסט קאָלומבוס, האָט דעם טאַטן, חיימלען —
אינאיינעם מיטן זאַק, במחילה, אָפּגעקויפט.

און הערש דיסאַשער ווערט אַ מאַנטל־פּרעסער ביי קאָלאָמבוסן
און חיימל — פאַרסטריגע־ציער אינעם זעלבן שאַפּ.
דער טאַטע כאַפּט אַ רויט־צעגליט שטיק אייזן אין דער האַנט
און טוט מיט דעם אין טיש אַזאַ מוראדיקן קלאַפּ,

ווילי אַם נאַטאַנסאָן

אַזש אַלע פענצטער שפּרינגען שיעור אַרונטער פון די ווענט —
דער טאַטע איז געווען אַ מילנער אין דער היים,
איז איבער זעקס פוס הויך און האָט צוויי אָדערדיקע הענט,
ווי סוקעוואַטע צווייגן פון אַן אַלטן דעמבע־בוים.

— —

דאָס האַרץ ווערט חיימלען צעריסן פון געוויין
צו זען דעם טאַטן, ווי ער שטייט און האַקט און בראָקט —
דאָס גאַנצע פרעסל, מישטיינס געזאָגט — אַ פּיראָזשאָק די גרייס,
דעם מילשטיין איבערגעביטן אויף אַ רויט-צעגליטן טשוואָק,
דעם ברייטן טייך — אויף מוטנע ריקעס שווייס.

און חיימל אַליין, וואָס ציט פאַרסטריגעס פון באַגינען ביז ביינאַכט, האָט אויסגעביטן אויף די נאַרישע פאַרסטריגעס, די שטראַלן פון דעם גאָלדענעם פאַרטאָג. און פון דאָרף דעם קאַרשן־צווייט האָט ער אויסגעביטן אויף פלעכטלעך וואַטע, שפּינוועבס, פליגן, שטויב און רויך.

חיימלס אָבער איינגעבוירענע דיכטערישקייט האָט פון זיך אַליין ניט גע־לאָזט זיך אויסבייטן אויף קיין שום זאַך אין דער וועלט. אויב ניט אויף דער וואָך, האָט זי זיך אין חלום געלאָזט פילן, מאָנען און שטויסן חיימלען אַרויס־צוזינגען אַלץ מער און אַלץ שטאַרקער פון זיינע טיפענישן און דיכטערישער אונטערגרונדקייט אַלע זיינע איבער־רעאַל געשטאַלטעטע איבערלעבענישן און אַלע זיינע קונסט-ווערטיקע חלומות:

פאַרקויפט דעם טאַטן, חיימלען אינאיינעם מיט דעם זאַק
פאַר אַ פּרוטה מיט אַ לעכל אויף דעם נאַרישן יאַריד.
פון מיוקייט שלאָפט ער איין. ער דרעמלט און אים חלומט זיך,
ביי אים אין האַרצן בליט פאַנאַנדער זיך אַ ליד.

כאַפּט זיך צו צום דרעמל... חלומט, כאַפּט זיך אויף —
אָ טאַטע, טאַטע! הער אויף קלאַפּן! לאָז זיין שטיל!
עס שפּראָצט ביי מיר אין האַרץ אַ ליד... אַ תיקון אפשר? האַ?!
פאַר מיר, פאַר דיר; פאַר אונדזער אַלטער וואַסער־מיל?!

די לעצטע שורות פון זעלביקן ליד לייענען זיך:

דעם טאַטנס רויט־צעגליט שטיק אייזן — קאַלט און
קלאַפּט ניט מער,
און דער פאַרסטריגע־ציער, חיימל איז — מיד.
דער טייך דער ברייטער, אָבער, ציט נאָך אַלץ צום ווייטן ים,
די פרייד, דער טרויער פון דער וועלט — צום ליד.

— 3 —

דעם דיכטערס חלום אין דער קינדהייט האָט געטראָגן אין זיך קערנדלעך, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט אין דער ווירקלעכקייט פון אַלע ווירקלעכ־קייטן — אין/אַ רעאַליטעט, וואָס גיסט זיך אַריין אין דער אייביקייט. די לידער פון ה. רויזענבלאַט זינגען אַרויס אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן, דורך אַ ספּעציע־לער צונויפשמעלצונג פון שיין און טיף קלינגענדיקע טענער, אַ וועלט מיט פרייד און טרויער. זייער שיינקייט און טיפקייט שאַפט אין דער פאַנטאַזיע אַ קאָסמי־שע האַרמאָניע, וואָס טראָגט אַריבער פאַר געוויסע מאָמענטן אין אַנדערע און העכערע וועלטן — אין וועלטן וואָס באַצויבערן מיט זייער איבער־רעאַלקייט וואָס גייט אַרויס פון צייט־ און שטח גדר.

פון גרויס אויטאָביאָגראַפישן באַטייט איז אויך זיין רעאַל־סימבאָליש ליד „אַ טויטע בין".

דאָס דאָזיקע ליד ווייזט, אַז ה. רויזענבלאַט איז דיכטעריש קיינמאָל נישט אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זיין אוקראַיינישן דאָרף. אוקראַיינע און דאָס אוק־ראַיינישע דערפל האָבן זיך פון ערשטן געבוירן־טאָג אַריינגעריסן אין דער אינער־לעכקייט פון זיין דיכטערישן באַרוף, זיי לאָזן פילן זייער השפעה אויף אַלע זיינע שאַפונגען ביז אויף היינטיקן טאָג.

יוסף ראָלניקס זעכציק־יאָריקער געבוירן טאָג דערמאָנט רויזענבלאַטן אַן זיין אוקראַיינישער היים און ער ווידמעט אים אָט־דאָס אוקראַיניש־שטעטלדיק ליד „אַ טויטע בין". ער ווייס נישט איצט וואָס עס איז געוואָרן פון זיין אוקראַיניש דערפל:

צי האָט די שׂרפה פון דער ערד דאָס אָפּגעווישט, דאָס
אַש צעטראָגן
אויף זאַטע, ווייטע פעלדער, פוסטע וועלדער? ווער קען זאָגן?
איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז דאָס דערפל לעבט אין מיין זכרון.

אינאיינעם מיטן דערפל לעבט אויך אויף אין זיין זכרון דער טאַטע, דער מילנער און דער ווײַסטער אָרעמאַן, און די מאַמע די בריה, וואָס האָט געקאָנט אַחוץ פאַרצירעווען אַ זאַק, אַ העמד פאַרריכטן, לייגן וואו מען דאַרף אַ לאַטע — אויך אַפילו איבערניצעווען און מאַכן פון אַן אַלטער שמאַטע אַ שפּאָגל נייעם מלבוש. אין דאָזיקן שטראָם פון קינדער־יאָרן דעראינערונגען קריסטאַליזירט זיך אַרויס פאַר זיין באַוואוסטזיין אַ געשעעניש צווישן אים — דעם זיבן־יאָריקן יאַט — און דער טויטער בין. וויכטיק איז די דאָזיקע געשעעניש פאַר אונדז דער־פאַר, וואָס זי עפנט אַ פענצטערל אין דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון זיין מאַ־מע און אין די פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון דיכטערס קינדס נשמה. מיר דער־פילן דאָ אויך די שטאַרקייט פון דער ירושה און סביבה ווירקונגען אויף דער

אַנטוויקלונג פון קינד. דער יאַט — דאָס זיבן יאָריק בחורל חיימל — האָט זיבן מאָל אַ טאָג פאַרשטאָכן די פּיסלעך בעתן שפּילן זיך. ער פלעגט אָפּזוכן וואו אַ שערבל, גלאָז, אַ טשוועקל אַ פאַרזשאַווערטס, אַ פאַרסמטן דאָרן און איינמאָל האָט ער אויף אַ טויטער בין אַרויפגעטראָטן.

איז טאַקע תיכף מיר דאָס פּיסל אויפגעשוואָלן, אויפגעלאָפן
ווי אַ קישן,
געוואָרן ברוין און בלוי, מיט בלוט, ווי סמאָלע שוואַרצע
פאַרזאָטן.

און די מאַמע זיינע רעאַגירט אויף דעם גאַר אַנדערש ווי אַ סך אַנדערע מאַמעס. זי גיסט אויס איר שרעק, רחמנות און צאָרן לאַקאָניש אין סימבאָליש־פילאָסאָפישע ווערטער, און דערפאַר ווערן זיי דיכטעריש פּאַראַייביקט דורך איר זון אין שורות וואָס טראָגן אין זיך לערנונג און פאַרשאַפן הנאה.

די שורות — די לעצטע ליד — לייענען זיך:

די מאַמע האָט באַקוקט דאָס פּיסל און געזאָגט מיט
טרערן אין די אויגן:
די גנבטע! איר אָנגערויבטן האַניק האָט זי נאָך
פאַרתכליתוועט ביים לעבן
די גיפט געשפּאָרט און נאָך איר טויט מיין קינד אים אָפּגעגעבן.

זינט דעמאָלט איז פאַר מיר כמעט אַ לעבן שוין
פאַרבייגעשוואוומען,
אַ דור אַוועק און שטעט און דערפער פיל אין
שריפות אומגעקומען,
דער מאַמעס אומעטיקע ווערטער האָב איך עד היום
ניט פאַרגעסן.

דער מאַמעס אומעטיקע ווערטער קריצן זיך אַריין אויך אין אונדזער זכרון און רופן אַרויס אַ דאַנק זייער סימבאָליש־סאָציאַלן אָנוואונק־פאַרשטעלונגען און טראַכטעניש וועגן דעם האָניק־רויב און גיפט־אָפּגעשפּאָרטקייט אומעטום און אין אַלע צייטן ביז אויף היינטיקן טאָג פון באַשעפעניש אַ סך העכערע פאַר בינען אין זייער פּסיכישער אַנטוויקלונג, און אפילו אין אַזעלכע וואָס זענען אין גאַנצן געשטאַלט געשאַפן געוואָרן.

* * *

אויב אין בעבזיקן האָט אונדז דער דיכטער געגעבן פאַרשטעלטערהייט אַ היפּשן טייל פון זיך אַליין אין זיינע קינדער־יאָרן, האָט ער אין זיינע צוויי בי־כער „הרודעם" און „ליים" געמאָלן פאַר אונדז אָן באַהאַלטענע כונות אויף אַ מיפן און כמעט אויף אַ ריין רעאַליסטישן אופן דאָס לעבן פון די יידן וואָס האָבן געוואוינט אין זעלביקן אוקראַינישן דאָרף וואָס ער; ווי אויך אַ סך פון דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט פון דער צייט, וואָס זיי זענען, ווי ער אַליין, אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייער אוקראַינישער היים ביז צו דער צייט, ווען זיי האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין „גאָלדן לאַנד" — אין קאָלומבוסעס מדינה.

דער רעאַליזם אין די דאָזיקע צוויי ווערק איז אַזוי קרישטאָל קלאָר, אַז דער לייענער קאָן אים אויפנעמען אויף אַן אוממיטלבאַרן אינטואיטיוון אופן אַ סך בעסער און מיט אַ סך אַ שטאַרקערער הנאה איידער דורך וועלכער עס איז ליטעראַטור אָדער קולטור אינטערפּרעטיווע אָפּשאַצונגען אָדער דערקלערונגען. ווי דאָס יידישע לשון, וועגן וועלכן ביאַליק האָט געזאָגט אַז עס רעדט זיך פון זיך אַליין, אַזוי אויך לייענען זיך די דאָזיקע צוויי ביכער לידער פון זיך אַליין.

„די קינסטלערישע סביבה" אין וועלכער ה. רויזענבלאַט האָט — ווי ער דריקט זיך אויס — „פּאַרזעצט זיינע העלדן, די פּראָסטע, פּשוטע מענטשן" האָט לחלוטין גאַנץ געלאָזט זייער רעאַלקייט. אַזוי אַרום קאָנען זיי און וועלן אין פאַרלויף פון קומענדיקע יאָרן זיכער מער ווי איינמאָל אויסגענוצט ווערן ווי עכט דיכטערישער מאַטעריאַל פון יידישע היסטאָריקער. דאָס איז אַ מאַטעריאַל וואָס טראָגט אין זיך אַ ביאָגראַפישן כאַראַקטער פון דעם אוקראַיניש איינ־געוואָרצלטן און קיין אַמעריקע איבערגעפלאַנצטן יידנטום.

* * *

יעדער טיף קינסטלערישער רעאַליזם, ווי ריין רעאַליסטיש ער זאָל ניט זיין, ווי פריי ער זאָל ניט זיין פון ראָמאַנטיזם, סימבאָליזם און איבער־רעאַ־ליזם, מוז זיך אָנשלאָגן דאָ און דאָרט אָן אוניווערסאַליזם. דער דאָזיקער אוני־ווערסאַליזם אין די ריין רעאַליסטישע לידער פון „הרודעם" און „ליים" וועט צוגעבן מער אַלמענטשלעכן ווערט צו דער יידיש־געשיכטלעכער עקספּלואַטאַציע פון דאָזיקע שאַפונגען.

אַז די כונה פון דיכטער אַליין אין זיינע שאַפונגען „הרודעם" און „ליים" איז געווען ריינער רעאַליזם, זאָגן עדות זיינע אַריינפיר־שורות צום בוך „הרודעם":

„נאָענט צום הארצן" — שרייבט ה. רויזענבלאַט — „זענען מיר די בילדער און געשטאַלטן, וועלכע איך זוך אַרויסצופירן פאַרן לייענער. אייגן זענען מיר די „העלדן" מיינע — פּראָסטע, פּשוטע מענטשן: גאַנץ אין זייער

פרייד, און נאָכנעביק, אונטערטעניק צו זייער צער. און מחמת איך האָב זיי ליב אָט ווי זיי זענען, פּרואוו איך זיי מאָלן ווי זיי שטייען און גייען".

„איך מיין זיך אָבער ניט אָפּשטעלן ביי די גרעניצן פון אוקראַיניש־יידישן דאָרפס־לעבן אין די נייַנציקער יאָרן. מיין ציל איז אַ פּיל ווייטע־רער: איך בין מיטגעפאָרן מיט מיינע נאָענטע און טרייע און בשלום דער־גרייכט דאָס „גאָלדענע לאַנד". איך האָב זיי געזען, מיינע אייגענע, אין די יאָרן פון גרויסער מאַסן־אימיגראַציע, מיט די קלומיקלעך אויף די פּליי־צעס, מיט די פעדלער־קאַשיקעס אויף די הענט אויף אַלע וועגן פון דעם נייעם, פרעמדן לאַנד, איך האָב מיט זיי געפינצטערט אין די שוויס־שע־פּער, זיך צוגעקוקט צו די ערשטע וואַקלדיקע טריט אין מאַרשרוט צו סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט אויפן פרעמדן באָדן... אָט די אַלע נייע רעגונגען אין אַ פאַרענדערטער סביבה אויפן פרעמדן באָדן פון אַ ניי לאַנד, האָף איך גאַנץ אָדער טיילווייז מאַכן פאַר מיין טעמע אין אַ צווייטן בוך".

„אין „ליים" — שרייבט דער דיכטער אינעם אַריינפיר צום בוך — געפינען זיך די פאַרשווינען מיינע, וואָס איך האָב געפּרואווט שילדערן אין „הרודעם" אויפן וועג קיין אַמעריקע, און אין דעם צווייטן העלפט־בוך — שוין אין דעם פאַרשפּראָכענעם גאָלדענעם לאַנד, וואו זיי פּרואוון זיך צופּאַסן צו די נייע, פּריקרע באַדינגונגען פון דער פרעמדער וועלט. זיי ווערן — „ליים" אין דער האַנט פון נייעם לעבנס־שטיינער".

ווי אַ מוסטער פון דעם ווי אַזוי פון צייט צו צייט דער אוניווערסאַליזם און די אַלמענטשלעכקייט זעצן זיך דורך אַפילו אין די ריין־רעאַליסטיש דיכטע־רישע בילדער פון אַזעלכע ווערק ווי „הרודעם" און „ליים", וועלן דאָ געבראַכט ווערן בלויז צוויי געשעענישן וואָס דער דיכטער מאָלט ריין, אָבער טיף רעאַ־ליסטיש. דאָזיקעביידע געשעענישן ווערן געגעבן אין בוך „הרודעם". איין געשעעניש איז דאָס אומפאַרמיידלעכע פאַר יעדן איינציקן מענטשן — דער טויט. די צווייטע איז איינע פון די וואָס מיידט אויס זייער אַ קליינע צאָל מענטשן און דאָס איז די ליבע, וואָס ווען איר איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן, אַז זי איז שטאַרק ווי דער טויט.

עס איז פאַראַן אין „הרודעם" בלויז איין שטעל, וואָס אין איר מאָלט דער דיכטער די אויסדרוקן פון די ערשטע שפּראָצונגען פון רויע ליבע געפילן. וואָס טוען אַ רודער די נשמות פון אלקנה׳ס טאָכטער — שיינעץ, און ליפּען — דעם מלמד, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין דאָרף אַריין פון אַ ישיבה.

אין אָוונט ביי דער וועטשערע קומט גראַד אויס ליפּען צו זיצן קעגנאיבער שיינעץ.

איז יעדעס מאָל, וואָס אים קומט אויס זיך אויג אויף אויג
באַגעגענען מיט איר,

פאַרשעמט ער זיך, ווערט רויט ווי אַ פייער און
דערוואַרגט זיך שיִר...

און צום ערשטן מאָל ווען עס קומט אויס ליפען צו בלייבן אויג אויף אויג מיט שיינען, לאָזט דער דיכטער אונדז אַרויסהערן די פּאַלגנדיקע ווערטער און מורמלענישן וואָס פאַלן צווישן שיינען און ליפען:

איר ווייסט — מאַכט שיינע — איך קלייב זיך שוין די טעג
אין וועג אַריין.
דער בחור טוט אַ וואָרטשע אונטערן נאָז, לאָזט שטום
אַראָפּ דעם קאָפּ
און ווערט סכנות רויט.
— אַז איר וועט זיין אַמאָל ביי אונדז אין שטאָט —
לייגט שיינע פאָר —
פאַרגעסט ניט, קומט אַריין.
איר וועט ביי מיינע עלטערן אַ גאַסט אַן אָנגעלייגטער זיין...

שיינע שיידט זיך מיטן דאָרף אין אַ צוויי דריי טעג אַרום און פאַרלאָזנדיק דער שוועסטערס שטוב, האָט זי זיך לעבן חדר אָפּגעשטעלט. אַ היפּשע צייט איז זי געשטאַנען פאַרן מויער און זיך איינגעהערט ווי ליפּע קנעלט:

אַ צענדליק קולכעלעך פון קינדער האָבן ווידער
די פענצטער קלינגענדיק אַרויסגעשאַלט
התלהבותדיק די זינגענדיקע עבֿדי נאָכגעזאָגט.
און ליפּעס קול האָט פון געזאַנג אַרויס, ווי עפּעס פאַר זיך
אין דער ווייטער, ברייטער וועלט אַריינגעקלאָגט.

שיינע געזעגנט זיך מיט די קינדערלעך און צום בלאָנדן בחור שטרעקט זי אויס איר שמאָלע, ווייסע, ווייכע האַנט און שמייכלענדיק, לאַדט זי אים איין אַריינצוקומען אין זייער שטוב, ווען ער וועט אַמאָל זיין אין זייער שטאָט. דער בלאָנדער בחור ליפּע ענטפערט ניט מיט קיין שום וואָרט אויף דאָזיקער איינ־לאַדונג, נאָר

בשעת דער וואָגן האָט געריִרט, האָט ליפּע עפּעס, ווי
ניט־וויסנדיק אַליין צו וואָס
אַ כאַפּ געטאָן אַ הינטערשטן ראָד,
און דריי פיר שפּאַן געטאָן און אָפּגעלאָזט... דער אַקס האָט
הייזעריק אַ קרעכץ געטאָן
ווי ער וואָלט זאָגן: ש־ש־ש־ש — אַ סוד, ס'איז אַ סוד...
אַ סוד...

אין וואס פאר א שפראך אין דער גארער וועלט דאזיקע ליד זאל ניט איבערגעזעצט ווערן, וועלן אלע מענטשן פון יעדער ראסע און קאליר און צו וואסער פאלק זיי זאלן ניט געהערן — אויב זיי פארשטייען נאר דעם טייטש פון די ווערטער — אויפכאפן דעם ראמאנטישן ציטער פון די צוויי נשמות: — שיינע און ליפע — און זיי וועלן אריינלייענען זייער אייגענעם מיין און פארשטיין אין די קלאנגען און ווערטער: ש־ש־ש, — א סוד, ס׳איז א סוד, — וואס די אקס פון וואגן האט ארויסגעקרעכצט.

* * *

א ברייט ארומנעמענדיקער אוניווערסאליזם און א רירנדיקע אלמענטשלעכקייט קלינגט אויך ארויס פון די שורות וואס גיבן איבער רעאל־דיכטעריש די לעצטע שעהן פון דעם לעבן פון זעקס און אכציק יאריקן יידן, וואס האט אינעם אוקראינישן דערפל געטראגן דעם נאמען „דער אלטער יאס". „די לעצטע טרעפ" איז דער נאמען פון בילד וואס צייכנט די לעצטע שעהן פונעם אלטן יאס. דער סימבאלישער נאמען פון בילד מיינט צו לאזן אונדז וויסן, אז די לעצטע שעהן פון אלטן יאס זענען מער אזוי ווי נישט אזוי ווי די לעצטע טרעפ פון יעדן איינציקן מענטשנס לעבנסלייטער. זיי זענען מער אזוי ווי נישט אזוי ווי די לעצטע צוגן פון דעם אריינאטעמען די וועלט אין זיך, און זיך אליין — ארויסאטעמען אין איר, און דורך איר אין דער אייביקייט.

די שורות אין ליד „לעצטע טרעפ" וואס טרויערן ארויס דעם אלטן יאס׳עס אוועקגיין פון דער ציטווייליקער וועלט זענען ווי פון שטיין סקולפטוריש אויסגעהאקט. זיי לאזן קלאר דערזען און טיף דערפילן און מיטפילן מיט דעם חולה וואס ליגט „מיט קאלעמוטנע אויגן און א פנים ווי בליי". די אויגן „ווייזן, אז דער שכל איז ביי אים געלייטערט... און אז ער באגרייפט, אז עס האלט מיט אים אוודאי שמאל... פארפאלן... אויס... א סוף... פארביי!

דער חולה זעט און הערט. א בלאסער ווילן גליווערט אויף די
    ליפן און ער רופט:
— בן ציון! גיב אכטונג אויף דער אלטער מאמע, הערסטו?! — —
    ווי האלט דער זייגער? שפעט.
ער דרייט זיך אויס צו סימען, הויבט פאמעלעך אויף א האנט.
    ער וויל איר זאגן וואס.
די פינגער ציטערן מעכאניש, שטאר... ער האט זיך עפעס, עפעס
    איצט דערמאנט...
די האנט פאלט ווי א בלייענע צוריק...
פון צווישן די פארשמאכטע ליפן זייעט זיך אדורך א לאנגער
    מידער זיפץ...

די אויגן גרויסע, אָקסענע, פאַרגליווערט בלייבן שטיין
צום באַלקן אָנגעשטעלט...
און אויגנבליק... דער ווייסער קאָפּ דערלאַנגט אַ ציטער, גלייכט
זיך אויס,
און דרייט זיך האַסטיק איבער צו דער קאַלטער, ברודנער וואַנט.
פאַרגליווערט בלייבט אַ פחד הענגען אין די נאַקעטע פיר ווענט.
דער מלאך המות, מיט אַ ווייסן פעקל אונטערן אָרעם, רואיק
דורך דער שטילקייט שפּאַנט...
די אַלטע, סימע מיט אַ פּכיך, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ,
דערנאָך די הענט;
זי האָט דעם אורח מיטן ווייסן פעקל אונטער אָרעם שוין
ביים טיר דערקענט...

אויך מיר דערקענען דעם דאַזיקן אורח. און די דאַזיקע דערקענטעניש האָט פאַר דעם מענטש, פונעם ערשטן מאָמענט ווען זעלבסטבאַוואוסטזיין האָט אויפגעלויכטן אין אים, אוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון טויט און לעבן און פון דער שייכות צווישן „דער וועלט" און „יענער וועלט". עס איז די דאַזיקע ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש וואָס צייכנט אויס דעם מענטש פון דער חיה. ווען דער דאַזיקער דערקענטעניש האָט קהלת, אָדער דער מחבר פון קהלת, ניט געטראַכט אָדער זיך אין איר ניט אריינגעטראַכט, ווען ער האָט קאָנסטאַטירט אַז קיין מעלה פון דעם מענטשן איבער דער בהמה איז ניטאָ. עס איז אמת וואָס ער האָט געזאָגט אַז „ווי דער שטאַרבט, אַזוי שטאַרבט דער". אָבער ווי יעדער אַנדער חיה, אַזוי שטאַרבט אויך די בהמה, ניט זייענדיק ווען עס איז אין איר לעבן באַוואוסט אויף דעם אַז זי וועט שטאַרבן. שטאַרבן — שטאַרבט זי ווי דער מענטש, ו ו י ס ן אָבער פון שטאַרבן, וויסן פון אויס־ווערן און אויס־זיין ווי דער מענטש ווייסט עס. ו ו י י ס ט ז י נ י ט, ווי עס ווייסט עס ניט קיין שום אַנדער חיה אין דער וועלט. דער מענטש ווייסט דורך דעם גאַנצן פאַרלויף פון זיין באַוואוסטזיניקן לעבן, אַז ער וועט שטאַרבן. דער מענטש ווייסט אָבער אויך, בעת ער לעבט, אַז ער לעבט. די חיה ווידער ווייסט ניט ביידע זאַכן: ווי זי ווייסט ניט אַז זי וועט שטאַרבן, אַזוי ווייסט זי ניט אַז זי לעבט. איר פעלט לחלוטין די וויזיע פון לעבן און טויט. זי קאָן ניט איבערלעבן די ציטערס ניט פון לעבן און ניט פון טויט. דאָס וויסן און די פייאיקייט איבערצולעבן וואָס מען ווייסט, באַרייכערט און פאַרטיפט דאָס לעבן און רופט ארויס פון צייט צו צייט געפילן פון גליקזעליקייט, וואָס פון זיי ווייסט ניט די חיה. און דאָס איז בלויז איין מעלה און אַ גרויסע מעלה פון מענטש איבער חיה און זי אַליין שוין נעמט אוועק די זיכערקייט אין דער אַלצקייט פונעם הכל הבל, און עס לאָזט זיך אַמאָל לפּחות אַ טראַכט טאָן אַז אפשר איז ניט אַלץ נישטיקייט. אין דעם דערקענען דעם אורח מיטן ווייסן פעקל אונטערן אָרעם ווי סימע

האט דירעקטנט און ווי מענטש בכלל דערקענט, ליגט אפשר א גרויסער זין און א טיפער ווערט — אלנפאלס איז די פראבלעם פון לעבן און טויט די צענטראל פראבלעם פון אלע מענטשלעכע פראבלעמען. זיי קומען אלע פון איר, קרייזן זיך ארום איר, און גייען צוריק צו איר. די ערשטע און די לעצטע טרעפ פון לעבנס-לייטער און דער לייטער גופא זענען איינע און די זעלביקע מיסטעריע, וואס האלט געשפאנט דעם מענטשנס גייסט און טרייבט אים ארויף און אראפ אין זיין גאנג פון צייטווייליקייט צו אייביקייט, און שאפט אין אים פאנטאזיעס פון אן איבערערדישער און יענער-וועלטיקער עקזיסטענץ אין טיפערן און העכערן זין פון ווארט, און לאזט זיין לעבן אויפגעפאסט ווערן פילאסאפיש-רעליגיעז.

— 4 —

אין זיין אריינפיר צו „הרודעס" דערקלערט ה. רויזענבלאט, אז ער האט געפרואווט אפהיטן דעם באזונדערן לשון פון זיינע יידיש-אוקראינישע העלדן מיט זייערע יידישע דארפס-אויסדרוקן. ער האט עס געטאן דערפאר, וואס זייער פאלקסטימלעכער דיאלעקט טראגט די לירישקייט און חן פון סטעפן-לאנד.

די דאזיקע לירישקייט און דעם דאזיקן חן פון די אוקראינישע סטעפעס טראגט אריין ה. רויזענבלאט אין אלע זיינע לידער און פערזן, וואס איז זיי באזינגט ער די נאטור, סיי די אוקראינישע, סיי די אמעריקאנישע. זיינע נאטור לידער און פערזן זענען גרויס אין צאל און טיף אין אינהאלט און א דאנק זייער צו-גויפוועב מיט מענטש און גאט שלאגן זיי אן אין איבער-נאטור, און זיי רעגן געדאנקען און געפילן וואס טרעטן אריבער נאטור-גרעניצן.

א באזונדער קולטור-קריטישער אפשאץ און אויסטייטש וואלטן געקאנט געגעבן ווערן וועגן זיי, ווען זיי וואלטן צונויפגעזאמלטע זיך אפגעדרוקט אין א בוך אונטערן טיטל ה. רויזענבלאטס נאטור-לידער.

די טיפקייט פון א גרויסער צאל פון זיינע נאטור-געזאנגען נעמט זיך פון דעם, וואס ער נעמט אויף נאטור פאנטעאיסטיש און פערזאנא-טעאיסטיש. די נאטור אטעמט ביי אים מיט לעבן און גייסט. מען פילט דאס שוועבן איבער איר און דעם אריינדרינג אין איר פון דער מענטשלעכער און געטלעכער פער-זענלעכקייט.

די נאטור שטילט אפט די בענקעניש און דעם אומרו אין דער נשמה פון דיכטער דורך א באהעפטונג מיט איר, מיט אירע אנטפלעקונגען און דער-שיינונגען:

און אז די בענקעניש טויכט אויף
אין מיין געמיט, דעם שווערן —

ק ו ל ט ו ר   ק ו ו אַ ל

זערמאָן איז זיך אָן ים און אין
דער נאַכט מיט אירע שטערן . . .

דער ים איז אַלט, זיין פּנים קלוג,
און ווי די שטערן — אייביק.
און דאָס וואָס ער דערציילט איז וואָר
און איך . . . בין גלייביק, גלייביק!

די זון פאַרגייט ביים מערב־ראַנד,
די וואָלקנס זשאַרען צונטער . . .
איך נעם אַרום די זון און גיי
מיט איר אינאיינעם אונטער.

(פּאַוזע)

דעם דיכטערס פאַרטיפן זיך אין דער קלונגשאַפט פון ים, זיין גלויבן אין דער אייביקייט פון די שטערן, לאָזן אונדז דערפילן אין זיינע נאַטור געזאַנגען די נאַטור ווי אַן אַרויסשטראַל פון קאָסמישער איינאונאיינציקייט, און אַרויסהערן די קלאַנגען פון מענטש און גאָט. דאָס איז דערפאַר וואָס דער דיכטער פילט זיך ווי אַן איינגעוואַקסענער אין דער נאַטור, און די נאַטור — ווי אַן אַרויסוואַקסענדיקע פון אים. ער פילט די נאַטור אינעווייניק אין זיך, און ער הערט אין איר דאָס פולסירן פון זיין אייגן האַרץ.

ער זינגט:

דאָס גאָלד רויט ווייט אין מערב קלינגט
צום וועלן־טעמפּ פון ים.
אַ סאָווע פּעכערט ווייט פון ברעג
אַנטקעגן אָוונט פלאַם.

עס רוישט דער ים ביי מיינע פיס,
די וועלן זינגען פריי.
איך פיל דאָס אויג מיינט אָן מיט ים,
הויב אויף מיין קול און שריי.

דער ברייטער ים איז אין מיין אויג,
דאָס גאָלד־רויט אין מיין בלוט.
און דו, מיין האַרץ — אַ זעגל־שיף
אין רויטן אָוונט — גליט

(אָוונט־רויט אין ים)

ווילׂיאם נאָטאָנסאָן

זייער שיין און פיל באַדייטנדיק זענען זיינע פּערזן, וואָס אין זיי פאַר־גלייכט ער דעם ים צו אַ ריזיק ספר:

אַ פרילינג נאַכט, אַן אויסגעשטערנטע, בטבע לאָזט דיר ס׳האַרץ
ניט שלאָפן,
דער ים איז אויך אַ האַרץ, אַ האַרץ פון ןשטערן דורכגעשפּיגלט;
און ליגט פאַר דיינע אויגן, ווי אַ ריזיק ספר — אָפן.
עס אָטעמט שטיל דער ברייטער ים און וועקט זיך אין לבנה-ליכט
אין העלן.
אַ דורכגעלויכטענער פון עפּעס אַזאַ כישוף, זע איך ווי דער ווינט
מיט נעפּל־בלויע פינגער, בלעטערט שטיל די לולב־גרינע וועלן.

די ווייסע שטערן אָפּגעשפּיגלט אין דעם ים — אין די אלפי־אלפים.
אין איין כהרף־עין בייטן זיך אויף אותיות, זילבן, ווערטער,
פאַרנעפּלטע רעיונות, סודות, זעאונגען, רמזים, צרופים.
(מחשבות — זיצנדיק ביים ברעג פון ים)

אינעם ליד „בונט" קומען פּערזן, אין וועלכע ים, ווינט, טומאַן און מענטש וויקלען זיך אריין אין איין קנויל און פירן דורך פונקציעס, ווי זיי וואָלטן גע־ווען אָרגאַניש צונויפגעשטעלט. דער ים און דער טומאַן אָטעמט מיט פחד. דער ווינט קריגט פינגער וואָס שפּילן אויף די שטריק און אויפן לייטער ווי זיי וואָלטן געווען סטרונעס, און דער מענטש ווערט ווי אין פּאַלעס איינגעהילט אינעם פחד, וואָס די נאַטור וואַרפט אַן אויפן אָרום.

פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל היפּש פאַרכמאַרעט און אַ ווינט
אַ ברוגזער געגעבן האָט פון ים אַ בלאָז, אַ פייכט געזאַלצענער
טומאַן
האָט אויפן וואַסער זיך געזעצט. אַ נאַכט אַ פינצטערע, ווי
שוואַרצע טינט
האָט זיך אַריינגעגאָסן אין בלינדן חלל און געדיכט אים אָנגעפילט.
דער ווינט, מיט פינגער, נעפּל־שווייסיקע האָט אויף די שטריק
און לייטערס,
ווי אויף סטרונעס נאָכגעלאָזענע, מיט צאָרן עפּעס שדימדיקעס
אויסגעשפּילט!
די שיף איז אין דער פינצטערניש געוואָרן נעלם, אויסגעכאַפּט
און פחד האָט דעם מענטשן, אַ פאַרלוירענעם, אין זיינע פּאַלעס
איינגעהילט.

זיין ליד „אליהו הנביא" הויבט אָן דער דיכטער מיט אייניקע נאַטור־פּערזן,

קולטור קוואַלן

אין וועלכער ער ברענגט אַריין אַן אינטימיטעט צווישן גאָט און נאַטור און אַ גאַסטפרײַנדלעכקייט פון זיי ביידן מיט אליהו הנביא.

די פערזן לייענען זיך:

פון אַלטן יאַסעס קרעטשמע האָט די יום־טובדיקע פרייד
דורך אַלע פענצטער אין דער נאַכט אַריינגעגליט.
אַ בלייך פאַרשלייערטע לבנה האָט פון סטעפ צום דאָרף
געלאָזן זיך מיט בלינדע, בלאָנדזשענדיקע טריט.
און אין דער הויך האָט פלינק און אומגעריכט די האַנט פון גאָט
אַ ליכטיק־ווייסע זשמעניע שטערן אויסגעשיט
און שאָטנס דינע זענען גרינג געפאַלן אויף דער וועלט,
ווי צויבער מעשהלעך אויף קינדערשן געמיט,
און דופטנדיק האָט אין דער בלוילעך־ווייסער פרילינגס־נאַכט
די ערד געדערטע דורך גראָז און בלאַט, און בוים, און בליט
און פאַרן טויער פונעם דאָרף געזעסן איז אַן אָרעמאַן
און שטום די אויפגעשטראַלטע פענצטער יידישע געהיט.

פאַנטאַסטיש קלינגען אויך אַזעלכע שורות ווי:*

אין אָוונט ביי דער ליכט פון אונטערגייענדיקער זון האָט אַ
געשטופלט פעלד פאַרשעמט
צעשמייכלט זיך. די קלויסטער־גלאָקן האָבן אויפן דאָרף מיט
שטיינער שטייף צונויפגעקלעמט
צעוואויעט זיך און פון דער טונקעלער קילקייט האָט דער האַרבסט,
ווי אָפגעשיילטע קאָרע פון אַן אַלטן דעמב, מיט פרישער
זאַפטיקייט אַרויסגעשמעקט,
אין קרעטשמע האָבן זיך די שויבן די פאַרבלאָזע מיט ברוינעם
ליכט צעפליקט...
אַ רגע שפּעטער האָט דער אָוונט אויף די ווייסע כאַטקעס
ווי אַ קוואָקע זיך אַוועקגעזעצט,
די פליגלען טונקעלע צעלאָזן און פאַמעלעכל זיי איינגעדעקט.

אַ גרוים, שיין־קלינגענדיק ליד „שפע" ווידמעט דער דיכטער צו די שפּראָצונגען און געוויקסן פון דער ערד וואָס דער מענטש קולטיווירט. ער באַזינגט אין דאַזיקן ליד די קאַקאַרוזעס, די סאָנעשניקעס, דעם רויטן מאָן, די ווײַנשל, די פלוימען, די קאַרשן און אַגרעסן. ער פאַרגעסט אויך ניט — אין זיין פשטות און ליבשאַפט צו גאָט און מענטש באַשאַפונגען, — דעם קנאָבל. זיין געזאַנג

וויליאַם נאַטאַנסאָן

צו יעדן איינעם פון זיי איז אַ חברישער צונויפריידן זיך מיט זיי: די קאַקאַרוזעם זעט ער ווי זיי שטייען

פון די ווייסע היצן ווי פּרעטשמעליעטע,
פאַרוואָרפן אויף אַ זייט די גרינלעך־געלע זון געקעמטע צעפּ.

און די סאַנעשניקעס ווי:

— אויסגעפּוצטע אין קריינדלעך מעשענע
פון זון פאַרבלענדט שטייען מידע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

דער רויטער מאָן פאַרכאַפּט אים מיט

די זילבער־בלויע בעכערלעך מיט שכרות און חלומות
רייצנדע געפּילט.

גאָר אַ געהויבענעם אַז־ישיר גיט ער אַוועק די פּרוכטן, וואָס וואַקסן אויף גרעסערע און קלענערע פּרוכט־ביימער:

די ווײַנשל אויפן ווײַנשל־בוים פאַרפאַליעט ברענען ליכטיק־רויט
אין העלן טאָג,
פאַרשלאָפן הענגען אויפן פלוימען־בוים
די שטאָליק־בלויע, סאַמעט־גלאַטע פלוימען זאַפטיק פול און
אָקסן־אויג גרויס.
די קאַרשן אויף די קאַרשן־ביימער, שוואַרצע ווי ציגיינער־אויגן
מיידלשע
פון צווישן צווייגן־פלאָנטער קוקן ממזריש, תאווהדיק אַרויס
אויף נידעריקע אַגרעס ביימעלעך, טיף צווישן הויכן גרינעם
היי אַרויס שאַריען
אַפילו די רייפע אַגרעסן, ווי אייגעלעך פון ליכטיקן בורשטין.

און איצט קומט דער געזאַנג צום קנאָבל. אין דאָזיקן געזאַנג דערפילט זיך שטאַרק די גוטהאַרציקייט און ליבשאַפט צו נאַטור, מענטש און גאָט אין אַלע זייערע געשטאַלטונגען. גוטהאַרציקייט און ליבשאַפט זענען מאַניפעסטאַציעס און אַנטפּלעקונגען, וואָס קלינגען אַרויס פון אַלע ה. רויזענבלאַטס דיכטעריש־פּשוטע ווערטער און אַנגעלאָדענע שורות. דווקא דערפאַר וואָס קנאָבל ליגט מיט קאָפּ אין דער ערד, גיט אים דער דיכטער אַוועק גאַנצע פינף דיכטערישע שורות. אין זיי לאָזט ער דעם קנאָבל מיט דעם שטייף פאַררייסענעם צום הימל ־רין עקעלע זיך אַרויסריידן זיין האַרץ און געפינען גרונט פאַר זיין ניט אַראָפּגע־פאַלנקייט און פאַר דער באַציאונג צו אים פון דעם הימל און פון דער זון.

דער קנאַבל, כאָטש אַפּילו מיטן קאָפּ אין דער ערד, פּאַררייסט
צום הימל שטייף
דאָס גרינע עקעלע, ווי איינער רעדט: מה רעש, וואָס איז?!
נו, בין איך ניט קיין קאַנאַרייטשיק, ניט קיין דופּטנדער נאַרצים!
צי האָט דערפאַר די זון פון מיר איר ליכטיק פּנים אָפּגעקערט?
צי האָט דער הימל איבער מיר די וואָלקן זיינע ווען עס איז
צום רעגענען פאַרוועהרט?

דעם דיכטערס ליבע צו די סטעפּעס, ווי זיין ליבע צו די אוקראַינישע פּראָס־טע, פּשוטע מענטשן האָט באַגלייט אַלע זיינע פּאָעטישע אינספּיראַציעס, און עס פּאָדערט זיך ניט צופיל אָנגעשטרענגטקייט אויף אַרויסצוזהערן איר אונטער־טאָן אין אַלע זיינע געזאַנגען און אויפצוכאַפּן איר קלאַרקייט אין זיי. אַ טיפער אַריינבליק אין זיינע שירים לאָזט אונדז איר אָטעם דערפילן. אינאיינעם מיט דער דאָזיקער ליבע צו ערד און צום פּראָסט־פּשוטן מענטשן גייט אויך זיין ליבע און יראת־הכבוד פאַר דער מענטשלעכער שווערער אַרבעט וואָס די ערד פּאָדערט, פאַר זיין מי און פּראַצע אויף אַרויסצוברענגען זאַטקייט און לעבנס־דערהאַלטונג פאַר זיך אַליין און פאַרן מין מענטש בכלל.

דאָזיקע אַלע געפילן קומען צו אַ שיינעם און שטאַרקן אויסדרוק אין זיין ליד „דער ריח פון ערד", וואָס ער האָט געזונגען מיט היפּשע צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט אוקראַינע. ער האָט פאַרלאָזט אוקראַינע אין זיין פריעסטער יוגנט. אירע אָנרעגונגען אָבער און אירע השפּעות אויף זיין גייסטיקער געשטאַלטיקייט זענען בייגעשטאַנען זיינע שאַפונגען אין פאַרלויף פון זיין גאַנצן לעבן. דאָס ליד „דער ריח פון ערד" וואָס איז אויך דער אַראָ־מאַט פון זיין גאַנצער דיכטונג, לייענט זיך:

שווערע, שוואַרצע הענט מיט פּראַצע אָנגעגאָסענע.
רוקנס רונד־געבויגענע, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.
אַקער אייזנס גריזשען הונגעריק די שוואַרצע ערד.
טיף געגרונצלטע שמייכלט צו דער זון דער ברייטער סטעפּ.
ברענגען ווערט ביינאַכט צו זיך אין שטאַל אַריין דאָס מידע פערד —
טונקל פייכטן פעלד־געערוך, די זאַטע מידקייט פון דעם טאָג
אויף די קישן ווערן דופטן מיט דעם ריח פון זריעה —
פריש צעפּאַרעטע אין די פאַלדן פון דער שוואַרצער ערד —
טונקעלע, געדיכטע מאַנסבילדיקע בערד.

און פון הינטער שלאָף פאַרשיכורטע און מידע קעפּ,
דינגען ווערט דאָס רויטע בלוט אין אָנגעהאָרעוועטע הענט,

וויליאַם נאַטאַנסאָן

פֿאַר דעם פֿלעמלדיקן קאָניץ — פֿאַר די שאָטנדיקע ווענט
דאָס געזאַנג פֿון ברויט, פֿון אויבס, און פֿולע טעפּ מיט מילך.

ש. ניגער האָט אָנגעוויזן אויף דער קרעפּטיקער קלאָרקייט און לייכט נאַטירלעכער באַפליגלדיקייט אין רויזענבלאַטס שפּראַך. די אוקראַיִנישע פֿאַרוואָרצלטקייט איז אפשר דער קוואַל וואָס פון אים פליסן אַרויס די קרעפּטיקע קלאָרקייט און די נאַטירלעכקייט פון זיין דיכטערישער באַפליגלדיקייט. זי איז אויך דער מקור פון דער פשטות און ליבשאַפּט וואָס כאַראַקטעריזירט זיין פּאָעזיע און גיט איר צו אַזוי פיל חן און צוציִאונגס קראַפּט.

ה. רויזענבלאַט האָט פון זיין פריעסטער יוגנט אָנגעהויבן אַריינוועבן זיך אין דער נאַטור און איינזאַפּן זי אין זיך. פון קינדווייז אָן האָבן די געשטאַלטונגען פון דער נאַטור אָנגעהויבן זיך טיף איינקריצן אין די טיפענישן פון זיין גייסטיקער געשטאַלטיקייט. אין לויף פון זיינע קינדער יאָרן איז ער באַאיינדרוקט געוואָרן פון אויסערלעכער אָרעמקייט און אינערלעכער פּראָסטקייט און פשוטקייט, באַהויכט מיט אַ נשמה און גייסט דערהויבנקייט. דאָס איז געווען די לופט, וואָס האָט אָנגעפילט דעם אַרום און דעם נעבן אים, און וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעאָטעמט אין זיינע קינדערשע און יינגלשע יאָרן אין אוקראַיִנע.

זיין זיידע און באָבע, זיין טאַטע און מאַמע האָבן מיט זייער אייגענעם לעבנס-פיר און לעבנס-שטייגער געוועקט און אַנטוויקלט אין אים אַ ליבע צו פשטות בכלל און צום פשוטן וואָרט בפרט. זיי האָבן אויף אַ באַוואוסטן און אומבאַוואוסטן אופן איינגעוואָרצלט אין אים אַ טיף־האַרציקע באַציִאונג צום מין מענטש בכלל און באַזונדערס צום אָרעמען, געקריוודעטן און ליידנדיקן מענטש. דאָזיקע סביבה און ירושה גיט דעם שליסל צו דער גרויסער צאָל לידער זיינע, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פשוטקייט, האַרציקייט און מענטשלעכקייט. זיי רעגן אונדז מיט זייער אויסטערלישער שיינקייט און חנעוודיקייט, מיט זייער אייגנאַרטיקייט טיפקייט פון נשמה־אויסגוס.

— 5 —

וועגן זיין אייגענער ספּעציפישער פּראָסטקייט און ברייטקייט וואָס מאַניפעסטירן זיך אין זיין דיכטונג, זינגט ה. רויזענבלאַט אַליין אין זיין ליד „באיקע“:

איך בין דיין זון — דעם מילנערס זון,
און פּראָסט ווי דו און דיינע.
און לשון ברייט — פּאָדאָליער סטעפּ,
און פשוט ווי אוקראַיִנע —

איך בין דיין פלייש און בלוט און קאָן
פון דעם זיך ניט באַפרייען.
דאָס לעבן מיינס אַ וואַסער־מיל,
דאָס ליד מיינס ברויט מיט קלייען

אין זעלביקן ליד דערציילט אונדז דער דיכטער, אַז זיין מאַמע שטאַמט פון אַ שטעטלשער פּאַראָרעמטער משפּחה; זי איז קלוג, שיין און וואוילקע־נעוודיק.

זי האָט מיטגעבראַכט פון די־היים
ראָמאַנען אויף צו לייענען
און פלעגט זיצן דורך די נעכט,
זיי בלעטערן און וויינען.

און זיין זיידע האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ דרעמל אויפן בוידעם, אָבער אויך

אַ חלום טאָן: ניט ווייט פון דער ערד
און נענטער פּאָרט צום הימל.

דעם זיידנס חלומען ניט ווייט פון דער ערד און נענטער פּאָרט צום הימל, כאַראַקטעריזירט ביז אַ גרויסן גראַד רויזענבלאַטס דיכטונג. טראַגנדיק זיך אַליין און אויך אונדז אין זיין דיכטונג אויף די פליגל פון חלומות אין די הויכע הימלען, דערפילט ער אָבער און ער לאָזט אין דער זעלביקער צייט אויך אונדז דערפילן די זאַפטיקייט פון די טיפן פון ערדישע אָפּגרונטן. אין זיינע לידער גע־פינען אויך אַן אָפּקלאַנג די פרומקייט און שטילקייט פון זיין באָבע האָדל, וואָס איז געווען:

אַ פרומע און אַ שטילע.
צומאָל קיין דאַווענען ניט געקענט,
קיין טייטש־חומש אפילו.

ער לאָזט אונדז אויך הנאה האָבן פון דעם אַראָמאַט פון אירע „ברויטעלעך־בוקעטן״ —

צו אַכציק פלעגט זי נאָך אַליין
אַ דייזשע ברויט פאַרקנעטן,
און אויפגיין פלעגט דאָס טייג ווי שוים,
אין ברויטעלעך — בוקעטן.

דאָס גאַנצע ליד „אַ באַיקע״ וואַרפט אַ ליכט־שטראַל אויפן ליד „פון טיפן ברונעם״.

ווילי־אם נאַטאַנסאָן

די לעצטע שורות פון „טיפן ברונעם" לייענען זיך:

און אומעטום וואוהין איך בין געקומען
האָב איך אין מיינע רייד געבראַכט —
די טונקעלע שטילקייט פון דעם ברונעם,
דעם דופטיקן וויספער פון דער נאַכט.

דאָס איז דער ברונעם, וואָס אין זיין טיפן בלויען וואסער האָט זיך אַ שטערן געשפיגלט די גאַנצע נאַכט, און

פאַרטאָג האָב איך אַן עמער וואַסער אָנגעשעפּט זיך,
איך האָב דעם שטערנס ליכט צו זיך אין הויז געבראַכט.

דאָס דאָזיגע שטערן־ליכט האָט אָבער ניט בלויז דאָס הויז געליכטיקט, נאָר

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָט אומעטום אין אַלע גאַסן
ביי מיר פון אויג דאָס שטערנליכט אַרויסגעשטראַלט.

דאָס דאָזיקע שטערן־ליכט, וואָס שטראַלט פון זיין אויג אַרויס, פילט אָן זיין נשמה מיט רחמנות צו די דריי בעטלער, וואָס נאָר איינער פון זיי זעט — און אויך ער אפילו זעט בלויז אויף איין אויג.

עס איז אַ מאָדנע דיכטערישע דריי־איינקייט פון בעטלער:

דריי קויטיקע בעטלער מיט איינאיינציק אויג.
דאָס אויג געהערט דעם בעטלער דעם דריטן.
די בלינדע צוויי גייען — דער רעכטס און דער לינקס,
און דער מיטן אויג — גייט אינמיטן.

און דאָס וואָס דער מיטלסטער זעט אויף גאָטס וועלט,
דאָס גיט ער די בלינדע צוויי איבער.
עס טראַכטן די בלינדע: מגזמיט ער נישט?
דער חשד טוט אין האַרץ אָפּט אַ פּיבער . . .

דער אָנמערק פון דיכטער אַז „די דריי בעטלער מיט איין אויג" איז אַ באַלאַדע פון היינטיקע צייטן, רופט אַרויס אַ חשד, צי איז ניט דער דיכטער מרמז אויף דער גרויסער צאָל בעטלערס אין גייסט, וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט אין צייטן ווען מאַטעריע געוועלטיקט איבער גייסט, און קולטור בוקט זיך צו ציוויליזאַציע. דאָס זענען בעטלער — בלינדע אין אויסקוק און וועלט־באַנעם, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף עמיצנס איין־אויגיקער זעעוודיקייט. דאָזיקע באַלאַדע דערמאָנט אונדז אין דעם אויסגעשריי פון פּרצ'ס לאה אין „די גאָלדענע קייט", ווען איך

נאָר וואָס געבוירן קינד. דאָס קינד פאַרמאָגט גרויסע אויגן וואָס קוקן, אָבער זעען ניט.

וועגן דער טראַגיק פון די וואָס זענען מיט בלינדקייט, געשלאָגן געוואָרן זינגט דער דיכטער:

ס'איז פרילינג. עס שפּראָצט און עס גרינט אויף גאָטס וועלט.
דער וואַלד אַ פאַרשנייטער אין בליטן.
איין בלינדער גייט רעכטס, און איין בלינדער גייט לינקס,
און דער מיטן אויג — גייט אינמיטן.

ווי שיין איז גאָטס וועלטל! זאָגט דער מיטן אויג:
חלומות! חריפות! חידושים!
די בלינדע, זיי טאַפּן די שיינקייט אָן
און ס'ווייינען, אין בלינדקייט, די חושים.

דאָס איינציקע אויג — דאָס בשותפותדיקע ליכט!
זאָל גאָט זיי פון אומגליק באַהיטן!

דאָס שטערן ליכט, וואָס האָט אין אַ געוויסן מאָמענט ארויסגעשטראַלט פון דיכטערס אויג, איז אים בייגעשטאַנען זיין גאַנצן לעבן, ווען נאָר די דיכטערי־שע שעפערישקייט האָט אים אונטער אירע פליגלען ארונטערגענומען. אויפגע־לויכטן זענען דעמאָלט פאַרן דיכטער דער עיקר דער אומעט און צער, די בענ־קעניש און אלייקייט וואָס נעמט דורך די לעבעדיקע ווי די אומבאַלעבטע וועלט. זיין נשמה ווערט אויפגעציטערט זייער אָפּט פון די יסורים און פיינען וואָס ער הערט ארויס און דערפילט אין גאָטס באַשאַף.

אין די טונקעלע ברוינע אויגן פון אַ פערד דערזעט ער אָן אַ שיער אומעט, אונטערטעניקייט, הכנעה, פינצטערע סבלנות, צער און מסירת נפש. דאָס פערד טוט אַ בליץ פאַר אים ווי דער סימבאָל פון אַלץ אין דער וועלט, וואָס טראָגט אין זיך דעם גאַנצן אומגליק פון דער שווייגנדיקער ערד.

אַזוי פיל אומעט אין די טונקל־ברוינע אויגן פון דעם
הארעפּאַשנעם פערד.
ער קען אים אין די ביינער, אינעם בלוט ביי זיך אפנים
ניט דערטראָגן.
איז שלעפּט ער אים נאָך זיך, ווי שווערע משא אָנגעלאָדן
אויפן גרויסן וואָגן,
וואָס סקריפּעט, קרעכצט און שניידט זיך מיט אַלע רעדער
אין דער ערד.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

דאָס ליד וועגן האַרעפּאַשנעם פערד הייסט „אַזוי פיל אומעט" און דער דיכטער לאָזט אונדז דערפילן ניט נאָר דעם אומעט פון פערד, נאָר אויך דעם וועלט־אומעט, וואָס זיפּצט אַרויס אין די לעצטע שורות פון ליד:

אַזוי פיל פאַרבאָרגענע סבלנות אין דעם אַנגעשטייפטן רוקן
פון דעם האָרעפּאַשנעם פערד,
אַזוי פיל צער; מסירת נפש אין יעדע שניט, אין יעדן
קריץ, אין יעדן קרעל,
וואָס די אכזריותדיקע בייטש האָט אויפגעשריבן
איינגעקריצט ביי אים אין פעל — — —
מיר דאַכט: ער טראָגט אין זיך דעם גאַנצן אומגליק
פון דער שווייגנדיקער ערד.

אינעם ליד „דער ווילדער פויגל" דערטראָגט זיך צו אונדז דעם דיכטערס דערהער פונעם געוויין פון וואָרצל וואָס פינצטערט אין דער ערד:

דער צער פון בלינדן וואָרצל
ערשט איצט באַנומען קוים,
וואָס קען אַליין ניט זען
ווי שיין ער איז, זיין בוים.

דאָס איז אייגנטלעך דאָס געוויין פון אַלע די וואָס געשלאָגענע מיט פיזישע אָדער גייסטיקער בלינדקייט, קאָנען ניט זען די שיינקייט פון די וואָס ציען זיך צום הימל, הגם זייערע וואָרצלען זענען אין דער ערד

דאָס שטערן ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון צייט צו צייט פון דיכטערס אויג, וואַרפט אויך אַ שטראַל אויפן קוימען — דאָס איינציקע וואָס איז פאַר־בליבן פון אַן אָפּגעברענט הויז אויף אַ באַרג ערגעץ וואו.

אַליין דער קוימען שטאַרטשעט הונגעריק אַרויס
פון צווישן שוואַרץ־פאַרקוילטן דרויב,
וואָס איז געבליבן אַלס זכר פון די אָפּגעברענטע ווענט.
אָט שטייט ער נאַקעט קעגן הימל, אויסגעטאָן פון דאַך און ווענט.
האָט ער נאָך ניט געהאַט קיין ביסן ברויט אין מויל.

אויגנבליקלעך ווערט נאַטירלעך דער קוימען פאַר אונדז אַ דערמאָנונג אָן דער אַליינקייט, אָפּגעריסנקייט און פאַרגעסנקייט וואָס באַפאַלט געוויסע מענטשן אויף אַלעמאָל, און יעדן איינציקן מענטש אין געוויסע מאָמענטן און תקופות אפילו פון זייער לעבן.

דאָס זעלביקע איז מיטן פאַרשעמטן בגד, וואָס אין זיין שמאַטעדיקער גע־שטאַלטונג ווערט ער מער ניט אויפגעהויבן פון בעטלער אפילו, און וואָס

דער שמאַטע קלייבער — ער אַליין
אַ שמאַטע — גייט פאַרביי
דאָס טראַנטע קלייד און קוקט עס אָן
און טוט אויף דעם אַ שפּיי.

אָבער דאָ דערזעט דער דיכטער עטוואָס, וואָס קאָן נאָר אויפגענומען ווערן פון אַ דיכטערס פאַנטאַזיע, און נאָך פון איינעם, וואָס זיין האַרץ גיסט זיך צונויף מיטן האַרץ פון דער וועלט. ער דערזעט ווי:

אין לבנהדיקע נעכט,
בשעת עס שלאָפט די שטאָט,
בלינקט אויף אין שמאַטע קוויל אַ קנאָפּ,
אַן אויג, וואָס ווייַנט פאַר גאָט.

און גאָט וואָס זעט דעם נכנעים צער,
און פילט זיין שווער געמיט,
ער נידערט צו דעם הויף אַראָפּ
מיט ווייכע, שטילע טריט.

ער טוט דאָס שמאַטע־בגד אָן
און הילט זיך איין אין דעם.
אַ ווייסע ליכטיקייט שטראַלט אויף
ביי אים פון הינטערן ברעם . . .

די דאָזיקע וויזיע פון דיכטער וועקט טרייסט, האָפענונג און בטחון אין די געפאַלענע און פאַרשעמטע וועזנס אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָמענט פון זייער לעבן. זי שאַפט אויך אַן אינטימקייט אין די שייכותן צווישן מענטש און גאָט. דער מענטש ווערט באַשטראַלט און דורכגענומען מיט דער ווייסער ליכטיקייט, וואָס שטראַלט אויף פון הינטערן ברעם פון אַ גאָט, וואָס קאָן פון די העכסטע הימלען אַראָפּנידערן צו דער ערד מיט ווייכע, שטילע טריט, כדי צו דערהויבן און אָנפילן מיט מער ווערט און חשיבות — אפילו אַ שמאַטע־בגד. אַ גאָט, סימ־באָליש איינגעהילט אין די פאַלדן פון אַ שמאַטע־בגד, רעגט אויף און באַווירקט דעם מענטשן פון דאָס ניי צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זיינע אויפפירונגען צו אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום. ער ווערט דורך דעם געשטויסן צו רעווידירן זיינע באַגריפן וועגן מהות און חשיבות פון מין מענטש און זיינע איינשטעלונגען בנוגע די שייכותן פון מענטש צו מענטש.

* * *

וויליאם נאטאנסאן

ווי אַ סימבאָל פון אָרעמקייט און פּארוואָרלאָזיקייט, וואָס הערשט אין פילע ווינקלען פון דער וועלט, גיט אונדז דער דיכטער די חורבה וואָס

כורעימיט פאַר דעם ווינט —
אַ בעטלערקע אין שמאַטעס,
די ווענט צעפּאָכעט, די פענצטער בלינד,
דער דאַך אין גאָלע לאַטעס.

אָבער דעם טיפסטן מיטגעפיל מיטן גורל פון דער חורבה רופט ארויס דער דיכטער, ווען ער דערציילט אונדז, אז יעדן פרייטיק ווערט די חורבה, אפילו פון די בעטלער פארלאָזן. דורך דער וואָך שטאַטן איר אָפּ א וויזיט פארשיידענע בעטלערס , וואָס וואנדלען ארום איבער גאַנץ וועלט.

זי איז די נחלה פון דער גאַס.
אין זאַווערוכעס, רעגנס —
איז זי דער דאַך, דאָס איינפאַך הויז
פאַר בעטלערס אונטערוועגנס.

נאָר ווען פון אַלע פענצטערלעך
די בענטש־ליכט נעמען שטראַלן,
דערפילט זיך ערשט די נחלה וויסט,
פאַרוואָרלאָזט און געפאַלן.

דער בעטלער, ער אפילו דיהיינט
ביי עמיצן אַן אורח.
זאָגט זמירות, בענטשט . . . אין זיך זי זינקט
אין דריערד אַריין ווי קורח . . .

די לעצטע פערזן שטעלן אוועק פאַר אונדזערע אויגן די גאנצע וועלט אן איינגעטיילטע אין זינקענדיקע און זינגענדיקע באשעפענישן, און זיי רופן ארויס אייגנארטיקע געפילן און טראכטענישן וועגן גאנצן באשאף, וואָס איז כחומר ביד היוצר געשיקזאַלט פון באשאפער.

צו די זינקענדיקע ברואים פון אַלערליי געשטאַלטונגען גיט דער דיכטער ה. רויזענבלאַט אוועק א סך פון זיינע געזאַנגען. אפילו די דיכטער גופא טיילט ער איין אין זינגענדיקע און זינקענדיקע. דער דיכטער, וועמען ער רופט מיטן נאָמען הירשל, איז איינער פון די וואָס טיילן דעם גורל פון די זינקענדיקע. אין זיין ליד „הערשל ווערט נתגלה" זינגט ער ארויס ניט נאָר דעם צער פון דאָזיקן דיכטער, נאָר אויך דאָס קלאָגן און וויינען פונעם פאָעט הירשלס ניט־געדרוקטע לידער. ביי הירשלען אין שופלאָד

מערן זיך די לידער ווי די שוועלבעלעך
אין פרילינג־צייט.
זיי וויינען ממש ווי די קליינע קינדער ביי דער נאַכט.
זיי טענהין, מאָנען, וועקן אים פון שלאָף:
— עד מתי, הירשל?... וואָס וועט זיין דער סוף?

דער סוף איז אַ טרויעריקער ניט נאָר פאַר הירשלס לידער, נאָר פאַרן דיכ־טער הירשל גופא, וועלכער קאָן ניט פאַרטראָגן דאָס געוויין פון זיינע לידער.

די לידער — וויינען אין זיין בוזעם־טאַש —
ביים סאַמע האָרץ — דער עיקרשט וויינט „דאָס שטערנדל",
דאָס ליד וואָס זינגט פון בלינדן גורל, ספקות, האָפענונגען,
און חס־ושלום — פון צער.

דאָס געוויין פון זיינע ניט־געדרוקטע לידער, דערהויפּט פון די וואָס ער האָט געפילט און באַטראַכט ווי שטערנדלעך, האָבן אָנגעפילט איבער די ראַנדן זיין נשמה מיט טיפן צער און אין אַ געוויסער רגע

האָט הירשלען מיטאַמאָל אַ צי געטאָן אַהין...
די גאַסן זענען פלוצלונג אים געוואָרן ענג,
און שווער די שאָטנס פון דער שטאָט.
ער גאַרט צו זיין מיט זיך אַליין, העט הויך, העט הויך,
אַריבער אַלע מויערן... וואָס ווייטער פון דער ערד...
וואָס נענטער צום הימל און צו גאָט.

הירשלס „צי אַהין" טוט אונדז אַ צי צו טראַכטן וועגן דער קאָמפּליצירט־קייט פון דער מענטשלעכער נשמה און וועגן דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון מענטשנס רעאַגירונגען צו דעם וואָס זעט אויס אויסערלעך צו זיין איינע און די זעלביקע לעבנס־געשעענישן און ווירקונגען, איינע און די זעלביקע וועלט־קרעפטן און סיבות, וואָס שטויסן דאָס לעבן און ריכטן דעם לעבנס שטראָם.

הירשלס דראַנג צו לאָזן וועלכע עס איז שפּורן אין דער וועלט פון דעם, וואָס ער האָט געפילט אין זיך ווי שעפערישער אָנגעהויבקייט, איז געווען ערנסט און שטאַרק, זיין סענסיטיווקייט און די געטראָפנקייט צו זיין זעלבסט־אַכטונג פון די אייז־קאַלטע אָפזאָגן אים צו דרוקן, האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ שאַרפקייט פון ליידן, אַז ער איז איינמאָל איבערגעוועלטיקט געוואָרן פון אַן אומקאָנטראָ־לירעוודיקער גאַרעניש זיך אויף שטענדיק צו באַפרייען פון זיינע נשמה און גייסט דריקענישן און שטיקענישן: אַן אַנטשלאָסענער לאָזט ער זיך אין טויט אַריינגעצויגן ווערן. הירשל ווערט נתגלה העניגענדיק אַ פלאַטערנדיקער אין דער

נאכט. שפּורן פון זיין שעפערישן דראנג לאָזן זיך דערקענען אין ה. רויזענבלאטס ליד „הירשל ווערט נתגלה". די לעצטע שורות פון ליד לייענען זיך:

ער שפּאַנט, און שפּאַנט, און שפּאַנט.
דער רויטער פּאַס פאַרלעשט זיך, און דאָס וואַסער אונטער אים
ווערט טונקלער, טונקלער טונקל־גרוי... סכנות טיף!
אין טונקלען טומאַן פאַרלוירן, ווייגט פּאַנאַנדער זיך אַ
בלוזנע שיף
מיט אַ באַסאָווען, הייזעריקן קול... צעצויגן, שלעפעריק און מיד.
די בריק ווערט פּלוצלונג נעלם, אויסגעכאַפּט פון אונטער
דיינע פיס.
ער הענגט אַ פלאַטערנדיקער אין דער נאַכט —
אַ שטערן אויפן ווינט — אַ ליד.

— 6 —

ה. רויזענבלאטס דיכטעריש הארץ האָט שוין פון קינדווייז אָן געהאַט די טבע אויסצוגיין פאַר אַלע די וואָס גייען אויס פון לייד און פּיין, פאַרקלעמט צו ווערן פון דער קלעמעניש פון אַלע באַשעפענישן, בעת זיי זינקען פיזיש אָדער גייסטיק. ער האָט דערפאַר ניט פאַרגעסן אין זיינע רייפע יאָרן צו ווידמענען אַ ליד צו דעם האָן „וואָס זיין מאַמע האָט אים געשיקט קוילענען". דאָס ליד הייסט: „מיין האָן, מיין גאָלדענער".

אין דאָזיקן ליד גיט ער איבער דיכטעריש דעם צער וואָס עס האָט באַנומען זיין וועזן, ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג און קליין, בשעת אים איז אויסגעקומען צו קוקן אויף דעם ניט־דערשאָכטענעם האָן, וואָס האָט זיך געריסן אַ קריי צו טאָן, נאָר די שוואַכע כוחות האָבן עס שוין מער ניט דערלאָזן.

דער גאָלדענער האָן איז דער, וועמענס ערשטן קריי דער מאָרגן־זון אַנטקעגן, האָט ער דערהערט. ער האָט אים ליב געקראָגן, און ווען דער האָן אין די אַגאָניעס פון ניט־דערקוילעטקייט מאַכט אַ פּרואוו צו קרייען, וויינט דעם דיכטערס הארץ פאַר רחמנות, און אויך אונדזער הארץ וויינט, ווען מיר לייענען די שורות:

מיין האָן זיצט אויפן דאַך,
פון שוחט ניט דערשטאָכן,
די פיס געפּענטעט און
די פליגלען, שטייף פאַרפלאָכטן.

קולטור קוואַלן

אַ דורכדרינג פון מיטלייד־געפילן און אַן אויפציטער פון געוויסן רייסט זיך אַריין אין די רעגיאָנען פון עטיק און רודערט אויף טראַכטענישן און פרעגע־נישן וועגן מענטשנס רעכט אויפן לעבן פון אַלע לעבנס־גאַריקע און אין לייד־געפילן זיך צאַפּלנדיקע ברואים אויף גאָטס וועלט. אַ טיף סימבאַלישן און ברייט אַרומנעמענדיקן זין נעמען אַן פאַר אונדז די שורות:

מיין האָן, מיין גאָלדענער,
מיט צוגעמאַכטע אויגן.
עס רעגנט... דו וועסט שוין
ניט זען דעם רעגנבויגן.

אַ מענטשנס האַנט האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון גאָלדענעם האָן און דער־מיט פאַרטונקלט דעם בליאַסק פון דער גינגאָלדיקייט פון דער מענטשלעכער עטיק.

ה. רויזענבלאַט איז באַשאָנקען און געבענטשט מיט אַזוי פיל ליבע צו דער בריאה אינעם קאָסמאָס אין אַלע אירע געשטאַלטונגען, ער אָטעמט מיט אַזוי פיל אַלטרואיזם, אַז אפילו דער מינדסטער און העכסט גערעכטפערטיקסטער געפיל פון פיינטשאַפט און שנאה הייסט ביי אים עגאָאיזם. דערפאַר באַצייכנט ער איי־נע פון זיינע תפילות צו גאָט ווי „אַ תפילה פון אַן עגאָאיסט”.

אין דאָזיקן ליד דריקט ער אויס אַ פיינטשאַפט צו די

וואָס בלאָנדזשען דאָ אַרום מיט דורשטיקע מחשבות
פון וועגן יחוס און נישט־גערדאַכטע זכות אבות.
זיי לאָזן זיך בויען אין די בערג לאַמטערנדיקע דירות
אַז איך זאָל מקנא זיין דאָס רחבות און עשירות.

ער קאָן ניט פאַרטראָגן דאָס גלעקל ביי דער טיר פון גביר, ווייל דאָס וועקט אויף אין זיין מחשבה

דאָס בילד: עס שטייט אַן אָרעמאַן און וואַרט אויף אַ נדבה.
כיהאָב פיינט די דינסט אין ווייסן שירץ, וואָס טוט די טיר אַן עפן
און פירט דיך ווי אַ בלינדן דזשאַד, וואָס קען דעם וועג ניט טרעפן.

אָבער דאָ טוט באַלד זיין געוויסן אַן ענגבער זיין נשמה און האַרץ, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט גוטסקייט און ליבשאַפט, און ער בעט מחילה ביי גאָט פאַר דאָזיקן אויסברוך פון פיינדשאַפט געפילן און פאַר זיין ווינטשן ניט־גוטס צו מענטשן. ער באַטראַכט דאָזיקע געפילן פאַר אַן עגאָאיזם אין זיך, און ער קריגט מורא, אַז ער איז עובר אויפן געבאָט פון „ואהבת”. ער ציטערט אַזוי, אַז טאָ־מער חלילה שמעקט זיין פיינדשאַפט צו די רייכע מיט עגאָאיזם, ווייל אים אַליין איז דאָך אַזוי גוט און וואויל אין אָרעמשאַפט.

וויליאם נאטאנסאן

איך פיל זיך אין מיין אָרעמשאַפט ווי אדם אין גן עדן.
איך האָב מיין שכן האָלט, מיין חבר — איז מיר טייער;
כ'האָב ליב זיין פשוט הויז, זיין טיש, זיין וויגשטול
לעבן פייער

זיין וואָרט איז וואַרעם, פשוט, פראָסט ווי ליבשאַפט פון
מיין מאַמען.

שטאַרק טיף זענען רוויזענבלאַטס געפילן פון ליבע צום מין מענטש און פון חשיבות פאַר דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

די דאָזיקע געפילן רופן עס ארויס אין אים ציטערס פאַר באַ'עולה'ן דעם מענטשן חלילה, אפילו בלויז אין דער מחשבה. זיי שטויסן אים אויף די וועגן פון זוכן און גישטערן דאָס גוטע אין דער מענטשלעכער נשמה, פאַרקוקן, פאַרגעסן און מוחל זיין אויפן שלעכטן. די מינדסטע כונה אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה צום גוטן איז מכפר פאַר אים אויף האַנדלונגען וואָס זענען גורם בייזקייט און שלעכטסקייט. נאָר אַזאַ פסיכיש־גייסטיקע געשטאַלטיקייט פון אַ דיכטער האָט געקענט אויסזינגען אַ געזאַנג צו „די פויערים מיט העק" בעת עס האָט אויפגעטויכט אין זיין זכרון דעראינערונגען פון די אוקראַיינישע פאָגראָם־צייטן. דער דאָזיקער געזאַנג איז אייגנאַרטיק מיט דעם, וואָס אויך פון אוקראַינישע פאָגראָם־צייטן און שחיטה־געשעענישן האָבן זיך אָפּגעזעצט אין זיין זכרון דערמאָנונגען דווקא פון יענע פויערים, וואָס האָבן נ י ט גענוצט זייערע העק אויף פאַרניכטן אָדער שלעכטס טאָן ווען עס איז פון די וואָס טראָגן אויף זיך מענטש געשטאַלט.

דער דיכטער מאָלט אין אַלע איינצעלהייטן דעם שרעק וואָס די פויערים מיט די העק אין זייערע הענט האָבן אויף אים אין אַ געוויסן מאָמענט אַנגעוואָרפן. אַזוי ארום ווערן דיכטעריש פאַראייביקט די איבערלעבענישן פון די שרעקן פאַר פאָגראָמען פון די אוקראַינישע יידן אין יענע צייטן. אַ שרעק־ציטער נעמט אונדז דורך ווען מיר לייענען די שורות:

פאַרנאַכט. עס ציט זיך אַ שערענגע פויערים מיט בלאַנקע
העק פון וואַלד.
מיין הויז שטייט גראָד ביים סאַמע טויער, צווישן דאָרף
און שטאָט.
איך קוק מיט שרעק און ישוב זיך מיט זיך, און עצה
זיך מיט גאָט:
באַהאַלטן זיך אין בלינדן קעלער, אָדער נעמען שרייען גוואַלד!

איז דאָ דערציילט ער אונדז וואָס זיינע שכנים פּויערים טוען אין דער זעלביקער צייט:

אײן פּויער שטייט ביים טויער, ציט זיין ליולקע־רויך און טראַכט,
אַ צווייטער טרייבט אַריין אין שטאַל די שעפּסן אויף ביינאַכט,
אַ דריטער דרעשט, אַ פערטער שלאָגט אַן רייפן אויף אַן אַלטן פאַס.

אָבער אָט די געמיטלעכקייט און גוטמוטיקייט פון זיינע שכנים, וואָס זענען אים דווקא אַלעמאָל ליב, באַרואיקט אים ניט אין אַנגעזיכט פון די העק, וואָס איינע

— איז בלוי, אַ צווייטע — ראָז, אַ דריטע — שאַרלעך רויט
און פון דער פערטער בליצט אַרויס אַזאַ מין פּראָסטיק
גרינע שרעק...

ער עצהט זיך ווידער מיט גאָט און מיט זיך וואָס ער זאָל טאָן:
זאָל ער פאַררינגלען די דרויסן־טיר, אָדער זיך ניט מאַכן וויסנדיק און לאָזן זי אָפן? ווי קאָן מען אָבער זי לאָזן אָפן ווען

עס שטייען גראָד די לייכטער מיינע אויפן טיש און בליאַסקען
אין דער זון?
וואָס טו איך אַז אַ פּויער כאַפּט אַ קוק אַריין און ער דערזעט
זיי פינקלענדיק און מיינט — זיי זענען גאָלדענע, גאָט
באַהיט?
פאַרשטעקן זיי הינטער דער פערנע איז אויך קיין תרופה ניט,
דער זשעדנער פּויער האָט אַזאַ מין תאווה צו איידיש איבערבעט...

די דאָזיקע אַלע דעראינערונגען אָבער ווערן אין דיכטערס זכרון אויף א פּסיכאָלאָגיש רעטענישפולן אופן פאַרפלייצט פון א דערמאָנונג וואָס דערשטוינט מיט איר אויסערגעווייגלעכקייט און אויסטערלישקייט. זי כאַראַקטעריזירט און ברענגט אַרויס די ספּעציפישע און אייגנאַרטיקע מענטש־צו־מענטש באַציאונג, וואָס די קאָסמיש שעפערישע קראַפט האָט איינגעשטעלט אין דער נשמה פון דיכטער. אין זכרון פון דיכטער איז פאַרבליבן און לויכט אויף אין דיכטונג די גרויסע עולה וואָס ער פילט ער איז באַגאַנגען אין חושד זיין אין שלעכטע כוונות די פּויערים, וואָס האָבן מאַרשירט מיט העק אין די הענט.

איך קען זיך נאָך ביז הייַנט פאַר יענעם בייזן חשד ניט
מוחל זיין!
די גויים זענען שטילערהייט פאַרביי מיין שוועל און איך
געדענק:
טייל גויים זענען זיך אַוועק אַהיים און אַנדערע — אין שענק,

וויליאַם נאַטאַנסאָן

געטרונקען און געזונגען ביז העט־העט אין ווייטן טאָג אַריין.

די דאָזיקע פיר שורות גיבן אַ גאַנץ אַנדער זין צו דעם געזאַנג „פויערים מיט העק". די דאָזיקע אַנדערשקייט אין דעם וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין זכרון פון די אוקראַינישע פּאָגראָם־צייטן פאַרטיפט אומגעהויער קינסטלעריש דאָס גאַנצע ליד, און גיט אים צו אָריגינעלקייט. דערצו קומען צו נאָך פיר שורות — די לעצטע אין געזאַנג פון „די פויערים מיט העק", וואָס דערהויבן עס צו אַ סימבאָליזם, וואָס רירט אָן פילאָסאָפיש־רעליגיעזע סטרונעס אין דער נשמה פונעם לייענער. דאָזיקע ליד שליסט זיך מיט די שורות:

איך וואונדער זיך אַליין גאַנץ אָפט, פאַרשטיי ניט און
איך טראַכט:
מיט וואָס האָט אין זכרון מיר זיך איינגעקריצט אָט
יענע שעה פון שרעק?
צי מיטן שאָטן פון דעם וואַלד, צי מיט דעם בליאַסקען
פון די העק?
צי מחמת מיינע לייכטער האָבן זיך אַזוי צעשטראַלט אין
יענער ערב נאַכט?

די צעשטראַלונג פון די לייכטער, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זכרון פון דיכטער אינאיינעם מיטן בליאַסקען פון די העק אין די הענט פון פאַרדעכטיקע משחיתים פון יידישן פאָלק, שטראַלן אַריין ליכטיקע האָפענונגען אין גאַנג פון מענטש און קאָסמאָס בכלל און באַזונדערס אין קיום און המשך פון יידישן פאָלק. ווער עס איז איבערפילט מיט האַרציקייט און ליבשאַפט, און ווער עס הערט אָפּט אַרויס די שטיל־דינינקע שטים פון די טיפענישן פון געוויסן, דער וועט מערקן און געפינען די זעלביקע מענטשלעכע אייגנשאַפטן דאָרט וואו קיינע אַנדערע וואָלטן עס אַפילו ניט חושד געווען, און ער וועט זיך גיריק טיילן מיט דער פרייד, וואָס דער דאָזיקער געפינס האָט אין אים אַרויסגערופן.

דער דאָזיקער געדאַנק גייט אויף אין אונדז ווען מיר לייענען די שורות אינעם ליד „אין פריצעס הויז". אין דאָזיקן ליד דעקט אויף פאַר אונדז דער דיכטער אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון דער נשמה פון גאָר אַ יונגן שליאַכטיטש, אין וועמענס הענט עס ליגן די קוואַלן פון אַלטן יאַסעם פּרנסה. דער יונגער שליאַכטיטש איז עס דער „גוי", דער „רשע" ווי ער פיגורירט אין אַלטן יאַסעם כח הדמיון. צום דאָזיקן פריץ, יאַסעם גוי און רשע, איז עס דער ייד, דער אַלטער יאָס, געקומען בעטן רחמים, אַז ער זאָל חרטה האָבן אויף זיין באַשלוס אָוועקצונעמען ביי אים די מילן אויף די עלטערע יאָרן — דעם איין און איינציקן קוואַל פון זיין פּרנסה.

איז דווקא אָט דעם דאָזיקן שליאַכטיטש — דעם „גוי", דעם „רשע", לאָזט ה. רויזענבלאַט זיך אַנטפּלעקן צו אונדז אין זיין דיכטונג ווי איינעם, וועמען די רחמנות געפילן זענען גאָרניט אַזוי פרעמד. ער לאָזט אים אויך צו דערקענען זיך צו אונדז ווי איינער וואָס קאָן פאַרברענגען שלאָפלאָזע נעכט אַ געמאַטער־טער פון אַ שטעכיקן געוויסן.

דער אַלטער יאַס דערפילט אַ האַנט אַ גרינגע לייגט אויף
זיינע פּלייצעס זיך אַוועק
און סיוויגט זיך איבער אים תחנונימדיק אַ מילד און
ווייכע שטים.
ער הויבט מיט חשד, פאַמעלעכל, די אויגן אויף און זעט
דאָס פּנים פון דעם יונגן שליאַכטיטש שמייכלט לאַשטשענדיק
אַראָפּ אויף אים.
—ניט זאָרג זיך, סטאַריטשאַק, אַלצדינג, אַלצדינג וועט
בלייבן ווי געווען...
כיהאָב גוט אַרומגעטראַכט אָט דעם אינטערעס... און מיין
טעות איינגעזען...
די מילן — בלייבן דיינע. און דער גוטער גאָט זאָל זיין
צו מיר גערעכט.
דער סאָוועסט מיינער האָט געמוטשעט רק, געמוטשעט רק...
קיין רו, קיין שלאָף ניט צוגעלאָזן מיר — —
קיין אויג ניט צוגעמאַכט שוין ווייס איך וויפל נעכט...

דעם שליאַכטיטשעס ליבע צו גאָט און מורא פאַרן געוויסן האָבן געפירט צו דעם, אַז דער יאַלטער יאַס זאָל ניט דאַרפן פאַרלאָזן

די ערד, אויף וועלכער זיינע פריערדיקע דורות האָבן ביז
אין טיפער עלטער שטאָלץ
געטראָגן אויף די ברייטע האָרעפּאַשנע פּלייצעס דייערע
זילבער ווייסע קעפּ.

די דאָזיקע ערד און די מענטשן — הן גויים, הן יידן — וואָס האָבן זיך באַהעפט מיט איר, און טאָג איין טאָג אויס געגעבן איר זייער מי און פּראַצע, זייער שוויים און בלוט, האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון פון ה. רויזענבלאַט. זיי ווערן דורכאַנאַנד דיכטעריש אויפגעלעבט אין אייגנאַרטיקע פּשוטע ווער־טער, וואָס פילן אָן זיינע דיכטערישע שורות מיט טיפקייט פון זין און דער־הויבונג פון ווערט.

אַלע ווערטער זיינע אין דיכטערישע פערזן זאָגן עדות אַז גאָט האָט באַ־וויליקט די תפילה פון „עגאָאיסט" און האָט אים געגעבן אַ גן-עדנ'דיקע אָרעמ־

שאַפט, אַ פּשוט הויז, שכנים וואָס ער האָט האָלט, חברים וואָס זענען אים טייער, און צו דעם אַלעמען — אַ וואָרט וואָס איז וואַרעם, פּשוט, פּראָסט ווי די ליבשאַפט פון אַ מאַמע.

* * *

ווי מען האָט ליב אַ מאַמע, אַזוי האָט דער דיכטער רויזענבלאַט אויף זיין גאַנצן לעבן ליב געקראָגן דאָס דיכטערישע וואָרט אין אַלגעמיין און דער עיקר דאָס פּשוטע דיכטערישע וואָרט.

די גאַנצע מיסטעריע פון קאָסמאָס שפּיגלט זיך אָפּ פאַרן דיכטער אין וואָרט. ער האָט, ווי ער זאָגט, „זיך אַליין אין אַ וואָרט פאַרשלאָסן און פאַרריגלט, און וועט אויף דורות בלייבן דאָרט אַ שטומער סוד, פאַרזיגלט". ער וועט אָבער הערן:

— ווי אין יעדן אות
די קערנער ליכט זיך זאַמלען
ווען ס׳יהענגט אויף וועלט און מענטש אַ שלאָס
און קינד און זקן שטאַמלען.

אפילו דאָס אות אינעם וואָרט איז טייער און הייליק דעם דיכטער. דאָס אות ווי דאָס וואָרט איז פאַר אים קדושה, ווייל ער ווייסט, אַז יעדן איינעם פעלט דאָס וואָרט. פאַרן דיכטער איז דעריבער דאָס וואָרט — דער „אור הגנוז". דער־פאַר האָט ער עס געשפּאָרט מיט פיינלעכער קמצנות, און ער האָפט, אַז קומען וועט אַ „טאָג, אַ שעה, ווען ער וועט דאָס וואָרט צעפּראַלן און

קאָמעטיש טאָן אַ בליץ: כ׳בין דאָ!
און דאַן פאַנאַנדערפאַלן.

ער איז זיכער, אַז דאָס ליד וואָס ער האָט געשפּאָרט וועט זיך פאַנאַנדער־שטראָמען

און טרינקען וועט די ערד מיין וואָרט
און אויפגיין וועט מיין זאָמען . . .

דער גלויבן אין דער קראַפט און ווירקונג, אינעם סוד און אַנטפּלעקונג פון וואָרט, איז איינער פון די עיקרים פון דיכטערס אני מאמין.

אין זיין הקדמה צום בוך „אין שאָטן פון מיין בוים", וואָס איז אַ מין אני מאמין, שרייבט ער:

„דאָס פּשוטע וואָרט איז דאָך ביים רייפן קינסטלער סוף כל סוף דער וואונדערלעכסטער סוד אין זיין פּראָצעס פון שאַפן, ווייל אַלץ אַרום איז

סוד... דו שטייסט געפֿלעפֿט פֿאַר יעדער מינדסטער דערשיינונג אין דעם אוניווערס. אַלץ אַרום איז סוד, פֿאַרווירונג, און סוד איז דאָס וואָרט אַליין, דאָס וואָרט וואָס דאַרף דיר דינען ווי אַ שליסל צו אַלע סודות: גאָט, וועלט און מענטש".

אוים טיפֿער ליבשאַפֿט און גרוים יראת הכבוד פֿאַרן וואָרט, שענקט ער אַ גאַנץ ליד דעם קליינעם אות, און דעם קלענסטן וואָרט:

דער עושר זאַמלט געלט און גאָלד,
דער קמצן קאַרגט און שפּאָרט,
און איך געפֿין מיין שענצטע פֿרייד
גאָר אָפּט... אין קלענצטן וואָרט.

איך הער, ווי ס'וויגט דער ווינט אין וואַלד,
דער רעגן אויפֿן גראָז,
נאָר ס'שענצטע ליד האָב איך געהערט
פֿון אַ קליין, באַשיידן אות.

און פֿון באַשיידענעם אות, פֿון פּשוטן וואָרט און פֿון שורות אָנגעלאָדענע מיט וויזיעס, געדאַנקען און פֿאַנטאַזיעס בענקט אוים דער דיכטער פֿאַר זיך און זינגט אוים פֿאַר אונדז אַ חלום וועלט. ער אַליין גלויבט אין איר און וויל אַז אויך מיר זאָלן אין איר גלויבן. פֿון דאָזיקע געדאַנקען זיינע ווערן מיר באַצוואונגען און מיר ווערן אַריינגעצויגן אין זיין חלום־וועלט.

זיין ליד פֿון קלענסטן אות פֿאַרענדיקט ער מיט די שורות:

איך בענק אוים פֿאַר זיך אַ חלום־וועלט
און גלויב, און גלויב אין איר

צווייטער טייל

ה. רויזענבלאַט

די אויסגעבענקטע חלום-וועלט

— 1 —

דער דיכטער וואָס פילט, אַז זיין סודותדיק וואָרט קאָן דינען ווי אַ שליסל צו אַלע סודות: גאָט, וועלט און מענטש, קאָן זיך קיינמאָל ניט אויסלעבן דיכטעריש אין אַן אַרומיקער, וואָרער, וואָכעדיקער און וואָכיקער ווירקלעכער וועלט. אים ווערט ענג אין דער וועלט פון ריינעם פשוטן מאַטעריאַליזם, ער מוז פון דער וועלט אַרום אים זיך אַריבערטראָגן אָדער אויף די פליגלען פון דיכטונג אַ פלי טאָן אין דער איבער־און־איידער וועלט. דאָס איז די פאַנטאַסטישע וועלט פון טרוימען; די אומבאַגרעניצטע און איבערווירקלעכע־ווירקלעכקייט. ער מוז פון צייט צו צייט זיך איינלעבן און אַריינלעבן אין דער איבער־רעאַלער וועלט, ער מוז גלוסטן, שטרעבן און פרואוון אויסהאַקן לפחות שפּאַרונקעלעך און פענצטערלעך אין דער וויזיאָנעל־טראַנסצעדענטאַלער רעאַליטעט.

דאָס דערקלערט פאַרוואָס עס זענען אַזוי גרויס אין צאָל ה. רויזענבלאַטס לידער וועגן חלום, און פאַרוואָס ער זינגט אַזוי אָפט און אַזוי מתיקות'דיק שירה צו דער אויסגעבענקטער וועלט פון חלום.

„דער בלויער שלאָף הינטער די בלאָנדע ברעמען פון דיכטער שפּינט אויס פאַר אים פון ווייסן חלום" אַלערליי רעאַלע און איבעררעאַלע זאַכן, אַלע מעגלעכע און נאָך מער אוממעגלעכע דערשיינונגען אין דער וועלט און אינעם לעבן פון מענטש. אין חלום ווערט דאָס איבעררעאַלע רעאַל, דאָס אוממעגלעכע מעגלעך. ממילא ווערט פאַרווישט די גרעניץ צווישן באַגרייפלעכן און אומבאַגרייפלעכן. אַלץ זעט אויס צו זיין דערקענעוודיק און פאַרשטענדלעך. אַלץ וויקלט זיך אַריין אין די פאַרבאַרגנסטע פאַלדן און רונצלען פון אינטעלעקט און פאַרנונפט, אַזוי אַרום עפנט אָפט דער חלום נייע האָריזאָנטן, וועקט נייע אָנרעגונגען. עס בליִען אויף נייע האָפענונגען און דערוואַרטונגען. שטאַרקער ווערט דער מוט,

פעסטער דער גלויבן, טיפער און זינפולער דאס לעבן אין געוויסע דערוואכונגס־מאמענטן.

אין זיין ליד „ברויט מיט מילך״ שפילט אויס פאר אים דער חלום א דארשטיקע סטאדע שאף, א ברוינעם פאסטוך און א לערן ברונעם.

קומט דער מידער פאסטוך,
איז מתפלל שטיל.
זאגט דער ווינט צום פאסטוך:
שפיל א ניגון, שפיל — —

דער ניגון ברענגט דעם רעגן, און דער פאסטוך הערט ווי דער צעלעכצטער עמער נידערט צום ברונעם און דאס שלעפ־ראד קרעכצט:

פון די קינדעה וועגן
אין דער ענגער שטאט,
בענטש אונדז, גאט, דעם רעגן,
בענטש אונדז, גאט!

די סטאדע שאף האט אויסגעזופט דעם ברונעם, דאס קינד — דעם חלום פונעם בלויען שלאף, און דער דיכטער הערט דאס הילכיקע מעקען פון דער סטאדע שאף און דאס זינגען פון די קינדער:

מ־א־מ־ע־ע, ברויט מיט מילך!

דאס דאזיקע ליד רעגט אן צו טראכטן און צו פילן ווי ווייט און ווי נאענט, ווי אפגעשיידט און אין דער אייגענער צייט פארוועבט עס זענען חלום און ניגון מיט ברויט און מילך? חלום און ניגון קריסטאליזירן זיך אויס אין א סימבאל פון רוחניות; ברויט און מילך — אין דער באצייכענונג פון גשמיות. עס שטעלט זיך באלד פאר און עס דערפילט זיך די נאענטקייט און אפגעשיידט־קייט פון דער גאנצער רוחניותדיקער וועלט פון דער גשמיותדיקער, און די שטארקע קעגנזייטיקע אפהענגיקייט צווישן מאטעריע און גייסט אין גאנצן וועלט־אל.

ברויט און מילך — פיזישער הונגער און דורשט האלט דעם מענטשן נאענט צו דער ערד און האלט אן זיין ענלעכקייט צו אלע אויף דער ערד דורך וואס לעבן האט באוויזן זיך דורכשלאגן. חלום און ניגון — גייסטיקער הונגער און דורשט דערוייטערט דעם מענטשן אין זיין פאנטאזיע פון דער ערד, ציט אים צו די הימלען, טיילט אים אויס פון אלע אנדערע מינים באשעפענישן. אזוי ארום שטייגט ער פון חיה צו מענטש, און ער רייסט זיך אין זיין מענטשלעכ־קייט צו דער געטלעכקייט.

אין זיין ליד „לחיים" נעמט דער חלום אָן די געשטאַלט פון אַ שיף. דער דיכטער דערפילט זיך ווי דער אייגנטימער פון דריי שיפן. די אַנדערע צוויי — זענען ליד און פרייד. ער דערפילט עס דעמאָלט, ווען ער טרעפט זיך אין שענק מיט אייגנטימער פון האַלץ-און-שטאָל שיפן. דער דיכטער איז זיכער, אַז זיינע דריי שיפן „ליד", „פרייד" און „חלום" וועט גאָטס האַנט פירן בשלום, און דערפאַר זאָגט ער צו די אייגנטימער פון די רעאַלע שיפן:

איר זיצט אין שענק און טרינקט —
פאַרזאָרגטע, כמורנע, שטילע,
מען הערט ניט זינגען אייך,
איר שמייכלט ניט אַפילו.
— שיפן קומען אום,
איז — טרינקט איר פאַר יסורים.

— —

אינדרויסן רעגנט שטאַרק,
עס רייסט זיך אויף אַ שטורעם . . .
פאַר מיינע שיפן דריי!
פאַר אייערע יסורים! —
לחיים!

אַזוי רייך ווי די רייכע און רייכסטע זענען אין דאגות אין דער ממשותדיקער רעאַלער וועלט, אַזוי רייך אין פרייד און גליקזעליקייט קאָן זיין דער אָרעמסטער, ווען ער טרעט אריין אין וועלט פון ליד און חלום. דעם דיכטערס נשמה יסורימט אָבער מיט די יסורים פון אַנדערע מענטשן, ער פילט מיט מיט זיי און זוכט זיי צו טרייסטן. ער טרינקט דערפאַר לחיים ניט נאָר צו זיינע שיפן „ליד", פרייד" און „חלום", וואָס גאָטס האַנט פירט זיי בשלום, נאָר אויך פאַר די יסורים פון די שיפן-אייגנטימער, וואָס צו זיי דערגרייכן די ידיעות אַז,

עס בושעוועט דער שטורעם
און שיפן קומען אום.

צו די שיפן-אייגנטימער, וואָס זינגען ניט און זיצן ווי אבלים, זאָגט דער דיכטער:

עס האָבן דאגות אונדז
צונויפגעפירט צוזאַמען —
די שיפן אונדזערע
נישט אויף די זעלבע ימען!

— —

ווילׂיאַם נאַטאַנסאָן

אינדרויסן רעגנט שטאַרק,
עס רייסט זיך אויף אַ שטורעם . . .
פאַר מיינע שיפן דריי!
פאַר אייערע יסורים,
לחיים!

דער סימבאָלישער טייטש פון דאַזיקן „לחיים" איז, אַז אויף די כוואַליעס פון לעבנס־ים טראָגן זיך אויך שיפן, וואָס קאָנען ניט אומקומען פון שטורעם, ווי שטאַרק ער זאָל ניט בושעווען. דעם באַזיץ פון אַזעלכע שיפן האָט ער שפּינאָזאַ אין זינען געהאַט ווען ער האָט גערעדט וועגן מענטשלעכער גליקזעליקייט, וואָס זאָל געוועלטיקן איבער לוסט און פאַרגעניגן.

* * *

אַ פאַרליבטער אין חלומות וויל דער דיכטער ניט גיין אין די וועגן פון געדאַנקען־גריבלער און ראַציאָ־זוכער. ער וויל ניט ווי די מתמידים בתורה בלעטער דעם ספר־החלומות, וואָס אין אים האָט אַ פאַרצייטיקער גרויסער חכם פאַרשריבן אַלע זיינע חלומות אין גאַנג פון די יאָרן. ער וויל ניט ווי זיי זיך ברעכן דעם קאָפּ און האַלטן אין איין פרעגן: וואָס לאָזט ער אונדז הערן? דער דיכטער גלויבט, אַז חלומות לאָזן זיך ניט דערגרונטעווען; זיי אַנטפּלעקן ניט אַלע זייערע סודות און רמזים צו די, וואָס ווילן זיי שנורעווען מיטן שכל הישר.

דעם סוד וועגן אמת — ניט זוכה געווען.
אוודאי וועט קומען אַ חכם אַ נייער.
ווער ציילט די פאַרצערטע אין פלאַם פון דעם אמת?
די שטערן אין הימל? די מאַטלעך אין פייער?

גאָר אַן אַנדער באַטייט האָט דער ספר החלומות פאַרן דיכטער רויזענבלאַט. ער איז אַ חכם פון גאָר אַן אַנדער שניט און באַנעם. דערפאַר זינגט ער:

אַז דער ספר וועט קומען צו מיר — צו דעם חכם,
וועל איך עס ניט עפענען, די בלעטער ניט מישן.
איך וועל עס אַזוי ווי עס איז, אַ פאַרשטויבטן
פאַרשטעקן צוקאָפּנס ביי זיך הינטערן קישן,
פאַרמאַכן די לאָדנס, פאַרריגלען די טירן.
צוקאָפּנס — די חכמה פון הונדערטער שלמהס —
זאָל זוכן ווער עס וויל דעם תוך און דעם תמצית . . .
פאַר מיר די והותר די בלינדע חלומות.

די בלינדקייט פון אַ דיכטערס בלינדע חלומות פאַרמאָגט אין זיך אָפּט אַ

זעעוודיקייט, וואָס איז דורכדרינגענדיקער פאַר דעם וואָס עס זעען גאָר אַ סך מיט אָפענע אויגן, און וואָס חלומען זייער זעלטן אָדער קיינמאָל ניט.

אין איינעם פון זיינע „דיאַלאָגן אין חלום" פרעגט ה. לייוויק די געשטאַלט וואָס באַווייזט זיך אין חלום:

וואָס רעדסטו וועגן פליען — אַז איך ליג אין בראָך,
אַז כיקאָן קיין איין ברעקעלע שטויב ניט גובר זיין

דורך יאָרן?

ענטפערט אים די געשטאַלט:

ווערסט קאָנען! כיוועל פאַרוואַנדלען אין אַ קנויט געפאַך
מיין גרויסע ליבשאַפט, און מיין גוטסקייט — אין צאָרן.

און ווען לייוויק פרעגט די געשטאַלט ווער זי איז, וואָס קאָן מיט אַ ליבשאַפט ווערן צעפלאַמטער צאָרן? ענטפערט די געשטאַלט:

פרעג נישט, סיאיז שוין גרויסער טאָג,
מיין ענטפער קאָנסטו נאָר אין נאַכט־חלומות הערן.

שוין בערך מיט 2.500 יאָר צוריק האָט דער דיכטעריש־בילדלעכער פילאָסאָפישער דענקער פּלאַטאָ אָנדערקענט די טיפע קאָסמישע זעעוודיקייט וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין די געפילן און עמאָציעס פון דער מענטשלעכער נשמה. דאָס איז אַ זעעוודיקייט, וואָס איינשליסנדיק אין זיך די לאָגיק, רייסט זי זיך אין די העכסטע דערקענטעניש־הויכן. ער האָט געגלויבט, אַז אַזעלכע געפילן ווי ליבע למשל און דאָס לאָגישע דענקען, ווען זיי ווערן געטריבן צו זייערע סוף־סופיקע טערמינען, קאָנען זיי פון צייט צו צייט זיך אַריינרייסן אין די ספערן פון התגלות, וואָס אין זיי הערשט די מיסטישע וויזיע.

אויף דעם, אַז מיסטיק, וויזיע, פאַנטאַזיע און חלומות אויף דער וואָר, קאָנען שלאָגן וואָרצלען אין טיפסטן און ריינסטן לאָגישן דענקען, זאָגט עדות דער געאָמעטריש־לאָגיש אויסגעקריסטאַליזירטער קאָסמישער בליק פון שפּינאָזאַ. ער הויבט אָן זיין פילאָסאָפישן אַרומנעם פון קאָסמאָס מיט „גאָט אָדער נאַטור" ווי אַן אַקסיאָמע. נאָכדעם אָבער ווי ער לאָזט אַלע איבעריקע טיילן פון אוניווערס זיך אַרויסוויקלען אויף אַ געאָמעטריש־געזעצלעכן אופן פון דאָזיקער אַקסיאָמע, טוט ער זיך אַ הויב אויף די פליגלען פון אינטואיציע איבער די ריין לאָגישע און מאַטעמאַטישע רעגיאָנען. ער ווערט אויף אַ גליקזעליקן אופן דורכגענומען מיט אַ ליבע צו גאָט, וואָס ער באַצייכנט אַלס אינטעלעקטועלע ליבע. דאָ הויבט אָן זיין פילאָסאָפיש ווערק „די עטיק" קלינגען שיר־השירימדיק און די אינרייעלעקטועלע ליבע צו גאָט ווערט אַ טייל פון דער אומענדלעכער ליבע וואָס מיט איר ליבט גאָט זיך גופא. אין עקסטאַז פון דאָזיקער ליבע צו גאָט,

ווי אין אַ טראַנס פון אַ חלום-וויזיע און-מיסטיק-צונויפגעוועבטקייט, פּראָקלאַ-מירט ער שאַרף און קלאָר, אַז „גאָט, אויף אַזוי ווייט ווי ער ליבט זיך גופא, ליבט דעם מענטשן, און פאַלגלעך איז די ליבע פון גאָט צו מענטשן און די אינטעלעקטועלע ליבע פון דעם גייסט צו גאָט איינס און דאָס זעלביקע".

דער דערפיל פון אַזאַ מענטשלעכער אַריינגעוועבטקייט אין גאָט, די וויזיע פון אַזאַ אָרגאַנישער געבונדנקייט צווישן מענטש-גייסט און גאָט-גייסט האָבן געפירט שפּינאָזאַס פּען אַריינצוקריצן אין זיין „עטיק" דעם זאַץ, וואָס לייענט זיך: „אפילו ווען מיר וואָלטן ניט געוואוסט, אַז אונדזער גייסט איז אייביק, וואָלטן מיר אַלץ פאַר דער העכסטער וויכטיקייט געהאַלטן פרומקייט און רעליגיע, און איבערהויפּט אַלע זאַכן וואָס געהערן צו ווילנסשטאַרקייט און דערהויבנקייט".

די פאַנטאַסטיש-דיכטערישע און רעליגיעז-מיסטישע וויזיעס, וואָס שוועבן איבער און לויכטן אויף אין דער „עטיק", רעגן און באַאיינדרוקן די דיכטער, וואָס זעען און הערן אין נאַכט חלומות און נעמען אויף אינטואיטיוו-דיכטעריש דאָס וואָס קאָן נאָר אַנטפּלעקט ווערן, אָבער ניט דערפונדן ווערן, אָדער בלויז דורך לאָגיק דערקענט ווערן. דאָס וואָס ווערט אַנט-פּלעקט צום מענטשלעכן גייסט און ווערט פון אים אויפגענומען, קוואַלט אַריין זין און ווערט אין אַלע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען. דאָס אַנטפּלעקטע פאָדערט דערהויבונג און מאָראַלישן ענדציל פון די דערפינדונגען און אַנטפּלעקונגען פון דעם גייסט וואָס שלאָגט זיך דורך דעם מענטשן. התגלות איז דער אומדערשעפּלעכער קוואַל פון תורת נגלה.

ה. רויזענבלאַטס פּאַרליבטקייט אין חלום, זיינע וויזיעס און זיינע דמיונות אין זיין אויסגעבענקטער חלום-וועלט זענען סיבות און פּועל-יוצאס פון דער פילאָסאָפישער טיפקייט און רעליגיעזער התרוממות וואָס באַהויכט אַ גרויסע צאָל פון זיינע לידער.

אין דאָזיקע לידער אַנטפּלעקט ער זיך צו אונדז ווי איינער וואָס הערט אין זיינע נאַכט-חלומות ענטפערס אויף אַ סך פראַגן, וואָס קאָנען אפילו אויף דער וואָר און שוין אין גרויסן טאָג אַריין אָנגענומען ווערן ווי

גענבאָרגטע צייכנס
אַז ענדלעך ווערסטו געבן אומגעריכט אַ פלי
צו סאַמע העכסטער הויך פון אַלע הייכן.

(ה. לייוויק)

צוליב די דאָזיקע צייכנס און צוליב די אַרויסשטראַלונגען פון זיין אייגענער אויסגעבענקטער חלום-וועלט און צוליב די סודותדיקע רמזים וואָס ער געפינט אין איר, פילט ער, אַז געבענטשט פון גאָט איז דער, וואָס

ק ו ל ט ו ר   ק וו אַ ל ן

חלומט יעדע נאַכט בעת ער שלאָפֿט.
פֿאַרטאָג פֿאַרלאָזט ער זיין געצעלט
און טראָגט אַרויס אין אויג זיין חלום צו דער וועלט.

א דאַנק דעם חלום אין זיין אויג

פֿאַרשפּרייט ער דינע פֿרייד וואוהין ער קומט,
נאָר מיט זיינע שטילע תמימותדיקע רייד,
אפֿילו מיטן ציטער פֿון זיין ברעם!
און וואָס זיין אויג רירט אָן —
אַ בוים, אַ בלום, אַ זאַנג, אַ קווייט,
אַ גרעזעלע אין פֿעלד,
גייט אויף אַ בענטשונג אויף דעם.

* * *

צום הונדערט יאָריקן געבוירנטאָג פֿון י. ל. פּרץ ווידמעט אים ה. רויזענ־בלאַט א ליד וואָס כאַראַקטעריזירט פּרצן און צו א גרויסן גראַד יעדן גרויסן דיכטער אין דער וועלט ווי ה. רויזענבלאַט נעמט אים אויף.

גאָט, אַרויפֿלייגנדיק אויף די ליפּן פֿון קינד זיין ווייסן פֿינגער, זאָגט צום קינד י. ל. פּרץ:

גענוג געוויינט! דו וועסט די שטערן וואָס דו זוכסט
אין הימל, קיינמאָל ניט דערגרייכן.

יעדער שטערן וואָס דו זעסט אין רוים, ביינאַכט,
אַ צייכן איז, אַ סודותדיקער רמז.
דען וואָס דו דערגרייכסט — איז טרויער און פֿאַרגייט...
דאָס אנען און דער חלום בלויז איז אמת.

נאָך דעם ווי דאָס קינד פֿאַרשליסט זיינע אייגעלעך און דרעמלט איין, פֿאַר־צייכנט גאָט אין זיין רייסטער:

דער נאָמען דיינער זאָל זיין יצחק לייבוש פּרץ.
אַ נביא, אַ מקוון און אַ טרייסטער.

אין איין פּונק בלויז פֿון נביאישקייט זעט שוין ה. רויזענבלאַט א טרייסט פֿאַרן דיכטער גופֿא. דערפֿאַר ווענדט ער זיך מיט א געבויגענעם קאָפּ צום אל הנון און זאָגט צו אים:

נאָר דו, אל חנון, האָסט געבענטשט מיך — צי געשטראָפט?!
מיט אַ נביאיש פּיערל, אין אפּל פון מיין אויג —
צו זען פאָראויס די זאַנגען אויפן פעלד, און נאָכן שניט, —
די ברויגע סנאָפּעס תבואה אויפן סטויג...

צי איז דער פונק נביאישקייט אין אפּל פון מיין אויג
ביי מיר, אַ ברכה צי אַ שטראָף — ווער ווייסט?!
דאָך אייגס, מיין האַר, איז קלאָר און וואָר פאַר מיר:
דער פונק וואָס אין מיין אפּל, איז מיין טרייסט...

אָבער ניט נאָר אויף צו זיין נביא, מקונן און טרייסטער, נאָר אויף צו זיין דיכטער בכלל, און באַזונדערס — דיכטער פון באַנעם און וויט־גרייכנדיקע השגות, דאַרף מען פון געבוירן אָן טראָגן אין זיך די פּייאיקייט און ליבשאַפט צו פאַנטאַזירן, זוכן, בלאָנדזשען און חלומען — חלומען אין שלאָף און חלומען אויף דער וואַך.

די דאָזיקע אַלע שטריכן און אויסצייכענונגען זענען איינגעקריצט און לייכטן אַרויס פון די פּשוטע ווערטער און אָנגעלאָדענע שורות פון ה. רויזענבלאַטס דיכטונג.

אין זיין ליד „פאַנטאַזיע" דערציילט ער אין שיינע דיכטערישע שורות, אַז בעת ער שפּאַנט ביי דער זייט פון מילכוועג און פאַרנעמט זיך, אויס לאַנגווייל, מיט די שטערן, בליען זיך פּלוצים פאַנאַנדער אין זיין טומאַנעם זכרון זכרונות, חלומות, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין לויף פון די יאָרן. און ווען די שטערן נעמען זיך מינען און צערינען, שימערן אויף פאַר אים און באַווייזן זיך געשטאַלטן, געזיכטער און אויגן. ער ענדיקט דאָס פאַנטאַסטישע ליד מיט אַ געבעט:

ניט וועק מיך... צעשטער ניט דאָס בלאָנדזשען...
איך שוועב צווישן וואָרהאַפט און רמז;
די וואָר איז די זריעה פון חלום,
דער חלום — דער וואָרצל פון אמת.

אין זיין ליד „אַ לאַמטערן אין שניי" פרעגט ער:

ווער איז דער מענטש וואָס שפּאַנט ביינאַכט
אין שניי מיט אַ לאַמטערן?

ער וויל וויסן וואָס ער זוכט אין ווייסן בלענד. זוכט ער בריליאַנטן, רענדלעך אָדער שטערן?

ער קאָן אָבער ניט אויסגעפינען ווער און וואָס איז דער מענטש מיטן

לאַמטערן. ער קאָן ניט דערגיין ניט וואָס ער זוכט אין שניי, און אויך ניט וואָס די כונה איז פון זיין זוכן.

איך ווייס ניט ווער און וואָס ער איז —
אַ מענטש, א מת, אַ שאָטן?

דאָס אַלץ אָבער אַרט אים ניט, ווייל ער ווייסט צוויי זאַכן אויף זיכער:

איך ווייס נאָר איינס: ער האָט אין שניי
אַ סטעזשקע אויסגעטראָטן

— —

איך ווייס נאָר, וואו ער שטעלט אַ טראָט,
צעלויכט זיך די לבנה.

אים אַרט אפילו ניט אויך זיין ניט דערשלאָגן זיך צו קיין ענטפער וואו־הין דער מאַן מיטן לאַמטערן גייט. דאָס מאָל גייט אים דער ענטפער ניט אָן, ווייל ער ווייס טיף און גרינטלעך, אַז

— — קוים ווערט ער ניט,
— — וועט אומעטיק מיר ווערן...

און ווי די זוכעניש איז דעם דיכטער טייערער ווי דאָס געפונענע, אַזוי אויך איז דער חלום אים ליבער פאַר דער וואָר.
א באַהערשטער פון חלום דראַנג, זינגט ער:

איך ליג אויף מיין געלעגער
האַלב דרעמלענדיק, האַלב וואַך.
עס זינגט דער רעגן לידער
צו מיר אין מיין דאַך...

— —

איך הער זיך איין ווי סיפּלאַטערט
דער חלום אויף מיין דאַך.

די פּלאַטערנדיקע חלומות אויפן דאַך פאַרוואַנדלען פאַר אים זיין אָרעם הויז אין אַ צויבערשלאָס.

כמעט ווי קעניג שלמהס,
ווי ער פאַרמאָגט אויך אַ האַרעם
פון לידער און חלומות...

ווי דעם באַזיצער פון אַ האַרעם פון לידער און חלומות און ווי איינעם

וויליאַם נאַטאַנסאָן

וואָס פּילט, אַז אין חלום קאָן אויך וואָרצלען אַמאָל די רעאַלסטע ווירקלעכ־קייט, איז דעם דיכטער פרעמד דער פּעסימיזם פון באַרג־קלעטערער וואָס האָט ניט דערגרייכט זיין ציל, ווייל ער האָט איינגעזען אַז עס איז ניטאָ קיין לייטער צווישן הימל און ערד.

איילנדיק זיך אַרויף באַרג האָט דער דיכטער באַגעגנט דעם וואָס האָט זיך שוין געיאָגט אַראָפּ צוריק פון זעלביקן באַרג.

באַגעגנט האָבן מיר זיך נאָך אַ בלענדיקן זאַוויי
וואָס האָט פּונסניי דעם שפּיץ פון באַרג פאַרהילט אין שניי.

באַגעגענט האָבן מיר זיך — פרעמד, ווי זעגלען אויפן ים,
וואָס וועלן קיינמאָל זיך שוין מער ניט טרעפן מן־הסתם.

דער באַרג קלעטערער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס האָט פאַרשפּילט די וועלט.

דאָס פּנים — וואַקס, די באָרד איז פלאַקס, צוויי אויגן ווי אַ קראָ.
„קיין לייטער" — מאַכט ער — צווישן באַרג און הימל איז נישטאָ!"

דער באַרג קלעטערער ווערט נעלם אין שניי, און

שאַ־שטיל. עס הערט זיך בלויז ווי סיקלינגט דער פראָסט
אין ווייסן בלענד
און ווי די זון אַרום דער קרוין פון באַרג, אין דעמער
ברענט

אין דער אַרומיקער שטילקייט אַריין, אינעם קלאַנג פון פראָסט אין ווייסן בלענד, און אין דעם ברען פון דער זון, זינגט דער דיכטער אַריין זיין תפילה צו גאָט:

— פאַרטרייב די ספיקות פון מיין האַרץ, דעם אַנגסט, און
פיר מיך, פיר!
דער חלום וועגן לייטער, אַ גאָט! איז די והותר מיר!

און נאָר איינער, פאַר וועמען דער חלום וועגן לייטער איז איבערגענוג, קאָן ביי אַן אויפגעמאַכטן פענצטער „אָנשעפּן אַ הויפּן נאַכט" און זען ווי אין בלויען קנויל אין זיין האַנט, שטראַלט אויף אַ בריליאַנט, אַ טראָפּן טוי, וואָס איז ניט גרעסער ווי אַ קערן רויג. און בריליאַנט איז דער טראָפּן טוי, ווייל ער צע־פינקלט זיך פאַרן דיכטערס אויג, און אין דער אויפגעלויכטקייט הערט דער דיכ־טער אַרויס די ווערטער:

פאַרלעש דעם לאָמפּ, דאָס אויג מאַך צו:
איך בין דיין חלום, דיין רו.

מיטן דאַזיקן ליד „אַ גוטע נאַכט” שליסט זיך דאָס בוך „אין שענסטן טאָג פון מיין הארבסט”. אַ גייסט פון אָפּטימיזם שוועבט איבערן גאַנצן בוך, און עס פלאַטערן איבער אים דעם דיכטערס חלומות.

— 2 —

אין זיין אויסגעבענקטער חלום-וועלט ברענגט ה. רויזענבלאַט אַריין אויף אַ פאַבולאַרן אופן אַ שוסטער, וואָס איז באַהערשט פון אַ נטיה און ליבע צו זינגען. עס ווילט זיך אים שטענדיק הערן זיין אייגענעם קול נגינה, אויסגיסן זיין נשמה אין געזאַנג, הגם ער באַזיצט נישט קיין שום קענטשאַפט פון נאָטן. עס זינגט זיך אים פון זיך אַליין. די דאַזיקע ליבשאַפט און שטאַרקער באַגער צו זינגען אוידלט, פאַרטיפט און דערהויבט די מענטשלעכקייט אין אים, דער דיכטעריש געשטאַלטעטער שוסטער אַנטפּלעקט צו אונדז די ווערט פון מענטש-לעכער פּערזענלעכקייט, ווען זי טרעט אַריבער די שוועל פון טאָג-טעגלעכקייט, פון געוויינטלעכן און דורכשניטלעכן, און הויבט אָן צו פילן און איבערלעבן די העכערקייט וואָס ליגט אין גייסט, און די הייליקייט וואָס שוועבט איבער נשמה-ראָמאַנטיק.

די מעשה, וואָס דער דיכטער דערציילט אונדז אין פּאָעטישע פערזן, איז וועגן אַ שוסטער וואָס האָט „אַ מיאוסע טבע צו זינגען”. געוואוינט האָט דער דאַזיקער שוסטער אין אַן איינגעהויקערט שטיבעלע, אין אַ טאָל ערגעץ וואו הינטער אַ באַרג. אויפן באַרג האָט, ווי דער שטייגער איז, אַ ייד אַן עושר אין רחבות פאַרנומען אַ דירה — אַ פּאַלאַץ.

דער שוסטער פלעגט זיך נוהג זיין אין די שיינע זומערדיקע טעג, אַרויס-שטעלן זיין שוסטער בענקל אין דרויסן פאַרן שוועל, אָנשיטן אַ פולן מויל מיט שוואַרצע שאַרפע שטיפטעלעך, אויסגלעטן דעם זויל, אַ הויב טאָן דעם האַמער און, ווי אַן אָנגערעגטער פון דעם הויב אין דער הויך פון זיין וועקצייג, זיך צוזינגען אויף אַ קול.

דער עושר, וועמענס אויערן האָבן אין זינגען פאַרנומען בלויז גערויש, האָט דערפילט און באַטראַכט דעם שוסטערס זינגען ווי אַן אָנשיקעניש, ווי אַ בייזע שטראָף פאַר אים. „ער האָט נישט קיין מנוחה בעת ער שלאָפט, בעת ער וואַכט, בעת ער עסט. דער עיקר ליידט ער חרפות בושה, אַז עס קומען צו אים געסט”.

ענדלעך באַשליסט דער עושר צו קויפן פאַר זיך ביים שוסטער מנוחה און רו און מער אַנגענעמען פאַרברענגען מיט די געסט — אָט ווי ער קויפט גאָר אַ סך באַקוועמלעכקייטן און לוקסוסן וואָס מאַכן זיין לעבן זיס. ער וועט דעם שוסטער באַצאָלן נישט פאַרן זינגען, נאָר גראָד פאַר דעם אַז ער זאָל נישט זינגען

מער. נאָך לאַנגע און שווערע דינגעניש קויפט ער אַפּ ביים שוסטער זיין איינ־געבאַרענע רעכט און ליבשאַפט צו זינגען פאַר עטלעכע רענדלאַך גאָלד און — געשלאָסן א געשעפט.

אָבער דאָס איז ניט דער סוף פון דער מעשה. דער סוף איז, אז

ויהי ערב ויהי בקר — יום אחד.

און פלוצים אין דערשטוינונג „באַמערקט דער גביר... א שאָטן קלעטערט אויפן בארג. א שאָטן, און דאָס זעקעלע רענדלאַך זיצט ביים שאָטן אויפן קאַרק". דאָס איז געווען דער שאָטן פונעם אָרעמען שוסטער, וועמענס תשוקה צו זינגען האָט זיך געשטאַרקט איבער אַלץ, וואָס דאָס זעקעלע רענדלאַך האָט געקענט ברענגען אַזאַ גרויסן אָרעמאַן ווי ער איז געווען. זי האָט פאַרטונקלט דעם גלאַנץ פון די רענדלאַך און איבערוועלטיקט דעם רייץ זייערן, און זיך ניט געלאָזט קאָנטראָלירן אפילו פון דער גרויסער און שטאַרקער נויט־באַדערפעניש. :עדאַרפט האָט דער שוסטער זייער נויטיק שיך פאַר די באָרוויסע קינדער, א קלייד פאַר דער ווייב און פאַר דער שטוב — דער אַלטער באַבעשע — א דאַך. דער קאַטעגאָרישער אימפעראַטיוו פון דער ליבע צום ליד — דער אויסדרוק פון טיפערער גייסטיקייט און העכערער עטיק — האָט גובר געווען אַלץ וואָס הערשט אויף די פלאַכן און נידערם פון מענטשלעכן צונויפשטעל, פון זיין לעבנס דראַנג און לעבנס־אַנהאַלט. דאָס רעאַלע האָט זיך געבויגן צו דער ראָ־מאַנטיק פונעם איבער־רעאַלן. דער אימפעראַטיוו פון טיפערן איך האָט זיך דורכגעריסן דורך אַלע טראַכטענישן און קלערונגען, דורך אַלע מאָטיוון און אַרגומענטאַציעס פון גראָדן שכל, וועלכער גרונטעוועט ניט די נשמה־ און האַרץ טיפענישן. און דער שוסטער ברענגט זיין החלטה צום עושר בזה הלשון:

די וועלט איז ניט קיין כאַליעווע,
דאָס לעבן — ניט קיין שלומפערדיקע זויל,
און אַ זעקל רענדלאַך, ווען אפילו גאָלדענע,
איז ניט קיין ליד".

רענדלאַך און ליד — סימבאָלן פון מאַטעריע און גייסט, גוף און נשמה, גשמיות און רוחניות, ציוויליזאַציע און קולטור! און ווי אַנדערש א זעקעלע רענדלאַך איז פון א ליד, אַזוי אַנדערש איז דער גביר אין דעם רייכן פּאַלאַץ פונעם שוסטער אין אָרעמען שטיבעלע.ביידע געהערן זיי צום מין מענטש נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל נאָר מענטש שלאָגט שפּורן אויך אין דער חיה, וואָס וועט איבעריק באַגלייטן מענטשלעכע אַנטוויקלונג. אַן ענלעכקייט צווישן די אָנ־געהעריקע צום מין מענטש מוז זיין, מחמת גייסט אין אַלע זיינע גראַדאַציעס — פון נידעריקסטן ביזן העכסטן — קאָן אין דער עמפּירישער וועלט, וואָס רינגלט אונדז אַרום און ווערט פון די חושים אויפגענומען, זיך ניט אַנטפּלעקן אַנדערש

ווי דורך מאַטעריע, ווי עלעקטריק קאָן זיך אַנדערש ניט מאַניפעסטירן ווי דורך דראָטן. אין דער מאַטעריע און דורך דער מאַטעריע בליצט אויף דער גייסט פאַר אונדז.

עס איז אָבער ניט פאַראַן קיין שיעור צו דער פאַרשידנאַרטיקייט, צו די דיפערענצירונגען פון די איכותן פון גייסט און רוחניות, וואָס לאָזן זיך דער־קענען דורכן חומר, גוף און גשמיות, ניט פאַראַן איז אויך קיין ענד־פונקט צו די מדרגות פון קולטור, וואָס צילט מיט איר אַנטוויקלונג צו שטעלן וואָס מער און וואָס אויספאַרגלעכער די ציוויליזאַציע צו איר דינסט און באַדינונג. דער טייטש פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג איז אומענדלעך שטייגערנדיקע העכער־קייט פון גייסט און קולטור. ליד איז דער קענצייכן פון גייסט אין קאָנטראַסט צום זעקעלע רענדלאַך, וואָס איז בדרך כלל אין באַזיץ דווקא פון די וואָס שטייען אויף די נידעריקערע שטאַפּלען פון גייסט־אַנטוויקלונג. אויף וויפל ליד איז גייס־טיק העכער פאַר רענדלאַך, אויף אַזויפיל אַנדערש זענען די נשמות פון גביר אויפן באַרג און פון דעם שוסטער אין טאָל. אַנדערש איז זייער פילן און באַ־נעמען דאָס מענטשלעכע לעבן בכלל, און זייערע אייגענע לעבנס בפרט.

„דער עושר האַלט דאָס זעקל רענדלאַך אויף דער האַנט,
ווי אויף אַ וואָגשאָל... שאַצט און וועגט עס לאַנג.
דער שוסטער קערט זיך מיטן רוקן אָפּ צום גביר
און נידערט צו דעם טאָל אַראָפּ מיט אַ געזאַנג".

צוויי באַזונדערע וועלטן — געזאַנג און רענדלאַך — אין די אינגעווייד[ן] פון זעלביקן איין־און־איינציקן אַל־וועלט. געזאַנג לאָזט זיך בשום אופן ניט וועגן אויף אַ וואָגשאָל. רענדלאַך לאָזן זיך ציילן, מעסטן און וועגן, און זיי שטויסן דאָס לעבן אויף גאַנץ אַנדערע דרכים, באַווירקן עס אויף גאַנץ אַנדערע אופנים ווי די דרכים און אופנים וואָס געזאַנג באַוועגט און באַאיינדרוקט.

עס איז דער געזאַנג פון אַזעלכע שוסטערס, מיט מאָדנע אויסטערלישע טבעס, אין די אויסגעבענקטע חלום־וועלטן פון דיכטער, וואָס איז גורם מענטש־לעכע דערהויבונג, פאַרטיפונג פון מענטשלעכער פערזענלעכקייט. אַזעלכע גע־זאַנגען פילן אָן די מענטשלעכע נשמה מיט פרייד און גליקזעליקייט.

* * *

זייער פרי אין זיין לעבנס־גאַנג און לעבנס אַנטוויקלונג האָבן די בענקע־נישן און אויסבענקענישן פון אַ חלום־וועלט באַהערשט די נשמה און גייסט פון דיכטער ה. רויזענבלאַט. פון קינדוווייז אָן נאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דיכ־טערישע וועבן פון חלומות און פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען און זעאונגען פון אַ וועלט וואָס ווערט בדרך כלל ניט געפאַנגען אין די בלויז פינף־חושימדיקע

נעצן, און שפּיגלט זיך ניט אָפּ אין די וואַסערען פון אינטעלעקט און פאַרנונפט. דאָס איז די טראַנסצעדענטאַלע וועלט, וואָס זי צו דערקענען רייסט זיך דער מענטש פון דעם מאָמענט אָן ווען ער איז מענטש געוואָרן. ווען איר האָט ער ניט אויפגעהערט און קאָן ניט אויפהערן צו טראַכטן, צו פאַנטאַזירן און חלומען. דאָס איז די וועלט, וואָס איז פון יענער זייט פון דער מענטשלעכער עמפינדונג־גרעניצן — זי איז מעבר לגבול ההכרה — זי קאָן נאָר בליציק־אינ־טואיטיוו אויפגענומען ווערן אין די מאָמענטן ווען די פאַנטאַזיע און די טרוי־מעריי ווערט אָנגעצונדן און דורכגעברענט אין די קאָלך־אויוונס פון נבואה, רעליגיעזיטעט, דיכטונג און פילאָזאָפיע, פאַנטאַזיע און חלום, געלייטערט פון הויכן גייסט און טיפער נשמה, ברענגען דעם מענטשן אָן אנטפּלעקערישע דער־קענטעניש פון דער איבערנאַטירלעכער וועלט. פאַנטאַזיעס און חלומות האָבן גע־פּלעפּט דעם דיכטער רויזענבלאַטס נשמה און זיין גאַנצן וועזן באַלד נאָר, ווען ער איז באַוואוסט געוואָרן אויף זיין „איך" און זיין „זעלבסט".

אַז דאָס איז אַזוי ווערן מיר געוואויר פון זיינע „בלויע לידער". גאָר אַ גרויסער אינטערוואַל פון צייט טיילט אָפּ די פּאַרעפּנטלעכונגען פון „בלויע לי־דער" און פון דעם ליד וועגן שוסטער „וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע צו זינגען", און דאָך זענען „די בלויע לידער" שטראַלן־וואַרפער אויף דער אוים־געחלומטער און אויסגעבענקטער וועלט, אין וועלכער דער שוסטער לאָזט זיך וואויל גיין מיט זיין זינגען.

אין זיין ערשט ליד פון דער סעריע בלויע לידער דערציילט אונדז דער דיכטער ווי אַזוי ער איז נאָך אין די קינדערשע יאָרן זיינע, געפאָרן צו „באַקע־נען זיך מיט גאָט".

א נידעריקער וואָגן
געבעט מיט פרישער שטרוי,
צוויי קליינע ווייסע פערדלעך, —
וואָסיל, מיין טאַטנס גוי.

— — — — — — — — — — — —

כיפאָרלאָז איצט טאַטע־מאַמע,
מיין דאָרף — צוליב דער שטאָט,
— ס'איז צייט שוין, — זאָגט מיין טאַטע,
באַקענען זיך מיט גאָט.

— — — — — — — — — — — —

די מאַמע ווישט די אויגן:
— מיין קינד, ס'און אונטערשיד,

אין דאָרף ביסטו אַ פּויער,
אין שטאָט אַ פּאָלנער ייד.

און שוין אין יענער צייט — אין דער פריעסטער יוגנט — האָט דער דיכטער, זיצנדיק אויפן וואָגן, וואָס האָט אים געפירט אויפן וועג צו ווערן אַ פּאָלנער ייד, וואָס זיין מאַמע האָט אידענטיפיצירט מיט גאָט־דערקענטעניש — דערפילט אַן ענלעכקייט צווישן זיך אַליין און דעם אָוונטשטערן. ער האָט דער־פילט, אַז אים און דעם אָוונטשטערן פאַראייניקט דאָס געמיינשאַפטלעכע בענ־קען, פאַראיינזאַמטקייט און אַליינקייט. יענער דערפיל האָט זיך איינגעוואָרצלט אין די גרונטן פון זיין יונגער נשמה, און האָט זיך פאַרזעצט אין די פאַרבאָרגנ־סטע קעמערלעך פון זיין קינדישן זכרון אַזוי, אַז איצט אין זיינע רייפסטע יאָרן קאָן ער אים פאַראייביקן אין די פערזן:

פאַרנאַכט — דער אָוונט־שטערן
אין הימל צינדט זיך אָן,
און בלינצלט דורך די צווייגן —
דעם דעמערס ערשטער צאָן.

— — — — — — — — — — —

ער איז, ווי איך, אין בענקשאַפט,
פאַראיינזאַמט און אַליין.

מיר דערוויסן זיך פון די ווייטערדיקע פערזן, אַז שוין דעמאָלט אויפן וואָגן זיצנדיק, האָט זיין פאַרשטעלונגס קראַפט געאַרבעט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אין זיין דמיון געזען די שטאָט מיט פרעמדע צו אים יינגלעך און אַ רבין גאָט ווייס ווער?!

„אַ ייד מיט כמאַרנע ברעמען,
אַ האַרץ פון קיזלשטיין. —"

פון דער שרעק און ציטערניש, אין וועלכער זיין דמיון האָט אים אריינ־געוואָרפן, ראַטעוועט אים דער חלום:

„נאָר גאָט איז זיך מרחם,
און כידרעמל, דרעמל איין.
עס יאָוועט זיך אַ חלום,
און קריכט אין מיר אַריין.
איך פיל אים אין די ביינער,
אין האַרץ, אין יעדן גליד".

אין חלום קומט צו אים די פאַרזיכערונג, אַז גאָט קאָן אַ מענטשנס האַרץ

דערפילן. די דאָזיקע פאַרזיכערונג אין זיין קינדערשן חלום האָט במשך פון דעם דיכטערס גאַנצן לעבן געשלאָגן אַלץ מער און אַלץ טיפערע וואָרצלען אין זיין ספּירימואַלער געשטאַלטונג, זי האָט אויף שטענדיק פּרעזערווירט דעם געפיל און געשאַרפט די אָנשויאונג פון מענטשנס אָרגאַנישער אָנגעקניפּטקייט אָן דער געטלעכקייט, דערפאַר מאַקע קאָן ער זיך אין די רייפסטע יאָרן דיכטעריש דער־מאָנען, אַז נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ פאָלנער ייד, נאָך איידער ער איז אין שטאָט אַריינגעקומען

„האָט גאָט מיין האַרץ דערהערט:
דער שניי האָט אויפגעהערט"
דער שניי ווערט שיטער... דינער

ער דערמאָנט זיך אויך ווי אין יענעם חלום, אויפן וואָגן זיצנדיק, האָט ער דערזען דאָס וואָס מען זעט ניט, ווען מען איז וואַך. ער האָט דערזען, „ווי אַ רעגן, בלוי ווי שטערן, פאַלט פון הימל און שטראַלט. אָבער דער רעגן בלייבט פאַרכשופט הענגען און רירט ניט אָן דעם וואַלד"... און אויך מיטן רעגן האָט ער געטאָן אַזוינס, וואָס קאָן נאָר אין חלום געטאָן ווערן:

„כינעם אַ זשמעניע רעגן,
און טו צום ווינט אַ וואָרף.
כ'דערפיל אַ ריח גן־עדן!
דער ריח פון מיין דאָרף.

— — — — — — — — — — —

ווס שמעקט מיט סאָד און גאָרטן,
מיט בליעכץ, בעז און היים.
איך זע דעם רויך פון קוימען,
מיין שטיבעלע פון ליים.

דאָס באַקענען זיך מיט גאָט, דער גן עדן ריח פון דאָרף און דאָס שטי־בעלע לעים האָט אַריינגעבראַכט אַ גן־עדנ'דיקייט אין דער גאַנצער דיכטונג פון ה. רויזענבלאַט. זיי אַלע דערפילן זיך אין פשטות פון זיין וואָרט און אין דער אָנגעלאָדנקייט פון זיין שורה, און קלינגען אַרוים פון זיינע לידער וואָס רעגן אָן טיפע איבערלעבונגען און פילאָזאָפיש־רעליגיעזע טראַכטונגען.

זיין צווייט ליד פון דער זעלביקער סעריע — דאָס ליד „מיין אָפּגעשפּאַרטן פאַרמעגן" — זינגט זיך גוט אַריין און קלינגט האַרמאָניש מיטן געזאַנג פון שוסטער.

דעם דיכטערס „אָפּגעשפּאַרטער פאַרמעגן" דערמאָנט זייער שטאַרק אָן פאַרמעגן פון שוסטער.

קולטור קוואַלן

מיין היינט — אַ קליינער גאָרטן
אַ שטיל פאַרלעגן אָרט.
איך לעב פון אָפּגעשפּאָרטן,
וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט?

— — — — — — — — — — —

אַ חלום וואָס געדענקט זיך,
אַ שמייכל פון אַ פריינט,
אַ וואָרט נאָך וואָס עס בענקט זיך,
אַ ליד גענוג פאַר היינט...

— — — — — — — — — — —

ביים טויער — צוויי ציפּרעסן
וואָס הוידן זיך אין ווינט
און לאָזן ניט פאַרגעסן
אַז שעה נאָך שעה פאַרשווינדט.

די ציפּרעסן זענען אים געבליבן אויף שטענדיק אין זיין געדעכעניש, און ער לעבט זיי דיכטעריש אויף, ווייל ער האָט אידענטיפיצירט זיין נשמה־אָנגע־לאָדנקייט מיט זייערע אין די מאָמענטן, ווען ער האָט זיך ארייגעלעבט אין דער קאָסמישקייט וואָס שלאָגט זיך דורך דורך זיי. ער האָט אריינגעלייענט און ארויסגעלייענט פון זיי ווי פון אַ בוך מיט פאַרבאָרגענישן זיין אייגענעם טרויער, זיין ליד, זיין טרער, די שטילע סודות פון זיין האַרץ און די בענקענישן פון זיין נשמה.

„די ציפּרעסן די שומרים פון דער נאַכט!
זיי היטן נאַכט און טויער.
איך זע זיי קוים, נאָר כיהער
ווי סיווײנט אין זיי מיין טרויער
מיין האַרץ, מיין ליד, מיין טרער".

— — — — — — — — — — —

ציפּרעסן, זייט מיר עדות!
פאַרצייכנט און געדענקט
אַ האַרץ מיט שטילע סודות
וואָס בענקט און בענקט און בענקט...

דעם דיכטערס האַרץ האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן מיט שטילע סודות און מיט אַ בענקעניש נאָך זייער אַנטפּלעקונג. אין די טיפע סודות'דיקע שטילקייטן פון זיין נשמה האָט ער אויסגעבענקט און אויסגעדיכטעט אַ וועלט

באַנעם, אַ וועלט צוגאַנג און אַ שיקזאַלישן אויפֿנעם פֿון קאָסמישער רעאַליטעט און אירע טראַנסצעדענטאַלע געשעענישן אויסער צייט און שטח. די דאָזיקע אויסגעבענקטקייט און אויסגעחלומטקייט פֿון אַ יש מאַין קוואַלט אַרויס פֿאַר אים אַ פֿרייהייקייט, וואָס גרעניצט זיך מיט גליקזעליקייט און וואָס זינגט זיך אַרויס פֿון זיין דיכטונג.

* * *

אַזאַ געזאַנג הערט זיך אויך אַרויס פֿון די שורות אין זיין דריטן ליד „צוויי ביימער". דאָס זענען צוויי ביימער, וואָס איינעם פֿון זיי האָט דער דיכטער אַליין געצייכנט, דעם צווייטן האָט אַן אַנדערער געמאָלן. צו דעם מאָלער פֿון צווייטן בוים זאָגט דער דיכטער:

„דו האָסט דיין בוים געמאָלן
אין פֿאַרבן כלערליי,
די צווייגן גרין ווי ים שוים
די בליטן ווייס ווי שניי".

— — — — — — — — — — — — —

ס'איז שבת. עס שנייט אין דרויסן.
דיין בוים איז גרין און בליט.
באמת שיין . . . מקנא
בין איך אים אָבער ניט.

ער איז אים ניט מקנא דערפֿאַר וואָס ער — דער דיכטער — פֿילט ניט קיין טעם אין אַ פֿרילינג, וואָס האָט ניט קיין האַרבסט, און ער זעט אויך ניט קיין זיז אין אַ בליען פֿון דעם וואָס ווייס ניט ווען ער שטאַרבט. ער באַצייכנט אַלס נאָר דעם יעניקן, וועמענס אויג זוכט נאָר תענוג און דאָס האַרץ — נאָר טרייסט. ער פֿרעגט דעם מאָלער פֿון צווייטן בוים:

„ני ווייסט ניט? הנאה
איז אויך פֿאַראַן אין צער?

הנאה אין צער! — איז שוין אַ פֿילאָזאָפֿישער אָנוואונק אויף אַ סינטעטישן אויפֿנעם פֿון לעבנס שטראָם און אוניווערסאַלן אָנפֿיר פֿון וועלט געשעענישן און פֿאָרקומענישן. דאָס איז שוין אַ מעטאַפֿיזישער רמז אויף אַ דיכטעריש אינטואיטיווער דערשפּירונג און לויטערער וויזיע פֿון אַן אייביקייט וואָס מאַניפֿעסטירט זיך צוויי- אָדער- מער געשטאַלטיקט; פֿון אַ סובסטאַנץ אָדער אַ טראַנסצעדענטאַלער עקזיסטענץ וואָס ווי אַן אייביק פֿלאַקערדיקער פֿייער שפּריצט זיך

פאַנאַנדער אין אַן אַ שיעור פונקן, אָדער וואָס ווי אַן אומדערשעפּלעכער געוואַסער קוואַלט אַרויס אַלערליי פאַרשידנאַרטיקע שטראָמען. אין אַזאַ דיכטערישער אינטואיטיווער דערשפּירונג און לויטערער וויזיע נעמט ער אויך אויף אַ קאָסמישן באַוואוסטזיין, וואָס ליגט אויס דאָס מענטשלעך באַוואוסטזיניק לעבן אין דער צייט און שטח׳דיקער עמפּירישער וועלט אין אַלערליי טעזן און אַנטיטעזן.

אין זיין דיכטונג פילט זיך אויך אַ התגלות־דערקענטעניש פון דער אייביקייט, זי איז אַ דורכגעדרונגענע מיט אַ קאָסמישן באַוואוסטזיין וואָס אין זיך גופא איז ער אַן איין־און־איינציקע געשטאַלט — דער אחד פון דער געטלעכקייט. זי איז דער איין־און־איינציקער מקור האש, מקור המים און מקור החיים — דער איין און איינציקער פייער־וואַסער און לעבנס קוואַל. זי איז די סינטעטישקייט פון אַלע טעזן און אַנטיטעזן, זי איז די סימפאָנישע האַרמאָניע פון די פאַרשידנאַרטיקסטע קלאַנגען און טענער וואָס, ווען זיי גיסן זיך אין איר צונויף באַקומט זי אַן עסטעטישן און אַלגעמיין קולטורישן זין און ווערט, דער מענטש דערפילט די דאָזיקע סינטעטישקייט אין די דערהויבנסטע רגעס, ווען ער ווערט באַהערשט פון אַן איבערבאַוואוסטזיניקער דערקענטעניש, און ווען ער דערפילט די אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרטיפונג און דערהויבונג פון מענטשלעכן גייסט און מענטשלעכער נשמה.

פאַרטיפטע און דערהויבענע נשמות קאָנען אין געוויסע אין גאָר געציילטע רגעס פון זייער לעבן פילן הנאה און צער, אַ זעליקייט און טראַגיק וואָס ווערט אין איין הרף עין פאַרוואַנדלט אין גליקזעליקייט, וואָס דערפרישט און דערמוטיקט מענטשנס לעבנסדערהאַלטונג. דאָס איז די רגע פון מענטשנס איינסווערן מיט דער אייביקייט, פון זיין אַריינרינגלען זיך אין יענער עקזיסטענץ וואָס שטראַלט אַרויס פון זיך צייט און רוים און אַליין איז זי איבערצייטליך און אַיבעררוימליך — אַליין איז זי אייביק. אין אַ צונויפגוס מיט דער אייביקייט, דערפילט זיך מענטש ווי אַ ניצוץ פון דער געטלעכקייט און דער זאָג „בצלם אלוהים ברא אותו״ קריגט פאַר אים מער זין און מיין.

אין אַזאַ רגע האָט עס אויך דער דיכטער פון מיסטישן אָריענט בהאַנגאוואַד גיטאַ אַריינגעזונגען אין זיין „דאָס געטלעכע ליד״ די סטראָפעס:

וועןוויסן פאַריאָגט דאָס ניט־וויסן
אַנטפּלעקט זיך אין האַרץ פונעם מענטשן
דאָס אייביקע ליכט פון א ל ־ ש ד י
און שיינט ווי די זון און די וועלטן.

מיט א י ם אין מחשבה
מיט א י ם אין באַהעפטונג
מיט א י ם אַ פאַראייניטער

וויליאַם נאַטאַנסאָן

צו אים פּאַר אַן אָפּפער —
דערגרייכט מען די הייכן גאַר־העכסטע,
נישטאָ מער קיין טרויער, קיין אומקום.

געטונקלט אין קוואַלן פון חכמה,
דערלייזט פון די קאַרמישע קייטן,
אין אויפגאַנג פון לויטערן פייער,
פאַרשווינדן די סיבות וואָס שפּינדלען
די ראָד פון געבוירן און שטאַרבן, *)

אויף אַ סימבאָליש־דיכטערישן אופן ווערט דאַזיקער קאָסמישער באַנעם אויסגעדריקט אין די שורות פון אונדזער דיכטער ה. רויזענבלאַטס ליד „צווייביימער", אין וועלכער ער דערקלערט פאַר וואָס ער איז ניט מקנא אויפן בוים, וואָס איז שיין און גרין און בליט אפילו ווען עס שנייט אין דרויסן, גאַר אַנדערש האָט ער דערפאַר זיין בוים געצייכנט:

„דערפאַר האָב איך געצייכנט
מיין בוים אין ווייס און שוואַרץ.
שטאָט בלעטער — בליטן אותיות
אין פורעם פון מיין האַרץ.
— — — — — — — — — — —

ער בליט ביי מיר אין פרילינג,
ווערט רייף אין תמוז, אָב.
די בלעטער זענען אותיות
פון אלף ביזקל תו.
— — — — — — — — — —

דאָס מינדסטע אות איז כישוף,
דאָס קלענסטע וואָרט איז נס,
— — ווי לייגט מען אויס גאָטס נאָמען?
שרייב: גימל, אלף, טית!
— — — — — — — — — —

פון קליינטשינקע דריי אותיות,
ווי — אלף מם און תו
גייט אויף די שטראַלונג — אמת!
די קרוין פאַר למד־וואָוו.
— — — — — — — — — —

*) איבערגעגעבן אין יידיש פון אבא קליגער —

אָ האַרץ מיינס! גוטער גאָלדשמיד!
נעם שמיד מיר אויס . . . נעם שמיד
פון למד, יוד און דלת
דאָ צויבער רינגל — לידו

דער גאָט און דער אמת און די שיינקייט וואָס צויבערן אַרויס פון דיכטערס ליד — דאָס איז זיין אַפּגעשפּאַרטער פּאַרמעגן. דאָס איז אַ רעליגיעז־עטיש־מעטאַפיזישער פּאַרמעגן. און נאָר אַ דיכטער מיט אַזאַ פּאַרמעגן קאָן זינגען: „דאָס ליד פון בלויער ליבשאַפט" — דאָס פּערטע ליד אין דער סעריע בלויע לידער.

דער דיכטער האָט ליב דעם שיפער, ווייל ער איז ערב, אַז ער וועט אים בשלום אַריבערפירן צום לאַנד פון בלויען חלום. ער גיט זיך גערן איבער אין דער האַנט פון בלויען שיפער, און הינטער זיינע זעגלען שווימט ער אַריבער דעם ים. ער האָט ליב די בלויע וועלן, דעם בלויען אָוונט שטערן, דאָס בלוי פון רויך און רעגן און פון טוי און טרערן, אָבער מער פון אַלץ — דאָס לאַנד דאָס בלויע.

„דער שיפער איז דיר ערב . . .
געלויבט זאָל זיין גאָטס נאָמען,
ער וועט צום לאַנד דעם בלויען
דיך ברענגען, אמן. אמן.

דעם דיכטערס מעטאַפיזישע דערקענטעניש און זיינע פאַנטאַסטיש קינסטלערישע וויזיעס פון באחרית הימים׳דיקע וועלטן לאָזן אים פונדעסטוועגן ניט אַלעמאָל רוען אין בלויער ליבשאַפט, און שטענדיק זינגען לויב געזאַנגען צו גאָט. דאָס איז ניט מעגלעך אין אַ וועלט און אין אַ מענטשנס לעבן אויף דער וועלט וואָס צאַפּלען זיך אין די נעצן פון טעזן און אַנטיטעזן. זיין נשמה ווי די נשמות פון אַ סך מענטשן שעפערישע און ניט שעפערישע ווערט אויך אָפט אויפגעציטערט פון דער שוואַרצקייט וואָס עס טראָגן אין זיך די טעזישע פּולסירונגען פון זיין אייגענעם לעבן און פון דעם לעבן פון מענטש און מענטשהייט בכלל. ער פילט פון צייט צו צייט אויך דאָס שלעכטס אין דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום און פילט אָן אַלע קעמערלעך פון דער נשמה ביז צו אַן אינטענסיוויטעט וואָס מאַכט לייב און לעבן נישט ניחא דעם מענטשן. ער לעבט איבער אין געוויסע מאָמענטן אַ צער אין וועלכע די הנאה ווערט אויסגעטריפן ביז צום לעצטן טראָפּן. געטריבן פון אַזעלכע געפילן וואַרפט זיך זיין וועזן, ווי דער וועזן פון יעדן בר־דעת, אין די נעצן פון אַגאָניש־מאַטערנדיקע ספקות און וואַקלענישן, וואָס פירן צו דער אויסגעוועפּטקייט פון יענער זעליקייט, וואָס באַרואיקט דער נשמה און שטילט איין דעם גייסט. און דערפאַר שליסט ה. רויזענבלאַט זיין סעריע „בלויע לידער" מיט די שורות:

„פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט דער
נרדף יאָגט
און טראָגט ביי זיך אין בלוט דעם אָוונט שטערנ׳ס
פלאַם
דאָס בענקען פון די שטערן און דעם טרויער פון
דער ערד
די איינזאַמקייט פון מדבר אין דעם אומרו פון
דעם ים"

ה. רויזענבלאַט אין די „בלויע לידער" ווי אין א סך אנדערע לידער זיינע, ווי אין זיין דיכטונג בכלל, פאַלגט אויס דעם באפעל פון פרצ׳ס וואנדערער „אין ביינאַכט אויפן אַלטן מארק". דער וואנדערער וויל פון יעגער וואָס טרייבט אַלע און אים נאָך שנעלער, אז ער זאָל דורכאנאנד שפינען

„שפין גרוי, שפין שוואַרץ,
שפין רויט . . .
קאָנסט אויך די פאַרבן מישן
צוזאַמען וועבן . . .
נאָר שפין, שפין פון לעבן
שפין פון טויט און פון צווישן".

ה. רויזענבלאַט שפינט ווייס און שווארץ, גרוי, רויט און בלוי — ער מישט די פארבן, ער וועבט זיי צוזאמען, אָבער אַלץ וואָס ער שפינט, איז פון לעבן און טויט, ווי אויך פון נאָכן לעבן און נאָכן טויט — ער שפינט אייביקייט.

— 3 —

ווער עס שפינט אומאויפהערלעך ליד און חלום; ווער עס דרינגט אריין אין וועלטס און מענטשנס בענקענישן, און געשעעענישן; ווער עס האָט ליב און קאָן טיף איבערלעבן די פרייד וואָס נאָר זיי קענען געבן, דער האָט אויך ליב די דינאַמיק, די באוועגונג און די אומרו, וואָס זענען די סיבות און פועל יוצאס פון אַן אינטענסיוו־לעבהאפטיקן לעבן. אים איז דערווידער די סטאטיק, די פאר־גליווערטקייט און די רו, וואָס פירן צו און זאָגן אָן דעם אויסלעש־פראָצעס פון לעבן.

ווען דער דיכטער דערזעט א זעגל־שיף פאראנקערט ביים ברעג פון ים, באַ־הערשט אים א באַגער, אז א שארפער ווינט זאָל אין בונט פון ווילדן צאָרן ארונ־טערשניידן די זעגל־שיף פון איר אַנקער־שטריק, אָנפילן פול אַלע אירע זעג־לען מיט שטורעמדיקן ווינט און טרייבן זי אין ווייטן, ווייטן ים ארויס, און זי קיינמאָל ניט ברענגען צום זעלביקן ברעג צוריק. ער ווייס, אז אין אזא פאַל איז

פאַראַן די מעגלעכקייט, אַז אויף איר אומבאַשטימטן גרויסן וואַסער־וועג, זאָל די שיף זיך באַגעגענען מיט בלינדע נעפּלען, אייז-בערג, פעלדזן־שטיין און ווער ווייס, אפשר אונטערגיין? אים אַרט עס אָבער ניט, ווייל:

אײן זאַך ווייס איך יאָ:
די זעגל־שיף מיט אַלע אירע זעגל אויסגעשפּרייט,
מיט אַלע אירע מאַסטן צו די שוואַרצע וואָלקנס טייטלענדיק,
וואָלטן זעגלען, זעגלען, זעגלען ערגעץ וואו אַ פרייע ווי דער ווינט,
און ווי די סיבות פון דעם ים, דעם גרויען בלענד!

איך וואָלט וועלן זיין אַ־יענע זעגל־שיף!

זיין ליבשאַפט און פריידיקער ציטער פאַרן דינאַמישן און שטורמישן פירט איך דערצו, אַז ווען ער דערזעט פאַר זיך צוויי ברעגן: ברעג פון רו, צו וועלכן זיין שיף דערנענטערט זיך, און ברעג פון שטורעם, פון וועלכן זי דערווייטערט זיך, ציט ער צוריק אַרויף זיין זעגל אויפן מאַסט, שעפּט אים אָן מיט ווינט און פאָרט פאַרביי דעם רעגנבויגן. נאָך דעם ווי

די זון האָט זיך ביים מדבר-ראַנד
אַ רגע אָנגעצונדן —
געטאָן אַ פלאַם אַריין אין ים
און איז אין ים פאַרשוואונדן

דערזעט צוויי הימלען אויסגעשטערנטע, און ער פרעגט זיך וועלכער פון זיי איז בלויער:

צי דער וואָס איז מבטיח רו,
צי דער וואָס וויגט זיין טרויער?

זיין ענטפער איז:

אָ לעבן מיינס! אַ טיפער ים
פון אומרו און יסורים!
איך זע דעם ברעג פון רו און בענק
צום ברעג, וואָס ליגט אין שטורעם.

דאָס ליד פון וועלכן דאָזיקע שורות זענען גענומען, הייסט „מיין ליכטיקע נסיעה".

דער דיכטער אַליין, ווייזט אויס, האָט דערפילט, אַז אין דאָזיקן ליד האָט ער אַנטפּלעקט אַ געוויסן מהות פון זיין נשמה, געוויסע שטעגן פון זיין לעבנס־

גאנג. דערפאר האט ער געלאזט דאס בוך אין וועלכן דאס דאזיקע ליד געפינט זיך, דערזען די וועלט אונטערן נאמען „מיין ליכטיקע נסיעה".

אויף דאזיקער נסיעה זיינער האבן די ראמאנטיק און די רעליגיאזיטעט געפילן, וואס וועבן זיך אפט אריין איינע אין די אנדערע, אריינגעגאסן א סך שטראלן אין דער ליכטיקייט וואס האט פייער-זייליק באגלייט זיין נסיעה. עס ליכטיקן דערפאר ארויס אין זעלביקן בוך לידער וואס אטעמען מיט געפליגלטער ליבע און רעליגיעזער ראמאנטיק. אין זיין ליד „מיט דיר" קומט צום ווארט די רעליגיעזע ראמאנטיק און אין ליד „דעמערונג" זינגט ארויס די ליבע-ראמאנטיק.

טיפע, נשמה פארבאפנדיקע געפילן טראגן זיך אלעמאל אויף די פליגלען פון ראמאנטיק, מחמת זי איז איינע פון די טיפסטע קוואלן וואס שטראמען צו דער אייביקייט פון רעליגיאזיטעט, זי איז דעריבער גורם פארטיפונג און נשמה דערהויבונג.

דאס ליד „מיט דיר" לאזט לויפן פאראלעל — ווי טעזע און אנטיטעזע, וואס קאנען זיך ניט סינטעזירן אין דער עמפירישער וועלט — צוויי עמאציעס, צוויי געפיל-שטראמען: — איינער פון ביינאנדקייט און נאענטקייט, צווייטער פון אלײנקייט און פרעמדקייט. דער ערשטער געפיל באוועלטיקט דעם מענטשן, ווען ער באנעמט די וועלט ווי א דורכגעדרונגענע מיט געטלעכקייט, און דערפילט טיף אין זיך א התקרבות מיט איר. אונטער אירע פליגלען ווי אונטער די כנפי השכינה דערפילט ער א מאמישע היימישקייט און א פאטערלעכע באשיצונג.

דער צווייטער געפיל רייסט זיך אריין אין דעם מענטשן און וויקלט איין זיין נשמה אין שווארצע וואלקנס פון אפגעלאזנקייט און אפגעריסנקייט, ווען די וועלט נעמט אן פאר אים גערדאנקלעך און עמאציאנעל די געשטאלט פון א הפקר-וועלט. אין א גייסטיקער ווייסטעניש און פינצטערניש ווערט ער אויך פארזונקען, ווען ער מאלט זיך אוים די וועלט אין זיין כח הדמיון ווי אן אריינגעגאסענע אין פורעמס פון אייזערנע אומברחמנותדיקע אייביקע געזעצן פון טויטער מאטעריע, ווי א חומר וואס איז ניט געשיקזאלט פון דער האנט פון אן אל מלא דין ורחמים. אזא קוק אויף וועלט-אל בארויבט די נשמה און דעם געמיט פון מענטשן פון דער טרייסט פון זעליקייט וואס קומט פון א הארץ-אויסגוס, פון א תהילימדיקן ממעקים קראתי יה, פון די טיפענישן רוף איך צו גאט.

אין זיין ליד „מיט דיר" זאגט דער דיכטער ה. רויזענבלאט צו דעם אנאנימען „דיר", אז מיט אים איז ער א וואלקן וואס קען א ווייסטעניש באפרוכפערן.

— אַ װאַלד אין אַ שטורעם װינט,
אַן אָדלער אין דעם װינט,
— אַ פעלדז, אַ באַרג,
אויף װעמענס קאָפּ
אַ כמאַרע נידערט אַראָפּ.

אַן אָפּגעריסענער פון אים איז ער

אַ רעגן־טראָפּן אויפן הייסן מדבר־זאַמד;
אַ קאָרק אויף די צערײַצטע װאַסערן פון ים.
אַ פּעדעמל טומאַן, אַ קנויט רויך,
אַ שמעטערלינג פאַרדאַמט פון פלאַם.

— — — — — — — — — — —

אַן אָפּגעריסן בלאַט אין אָסיענדיקע טעג,
אַ רעגן װאָרעם אינעם נאַסן שטויב פון װעג,
אַ קערן זאַמד, אַ פּולװער־שטויב, געטריבן בלינד
פון הפקרדיקן שטורעם־װינט.

אין דאָזיקן ליד „מיט דיר" דאַרף קיין איין שורה ניט געענדערט װערן, קיין איין װאָרט ניט אויסגעלאָזן אָדער צוגעגעבן װערן אויב דער „מיט דיר" װאָלט געװען אַ געזאַנג צו איר אַנשטאָט צו אים — אַ געזאַנג צו דער סובלימירטער געליבטער אַנשטאָט צום האַר פון דער װעלט. װערט דאָך „שיר השירים", דער שענסטער װעלט-געזאַנג צו דער „שטאַרק װי דער טויט" ליבע, אויסגעטײַטשט רעליגיעז, אַפילו אין ליכט פון פּסיכאָלאָגיע און פילאָסאָפיע.

די עיקר אויפגאַבע פון קונסט, איר דערהויבנסטע דערגרייכונג, װען זי רירט אָן ליבע, איז דאָך אייגנטלעך די אויפלייזונג פון ליבע און געשלעכטס־עמאָציעס אין גייסט סטימולירנדיקע און פאַרטיפנדיקע שפּאַנונגען — ביז אַפילו צו אַ שטײַגערונג און אָנגעלאָדנקייט מיט קדושה, װאָס רעליגיעזיטעט טראָגט אין זיך.

װאָס טיפער און הויך-שטײַגנדיקער די קונסט איז, אַלץ מער און אַלץ שטאַרקער לאָזט זי בכלל דאָס נידעריקסטע אין לעבנס דערהאַלטונגס־פּראָצעס װערן אַ סטימול פאַרן העכערן. דורך דער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג װערן װי דורך אַ כישוף די מענטשלעכע לײַדנשאַפטן — אַלע זײַנע געפילן און עמאָציעס — גײַסטיק געלײַטערט פון דער מיסטעריע פון לעבן. זיי װערן אויך באַהויכט פון דער קדושה, װאָס אָטעמט אַרויס פון דער גראַנדיעזקייט פון קאָסמישן באַשאַף. דאָס דערקלערט פאַרװאָס „די מענטשלעכע נשמה װערט הײַנט אַזוי גוט װי װען עס איז פריער אָנגעפילט מיט גליקזעליקייט, מיט פריידיקער און פײַנ־

וויליאַם נאַטאַנסאָן

לעבער מיסטעריעזקייט פון דער פּאָעטיש רייך-בילדערישער און הימל־אָנשלאָגנ־דיקער דערהויבנקייט וואָס קלינגט ארוים פון די שורות פון שיר השירים.

דער כישוף און דער רייץ וואָס ליגט אויך איצט פארבאהאלטן פארן מענטשן אין אזעלכע שורות ווי:

א פאַרשלאָסענער גאָרטן
איז מיין שוועסטער די כלה,
א פאַרשלאָסענער ברונעם,
א פאַרחתמעטער קוואַל.

איז פארבליבן און וועט אפשר אויף אייביק פארבלייבן א מיסטעריע. ווי יעדער מיסטעריע, אזוי אויך פירט און טרייבט די דאָזיקע מיסטעריע צו זוכע־נישן און טראַכטענישן וועגן די קוואלן וואָס פון זיי שלאָגט ארוים אלץ וואָס זעטיקט און שטילט די ליידנשאפטן, און אלץ וואָס, ווי דער האַריזאָנט, פירט, פארפירט און דערפירט צו דער אומענדלעכקייט מיט אלע סודות און רמזים, נסתרים און התגלותן". *)

דאָס ליד „דעמערונג" איז א געזאַנג צו „א שיינער, שעמעוודיקער פרוי". פון דאָזיקן געזאַנג דערוויסן מיר זיך, אז דער בליק איז פאַר אים בליציק־שנעל געוואָרן

דער אויגנבליק, אויף וועלכן כיהאָב לעבן לאַנג געוואַרט
איז איצט מיט מיר, און מיר איז גוט אַזוי, איז גוט אַזוי.

ערשט איצט ווערט דעם דיכטער קלאָר צום ערשטן מאָל, אז אין אים איז א חלום אויפגעגאַנגען

געלייטערט, העל און פיינלעך וואָר...

ערשט איצט האָט ער דערפילט

וויפיל איך האָב געהונגערט און געגאַרט,
אין ציטערדיקער בענקעניש געוואַרט...
וויפיל איך האָב פאַרשפילט...
ערשט איצט דערפילט, אַז דער אויגנבליק איז — אַלץ

ווען די אייביקייט, וואָס שליסט איין און איז אַליין אויך איינגעשלאָסן אינעם „אַלץ" טוט זיך א שפיגל אָפּ אין איין אויגנבליק, דעמאָלט ווערט מען

*) פון מיין בוך „אינטעליגענט, קונסט און קינסטלער", געדרוקט אין וואַרשע אין 1931.

אויגנבליקלעך, און אַמאָל אויף אַלעמאָל, דורכגענומען פון רעליגיעזיטעט־גע־פילן. ראָמאַנטיש אָטעמדיקע רעליגיעזיטעט און רעליגיעז זינגעוודיקע ראָמאַנטיק קלינגט אַרויס פון אַזעלכע שורות פון ליד ווי:

אַון ווי די גראָז, אין טיפער נאַכט פון טוי באַטרונקען, בויגט
זיך צו דער ערד,
אַזוי בויג איך זיך אויף מיינע קני און פאַל צו דיינע פיס;
און איך אויף וועמענס ליפּ סיהאָט לאַנג קיין תפילה ניט געגליט,
וואָס האָב ביים שוועל פון טעמפּלען הייליקע נאָך קיינמאָל
ניט געקניט —
ווי גאָטלאָז זינדיק איך בין דאָס געווען.

און נאָך מיט מער פּאַטאָס חזרט איבער דער דיכטער אין דער לעצטער שורה:

ווי זינדיק איך בין דאָס געווען!

דער דיכטער דערפילט דאָ די ראָמאַנטישע ליבע ווי אַ געבאָט וואָס אויף אים עובר צו זיין איז אַ זינד.

דער ראַזיקער דערפילל, וואָס פאַרטיפט די נשמה און באַרייכערט גייסטיק דעם גאַנצן מענטשלעכן וועזן, האָט גורם געווען דעם איינשלוס פון אַלץ אין איין און איינציקן בליק. דאָס איז דער פאַרבאָרגענער מיסטעריעזער כח, וואָס ליגט אין די ראָמאַנטיש־רעליגיעזע און רעליגיעז־ראָמאַנטישע אָנרעגונגען און איבערלע־בונגען. איין קדושה דערפילנדיקע רגע, אַן אַרויסגערופענע פון סובלימירנדיקע געשעענישן אין לויפנדיקן שטראָם פון מענטשלעכן דאָ־זיין, באַהעפט אים אין זיין כח־הדמיון מיט דעם אַל־זיין פון דער דויערנדיקער אייביקייט.

די קליינינקע רגע איז גובר די יאָרן,
זי רייסט זיך אַדורך דורכן תהום פון זכרון.

זי קומט מיט איר שאַרף און רירט דיך אָן
אַ פיבערנדיקע ווי אַ קאָמערטאָן.

(ה. לייוויק: אַ בלאַט
אויף אַן עפּלבוים)

אין אַזעלכע פיבערנדיקע רגעס געפינט אַן אָפּקלאַנג אין דער נשמה דער רוף אין די שורות פון „דאָס געטלעכע ליד": *)

פאַרייגן דיך אין מ י ר
מיט גאָר דיין געמיט דורך אמונה,

*) פון „בהאגאוואַד־גיטאַ", איבערזעצט פון אבא קליגער.

װיליאַם נאַטאַנסאָן

דורך דבקות און דערהויבענע מחשבות
און שטרעק דיך אַ דורשטיקער, אַ פּאַרבענקטער
צו מיין תחיהדיקער קוואַליקייט
צו מיין דורכזיכטיקער לויטערקייט,
צו מיין שטראַליקער אַלהעכסטער קדושה.

דער דאָזיקער רוף האָט דיכטעריש אַרויסגעקלונגען נאָך מיט קנאַפּע דריי טויזנט יאָר צוריק. ער װערט אויך היינט דערהערט און באַנומען פון מיליאָנען אויערן, הערצער און נשמות, אין פאַרשיידענע װערטער און אַנדערש־אויסגע־שטעלטע שורות קלינגט עס אַרויס פון ה. רויזענבלאַטס דיכטונג. אַנדערש װאָלט ער אַליין ניט געקאָנט און װאָלט אונדז ניט געקענט מאַכן מיטפילן מיט זיין גע־פיל פון דעם „אַלץ אין איין אויגנבליק". דער רוף צו פאַראייניגען זיך מיט דער אייביקייט און איבער איר שװעבנדיקער געטלעכקייט פילט אָן מיט קלאַנגען פון הייליקייט די װינקעלעך פון זיין אויסגעבענקטער חלום־װעלט.

װאָס מער מען זאַפּט אַריין אין זיך און װאָס מער אײנטים מען װערט מיט ה. רויזענבלאַטס אויסגעבענקטער חלום־װעלט, אַלץ טיפער די עקזאַלטירטקייט װאָס עס רופן אַרויס אין אונדזער גאַנצן רוחניותדיקן מהות די װיברירונגען און רעזאָנאַנצן פון די געזאַנגען צו דער אייביקייט, צום אין־סוף, אין װעלכן דאָס לעבן אויף דער װעלט לייזט זיך אויף. דער אין־סוף איז די אייביקייט, װאָס נאָר אין איר באַקומט דעם מין מענטשנס קורצער לעבן אויף דעם ערדישן טאָל פון װעלט־אַל אַ זין און אַ װערט. נאָר אין דער באַלייכטונג פון נצחיות, פון דער סוב ספּעציע עטערניטאַטיס קאָן דער מענטש, אַזוי לערנט אונדז שפּינאָזא, דערפילן אָט די זעליקייט, אָט די גאָט בענטשונג, װאָס שטראָמט אַריין אין דער נשמה אַ גליקזעליקייט, װאָס רייסט אַרויס דעם מענטשן אין יענע רגעס פון אַלע שרעקן און אנגסטן, אין װעלכע עס האַלטן אים געפּלעפּט די צייטװיייליקע גע־שעענישן אַרום אים און אין אים. דער אויפבליץ פון אייביקייט אין די פאַר־באָרגנסטע קעמערלעך פון מענטשלעך־גייסטיקן מהות װישט אָפּ די גרעניצן צװישן אָנהויב און סוף, צייט און שטח, זיין און ניט־זיין. אין דער װיזיע פון דער אייביקייט דערפילט זיך די באַהעפטונג מיט דער געטלעכקייט, עס װערט איינגעשטילט „די מורא פאַר בייז און שלעכטס, אפילו װען עס דערטראָגן זיך צו זיין פאַנטאַזיע די טריט פון זיין גיין אין טויטן טאָל". „אין דער צעשטראַלט־קייט פון אין־סוף פאַרשװינדט די פינצטערניש פון דעם „גיא צלמות". דערפאַר בעט זיך ה. לייװיק ביי דער „לעצטקייט" זי זאָל אָנצינדן פאַר אים אירע צװי־בער־פלאַמען פון יענער זייט טויער, װען ער איז נאָך אויף דער זייט טויער.

נעם מיך און טראָג מיך אַריבער
צו דיר — איבערן טויער —

צו דיין געטלעכער פריהייט, לעצטקייט.

כיוועל זיך טראָגן איבער גאָר דיין רחבות,
לעצטקייט.
כיוועל זינגען אויפסניי
דאָס געזאַנג פון די אָנהייבן,
לעצטקייט.

ה. לייוויק: „רוף מיך, לעצטקייט"

זעאונג און דערפיל פון אָנהויב און לעצטקייט קומען אויף פון די גרונטן פון קאָסמישע קלערונגען און פאַנטאַזיעס, ווען מען פאַרטיפט זיך אין מענטשנס טראַגיש־קאָמעדיאַלן שיקזאַל, וואָס לויכט אויף פון די שורות פון רויזענבלאַטס ראָמאַנטיש־אידיליש ליד, „צוויי אַלטיטשקע־אַלטיטשקע אַלטע".

— 4 —

די ראָמאַנטיק קען אַמאָל קומען צום דיכטערישן אויסדרוק דורך דער שיינקייט און טיפקייט וואָס די גאָלדן־האָריקע פּרינצעסין־אידיליע פאַרמאָגט אין זיך.

די שיינקייט און טיפקייט פון אידיליע ליגט אין דער ראָמאַנטישער ליבע, ווען זי ווערט געלייטערט און געזאַפּטיקט פון פריינדשאַפט. זי שלאָגט אויך אירע וואָרצלען אין דער אָרגאַנישער צונויפגעבונדנקייט און שיקזאַלישער אינאיינעמקייט, וואָס לאָזט אַריינשטראַלן אין דויער, אין דעם אין־סופיקן המשך — די צוקונפטיקע דורות.

אין אידילישן ליד „אַלטיטשקע" אין בוך „אין שענסטן טאָג פון האַרבסט", ווערן באַזונגען „צוויי אַלטיטשקע־ אַלטיטשקע אַלטע", וואָס פאַרמאָגן קינדיש־פאַרחלומטע אויגן און זעען אויס ווי ווערבעס אין רעגן געבויגן. אַ דיכטער וואָס כאַפּט אויף אין האַרבסט די שענסטע טעג, קען אויך זען שיינקייט אין ווערבעס פון רעגן־געבויגענע. ער קען דערפאַר אויך זען אַ פאַרגלייך פון עלטער־געבויגענע מענטשן מיט טייבעלעך און שבת־ליכט.

די צוויי אַלטיטשקע־אַלטיטשקע אַלטע זעען אויס צו אים ווי צוויי גרייז־גרויע טייבעלעך־מענטשן וואָס ווי די שבת־ליכט שפּעט נאָכן בענטשן, פינטלען זיי און שמייכלען זיך איבער.

די צוויי אַלטיטשקע־אַלטע ווערן אויך סימבאָליזירט דורך

צוויי זילבערנע לייכטער, צוויי ליכטלעך,
צוויי כשרע פלאַמען,

צוויי ליכטלעך צווײ וואַרעמע קנייטלעך,
זיי שימערירן הײמלעך צוזאַמען.

אינאײנעם בליצן זיי און טרערן אַרײַן אין פאַרחלבטע רערן. זיי היטן זיך אײנער דעם צווייטן און זיי ביידע טראַכטן אָפּט: „ווי לאַנג קען דאָס פלאַמען געווערן". און מחמת זיי האָבן אַ לעבן־לאַנג געפלאַמט און געפלעמלט צוזאַמען, איז די מחשבה און וויזיע וועגן אַנקומענדיקן אויסלעשן פון לעבנס־ברען, גורם יעדן אײנעם פון זיי פאַר זיך אַלײן אין די פאַרבאָרגענישן פון זײערע נשמות צו פרעגן און וואונדערן זיך: ווער וועט פריער אויסגעלאָשן ווערן?

צוויי סודותדיק שטילע געדאַנקען:
אַ וואָסערער וועט פריער פאַרגײן דאָ?
און אַ וואָסערער וועט בלײבן נאָכן צאַנקען?

צוויי סודותדיק שטילע געדאַנקען, דיכטעריש אויסגעדריקט, רודערן אויף אין לייענער רעיונות און חזיונות וועגן לעבן און טויט בכלל און וועגן דעם אַלײנלעבן נאָך אַ לאַנגיאָריקן אינאײנעם־לעבן. זיי ציען שוין אויך אַרײַן אין זיך גריבלענישן וועגן זינען און תכלית פון צייטווייליקן לעבן, פון דעם צײט־און־שטחדיקן זײַן אין אַ וועלט, וואָס איז אָפּהענגיק פון ערדישקייט, פון שטויב, וואָס איז דער יסוד און סוף פון מענטש, די געפילן פון דער אויף־אײביקער צעשיידקייט און פון דעם אומעט און דער בענקעניש, וואָס דאָס אַלײן בלײַבן אין גורם, דערמאָנען אָן די שורות פון זעלביקן דיכטער אין זײַן בוך „אָדמס קינדער". אין זיי נעמען מיר אויף די טרויער און אײנזאַמקייט געפילן, וואָס האָבן באַהערשט דעם אַלטן־אַלטיטשקן אברהמען פון חומש — דעם ערשטן פון אונדזערע אבות — ווען ער האָט זײַן טויטן, זײַן ווײַב שרה באַגראָבן אין מכפלה הייל, און זיך אומגעקערט, אין טיפן טרויער אָן אײנגעבויגענער, צו זײַן געצעלט.

און נאָכט אויף נאָכט האָט זיך אברהם אַ טריבער אײַנגעהערט
צום זיפצן פון דעם גראָז אין פעלד פאַר שרהס הייל;
צום שטילן קלאַנג פון די בײמער און דעם ווינט;
צום טרויער פון זײַן אײגן האַרץ, וואָס שפינט
דעם גרויען פאָדעם פון זײַן לעצטער שעה;
און צו דער אײנזאַמקייט, וואָס האָט צו אים גערעדט
אין אים דערמאָנט, אַז שרה איז נישטאָ.

די דאָזיקע שורות באַהעפטן זיך אין אונדזער געדאַנק מיט די דיכטערישע שורות אין זעלביקן בוך, וואָס זינגען אַרויס די געפילן פון דער אײנזאַמקייט און בענקעניש, וואָס אונדזער מוטער רחלס טויט האָט אַרויסגערופן אין יעקבן, דעם דריטן פון די גאָט אויסדערוויילטע אבות.

און יעקב האָט באַגראָבן רחלן אויפן מיטן וועג,
און אויף איר קבר אַ מצבה געשטעלט,
און ער איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעצויגן פון דעם אָרט,
און האָט אין מגדל־עדר אויפגעשלאָגן זיין געצעלט.

אין דאָזיקן נייעם געצעלט שלאָגן אויף פאַר יעקבן אין דער אַליינקייט טי־פע צער־געפילן און קאָסמיש־אַרומנעמענדיקע וויזיעס:

אין אָוונט ווען די זון האָט זיך פאַרבאָרגן אין די בערג,
און די לבנה איז אַרויסגעשוואומען צו באַגעגענען די נאַכט,
האָט יעקב אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען,
ווי רחלס טרויער בלאָנדזשעט אין דער וועלט,
ווי די נשמה זיינע, אויף די פעלדער פון בית לחם בלאָנדזשעט אום
אַ שאָטן — צווישן רחלס קבר און זיין איינזאַם געצעלט.

די דאָזיקע אַלע שורות, ווען זיי שטעלן זיך אוים איינע נאָך דער אַנדערער און ווערן אויף איינמאַל איינגעאָטעמט, וואַרפן אַריין די נשמה און דעם גייסט אין די קהלת־שטימונגען, וואָס האָבן אים געפירט צו דער דיכטעריש־פילאָסאָפי־שער דעקלאַראַציע:

הכל הבל הבלים.

נישטיקייטן פון נישטיקייטן, זאָגט קהלת,
נישטיקייטן פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט.
וואָס פאַר אַ נוץ האָט דער מענטש פון זיין גאַנצער מי
וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון.

פון דער פאַרזונקנקייט אין טרויער געפילן און הבל־הבלימדיקע שטימונ־גען, אין וועלכע מיר ווערן אַריינגעשליידערט אויף געוויסע מאָמענטן פון רויזענבלאַטס געזאַנגען, וואָס דריקן אוים אברהמס און יעקבס שווערע איבער־לעבונגען, וואָס קומען צו זיי פון שרהס און רחלס אַוועקגיין אין טאָל פון פינצטערניש, — הייבן אונדז אַרוים די טיף פילאָסאָפיש־רעליגיעזע ווערטער וואָס ה. לייוויק לאָזט דעם זעלביקן זקן אברהמען זאָגן צו זיין זון יצחק:

דאָס זאָגט דיר איצט דיין אַלטער פאָטער,
און דו פאַרנעם אָן כעס זיינע ווערטער.
איך לייג צו דיינע פיס אַוועק מיין טיפע זקנה.
און וויפל פחד פון נסיון דו האָסט ניט פאַרזוכט שוין,
באַדאַרף עס זיין ניט מער ווי אַ צוגרייטונג
פאַר נאָך נסיונות אין די שפּעטערדיקע טעג.

ווילי אַם נאַטאַנסאָן

און ווען יצחק איז שרעק טוט אַ פרעג:

פאַר נאָך עקידות?

לאָזט אברהם מיט אַ פּראָפעטיש־פילאָסאָפישער אַנטשלאָסנקייט און רואי־קייט פאַלן ווערטער וואָס קריצן זיך איין אין זכרון. זיי לייגן אויס פאַר אונדז אַ פילאָסאָפיש־רעליגיעזן באַנעם, וואָס לאָזט אונדז דערפילן אַ טאָטאַלע איינ־געשלאָסנקייט אין אַ קאָסמיש־האַרמאָנישער כוונה־און השגחהדיקער אייביקייט.

אין דער אייביקייט קלינגט אַריין אברהמס ענטפער צו יצחקן:

יאָ, פאַר נאָך עקידות,
דאַרפסט זיין גרייט, מיין זון, אַן אויסדערוויילטער ביסטו,
גאָטס ברכה רוט אויף דיר, זאָלסט וויסן זיין.
און נאָך מער זאָלסטו וויסן, אַז דער חסד פון באַשאַף
איז אויך אין טויט פאַראַן. ווייל טויט אַליין
איז גאָטס יצירה.

די וועלט־אַנשויאונג און דער קאָסמישער באַנעם, וואָס לויכט אַרויס פון אברהמס ווערטער צו יצחקן, טרייבט פאַנאַנדער ווי אַ שטאַרקער ווינט די וואָלקנס פון די הימלען, צו וועלכע עס דערטראָגן זיך די געזאַנגען פון טרויער און בענקעניש, וואָס קלינגען אַרויס פון די דיכטעריש־געשטאַלטעטע צוויי אַלטיטשקע אַלטע ווי אויך פון די איבערגעשטאַלטעטע אבות אברהם און יעקב.

די צוויי סודותדיקע געדאַנקען:
אַ וואָסערס וועט פריער פאַרגיין דאָ?
און וואָסערס וועט בלייבן נאָכן צאַנקען?!

דאָס בלענדלען פון צוויי רויִקע פלעמלעך פון די פאַרטריפטע צוויי רערן; דאָס דרימלען פון צוויי אַלטיטשקע־אַלטיטשקע אַלטע אין שיין פון לבנה און שטערן; די געבויגענע ווערבעס און די קינדיש־פאַרחלומטע אויגן, וואָס אויף אַ מאָמענט דערציטערן אונדז מיט אַ דערשפירעוודיקייט פון אַראָפּלאָז אין טויטן טאָל, הייבן אָן אין דערזעלביקער צייט אַריינטריפן די גליקזעליקייט, וואָס פירט צו אַ געמיט־אויפשטייג אין די הימלען אַריין. די דאָזיקע נשמה־שפּאַנונג פירט צו אַן איבערלעבונג פון דער סטאָאישקייט פון דעם לא אירא רע פון דעם ניט שרעקן זיך פאַר קיין בייז, ממילא אויך ניט פאַרן אָנקום פון סוף, וואָס לייזט זיך אויף אין אַ פילזיניקן אין־סוף, אַזאַ אויפלייזונג טראָגט אין זיך כוונה און גנאָד פאַר דער אַלגעטלעכער יצירה.

דאָס גאַנצע ליד, און שוין דער נאָמען גופא, אַלטיטשקע־אַלטיטשקע אַלטע, וויקלען אַריין אין די פאַלדן פון מיסטעריע, און באַהערשן מיט רעליגיעז־

פרומע שטימונגען. זיי סובלימירן דעם טרויער, אין זיין סובלימירטקייט לייטערט ער און דערהויבט די מענטשלעכע נשמה.

די צוויי גרייז־גרויע טייבעלעך־מענטשן — די צוויי אַלטיטשקע־אַלטיטשקע אַלטע, וואָס ווי שבת ליכט שפּעט נאָכן בענטשן פינטלען און שמייכלען זיך איבער; זייערע אויגן וואָס ווי צוויי ליכטלעך, צוויי וואַרעמע קנויטלעך שימערן היימלעך צוזאַמען און בליצלען און טרערן אינאיינעם אַריין אין פאַרחבלטע רערן; — דאָס גאַנצע בילד בליצט אויף אין זכרון די שבת פאַרנאַכטיקע תפילה פון גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב, וואָס די באָבעס און עלטער באָבעס האָבן פרום הכנעהדיק געשעפּטשעט מיט זייערע ליפּן. הרף־עינדיק ווערט מען אַליין אַריינגעפלעמלט אין פייער פון דער אייביקייט, וואָס פון איר ציען זיך שטראַלן פון דויער, אין וועלכן עס גיסן זיך צונויף דער אַמאָל, דער איצט און דער ווייטער אין איין אומאיבערגעריסענעם אייביקן היינט. טרויער ווערט אַזוי אַרום, דורך טיפער סימבאָלישער דיכטערישקייט, פאַרוואַנדלט אין זעליקער פרייד פון וויזיע און חלום. אין דער דאָזיקער טראַנספאָרמאַציע ווערן אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן אידיליע און ראָמאַנטיק, דאָס אידילישע ווערט ראָמאַנטיש און דאָס ראָמאַנטישע אידיליזירט זיך.

— 5 —

„גרענד־פּא טימאָטהי מעק׳גי" איז אַ ליד, וואָס פון אים ליכטיקט אַרויס אַ געזונטער, טיפער רעאַליזם, פון וועלכן עס פליסן קוואַלן פון ראָמאַנטיזם און אידיליע, און וואָס דערוועקט גרויס ליבע און יראת הכבוד צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אין אירע טיפסטע שייכותן צו מענטש, וועלט און אייביקייט, דאָס איז אַ ליכטיק ליד אין דיכטערס ווערק „מיין ליכטיקע נסיעה".

אין טימאָטהי מעק׳גיס לעבנס־שאַפן, וואָס דער דיכטער מאָלט אויף אַ העכסט רעאַליסטישן אופן, שפּילט זיך אָפּ דאָס טראַגיש־קאָמישע און קאָמיש־טראַגישע, וואָס איז פאַרשיידענע וואַריִרונגען און ניואַנסן, פילט אויס דאָס לעבן פון יעדן מענטשן אין גאַנג פון דער וועלט.

מיר באַקענען זיך צום ערשטן מאָל מיט „גרענד־פּא" טימאָטהי מעק׳גי אין אַ זומער שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען אַ מידער, אַ פאַרחלומטער זיצט „גרענד־פּא":

„אין שאָטן פון דעם אַלטן עפּלבוים, וואָס שפּרייט
די צווייגן זיינע ביז צום פאָרט־הויז־שוועל".

לעבן זיינע פיס דרימלט אַן אויסגעשטרעקטער

„דער שוואַרצער, קודלוואַטער „ראָווערס" זיין געטרייער הונט.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

די אָפּגעבליאַקעוועטע ביבל ליגט אָן אָפּענע אויף זיינע קני
העט ווינט דער מילדער מישט די בלעטער, די פֿאַרגעלטע, שלאַבעריק
און פֿויל.

האָ, מיר איז „גרענד־פאַ" טימאָטהי מעקיגי.
„גרענד־פאַ" טימאָטהי מעקיגי".

מיר דערוויסן זיך, אַז דאָזיקער מידער, פֿאַרחלומטער „גרענד־פאַ" איז אַ יונגער, אַ פֿרישער און האָפֿערדיקער געקומען אַהער מיט פֿיר און פֿופֿציק יאָר צוריק.

"פֿאַר זיין טרייען דינסט צום לאַנד האָט די מלוכה אים
געשאָנקען
אַ גרויסן שטח מדבר־ערד,
אַ מעלקנדיקע קו, אַן אַקער־אייזן און אַ האָראַפּאַשנעם פֿערד.
אַליין האָט ער אין מדבר־לאַנד דעם ערשטן „האָמסטעד" אויפֿגעבויט,
דעם שטיינערדיקן באָדן אויפֿגעאַקערט און פֿאַרזייט. דאָס
ערשטע ברויט...
דעם ערשטן ברונעם אויסגעגראָבן און
דערגרונטעוועט דעם ערשטן וואַסער קוואַל".

שיין און רירנד איז דאָס געזאַנג פֿון דיכטער וועגן דער פֿרייד, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון טימאָטהי מעק'גי, בעת דאָס בלויע וואַסער האָט אין ליכט פֿון ווייסן טאָג אַ שטראָם געטאָן אויפֿן ברונען־גרונט. אַ פֿרייד נעמט אויך דורך מעק'גין בעת דאָס ערשטע קעלבעלע ווערט געבוירן, און בעת די קוואָקע ברוט אויס די ערשטע הינדעלעך. די טיפֿסטע פֿרייד אָבער שפּרודלט פֿון טימאָטהי מעק'גי

„בשעת דער עפּלבוים, וואָס שאָטנט איצט זיין אַלטע הויז,
האָט אין אַ שיינעם העלן פֿרילינג־טאָג זיך צעבליט.
אַ ליכטיקער אַז ישיר, אַ געזאַנג צו פֿראַצע, האָפֿנונג און מי"

דער דאָזיקער געזאַנג קלינגט מיט דער שיינקייט און הייליקייט, מיטן גליק און גליקזעליקייט וואָס ליגט פֿאַרבאָרגן אין מענטשלעכער יגיעת כפּים. אינעם פֿאַל פֿון „גרענד־פאַ" מעק'גי איז עס ערד אַרבעט. דאָס איז די אַרבעט וואָס ברענגט דעם מענטשן אין נאָענטן באַריר מיט דער נאַטור. דער געזאַנג אָבער רעגט אויך אָן געדאַנקען וועגן דער מעגלעכקייט, אַז ווען עס איז וועט יעדע מענטשלעכע אַרבעט באַגלייט ווערן מיט ליבשאַפֿט און הנאה, מיט מאָטיוון און אָנרעגונגען, וואָס וועלן באַהויכט ווערן פֿון וויזיע און אינספּיראַציע. די קללה בזעת אפּיך תאכל לחם — מיט מאַטערנישן זאָלסטו זיך נערן אַלע טעג פֿון דיין לעבן — וועט דעמאָלט ווערן אַ ברכה. אַרבעט וועט באַדייטן אינספּירירטע

אַנשטרענגונגען צו פאַרוואַנדלען מענטשלעכע ענערגיע אין פרייד־פאַרשאַפנדיקע פּראָדוקטן און אין גייסטרסטימולירנדיקע און נשמה־פאַרטיפנדיקע דערשיינונגען. פּראַצע, מי און האָפענונג וועלן שטאַרקן די הענט און דעם גייסט פון אַרבעטער. פון דער שירה צו מעק׳גים איבערגעבנקייט צו ערד־אַרבעט קלינגט אויך אַרויס די פרייד וואָס מעק׳גי שעפּט פון זיין פאַרבונדנקייט מיטן קלייניקן שטיקל ערד אונטער אַ קליינינקן הימל־אויסשפּרייט. דאָזיקן שטיקל ערד און הימל האָט מעק׳־גי געווידמעט זיין גאַנץ לעבן, און ווי זיין אייגן לעבן איז עס אים טייער גע־וואָרן. דער ליכטיקער אָז ישיר צו דער צעבליאונג פון עפּל בוים באַהערשט אונדז אַליין מיט דער גאַרעניש צו באַהעפטן זיך מיטן הימל און דער ערד און אַלע אירע שפּראָצונגען. מיר דערפילן אַ טיפן זין אין ערד־אַרבעט, און מיר ווערן דורכגענומען מיט גרויסן יראת-הכבוד פאַר די, וואָס שיקזאַל און געזעלשאַפט־לעכער איינשטעל האָט זיי איינגעשלאָסן אין קרייז פון אַרבעטער, נאָענט צו, אָדער אוועק פון דער ערד.

נאָך זיבן יאָר פון שווערער, אָבער דערפאָלגרייכער פּראַצע אויף זיין „האָמ־סטעד", וואָס איז אים מיט יעדן יאָר געוואָרן ליבער און טייערער, דערפילט טימאָטהי מעק׳גי דעם לא טוב פון היות האָדם לבדו — עס איז ניט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין. — — — אויף זיין פאַרמער לשון האָט עס געהייסן: „אַ פאַרמער קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ ווייב!" ער באַשליסט „צו נעמען זיך אַ ווייב אויפן אַלטן, פאַרצייטיקן שטייגער. און איינמאָל אין אַ שיינעם טאָג איז ער געקומען אין שטאָט אריין, און

„אין שטאָט האָט טימאָטהי געקויפט אַ גאָלדענעם קידושין-רינג
און חתונה געהאַט מיט סאַלי רוני, זיינס אַ גליד־גליד שוועסטער־קינד".

סאַלי רוני האָט שוין פונעם ערשטן טאָג זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַ געראָטענע.

„נאָך פרישטיק האָט זי אויסגעטאָן איר כלה־שלייער און דעם קראַנץ,
צעוואַשן דאָס געשיר, דעם אויוון איינגעהייצט און אויסגעמאָלקן
אַ ל ע קי"

די שווערע פאַרם אַרבעט אין הויז און אַרום איז אָבער ניט געווען אין וועג דער שיינער, געזונטער און געראָטענער סאַלי רוני צו ווערן די מאַמע פון אַ היפשער צאָל שטאַרקע און וואוילע קינדער — — ייִנגלעך און מיידלעך. דאָס איז זייער צום האַרצן געווען דעם דאָרפסמאַן טימאָטהי מעק׳גי. די ליבשאַפט צום פאַרם און די ליבשאַפט צום ווייב און קינדער האָט אָנגעפילט מיט שמחה און חדוה דעם גאַנצן וועזן פון טימאָטהי מעק׳גי.

„צום יאָר האָט סאַלי אין אַ מזלדיקער שעה געבוירן איט אַ זון.
אָ, גאָט! די שמחה בעת ער האָט צום ערשטן מאָל דאָס יאַטל זיינס

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אַ הייב געטאָן אויף זיינע זון־פאַרברוינטע האָרעפּאַשנע הענט
אַנטקעגן פּענצטער, ווען דער פרישער אינדערפרי
האָט אויף די טוי־באַשפּריצטע שויבן רויט און גאָלדיק זיך
צעברעוט: —

אָ, סאַלי, סאַלי! פונקט צוויי טראָפּן וואַסער ווי דו!.....
איך וואָלט דאָך אים אַזוי־אָ צווישן טויזנט אַנדערע דערקענט!
אַז סאַלי האָט געזען ווי אים געפעלט — — —
האָט זי אים יאָר נאָך יאָר געהאַט אַ קינד:
זעקס טעכטער, זיבן זין, און אַלע, קיין עין הרע געראָטענע
ווי זי."

סאַלי רוני באַווייזט אָבער נאָר עפּעס מער ווי בלויז פרויאישע בריהשאַפט. זי צייגט אַרויס עפּעס וויכטיקערעס און העכערעס אין איר פרויען ספערע. זי באַווייזט עפּעס אַזעלכס, וואָס ניט אַלע פרויען איז עס געגעבן געוואָרן צו קאָנען באַווייזן. סאַלי איז באַשאָנקען געוואָרן מיט דער זעלטענער גייסטיקער פעיקייט צו קאָנען וועקן ראָמאַנטישע געפילן אין מאַן. פונעם ערשטן טאָג פון איר חתונה ביז צו דער לעצטער מינוט פון טימאָטהיס לעבן איז סאַלי רוני געווען פאַר אים ניט נאָר ווייב, נאָר אויך די, וואָס האָט ווי דער צעבליטער עפּלבוים געוועקט געפילן אין אים, וואָס האָבן געהאַלטן וואַך די דאָרפישע ראָמאַנטיק, זי ניט געלאָזט זי זאָל פאַרשאָטנט ווערן און אינגאַנצן אויפגעלייזט ווערן אין אַ געצערטלטער אידיליע.

די אויסדרוקן ראָמאַנטיזם און אידיליע זענען נאַטירלעך דעם פּרימיטיוון דאָרפישן מעק׳גין — ווי אַ סך אַנדערע אַפילו שטאָטישע מענטשן — ניט געווען באַקאַנט. די אייגנאַרטיקע ריטעמס אָבער פון ראָמאַנטיק און אידיליע, די ספּעציפישע ראָמאַנטישע ווי די אומפאַרגלייכלעכע אידילישע פולסירונגען, געפילן און איבערלעבונגען — זענען דאָך, ווי דאָס לעבן גופא, געקומען צום מענטשן אין זיין פריעסטער פרימיטיווקייט; איינצייטיק אייגנטלעך מיט זיין ווערן, ווי עס זאָגט זיך אין חומש, אַ לעבעדיקער נפש. האָט דאָך גאָט אַליין פריער „באַשאַפן און געפורעמט אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פויגלען פון הימל, און דערנאָך ערשט געבראַכט זיי צו דעם מענטשן צו זען וואָס ער וועט זיי רופן, און וואָס נאָר דער מענטש וועט רופן איטלעך לעבעדיק באַשעפעניש, דאָס זאָל זיין איר נאָמען”. און דער כלל פון דעמאָלט אָן איז: אינעם אומענדלעכן פּראָצעס פון לעבנס־שעפערישקייט און לעבנס־אַנטוויקלונג קומט פריער דאָס פילן און איבערלעבן; ערשט נאָכדעם די דערקענטעניש און די קענטשאַפט; פריער, טאַט און נאָכדעם דאָס וואָרט. די דערקענטעניש און וואָרט־געשטאַלטונג קומט נאָכדעם ווי די לעבנס פּראָצעסן און געשעענישן ווערן געאַנט און באַנומען פון די חושים און געפילן, וואָס אין זיי רינט דאָס בלוט פון לעבן.

קולטור קוואַלן

אויך אונדזער „גרענד־פּא" טימאָטהי מעק'גי איז מיט לייב און זעל וואַך געווען צום וואונדער פון ראָמאַנטיק, וועלכן ער האָט געלאָזט שוועבן איבער און אויך ביינאַנד מיט אידיליע, הגם, ער האָט נישט געוואוסט דעם פּרוש פון די ווערטער „ראָמאַנטיק" און „אידיליע".

שיין קלינגען ה. רויזענבלאַטס שורות וועגן גרענד־פּא'ס ראָמאַנטיק

„ביים בלויען שאַרירן פון דעם יונגן טאָג, האָט טימאָטהי מעקיגי
באַמערקט
אַז סאַליס צעפּ פאַרמאָגן זאַנגען גאָלד, די אויגן־שטערן גליי".

דאָזיקער גלי האָט אָנגעהאַלטן אין גאַנצן לויף פון זייער אינאיינעם לעבן. דורך דעם דאָזיקן גלי אין אירע אויגן, האָט זי זיך אויך נאָך איר טויט אָריינגע־קריצט אין זיין זכרון אַזוי, אַז ער האָט געקאָנט זי אידיליזירן און וועגן איר ראָמאַנטיזירן ביז צום סוף פון זיין לעבן.

שוין לאַנג נאָך דעם ווי טימאָטהי מעק'גי האָט אין אַ געוויסן אינדער־פרי:

„געפּונען סאַלין, מיט אַ מילציק־בלויען פּנים, אויסגעדרייט
צום וואַנט
און אויפן האַרצן, ווי בלייענע, געלעגן איז אין קראַמף איר
רעכטע האַנט"

זעט ער:

„דאָס גאָלד פון סאַליס צעפּ . . .
זיך וויגן אויף די רייפע זאַנגען פונעם פעלד,
די בלויקייט פון די אויגן אירע — אין די שטערן נאַכט
נאָך נאַכט!"

אַזוי אַרום איז סאַלי געבליבן אויך נאָך איר טויט, און אַזוי לאַנג ווי טי־מאָטהי האָט געלעבט — זיין באַגלייטערין, דער עוזר כנגדו צו זיין נשמה און גייסט. און ווען עס איז קלאָר געוואָרן פאַר טימאָטהי מעק'גי אַז אַ פאַרם דאַרף האָבן אַ באַלעבאָסטע, האָט ער פון דער שטאָט געבראַכט אַ הויז־פרוי אַ שוואַר־צע „מעמי".

די זעלביקע שטאָט אָבער האָט אויף זיין איצטיקן באַזוך פּלוצלונג אַ דור־נער און אַ מבול געטאָן אויף אים מיט געשעענישן, איינע טרויעריקער פאַר דער אַנדערער. די דאָזיקע אומדערוואַרטעטע פאַר מעק'גין, ממש רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, האָבן ווי אַ בליץ דורכגעשניטן די שטאָט. מעק'גי נעמט אויף די דאָ־זיקע פּלוצלונגע פּאַרקומענישן אויף אַ זייער פיינלעכן אופן. וואָס פאַר אַנדערע

האָט אויסגעזען אָדער ווי א קאָמעדיע פון א גרעסערן אָדער קלענערן פארנעם, אָדער גאָר ווי א ברכה, האָט ער — — דער „גרענד־פאָ" טימאָטהי מעק'גי דערפילט ווי א טראַגעדיע, אָדער ווי א קללה.

אינעם טראַגישן קאַמף קעגן דער פּלוצלונג אויסגעבראָכענער רעוואָלוציע, וואָס האָט באַטייט אַן איבערברוך אין גאַנצן גאַנג און שטייגער פון דאָרפישן לעבן, לויכט אויף פאַר אונדז די גייסטיקע שטאַטור פון מעק'גין אין זיין קעגנשטעלן זיך דעם שטראָם, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט אימפּעט און דראָונג פון פאַרפלייצונג, עס אַנטפּלעקט זיך צו אונדז די נשמה־טיפקייט און כאַראַקטער־שטאַרקייט פון דיכטערס העלד „גרענד־פאָ" טימאָטהי מעק'גי.

פון דער זעלביקער שטאָט, וואָס מעק'גי האָט מיט זיבן און פערציק יאָר צוריק געבראַכט זיין סאַלי רוני און איצט זיין הויז־פרוי „מעמי", האָט ער אויך געבראַכט די נייעס, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ געפאַר פאַר דעם, צו וואָס ער האָט מיט פיר און פופציק יאָר צוריק זיך איבערגעגעבן בלב ונפש, דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען ער האָט מיט יוגנט־קראַפט און ליבטיקע האָפענונגען דאָס שטיקל מדבר לאַנד באַטראָטן.

דאָס מדבר לאַנד, וואָס ער האָט צעאַקערט, באַוואַסערט און באַפרוכפּערט האָט אים מיט יעדן יאָר אַלץ מער און מער אָנגעפילט מיט נשמה־לויטערקייט און גייסט דערהויבונג. דאָס איז אַ לויטערקייט און דערהויבונג וואָס גייט לעצטנס אונטערן נאָמען קולטור, און וואָס ווערט אין דאַזיקער פּאָעמע סימבאָליזירט דורך „דאָרף". די נייעס וואָס האָט זיך דערטראָגן צו טימאָטהי מעק'גי דעם מאַן פון דאָרף און דאָרפישקייט — — האָט אָנגעקינדיקט די מעגלעכקייט, אַז די עקזיסטענץ פון זיין „האָמסטעד" זאָל צונישט ווערן, פשוט אָפּגעווישט ווערן פון ערד־קוגל. אינאיינעם מיטן „האָמסטעד" זאָלן אויך ווי מיט רויך אַוועק אַלע זיינע אינספּיראַציעס און האָפענונגען, און גיין זאָל לחלוטין לבטלה זיין גאַנצע לעבנס פּראַצע און לעבנס מי. אַנשטאָט דער בלויער נאַטור ווי ביז איצט, וועט אויף ווייטער די ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך צעבליט אין דער שטאָט, באַשטימען ווי אַזוי, פון וואָס און פון וועמען דאָס אָרט פון „האָמסטעד" זאָל פאַרנומען ווערן. עס האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס וואָס האָט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן דערנערט ניט נאָר זיין גוף, נאָר אויך זיין נשמה, דאָס האָט געשטאַלטיקט זיין איך, געגרויסט זיין פּערסאָנאַליטעט, וועט ניט לאָזן קיינע דערקענעוודיקע שפורן נאָך זיין אַוועקגיין פון דער וועלט.

דאָס טשיקאַווע שטיקל נייעס וואָס טימאָטהי מעק'גי האָט דעמאָלט געבראַכט פון דער שטאָט איז: „אינגיכן נעמט מען בויען דאָ אַ באַן!"

עס נעמט ניט לאַנג און ער — — טימאָטהי מעק'גי

„אין אַ פאַרכמאַרעטן פרימאָרגן, אין אָנהייב האַרבסט, דערהערט

אַ מוראַדיקן קראַך, אַ שטייגער ווי אַ דונער וואָלט פון הימל אומגעריכט
אַראָפּגעפאַלן און אַ ריס געטאָן פון אונטער זיינע פיס די ערד..."

און באַלד אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיך שוין באַוויזן צופוסנס פון זיין פאַרם, טונקל ברוינע, ריזיק גרויסע קעסל פון משוגון מיט לאַנגע, שוואַרצע דינע העלדזער, שפייענדיק מיט סאַזשע־שוואַרצע קודלעס רויך, און הודזשענדיק אַזוי, אַז אים האָט אַזש געהויבן זיך דער מוח.....

עס האָט זיך פּלוצלונג, לחלוטין אומגעריכט פאַר טימאָטהי מעק'גי, באַוויזן דאָס וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „ציוויליזאַציע״.

דער טערמין ציוויליזאַציע ווי די באַציִיבענונגען ראָמאַנטיק און אידיליע, זענען מעק'גין ניט געווען באַקאַנט, איר וואָרט־קלאַנג האָט זיך קיינמאָל ניט דערטראָגן צו זיינע אויערן. די מאַניפעסטאַציע אָבער פון ציוויליזאַציע האָבן אַרויסגערופן אין אים געפילן פון פרעמדקייט און האַס, פון מורא און קאַמף אַנגעלאַדנקייט.

די ציוויליזאַציע האָט אַ שפּראַץ געטאָן און זיך צעבליט אין פולן גלאַנץ, און טימאָטהי מעק'גי האָט דערפילט, אַז זי פאַרמעסט זיך איינצושלינגען אין אירע מעכאַנישע געדערים, די נשמה רו, נשמה טיפקייט און גייסט־לויטערקייט וואָס קולטור ברענגט מיט זיך.

אויך דאָס וואָרט קולטור איז זיכער ניט אַריין נאָך אין מעק'גיס ווערטער־אוצר. פרעמד און אומבאַקאַנט איז אים געווען דער אויסדרוק קולטור, ליב אָבער און נאָענט איז אים געווען דער מהות פון אַלץ וואָס ווערט אָדער דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אונטערן צונויפשטעל פון די זעקס אותיות וואָס לייענען זיך ק־ו־ל־ט־ו־ר. די העכערקייט פון גייסט איבער חומר און פון נשמה איבער גוף האָט אָנגעפילט די גאַנצע פסיכישע און ספּיריטועלע געשטאַלטיקייט זיינע. די קולטורישקייט וואָס האָט געוואָרצלט אין די טיפענישן פון זיין שטיקל ערד אַרום דעם „האָמסטעד״, האָט אין אים אַנטוויקלט אַ נחת־רוחדיקן לעבן. איצט איז געקומען די שטאָטישע ציוויליזאַציע צו צעשטערן אָט די קולטורישע נחת־ריחדיקייט פון מעק'גיס דאָרפישן לעבן.

ווען די ערשטע שורות מיט וואַגאָנעס האָבן עלאַסטיש מיט אַ שלאַנגן־רייע זיך פאַרבייגעטראָגן איבערן לאַנד, האָט טימאָטהי מעק'גי זיך מיט אַמאָל דערוואוסט, אַז אויסער מענטשן פירן זיי: — קאַרטאָפלעס, קרויט, מאַראַנצן, ציבעלעס און ווייץ, חזירים, טראַקטאָרס, אייער, עופות, פערד, געהילץ און קי, און אַז די שטעט און דערפער אַרום, ווערן ממש איבערפלייצט מיט פרעמדע תבואות פּרוכט און גאָרטן־גרינסן.

עס לויפט פאַרביי בלויז אַ קורצע צייט און מעק'גי באַמערקט אַז „אין בלוט

און פלייש פון זיינע זין און טעכטער, וואָס וואַקסן ווי די סאָסנעס אויפן באַרג — גליט אַן אומרו טיף". און איינמאָל טוען אַ פאַל, ווי שטיינער אויף זיין קאָפּ, די ווערטער פון זיין בכור: „עי, פּאַפּאַ, איך זע דאָ אויף דער פאָרם קיין תכלית ניט פאַר מיר. מיך ציט אין שטאָט אריין". דאָס איז געווען דער שטאַרקער און קאַטעגאָרישער אָנזאָג פאַר טימאָטהי מעק'גי אַז די שטאָטישע ציוויליזאַציע וועט זיגן איבער דער דאָרפישער קולטור; די טעכניק וועט באַהערשן זיין פּרימיטיוון רואיקן און טיף־גייסטיקן לעבן. פאַר אים האָט שוין הרף עין אויך אַ בליץ געטאָן די סכנה פון צו בלייבן אויף דער עלטער אין איינער־אליינער־עלנטקייט — אָן קינד און אָן רינד.. ער האָט געזען ווי פאַרכאַפּט די קינדער זיינע זענען געוואָרן פון דער ציוויליזאַציע. ער האָט דערפילט, אַז אַלץ וואָס ער האָט מיט מי און ליבע דערוואָרבן, אַלץ וואָס האָט אים פיזיש און גייסטיק אויף זיינע פיס געהאַלטן זיין גאַנץ לעבן, איז פון זיינע קינדער ניט איינגעזאַפּט געוואָרן, און פליסט ניט אין די אינערלעכקייטן פון זייער ספּיריטועלן אויסבילד. די זי־כערקייט, אַז דאָס אַלץ מיינט איצט פאַר זיינע קינדער גאָרניט, און אַז זיי וועלן דעריבער נאָך זיין טויט מאַכן פון אַלץ צו אַש און בלאָטע — האָט אַרויפגע־וואָרפן אויף אים אַ פּחד. אַ טיפער צער כאַפּט אים אַרום, ווען ער מאָלט זיך אויס אין זיין דמיון ווי פון אַלע זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען וועט קיין איין פּעדעמל ניט אריינפעדעמען זיך אין דער דורותדיקער צוקונפט. עס וועט זיין אַזוי ווי עס וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען קיין ערשטער „האָמסטעד", וואָס ער — טימאָטהי מעק'גי — האָט אויסגעבויט אין מדבר־לאַנד. ווי ניט געווען וואָלט קיין ערשטער ברונעם וואָס מעק'גי האָט אויסגע־גראָבן, און קיין ערשטער וואַסער קוואַל וואָס ער האָט דערגרונטעוועט אין דעם דאָרן־און־קוואַרן לאַנד. דער דאָזיקער ברונעם וואָס מעק'גי האָט מיט זיינע אייגענע הענט, מיט אַ לייב און לעבן איבערגעבנקייט, אויסגעגראָבן, און דער קוואַל, צו וועלכן ער האָט זיך דערגרונטעוועט, האָט דאָך פאַר אים געקוועלט ניט נאָר מיט וואַסער, ניט נאָר ניט היים, נאָר אויך מיט רוח־החיים, מיט לעבנס־גייסט.

* * *

די שטאָט און איר ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער פאַר־צווייגט רעכנט זיך ניט מיטן צער און פּיין פון מעק'גי'ן, זי האַלט אָן איר טעמ־פּאָ־פאַרשנעלערטן אַנטוויקלונג־גאַנג, און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט נעמט זי אַוועק ווי מיט די הענט פון מעק'גי'ן איין קינד נאָכן אַנדערן.

„צעגאַנגען זיך ווי זאַלץ אין וואַסער, זענען זיי זיך — — זיינע זין.
די שיינע טעכטער די גראָטענע — — זיי האָט מען גאָר ציגכאַפּט
ביי אים פאַרפרי.

האָט ער געזונגען מענטשן פרעמדע אָנגעלאָפּענע פון גאָר דער וועלט
און האָט זיך צווישן זיי ווי אַ פאַרלוירענער, אָן לשון אַרבעטן
געשטעלט.
אין שטאָט אַריין, גוט יום־טוב בעטן צו די קינדער קאָן ער ניט
פאַרגינען זיך,
די פאַרס האַלט צו, און אגב, ווי פאַרלאָזט מען זיך אויף פרעמדע
הענט!
די אייניקלעך — זיי זעט ער זעלטן! אין אַ יום טוב ווען ניט ווען....
ווען ער וואָלט זיי באַגעגענען סתם, וואָלט ער זיי אפשר ניט דערקענט.
געלוינט זיך פראַצעווען פאַר זיי, זיך מפקיר זיין.
באַגראָבן איז דער עוד אַזוי פיל יאָרן, שווייס און מי!"

די דאָזיקע געפילן באַהערשן טימאָטהי מעק'גי אין דער זעלביקער צייט ווען

„אינאיינעם מיטן לאַנד אַרום איז ער געוואָרן ווייס.
געוואָרן ווייס — — פאַרווינטערט אינעם ווינטערס ווינט און שניי —
די עלטער האָט זיך מיט אַמאָל געטאָן אַ כאַפּ אויף אים
אַ בויג געטאָן דעם רוקן און אַ בראָך געטאָן די קני".

„גרענד־פּאַ" טימאָטהי מעק'גי סימבאָליזירט דאָ די טראַגעדיע פון יעדן מענטשן ווען ער דערפילט די עלטער, ווען ער מערקט סמנים פון איר רוקן זיך אויף אים, און דער עיקר ווען ער הויבט אָן שפּירן די אַלטקייט און זיינע מוס־קולן און ביינער, וואָס פירט אויך צו דער קאָנצענטרירונג פון די רעיונות און דמיונות אויף דער דערנעענטערונג פון טויט.

דאָס איז די אַנטיטעזע פון דער לעבנס־קאָמעדיע, ווען זיי ביידע — — אי די טראַגעדיע אי די קאָמעדיע, ווערן גענומען אין זייער טיפן און אַלץ אַרומ־נעמענדיקן שיקזאַלישן זין. דער סינטעזירנדיקן פּראָצעס, די אויפלייזונג פון זיי ביידן אין דער קאָסמישער האַרמאָניע, קומט פאָר אומבאַמערקעוודיק אין אומ־ענדלעכן לויף פון צייט אָדער דויער, וואָס פליסט אַריין אין דער אייביקייט. וואָס העכער דער גייסט, וואָס טיפער די נשמה אינעם מענטשן אַלץ מער מסוגל איז ער זיך אָפּט אַריינצולעבן אינעם סינטעז, וואָס לויכט אויף אין אָנבליק פון אייביקייט און אַריינבליק אין קאָסמישן זיין און ווערן.

מיט אַזאַ הויכקייט פון גייסט און טיפקייט פון נשמה איז געבענטשט גע־וואָרן דער פשוטער, אָן שום פּליטעדלעך פון אינטעלעקטועלער קענטעניש און דערקענטעניש, דער פאַלש־באַצייכנטער „אומווויסנדער" „ניט־ציוויליזירטער" האָרפּס־מאַן. דעם „האָמסטעד" אייגנטימערס — — דעם העלדס פון ה. רויזענ־בלאַטס פּאָעמע „גרענד־פּאַ" טימאָטהי מעק'גיס ניט־ציוויליזירטקייט קאָן אָבער אויך גיין האַנט אין האַנט מיט קולטורישקייט. און זיין קולטורישקייט האָט אויך

איינגעשלאָסן שטאַרקייט פון ווילן. די דריי אַטריבוטן: הויכקייט פון גייסט, הויכקייט פון נשמה און שטאַרקייט פון ווילן — — כאַראַקטעריזירן די אינדי־ווידואַליטעט פון טימאָטהי מעק׳גי, וואָס גרענעצט זיך מיט פערזענלעכקייט. אזא פשוטער קולטורישער מענטש קאָן זיך אַריינלעבן אין דער אייביקייט און אין דער קאָסמישער האַרמאָניע פון טעזן און אַנטיטעזן און גאַנג פון לעבן אָפ־טער און אַמאָל מער איידער דער קאָמפּליצירטער מענטש. טימאָטהי מעק׳גי, ווי אַ געוויסע צאָל אַנדערע מענטשן וואָס ווערן אָנגערופן פשוטע, האָט געקענט פון צייט צו צייט דערפילן און איבערלעבן אַ צונויפגוס מיט אייביקייט און קאָסמאָס, הגם די קלאַנגען פון די ווערטער „אייביקייט", „קאָסמאָס", „טעזע", „אַנטיטעזע" האָבן זיך קיינמאָל ניט דערקלונגען צו זיינע אויערן און ניט אויפגע־כאַפּט געוואָרן פון זיין וועלט־באַנעם און ניט באַלאַדן זיין לשון. זיי האָט אָבער אויפגעכאַפּט און טיף און שיין אַרויסגעבראַכט — דער דיכטער רויזענבלאַט. פון זיין פּאָעמע קלינגט דעריבער אַרויס דער טיף און דערהויבענער געפיל פון זעליקייט, וואָס באַגלייט די פעסטע און שטאָלצע טריט פון טימאָטהי מעק׳גי, מיט וועלכע ער שפּאַנט אין דעם אַמאָליקן מדבר־לאַנד אַרום זיין „האָמסטעד" און פון דאָרט צום לעבן וועג, וואָס פירט צו די גרעניצן פון לעבן און טויערן פון טויט.

וואָס מידער און מידער „גרענד־פּאַ" טימאָטהי מעק׳גי איז געוואָרן פיזיש אין דעם פאַרלויף פון זיין צוקומען נענטער און נענטער צום סוף פון לעבן, אַלץ שטאַרקער איז ער געוואָרן גייסטיק, און אַלץ מעכטיקער זיין ווילן.

ווי אין חלום קומט איינמאָל אויף דער וואַך צו טימאָטהי מעק׳גי אַ זעאונג. פאַרבלענדט פון דאַזיקער זעאונג, הערט ער אַרוים אַ שטים, וואָס זאָגט צו אים:

„אָ, גרענד־פּאַ" טימאָטהי מעקיגי
די שטאָט די גרויסע גייט, זי גייט, זי גייט!
און זיי — די קינדער דיינע — וואַרטן אויף דיין טויט.
אָט באַלד ווי נאָר דו מאַכסט די אַלטע אויגן דיינע צו — —
וועלן זיי צעפּאַסעווען דיין בליענד, פּרוכטבאַר לאַנד,
אויף גאַסן אין דער לענג, און גאַסן אין דער ברייט.
די שטאָט, זי גייט אויף דיר, מעקיגי, זי גייט, זי גייט.
אומזיסט דיין ראַנגלען זיך עקשנותדיק, אומזיסט דיין מי."

טימאָטהי מעק׳גי דערפילט ווי זיין גאַנצער וועזן וואָלט פון אַ שטאַרקער האַנט אַריינגעשליידערט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט. עס לויכט אויף פאַר אים זיין סאַלי׳ס געשטאַלט.

„די זון פאַרגייט, דער מערב זשאַריעט אויס זיין לעצטן גאָלד
דאָס גאָלד פון סאַליס צעפּ — — —

פֿאַרשאַטנט דרעמלט אויף די זאַנגען וואָס אין פֿעלד
דאָס בלויקייט פֿון די אויגן אירע — אין די ערשטע שטערן
פֿון דער נאַכט".

סאַלים געשטאַלט ציט אַרויף אויף זיך אין זיינע אויגן מער און מער רעאַליטעט, און צו איר, ווי זי זאָל שטיין פֿאַר אים אַ לעבעדיקע, רעדט ער, און עס רעדט אַרויס פֿון אים דער ווילן און גייסט אין ווערטער עס פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן זיך פֿון צייט צו צייט פֿונקען פֿון פּערזענלעכקייט. ער זאָגט צו איר:

„אָ, סאַלי, איין אַליין געלאָזן האָבן זיי מיר שטאַרבן אויפֿן פֿאַרם!
נאָר ניין! ביי גאָט! עס טאָר אַזוי ניט זיין".

אָבער ניט נאָר שטאַרבן אין עלנטקייט און אָפּגעזונדערטקייט האָבן זיינע קינדער אים געלאָזן, נאָר זיי האָבן זיך אויך געגרייט אַ סוף צו מאַכן נאָך זיין טויט זיין פֿאַרם גופֿא. דאָס וואָלט געמיינט פֿאַר אים די פֿאַרניכטונג פֿון טייערסטן און ליבסטן, בעסטן און שענסטן וואָס ער האָט אין דעם פֿאַרם אַריינגעגעבן, און וואָס זי האָט ווידער פֿון איר זייט צוריק געלאָזט אַריינשטראַלן אין זיין פּערזענלעכקייט, און דערמיט זי פֿאַרטיפֿן און פֿאַרשענערן. די פֿאַרם און טימאָטהי מעק'גי האָבן זיך פֿאַרוועבט אין איין געוועב, אין דער דיכטערישער געשאַפֿענער געשטאַלט וואָס טראָגט דעם פֿולן נאָמען „גרענד־פּאַ" טימאָטהי מעק'גי. דער דאָזיקער „גרענד־פּאַ" טימאָטהי מעק'גי זאָגט צו דער אויפֿגעלעבטער פֿאַר אים סאַלי, אַז:

„נאָך מאָרגן אינדערפֿרי וועט ער אין שטאָט צו אַן אַדוואָקאַט אַריין
וועט איבערשרייבן די צוואה זיינע גאָר פּוניסניי!
דעם אַדוואָקאַט וועט ער באַצאָלן גוט, וועט ער באַוואָרענען
אַז אַלץ זאָל זיין פֿאַרצייכנט פּינקטלעך, קלאָר און וואָר און שאַרף
געזעצלעך שטאַרק!

זיין נייע צוואה לייענט זיך:
איך, טימאָטהי מעקיגי:
ביי אַלע מיינע חושים און ביים פֿולן מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד
שרייב איבער אויף דער שטאָט
אינגאַנצן מיינע זיבן הונדערט צוואַנציק אַקער לאַנד,
בתנאי — זי וועט מיין ערד פֿאַרוואַנדלען בלויז אין אַ רשות־הרבים־פּאַרק.
די זין און טעכטער לאָזט ער ניט קיין פּרוטה נאָכן טויט, קיין טפֿח ערד!
דער קלויסטער לאָזט ער איבער זיינע אַקער־אייזנס, וועגענער און פֿערד,

וויליאם נאטאנסאן

דעם רומאַט־זנעם בריוונטרעגער לאָזט ער ווײַן געטרייען אַלטן הונט.
דער שוואַרצער „מעמין" — — זיין פאַרבררינטע ליולקע און
זיין רוש־ין.

און אונטער דער וועט ער זיך חתמנען — — — — —
דעם פולן נאָמען: טימאָטהי מעקיגי
„גרענד־פאַ" טימאָטהי מעקיגיי".

דער קלויסטער, דער בריוונטרעגער, „מעמי" און דער הקדש — — זיי אַלע ווי דער רשות־הרבים פּאַרק, זענען פאַר דעם „איך" וואָס האָט אונטערגעשריבן די צוואה, פאַר דעם מאַן פון דאָרף, באַצייכנט מיטן נאָמען „גרענד־פאַ" טימאָטהי מעק׳גי — — געווען אַ גאַראַנטיע, אַז די שטאָט וועט ניט אויסמעקן דאָס דאָרף, די ציוויליזאַציע וועט ניט איינשלינגען די קולטור, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט ביז זיין לעצטן אָטעם צוג. די צוואה האָט מכון געווען און גע־פּעסטיקט זיין גלויבן אַז די ציוויליזאַציע פון דער שטאָט וואָס האָט אכזריותדיק אוועקגערויבט פון אים זיינע זין און טעכטער, וועט ניט פאַרשווערכן קיין שום זאַך וואָס געהערט צו אים, און וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַלץ דעם וואָס עס איז פאַר אים הייליק. זי וועט ניט אַ תל מאַכן פון דעם וואָס עס האָט פאַר זעכציק יאָר אַן ערך געשטראַמט פאַר אים ווי אַ קוואַל פון דערפרישונג און דערקוויקונג, און וואָס האָט דערהאַלטן זיין גייסט, און אָנגעפילט זיין לעבן מיט זין און ווערט.

די ביבל, וואָס פלעגט אָפט אין אַ זומערדיקן זונטיק נאָכמיטאָג ליגן אויף זיינע קני און דערטראָגן צו אים דעם רויש פון אירע פאַרגעלטע בלעטער, וואָס דער לינדער ווינט האָט שלאָבערדיק און פויל געמישט זי — די אַלטע ביבל זיי־נע — — האָט ער אין זיין צוואה ניט דערמאָנט. מעגלעך אַז דאָס האָט ער גע־טאָן דערפאַר, וואָס ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי ווי עס איז ניט פאַראַן קיין פייער, וואָס זאָל דעם אייביק־ברענענדיקן מדבר־דאָרן פאַרצערן, אַזוי אויך זע־נען ניט פאַראַן אַזוינע מענטשלעכע הענט, וואָס זאָלן קאָנען די ביבל פאַרשווערכן.

די דאָזיקע צוואה פאַראייביקט די געשטאַלט, די עצמיות פון „גרענד־פאַ" טימאָטהי מעק׳גי.

דריטער טייל

ה. ראָזענבלאַט

אין שייכות צו וועלט און גאָט

— 1 —

ווי יעדער טיפער דיכטער ווערט אויך ה. רויזענבלאַט פּאַרזונקן פון צייט צו צייט אין מחשבות און ווערט פאַרכאַפּט פון ווזיעס פון קאָסמישע פּראָצעסן און אורקוואַליקע אַלוועלט־שטראָמען, וואָס שלאָגן אין די טיפן פון מענטשלעכן לעבן. זיין נשמה און זיין גאַנצער וועזן ווערט דעמאָלט אָנגעלאָדן מיט אַלערליי פילאָזאָפיש־רעליגיעזע פראַגן וועגן מהות און אוניווערסאַלער עקסיסטענץ און וועגן זינען און ווערט פון מענטשלעכן לעבן אין ליכט פון קאָסמישן אייביקן אַנטוויקלונגס־גאַנג. די פראַגן מאַנען ענטפערס. די פראַגן און ענטפערס פירן אַ קאָנקורענץ צווישן זיך. זיי רופן אַרויס ראַנגלענישן פון געפילן און שטימונגען, וואָס געפינען אַ תיקון אין דיכטערישער אַנטפּלעקונג.

אַזאַ דיכטונג פאַרטיפט און דערהייבט די נשמה און רעגט אָן דעם געדאַנק צו פילאָסאָפיש־רעליגיעזע חקירות. די נשמה און גייסט צערודערונגען אַרויסגע־רופענע פון דער דיכטונג שטילן זיך איין, און עס שאַפן זיך קוק־ווינקלען און צוגאַנגען צו די שייכותן צווישן מענטש וועלט און גאָט.

אין לויף פון טויזנטיאָריקער מענטשלעכער גייסטיקער אַנטוויקלונג האָבן זיך געפיל־און־געדאַנק ראַנגלענישן וועגן באַנעם פון וועלט און גאָט אַרויסגע־קריסטאַליזירט אין צוויי עיקרדיקע ריכטונגען: איינע פירט צו אַ פעסטן און זי־כערן גלויבן אין דער פאַראַנענקייט פון אַ העכסטער קראַפט אין דעם אוניווערס, וואָס פינקלט אין מענטשנס רוחניות־דיקן מהות. דאָס איז דער פילאָסאָפישער טייטש פון בצלם אלוהים ברא אותו — אין געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַ־שאַפן. „צלם״ שרייבט דער רמב״ם, „קאָן זיך באַציען נאָר אויף דער נשמה פון מענטש און ניט אויף די אייגנשאַפטן און געבוי פון גוף״ — מענטש געשטאַלט איז דער ניצוץ אלוהי — דער געטלעכער פונק, וואָס פון אים האָט אויפגעלויכטן רעליגיאָזיטעט אין דעם מענטשן — די אמונה אין אַן אַנטפּלעקערישן הגם אומ־

דערקענעוודיקן אַלץ איינשליסנדיקן און איבער אַלץ שוועבנדיקן קאָסמישן גייסט. דער דאָזיקער גלויבן רופט עס ארויס, פון צייט צו צייט, געפילן פון התרוממות, וואָס ווערן באַהויכט פון קדושה. אין אַזעלכע מאָמענטן ווערט דער גאַנצער מענטשלעכער יש אויסגעפילט מיט נחת־רוח און גליקזעליקייט. מיט אַזאַ גלויבן אָטעמען די פילאָסאָפישע שיטות, וואָס שטעלן אוועק אידייע ביים מקור פון אַלוועלטלעכע פּראָצעסן און געשעענישן. אַזאַ וויזועלע אידייע איז דאָס אינטואיטיווע און דאָס גרדאַנקלעכע קערנדל פון רעליגיאָזיטעט, און פון אַלץ וואָס גייט אונטערן נאָמען אמונה. אין דער אמונה געשטאַלטעט זיך די אידייע קאָנקרעט און עפעקטיוו אין מענטשלעכער התנהגות און מעשים און אין חזיונות וואָס ווערן באַצייכנט אַלס שם הויה. דאָס אַלץ ווערט איינגעשלאָסן אין באַגריף גאָט. יעדער מענטש פון דעם מאָמענט אָן ווען ער איז מענטש געוואָרן, האָט ער אויף אַ באַוואוסטן אָדער אומבאַוואוסטן אופן אויסגערופן גאָטס נאָמען אין געוויסע רגעס פון זיין לעבנספּלוס — דער עיקר אין די רגעס פון שווערער עצבות און צערפולער איבערלעבעניש. די טיפסטע און דערהויבנסטע מענטשלעכע זעליקייט דריקט זיך אויס אין דעם ממעקים קראתי יה — פון די טיפענישן רוף איך גאָט.

אַ תפילה־רוף רייסט זיך ארויס פון דער נשמה ווען זי טיפט אין ליידן, אפילו אין יענע רגעס, ווען עס טוט זיך אָפּ פון אים זיין זיכערקייט, אַז פאַראַן איז עמיצער אין די הויכן וואָס דערהערט אים.

מיין תפילה — איך ווייס ניט צו וועמען זי טראָגן,
און — כיטראָג זי.
מיין תפילה — איך האָב ניט צו וועמען זי זאָגן,
און כיזאָג זי.
מיין תפילה — די ווערט אויף מיין גומען דערפראָרן,
און כיטראָג זי.
מיין תפילה לעבט אויף אין אַן אויפברויז פון צאָרן,
און כיזאָג זי.

(ה. לייוויק — „מיין תפילה")

די צווייטע שטרעמונג אין מענטשנס קאָסמישן אויפנעם פירט צו דער אומזיכערקייט, אָדער גאָר צו דער פּאָזיטיווער פאַרלייקענונג פון אידייע־אָדער־גייסט־ארויסקוואַל פון אַלץ וואָס מענטש קאָן ארומנעמען מיט זיין געדאַנק, אויסמאָלן זיך אין זיין פאַנטאַזיע אָדער דערבליקן אין זיין וויזיע. דאָס דערפירט אין דער פילאָסאָפיע אָדער צום אַגנאָסטיציזם — צו אַן אָפּזאָג פון דער מעגלעכקייט ווען עס איז צו דערקענען אָדער אפילו צו אַנען די קאָסמישע אורקראַפט, אָדער צום מאַטעריאַליזם — צו דעם גלויבן, אַז די כוחות וואָס זענען גורם וועלט־אַנטשטייאונג און וועלט־אַנטוויקלונג, ליגן אין די פאַרבאַר־

גענע טיפּענישן פון מאַטעריע. אין דער רעליגיע דערפירט די דאָזיקע שטרעמונג צו סקעפּטיציזם, אַטעאיזם, אַפּיקורסות און כפירה בעיקר.

דער גלויבן אין גייסט ווי אַ וועלט אורקראַפט סטימולירט אין דעם מענטשן אָפּטימיזם, האָפענונג, בטחון און שטאַרקט זיין ווילן. דער אַגנאָסטיציזם שטעלט אַוועק אַ פרעגצייכן און איז צופרידן מיט דעם תיקו — בלייבט אַ קשיא — אַנשטאָט צו געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע מכוח דער סיבה הסיבות און מכוח דעם מהות פון דער וועלטס עקסיסטענץ. דער מאַטעריאַליזם נעמט אָן חומר אַנשטאָט גייסט ווי די עסענץ פון קאָסמאָס און לאָזט מענטש און וועלט איינגעשלאָסן ווערן אין דער פעסטקייט פון אייזערנע געזעצן. זיי ביידע — דער אַגנאָסטיציזם און מאַטעריאַליזם וואַרפן אַריין דעם מענטשן סוף כל סוף אין אַ פּעסימיזם. זיי שטראָמען אַריין אין אים און נעמען אים דורך מיט געפילן פון אומזין און ווערטלאָזיקייט אין דעם קיום פון וועלט, ממילא אויך פון מענטשנס לעבן און פון אַלע זיינע שטרעבונגען, האָפענונגען און ווילנס אַנשטרענגונגען.

ה. רויזענבלאַטס דיכטונג געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון דיכטונג, וואָס אין איר קלינגט אַרויס דער איבערוואָג פון אמונה, בטחון און האָפענונג איבער כפירה, סקעפּטיציזם און יאוש. דער אָפּטימיזם שטאַרקט זיך איבערן פּעסימיזם, פרייד — איבער טרויער, גייסט שטייגערונג — איבער גייסט־געפאַלנקייט.

די צאָל פון ה. רויזענבלאַטס אַגנאָסטיש־פּעסימיסטישע לידער איז גאָר אַ קליינע. די צאָל פון זיינע באַיאָונג־אָפּטימיסטישע לידער איז גאָר אַ גרויסע.

צום אַגנאָסטישן מין געהערט זיין ליד „ממה־נפשך", וואָס שלאָגט אָן דעם פילאָסאָפיש־אַגנאָסטישן געדאַנק בנוגע דער פרייהייט פון מענטשלעכן ווילן.

דעם דיכטער איז שווער זיך איינשטעלן פאַר דער פרייהייט פון מענטשלעכן ווילן אין די מאָמענטן ווען ער פילט זיך.

— נישטיק און קליין —
אַ זעונדזעלע שטויב אין שטורעם.

ער קען דעמאָלט נית פאַרשטעלן זיך אַליין ווי איינעם, וואָס זאָל זיין

די קרוין פון גאָטס יצירה.

ער פרעגט גאָט:

ווי קאָן איך, גאָט! אַז איך אַליין
בין גאָלע סוד און סתירה?

און דאָ רייסן זיך אַרויס מיט אימפּעט נאָך פראַגן, איינע שטאַרקער און מאָנענדיקער פאַר דער אַנדערער.

ביי גאָט — דעם באַשאַפער פון דעם מענטשן אין זיין פורעם — פרעגט דער דיכטער: ווי קען ער אין חדווה לויבן דעם שטאַרקן בורא, אַז ער אַליין איז דורך און דורך אַריינגעוועבט אין מרה־שחורה, און פאַר וואָס זאָל גאָט וועלן פון דעם מענטשן, אין וועלכן ער אַליין האָט איינגעפלאַנצט אַ פרייען ווילן, אַז ער זאָל אים אונטערטעניק זיין און דערפילן זיין מינדסטן געבאָט?

פילנדיק, אַז זיין נשמה איז פול מיט סוד און סתירה און שטורעמט מיט מרידה, וויל ער אַן ענטפער פון גאָט אויף דער פראַגע: ווי קאָן ער — דער דיכטער, וואָס מיינט אויך מענטש בכלל —

גלייכצייטיק זיין אי קנעכט, אי האַר,
אַ קרוין פון זיין יצירה?

אַזעלכע פראַגן, וואָס אויף זיי קאָנען זיינע געדאַנקען־פאַרטיפונגען קיין ענט־פער ניט דערגרונטעווען, פירן אים צו

מחשבותן וועגן אַ ראָד פון וואָגן".

אין דאָזיקן ליד ווערן איבערגעגעבן די שטימונגען וואָס באַהערשן דעם דיכטער, ווען ער דערפילט, ווי די וועלט אַ מידע ווייגט אין אים. זיין אָפּרוף אויף דעם געוויין קריגט אַ תיקון אין זיין סימבאָליש-פאַנטאַסטיש בילד וועגן „אַ ראָד פון אַ וואָגן".

ער זינגט:

די וועלט האָט מיך אַרומגענומען ווי אַ רייף אַן אייזערנע די ראָד,
עס שלענגלט זיך דער וועג אַריין אין טונקעלן וואַלד — אַ
בלינדער סוד.

און ער פרעגט:

וואו הויבט זיך אָן דער אָנהייב פונעם ראָד? וואו לאָזט זיך
אויס דער סוף?
וואו איז דער ערשטער גאָלדענער באַגין? וואו וואַרט
דער לעצטער שלאָף?

ער קומט צו דער השערה:

משמעות, אַז דער שמיד האָט ניט געמאַכט קיין קנופּ
ביים אָנהייב רייף,
דער שטעלמאַך האָט פאַרפעלט ביים סוף פון ראָד צו
מאַכן דאָרט אַ שלייף.

דאָס ניט וויסן וואו איז דער ערשטער באַגין, און וואו וואַרט דער לעצטער

שלאָף, דאָס הענגען אין דער לופטן צווישן צוויי פראַגעצייכנס: דער סוד פון דער וועלט אַרום אונדז און די רעטעניש פון אונדזער קומען און פאַרגיין אין דער וועלט, רופן אַרויס די צוויי לעצטע טרויעריקע שורות פון ליד:

עס דעמערט . . . ערגעץ קריכט די מידקייט אַרויס פון
דינסטן ראָד,
אַ גאָט, מיין האַר, דאָס וויינט אין מיר די מידע וועלט —
דער טעמנער סוד.

דאָס טרויעריקסטע ווי אויך דאָס שענסטע פעסימיסטישע ליד — איז דאָס ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „כ׳נעם מיט זיך". דאָס דאָזיקע ליד איז דורכגע־ציטערט מיט שטימונגען וואָס פלעגן יעדן מענטשן, אפילו דעם העכסטן אָפּטי־מיסט אין געוויסע קלענערע אָדער גרעסערע צייט־לויפן פון זיין לעבן. עס וועלן דאָ דעריבער געבראַכט ווערן אַלע שורות פון דאָזיקן ליד:

כ׳נעם מיט מיין וועלט מיט זיך
אַ טונקעלע לאַמטערן אין אָטיענדיקער נאַכט,
אַ בענקעניש וואָס האָט אין ערגעץ ניט דערפירט,
אַ חלום ניט דערחלומט ביזן סוף,
אַ גלויבן פון נאַראָנים אויסגעלאַכט . .
אומענדלעך איז די פינצטערניש
און אייביק איז דער שלאָף.
דער רעגן טריטלט מיר פאַראויס —
מיין זינגנדיק און דערזונגען ליד.
כ׳שפּאַן נאָך רעגן טראָט ביי טראָט.
אַ כמאַרע ציט — אַ בלינדע סטאַדע שאָף,
און הינטער איר — אַ שווייגנדיקער גאָט.
אומענדלעך איז די פינצטערניש
און אייביק איז דער שלאָף.

אַ ניט־דערפירטע בענקעניש, אַ ניט־דערחלומטער חלום, אַן אויסגעלאַכ־טער גלויבן, אומענדלעכע פינצטערניש, אייביקער שלאָף, אַ שווייגנדיקער גאָט — ווען זיי אַלע אינאיינעם טוען איינצייטיק אַ שטראָם אריין אין גייסט פון מענטשן און פאַרפלייצן זיין נשמה, מוזען זיי פירן צו אַן אַרויסשטראָם פון אים און אַ פאַרשפּרייט אַרום אים פון אַלץ, וואָס גייט אונטערן נאָמען פעסימיזם.

דער יאוש נוסח איז אָבער ניט אייגן ה. רויזענבלאַטס דיכטן און ער באַ־גלייט ניט צו אָפט זיינע לידער.

אין זיין ליד „המשך" גייט ער אריבער פון נאַכט־פינצטערקייט צו טאָג־

ליכטיקייט. אין דאָזיקן ליד וואַרפט אַריבער דעם דיכטערס פאַנטאַזיע אַ בריק צווישן אַגנאָסטיציזם און פּאָזיטיוויזם. עס הייבט אָן שאַריען די פּאָזיטיוו־אַנענדיקע זעעוודיקייט און לייזט אויף די אַגנאָסטיש־סקעפּטישע בלינדקייט. עס דערוועקט זיך פלוצלונג אַ גלויבן אינעם דיכטער, אַז אויף זיין וועג פון לעבן צו טויט וועט פאַרקומען אין אים אַן אַנטפּלעקונג, וואָס וועט שטראַליק דורכשניידן די גייסטיקע פינצטערניש און בלינדקייט וואָס פּלאָגן די מענטשלעכע נשמה. אין דער האָפענונג אויף אַזאַ אַנטפּלעקונג, אין דער וויזיע פון אויפלויכטונג און באַלויכטונג וואָס וועלן קומען פון איר, געפינט דער דיכטער אַ טרייסט פאַר זיין אַנגעזאָפּטער מיט טרויער נשמה.

עס קומט צו אים די דערקענונג, אַז גאָט האָט אים געזאָלבט פאַר זיין קנעכט און אַז ער דאַרף אים דינען פרום און טריי. ער דערהערט פון זיין נשמה־טיפענישן גאָטס שטים, וואָס זאָגט צו אים:

דו האָסט פלאַקס, דו האָסט וואָל,
די עובדה דיינע? — שפּינען.

די דאָזיקע ווערטער באַרויקן נאָך ניט אינגאַנצן דעם דיכטערס נשמה, אין זיין מוח טוען ווי מיט אַ האַמער אַ זעץ די פראַגן

פאַר וועמען שפּין איך גאָט? פאַר אים,
וואָס וועט דאָס לייוונט וועבן?
וואָס וועב איך גאָט? אַ חופּה קלייד?
תכריכים צי אַ זעגל?

באַלד אָבער שניידט דורך דעם דיכטערס פאַנטאַזיע אַ ליכטיקייט פון אַ וועלט־פאַרנעם, און ער הערט אַרויס

אין דעם קרעכץ פון אַ וועב־שטול
און אין זיפץ פון אַ שיפל

די טרייסטנדיקע ווערטער.

אָ, זיי געטרייסט בן־אדם!
אַנטפּלעקן וועט דיר גאָט דעם סוד
ביים סוף פון לעצטן פאָדעם.

דאָס פאַרכישופדיקע פילן און מאַגישער גלויבן, אַז פאַראַן איז אַן אַנט־פּלעקער, שאַפן אַ גרונטלאַגע פאַר דער איבערצייגונג, אַז פאַראַן איז אויך אַ זי־נען אינעם מענטשנס שטערבן צו אַנטפּלעקונג. אַזאַ איבערצייגונג פאַרטיפט דעם מענטשן גייסטיק, דערהויבט אים געמיטלעך, און טרייבט אים צו אַן אומ־אויפהערלעכן זוכן און שטרעבן. גייסט אויפשוועב און אויפפלאַטער רירט אָן

אָפּטימיסטישע סטרונעס אין דער מענטשלעכער נשמה און עס צעטראָגן זיך אין זיינע טיפענישן דממהדיקע קלאַנגען פון קאָסמאָס, וואָס שלאָגן אָן אייביקייט און געטלעכקייט.

דער דיכטער רויזענבלאַט שעפּט לעבנספרייד און נשמה־זעליקייט אין די מאָמענטן, ווען ער ווערט באַפליגלט אין זיין גלויבן אין דער מציאות פון אַן אַל־העכסטער גייסטיקער קראַפט און פון זיין פילן זיך גופא ווי אַ ניצוץ פון דאָזיקן גייסט. דאָס דאָזיקע פילן ווידער קרעפטיקט אַלץ מער זיין גלויבן, אַז ביום ברא אלהים אדם, בדמות אלוהים עשה אותו — אין טאָג ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער אים אין גלייכעניש פון גאָט געמאַכט, און דערפאַר האָט דער מענטש געקאָנט אין אַ געוויסער תקופה פון זיין אַנטוויקלונג דער־הערן אויף אַ וואָסער עס איז אופן גאָטס זאָג: זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס.

אַזאַ פילן און גלויבן זענען גורם די מחשבות וואָס קומען צום דיכטער בעת ער זיצט ביים ברעג פון ים. זיי געפינען דיכטערישן אויסדרוק אין ליד, וואָס הייסט מאַקע „מחשבות, זיצנדיק ביים ברעג פון ים".

דער דיכטער זינגט

כיהאָב קיינמאָל צווישן וואַר און חלום ניט געזען די מינדסטע סתירה;
אין טראָפּ טוי, אין שפּראָץ אויף טאָג, אין רעגן שפּריי, אין ווינט
אין שמייכל פון אַ קינד, פונסניי רק זע איך גאָטס יצירה...

ניט איינמאָל האָב איך ווי דער ים פאַרזוכט דעם טעם פון בייזן
שטורעם,
דעם איבערשרעק פון וואָלקנברוך. נאָר איך בין ווידער אויפגעשטאַנען
אין צער געלייטערט, ניי־באַנייט, אין גאָטס געשטאַלט און פורעם.
אַזוי נאָך ווען, אין אַ גאָט געבענטשטער שעה, פון אויס דעם
ים דעם טיפן,
פון פאַרבאָרגנסטע תהומען אויפשטיין תחית המתים די געניזוקטע,
פאַרלענדטע, אומגעקומענע אין שטורעם — זעגלען, מאַסטן שיפן.

איז ה. רויזענבלאַטס דיכטערישן דמיון איז בכלל ניט פאַראַן קיין אָרט פאַר אַן אַבסאָלוטער אַניהילירונג פון וועלכן עס איז מאָדוס פון דער אוניווערסאַלער עקסיסטענץ. עס ווערט פאַרלענדט און עס בייטן זיך אויף אַלערליי אופנים די געשטאַלטונגען פון אוניווערסאַלן זיין־און־ווערן. דאָס קערנדל אָבער פון די אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע פאַסירונגען אין צייט און אין שטח, דאָס טיפע און גרונטיק־קאָסמישע פון זאַכן און דערשיינונגען בלייבט לעולם ועד. דעם דיכטערס גייסטיק אויג אַנגעשטעלט פון זיין מחשבה און דמיון אויף וועלט און קאָסמאָס, מאַטעריע און גייסט, נשמה און גוף, זעט בכלל ניט קיין לחלוטין

פאַרגעסענע און פאַרלוירענע. יעדער עפּעס אין דעם אוניווערס, וואָס האָט זוכה געווען אין פאַרלויף פון אייביק דויערנדיקער שעפערישקייט זיך איין מאָל גע־שטאַלטן אין אַ געוויסער פורעם, מוז פון ווענען עס איז אָדער וואָס ס׳ניט איז פון דאָסניי אויפלעבן אין זכרון דורך די אָן אַ שיעור שפורן, וואָס לאָזן זיך אויף אַזאַ אָדער אַנאַנדער אויפן דערקענען. דערפאַר זינגט דער דיכטער אין זעל־ביקן ליד „מחשבות, זיצנדיק ביים ברעג פון ים״:

ניטאָ דער מענטש וואָס זאָל ניט בענקען צום לאַנד פון זיינע אבות;
דאָס האַרץ וואָס וויינט ניט אויף די יוגנט־יאָרן, ווי די פידלען
ביים ברעג פון בבלס טייכן, הענגענדיק אויף די ערבות . . .
ניטאָ דער פויגל, וואָס פאַרגעסט זיין נעסט וואו ער איז אַלט־געוועסן.
דער זעגל, וועלכער זאָל זיין היים־ברעג און דעם שטורעם ניט
דערמאָנען;
דער מאַסט וואָס זאָל, אין נאַכט־טומאַן, זיין אַלטן וואַלד פאַרגעסן.

און דאָ טוט דעם דיכטערס אייגן האַרץ אַ קלאַפּ פון אַרויפשווימענדיקע זכרונות, און עס קומט אַרויף די מחשבה, אַז דאָס האַרץ פון מענטשן פאַרמאָגט אויך ווי דער ים אינדזלען, שטערן און טומאַנען, און ווי דער ים טוט אויך דאָס האַרץ געדענקען, בענקען און גאַרן, און, דורכגעשפּיגלט פון אלפי־אלפים לייכטנ־דיקע שטערן, זיך דערמאָנען —

אָן זעגל פון דעם ווינט צעפליקט, און מאַסט פון בליץ צעשפּליטערט
אָן אינדזל וואָס דער נעפּל האָט פאַרדעקט, פאַרמעקט,
פאַרהוילן — — —
אָן טורעם־לאָמפּ, וואָס האָט אין אָסיען־נאַכט אין ים
אַריינגעציטערט . . .

קיום און המשך פון זעמדעלע ווי פון די שטערן, פון דער איינפאַכסטער פלאַנץ ביז צום פילפאַכסטן ערד־געוויקס, פון דער איינצעליקער חיה ביז צו דער קאָמפּליצירטסטער מענטשלעכער באַשעפעניש, האַלטן געפאַנגען דעם געפיל און דעם גלויבן, דעם דמיון און דעם רעיון פון דיכטער רויזענבלאַט. זיין זען אַלץ אין דער וועלט ווי אויך זיך אַליין אין ליכט פון אייביקייט און דויער, קומט צום אויסדרוק אין גאָר אַ סך פון זיינע לידער. דער גלויבן אין זיין אייגענער פאַר־וואָרצלטקייט אין דער אייביקייט, און זיין אייגענער אומפאַרגעסלעכקייט אין די אומענדלעך דויערנדיקע דורות, זינגט אַרויס פון זיין ליד: „טריט אויפן זאַמד פון ברעג״.

זיצנדיק ביים זאַמד פון ברעג, דערזעט דער דיכטער ווי גרויסע וואַסער־לאַפּעס גראַבלען זיינע באָרוועסע קילע טריט פון פייכטן זאַמד אַפּיר און נעמען צום ים זיי מיט. זיין אויער זוכט די טריט זיינע אין רוישן פון די כוואַליעס, און

געפינט זיי ניט. שטאַרק איז אָבער דעם דיכטערס גלויבן, אַז זיינע שפּורן קאָנען ניט פאַרגיין. איז ער ניט מצער און ניט מיאש, און האָפערדיק רופט ער אויס צו זיין האַרץ:

האַרץ מיינס,
האָב ניט מורא,
האַרץ מיינס, שרעק זיך ניט!
דאָרט וואו שפּן זענען אומגעקומען —
זענען זיכערער איצט מיינע טריט,
מיינע טריט.
טריט . . .

— 2 —

אַזאַ גלויבן קלינגט אויך אַרויס צו אונדז פון די פּראָזע-דיכטערישע שורות צום סוף פון עסיי ה׳ רויזענבלאַטס „המשך“.

די ערד האָט שוין אומציייליקע מאָל געביטן איר פנים; לענדער — געביטן זייערע נעמען, און ראַסן און פעלקער — פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונטער גאָטס הימל. זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזן גייסטיקע ירושות אין וועמעס זכות זיי אַליין האָבן זיך פאַראייביקט, און אין איינוועגס באַאיינ־ווירקט די דורות וואָס זענען אונטערגעקומען; באַאיינפלוסט געוואָרן פון די ווערטן פון די פאַרשוואונדענע דורות. אין דעם זכות פון דער ירושה — געדייען זיי און לעבן ווייטער, קייטלען זיי ווייטער די קייט פון אייביקן המשך.

צי זענען אונדזערע נביאים דען היינט צו טאָג ניט ליכטיקער פאַר אונדזערע אויגן, ווי זיי זענען געווען אין זייער אייגענער צייט? צי לעבן מיר, דאָס יידישע פאָלק (און אַזוי אַלע פעלקער פון דער וועלט) ניט אין דעם זכות פון אונדזערע גרויסע גייסטער, די תנאים און אמוראים, און גרויסע קינסטלער? וואו וואָלט אונדזער פאָלק — אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין טויזנטער יאָרן אָן אַ היים, אָן אַ לאַנד, אָן אַ מלוכה, אָן שווערד און ביקס — געווען, ווען ניט דער גייסטיקער כח וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אונדז בירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות? ווי וואָלטן מיר דערלעבט צו דערגיין צו דער וואונדערלעכער געשעעניש פון ישראל — מעג עס דער אָדער יענער באַגריסן אָדער — אַנערקענען.

סיי דער יחיד און סיי דער רבים, סיי דאָס פאָלק און סיי די מענטש־הייט שטרעבט און זוכט דעם וועג צו — המשך און דורך המשך צו אומ־שטערבלעכקייט.

וויליאַם וואַטסאָן

ה. ראָזענבלאַט שטעלט צו זיך און צום מענטש בכלל די פראַגע: „פאַר־וואָס גאַרט דאָס הונגעריקע אויג איינזאַפּן די גאַנצע וועלט, פאַרוואָס וויל ער אַרומנעמען די ערד, איבערשווימען דעם ברייטן אָקעאַן, איבערשפּאַנען זאַמ־דיקע מדבריות און בערג?"

און ער ענטפערט אין דיכטערישע שורות:

כדי — כדי זאָלסט לאָזן הינטער זיך אַ שפּור, אַ סימן,
אַז קומענדיקע דורות זאָלן דיך געדענקען און דערמאָנען.

דער דיכטער ווייסט און לעבט טיף און גרינדלעך איבער די אומפרייד וואָס דריגט אַריין דורך דעם מענטשן פון דער אומפאַרמיידלעכער אנערקענונג, אַז

דאָס לעבן דיינס איז אָבער קורץ — אַ טראַנס, אַ חלום,
אַ שפּיל פון פונקען־פרייד און גרויסע וואָלקנס־זאָרגן.
די יאָרן דיינע — רגעס — צוגעציילט און ווינציק.

די דאָזיקע גרויע וואָלקן־זאָרגן, די דאָזיקע אומפרייד און הבל־הבלים'די־קייט האָט דער מענטש, באַלד נאָר ווי ער האָט זיך אין זיין אַנטוויקלונג דער־שלאָגן צו זעלבסט-באַוואוסטזיין, באַוויזן צו פאַנאַנדערטרייבן פון צייט צו צייט דורכן אויפבליץ פון וויזיעס און פאָרשטעלונגען וועגן אַזאַ אָדער אַנאַנדער געשטאַלטונג פון אַ יענעוועלטיקער עקזיסטענץ.

אַזאַ גייסטיקע אויפגעשטורעמטקייט לייזט אויף אומפרייד ניט אין פרייד אָדער גליק, נאָר אין זעליקייט אָדער גליקזעליקייט. דאָזיקע געפילן שלאָגן טיף אין גייסט. זיי פילן אים אָן מיט דער הכרה פון אַ זינען און אַ ווערט אין מענטשנס לעבן, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן אויף אַ בלויז ריין-שכלדיקן אופן, זיי פליִען אַריבער די ראַנדן פון שכל און טראָגן אים אַריין אויף די פליגל פון פאַנטאַזיע, ווי אַ שטענדיק דויערנדיקן, אין דער באַהעפטונג מיט דער אייביקייט.

בלויז רגעס אַפילו פון אַזעלכע איבערלעבענישן און דערקענטענישן גיט דעם מענטשן לאַנג אָנהאַלטנדיקן מוט און גייסט־שטאַרקייט. אַזאַ איבערלעבונג און דערקענטעניש, אַזאַ מוט און גייסט־דערהויבונג, דערפילט זיך אין די לעצ־טע שורות פון ליד וואָס הייסט „באַהעפט, פאַרוועב זיך".

דער דיכטער זינגט:

די נאַכט געהערט צום היינט . . . הייב אויף די אויגן דיינע,
און גיס צונויף זיך מיט די ווייטע, ווייסע שטערן.
באַהעפט, פאַרוועב דיך מיט די ליכטיק לויטערע מזלות,
און אַז דיין אייגן מזל וועט סוף נאַכט פאַרלאָשן ווערן,
וועסטו — פאַר בלאָנדזשענדיקע שיפן, אויף די זיבן ימים —
נאָך בלייבן דורות לאַנג דער שטראַל פון אויסגעברענטן שטערן.

אַט די דאַזיקע וויזיע פון אַן אויסגעבערענטן שטערן־שטראַל פירט עם מיט דער שעפערישקייט פון דיכטער, ווען ער לאָזט זיך אַרויס אויף זיין דיכטערישער „ליכטיקער נסיעה" אַרויסצוזינגען דאָס ליד „סעפּטעמבער ליכט". אין דאָזיקן ליד פרעגט ער:

וואָס ווייסט דער נאַר, דער ווּסטער, וואָס טע שיין?
און אַז ער קוקט אויף דער זון בשעת זי האַלט אין אונטערגיין,
און ווערט נתפּעל פון די שפּילעוודיקע רעגנבויגן־פאַרבן —
באַנעמט ער דען — אַז אַלע ליכטיקייטן ליגן אויפן וועג צום טויט.
און אַז די ליכטיקייטן אַלע גייען אויף ביים סאַמע ראַנד פון שטאַרבן?

און אין זעלביקן ליד ווענדט ער זיך צום קלוגן מיט די ווערטער

און נאָכדעם, אַז דו זעעסט אין מדבר לאַנד די זון פאַרגיין —
נעם טרינק דיין זעעוודיקייט אָן מיט אַלע אירע פאַרבן,
און זאָג: די ליכטיקייטן ליגן אויפן וועג צום טויט,
און שטראַלן אויף ביים סאַמע ראַנד פון שטאַרבן.

די ליכטיקייט, וואָס טוט אַ בלענד פאַרן דיכטערס גייסטיק אויג, ווען ד'עם מענטשנס וועג צום טויט שיינט אויף אין זיין פאַנטאַזיע, שטראַלט אַרוים פון זיין ליד „עפּיטאַף":

אָ ליד, מיין ליד, נעם אָן פאַר ליב דיין בלינדן גורל,
און ווי געוועז בלייב פּרוסט, עניותדיק און גלויביק.
ניט נאָר די זון, די שטערן, די לבנה און די בענקשאַפט,
נאָר אויך דער שטויב פון שוכן עפר איז אייביק, אייביק!

מיט דעם הויך פון דער אייביקייט זענען דורכגענומען גאָר אַ גרויסע צאָל פון רויזענבלאַטס לידער. די אייביקייט, אַן אָנגעלאָדענע מיט גייסט, איבער וועלכער עס שוועבט די געטלעכקייט, איז די סאַמע לעצטע אינסטאַנץ פון דעם מענטשנס וואַנדערונג אין דעם אַהין־און־אַהער פון דער גרויסער וועלט. די וועלט וואָס ער נעמט אויף מיט זיינע חושים, ציט ער געדאַנקלעך און אימאַגענעריש אַריין אין זיך. זיך אַליין ווידער לאָזט ער אין זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע אויפלייזן אין דער אומענדלעכקייט פון צייט און שטח. די אויגנבליקלעך אויפגענומענע אייביקייט פּילט אויס זיין גאַנצן מהות. אונטער אירע פליגל געפינט ער דערליי־זונג אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, נאָר אַ געטלעך דורכגענומענע אייביקייט, ווי אַן אַרויסשטראַלנדיקער קוואַל פון קאָסמישן זיין, פּילט אָן מיט תוכן און באַטייט די באַגריפן פון קיום און המשך פון מענטש, פאָלק און מענטשהייט, און רעגט אָן רוחניותדיקע דערהויבונג און פאַרטיפונג. דאָס איז דער פילאָסאָפיש־רעליגיעזער ניגון פון ליד „נישטאָ קיין אַנטרינונג", אין זיין בוך „אין שאָטן פון מיין בוים".

וויליאם וואטאוסאן

דער דיכטער איז אמאל צו דער מדבר אנטרונען, מיט דער כונה צו זיין איינער אליין, ער און קיינער ניט מער. אבער אפילו דארט, אין סאמע מיט פון מדבר, האט ער זיך גראד אנגעטראפן אויף א שיין־וואקסנדיקן בוים, און ער שטעלט זיך די פראגע:

וויִ קען איך פארשליסן די אויגן
אז דער בוים איז געטלעך שיין?
ווי זאל איך ניט לויבן גאטס נאמען
און בלייבן פארט אליין?

און ער דערהערט גאטס קול זאגנדיק צו אים:

קוים ברענגסטו ארויף אויף די ליפן
די זילבן צוויי — „ווי שיין"!
ביסטו ניט אנטרונען פון ערגעץ!
און ביסט שוין ניט אליין.

דער דיכטער דערפילט באלד, אז

גאטס האנט אויף מיין קאפ טוט א ציטער
און אומעטיק טוט ער א ברום:
שטיי אויף... טרייסל אפ פון די קליידער
דעם שטויב און קער זיך אום...

ניט נאר איז דער וואקסנדיקער בוים שיין אין די אויגן פון דיכטער, ניט נאר זעט ער און פילט שיינקייט אין אלץ וואס אטעמט מיט לעבן, נאר אין אלץ וואס איז איינגעשלאסן אין דעם באגריף און באנעם פון נאטור. ער זעט און פילט שיינקייט אומעטום — אין דעם גאנצן אויסשפרייט פון שטח. דאס קומט צו זיין אויג, צו זיין זע־און־דמיון כח דערפאר, וואס ער גלויבט, אז עס איז געגעבן געווארן דעם מענטשן דער כח און די מעגלעכקייט אלץ צו דערהויבן און פארשענערן. דער מענטש פארמאגט די פאטענציאליטעט אריינצובלאזן אן אטעם פון לעבן און א הויך פון גייסט אין אלץ וואס שטעלט צונויף זיין אייגענע וועזנטלעכקייט און אין אלץ מיט וואס ער קומט אין באריר.

* * *

די מעגלעכקייט פון דערהויבונג און פארשענערונג ליגט אין דעם וואס אלץ קוואלט ארויס פון אייביקייט און געטלעכקייט. דאס איז די סיבה פון דעם וואס מענטש ווערט תמיד געטריבן צו גרונטעוועון זיך אין דער כונה פון עקזיסטענץ

פון מינדסטן ביזן גרעסטן, פון נידעריקסטן ביזן העכסטן, פון פשוטסטן ביז צום קאָמפּליצירטסטן. צו דערשפּירן כונה איז דער טייטש פון אַנטפּלעקונג.

אַזאַ פילאָסאָפיש־רעליגיעזע אָנשויאונג, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן ווי פּער־זאָנאַ־פּאַנטעאיסטישע, שיינט אַרויס פון דער שיינער און טיפער באַלאַדע „דער קעלמער מגיד זאָגט מגידות". די מוזיקע באַלאַדע מאַכט אייך פילן גאָטס אָטעם אין דער נאַטור און הערן דאָס שוועבן פון זיין גייסט איבער איר.

דער קעלמער מגיד איז טשיקאַווע צו וויסן הלמאַי האָט רבינו יוחנן זיך אויסגעקליבן דווקא שוסטעריי — פון די געפאַלענע מלאכות — פאַר זיין פאַך. תנאים זענען דאָך פאַראַן ווינציק אויף דער וועלט, און שוסטערס, קיין עין הרע, אַ סך.

ענטפערט אים רבי יוחנן, אַז דאָס איז דווקא דערפאַר וואָס שוסטעריי איז די שפּלסטע מלאכה אויף דער ערד.

איז דאַנק איך דיר, אל חנון, פאַרן כבוד, פאַרן זכות
צו קענען האַלטן הויך אין מיינע הענט דעם האַמער און די אָל,
צו קענען שפּיגלען זיך אין מעשה־ידי אויפן מענטשנס פוס
דען וואָס קאָן זיין געפאַלענער און נידעריקער פון אָפּצאַס,
פון זויל, וואָס טרינקט זיך אין דער בלאָטע אין גאַס?

און דאָס איז ניט דער איינציקער טעם פאַרוואָס שוסטעריי איז אים אַזוי ניחא. זיין פילאָסאָפישע דערקלערונג פאַר דאָזיקן אויסקלייב איז די נאָענטשאַפט צווישן די פאַרשיידנאַרטיקסטע זאַכן און דערשיינונגען אין דער וועלט. רבי יוחנן געפינט און דערפילט די קרובהשאַפט, למשל, צווישן פאַרמעט און לעדער.

ווייל ביידע שטאַמען דאָך פון זעלבן שורש און פון זעלבן מין:
די שעפסן טרינקען אַלע פון דער זעלבער אָזערע אין פעלד,
פאַר אַלע רינדער איז די פּאַשע אויף דער לאָנקע, זומער גרין.

ער געפינט אויך אַן ענלעכקייט אין די קוואַליפיקאַציעס צווישן גאָלוש־טינט און סמאָלע:

דען ביידע בליאַסקען ווי די שפּיגלען אויף דער וואַנט,
וואָרן — ביידע זענען ליכטיק — מחמת ביידע זענען שוואַרץ.

ער בעט אויך גאָט, אַז זיין טאַטע־פאָטערל זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן אויף אים, הלמאַי ער געפינט

אַז צווישן שטיפטל און דעם אות איז אויך אַ קרובהשאַפט פאַראַן,
דען ביידן האָב איך דאָך געוואָרעמט אין מיין הונגעריקן מויל,
ווי ס׳וואָרעמט אירע זריעה־קערנדלעך די שוואַרצע מאַמע־ערד,

כדי זיי זאָלן אין דעם כבוד פון דיין תורה מאַכן גרויס
דיין נאָמען אין דעם שטויב, וואָס וועט בקרוב זיין מיין שויס...

גאָט אַנטפּלעקט זיך צו רבי יוחנן ווי דורך זייער קלענסטן ווי אין דעם גרעסטן נפשל, דורך זייער שפּלסטער ווי דורך זייער העכסטער מאַניפעסטאַציע און פונקציע אין דער וועלט. אין עקסטאַז פון זיין תפילה צו גאָט דערפילט ר' יוחנן אַזאַ שטאַרקע אימאַנענטקייט צווישן אַלץ אין דער וועלט, צווישן דער גאַנצער נאַטור און גאָט, אַז ער שרייט אויס צו גאָט, וואָס כבודו מלא עולם:

איך רוף אויס דער פינצטערניש, די ענטפערסט נישט.
איך זוך דיך — כאָטש ביסט אומעטום נאָר פלוצים מיטאַמאָל
בליצט אויף דער שם־המפורש דיינער, ווי אַ ציטערדיקע טרער,
און בלייבסט פאַרגליווערט הענגען אויפן סאַמע שפּיץ פון אָל,
און ס'כאַפּט מיך אָן אַ חשק דיר צו מאַכן אַ פאָר שטיוול, גאָט!
כדי כיזאָל שאַרפער הערן אין דער פינצטערניש דיינע טריט,
און נאָכגיין הינטער דיר און זינגען, זינגען אָן אַ קול:
„יי אלוהינו, יי אחד"!

* * *

אין זיין ליד „וועגן וויין און רויך" ברענגט ה. רויזענבלאַט אַרויס אויף אַ זייער אָריגינעלן דיכטערישן אופן די מעגלעכקייט פאַרן מענטשן דורך פאַרשיידענע אָפּגעהיטע צוגאַנגען און דורך פילזייטיקע געאיידלטע און געקליבענע באַרירונגען אַריינגעגעבן נשמה און גייסט, אין גוף און חומר. גוף און חומר ווערט דורך דעם געלייטערט און טראָגט אַריין זאַפט און פרייליקייט אין מענטשלעכן לעבן און ווירקט דינאַמיש אויף זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דער דיכטער ווערט לערער אין דאָזיקער פּאָעמע, און צום מענטשן וואָס איז געניגט צו טרינקען, זאָגט ער, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן דעם, אדרבא. ער וויל אָבער אַז דער וויין־ליבהאָבער זאָל זיך לערנען

אַ גוטער וויין איז ווי אַ יונגע, שיינע פרוי, —
דאַרפסט ויסן ווי זיך מיט איר צו באַגיין

ער גיט אים דאָ אַ גאַנצע רייע אָנווייזונגען און לערנונגען, ווי אַזוי מקדש זיין דעם וויין אַזוי, אַז זיין גענוס זאָל ווערן אויך אַ פּסיכיש־גייסטיקער און ניט בלויז אַ פיזיש־פיזיאָלאָגישער.

דער וויין־טרינקער דאַרף זיך לערנען קודם כל אַ הויב טאָן דעם וויין צו

דער זון, כדי דער בלויער הימל זאָל זיך דורך אים דורכזאַפּן. ער בעט זיך ביים טרינקער, אַז ער זאָל ניט אַ פּאַל טאָן צום טרונק ווי דאָס זאָל זיין אַ קאָרעטע.

דאָס פּאַסט זיך פאַר אַ נאַר, אַ שיכור. ניין,

ריך אָן מיט דיינע ליפּן לעבן ראַנד דעם שוים
און טו אַ זופּ מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,
טו צווייַ, דרייַ מאָל אַ צינגל מיט דער צונג אַרום
די ליפּן דיינע — ציטערדיקע, פרומע, שטילע.
פאַרגייַ זיך אין התפעלות אין אַ שטילן — ה־אַ־אַ!
ווי דו זאָלסט מורמלען איצט צו גאָט אַ תפילה.

מען דאַרף די גלאָז ווייַן פון צייט צו צייט אוועקשטעלן פון דער האַנט, מען דאַרף זיך נאָך יעדן זופּ אָפּרוען און דעמאָלט

אויפגיין וועט אַ גאָרונג אין דיין בלוט,
אַזאַ ווי איידער עס געשעט אַ וואונדער!

און באמת וואונדערלעך איז די ווירקונג פון וויין, ווען מען געניסט אים אויף אַ ספּיריטועל־עסטעטישן אופן. אין דאָזיקער וואונדערלעכקייט גיסט זיך צונויף אין אונדזער דמיון די מאַטעריע און דער גוף אין דער נידער מיטן גייסט און דער נשמה אין די הויכן און עפּעס נאָך העכערס פלעפט מענטשנס קאָסמישן באַנעם.

דער דיכטער דערציילט אונדז וועגן די גראַנדיעזע זעאונגען וואָס ווייַנטרינקען קאָן אַרויסרופן אין דעם מענטש נאָכדעם ווי דער ווייַנטרינקער גיט זיך ליב און זעל דעם דרימל וואָס באַפאַלט אים.

אויפגיין וועט דיין רו ווי נאָך אַ רעגן־שפּריי,
דער ריח פון דער ערד, צום אויסגעקלאָרטן הימל.

אין דאָזיקער רו ווייזן זיך פאַרשידענע זעאונגען און עס טויכן אויף אַלער־ליי חלומות. דער דיכטער זאָגט אָן דעם טרינקער, אַז ער זאָל פאַרנעמען און גלויבן אין דעם וואָס ער וועט זען.

דען יעדער זעאונג, אָנונג, חלום און רמז —
איז דאָס וואָס האָט געזאָלט געשען און ניט געשען —
און דער חלום בלויז . . . דער חלום נאָר איז אמת.

די זעלביגע כללים, זאָגט אונדז דער דיכטער גילטן אויך פאַר אַ ציגאַר.

צוערשט די אויסערלעכע שיינקייט פון ציגאַר,
די קילע אַטלאַס־גלאַטקייט צווישן דיינע פינגער.

וויליאם וואטסאן

דערנאך — דער אראמאט, דער רויך וואס ווערט
מיט יעדן צי אלץ בלויער, דינער, גרינגער.

און וואס מער צייט מען נעמט אויף אריינצולעבן זיך עסטעטיש אין דער בלויקייט, דינקייט און גרינגקייט פון דעם רויך, וואס גייט ארויף און פארלירט זיך אין די הויכן, אלץ מער דערפילט מען „די ווייטע בענקעניש, דאס חלום־בילד, דעם רמז,

וואס ליגט איינגעהילט אין יענעם בלויען קנוילכעלע.
דער חומר — דער ציגאר אליין — איז ביטער גאל!
דער עיקר איז דער רויך . . . דער רויך איז אמת.
אט הער זיך איין צום טליען און וועסט הערן,
אין לעצטן בלויען פעדעמל, וואס ציט ארויף — א סוד.

ווען דער אויסרוף:

„דער חומר — דער ציגאר אליין — איז ביטער גאל!
דער עיקר איז דער רויך — דער רויך איז אמת".

ווערט אנגענומען סימבאליש, קאן ער אייגנטלעך אנגעווענדט ווערן אויף אלץ אין דער וועלט וואס ווערט נאר באנומען פון מענטש, און באצייכנט פון אים ווי חומר, גוף אדער מאטעריע. און ווי די ביטערקייט פון ציגאר, אזוי בי־טער ווערט דערפילט צום גייסט פון מענטשן אלץ אין דער וועלט, וואס איז ניט באהויכט פון רוחניות, און וואס קאן ניט אנגענומען ווערן ווי אן אפוצע, אן ארויסשטראל אדער ארויספלוס פון שטראמיקן גייסט. פארקערט ווי דער, וואו נאר עס קאן געאנט אדער פארדעכטיקט ווערן א שמץ פון אדער א נאענטקייט צו גייסט, דארט קומט פאר אין מענטשלעכן דמיון א באהעפטונג פון מאטעריע און גייסט, דער מענטשלעכער געדאנק דערגרונטעוועט זיך צום אריינוועב פון מא־טעריע און גייסט. דיביידע ווערן איינס, די איינסקייט ווערט פאר דער מענטש־לעכער פאנטאזיע א קוואל פון חלומות, סודות און רמזים, זיי ווידער דערהויבן נאטור צו איבער־נאטור. זיי ווירדיקן און גרויסן אזוי ארום די מענטשלעכע פער־זענלעכקייט און מאכן אים צו דערפילן זיך ווי א ניצוץ פון דער געטלעכער פער־זענלעכקייט. דער פאנטעאיזם שלענגלט זיך אריין אזוי ארום און ווערט סובאר־דינירט צום פערזאנאטעאיזם. אלץ ווערט אינטעגרירט אין דער העכסטער ספי־ריטועלער קאסמישער קראפט, וואס מענטש רופט אן גאט. עס קריסטאליזירט זיך ארום א וויזיע און אן אנשויאונג פון אן אל־עקזיסטענץ און גאט, און פון א גאט איבער אלץ וואס נעמט אן עקזיסטענץ־געשטאלט. דאס איז דער פילאסאפיש־רעליגיעזער טייטש פון „אלוהינו ד' אחד".

דער כח פון גייסט, ווען אונדזער דמיון וועבט אים אריין אין מאטעריע,

און די ווירקונג פון העבערער קוואַליטעט פון גייסט אויף גייסט וואָס האָט ניט דערגרייכט די זעלביקע איכות־הויכקייט, דערפילן מיר ווען מיר לייענען רויזענבלאַטס ליד „ספרים״.

דער דיכטער דערציילט אונדז, אַז אין אַ ווינקל פון יאָסע פּאַראַלערס קרעטשמע איז ווי אַ יתום געשטאַנען אַן אַלמער פון סאַסנאָווון האָלץ מיט ספרים — אַ ירושה פון אַן עלטער־עלטער זיידן, וואָס איז געווען יאָסעס יחוס און שטאָלץ.

יאָסע פּאַראַלער אַליין איז געווען אַ פּראָסטער ייד

„מיט ברייטע פּלייצעס און פאַרגראָבטע הענט,
געטראָגן האָט ער שטיוול יוכטאָווע, אַ לייוונטן העמד,
אַפילו עברי, דאַוועגען האָט ער קוים געקענט״.

דער עלטער־עלטער זיידע אָבער האָט ניט נאָר איבערגעלאָזט בירושה צו יאָסען די ספרים וואָס ער האָט, צוליב גאָטס וואָרט אין זיי, הייליק געהאַלטן. דעם דאָזיקן זיידן זיינעם איז אויך באַשערט געווען איבערגעבן צו זיין אור־אייניקל בירושה דעם הייליקן ציטער, וואָס גאָטס וואָרט האָט אין אים אַרויסגערופן, ווען נאָר עס האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע דערטראָגן צו אים און דורכגעגומען זיין נשמה. יאָס פּאַראַלער האָט געירשנט די געפילן פון ליבע און יראת הכבוד פאַר העכערע מענטשלעכע ווערטן, און דעם געפיל פון קדושה פאַר דער באַרכטיקער איין־און־איינציקייט אין דער וועלט, וואָס „די וואָלקנס זענען איר רייטוואָגן, און וואָס טראָגט זיך אויף די פליגלען פון ווינט״. (השם עבים רכובו, המהלך על כנפי רוח).

דאָס איז די איין־און־איינציקייט וואָס אין דער פאַרבאָרגנקייט פון אירע, אַפילו נאָר הרף־עינ׳דיקע אַנטפּלעקונגען און דערקענטעניש, פילט אַן דעם מענטשן מיט גייסט דערהויבנקייט און רופט אַרויס געפילן פון חשיבות צום מין מענטש. אין דער נשמה פון יאָסן איז אויף שטענדיק פאַרבליבן דער הייליקער ציטער וואָס די ספרים און די אותיות אין זיי האָבן אַרויסגערופן אין דעם לומדן — זיין עלטער־עלטער זיידן. פאַרן זיידנס אויגן האָט גאָטס גייסט געשוועבט איבער די אותיות פון די ספרים, און דאָס אייניקל האָט ניט אויפגעהערט צו פילן דאָס שוועבן פון זיידנס גייסט איבער דעם ספרים אַלמער. און דערפאַר ווען נאָר אַ ייד אַ לומדן אָדער אַזוי אַן איידעלער ייד אין אָרעמאַן פלעגט, פאַרבייפאָרנדיק זיין דאָרף, איבערנעכטיקן אין קרעטשמע און נעמען אַריינקוקן אין אַ ספר פון די ספרים און ספרימלעך וואָס האָבן אָנגעפילט דעם אַלמער — פלעגט אין יענער נאַכט יאָסע פּאַראַלער איבערלעבן אַ סך שעהן פון עלית נשמה און נחת רוח. ער

האָט שלאָפן יענע נאַכט שוין ניט געקענט.
געלעגן ווי אויף הייסע קוילן, זיך געדרייט, געקרעכצט,

וויליאם נאטאנסאן

האט ממש ניט געקענט געפינען זיך קיין אָרט:
אַ למדן איז געווען ביי אים אין קרעטשמע און געבאָרגט
ביי אים, ביי יאס פאראָלער, גאָטס אַ הייליק וואָרט.

די שטערן וואָס גליען אויף די טונקעלע שויבן ווערן, אין יאסעס פון קדושה אָנגעפייערטער פאנטאזיע, אין אותיות פארוואנדלט. יעדער שטערן ווערט אים הייליק, ווייל יעדער שטערן איז אַן אות. יאס שלאָפט ניט אין יענער נאכט.

ער הערט דעם למדנס תורה ניגון אין דער שטילער נאכט,
דאָס שטילע פלאפלען פון דעם אַלטן וואַסער־ראָד,
זיין עלטער־עלטער זיידנס פרום־פארדבקהט קול:
שמע ישראל — די אלוהינו . . . די אחד!

וואָס הייליקער די שטערן ווערן צו יאסן ווייל ער זעט אין זיי גאָטס אותיות און ווערטער, אַלס ליבער ווערן אונדז אַלע פראָסטע יידן, וואָס זיי סימבאָליזירט די פון דיכטער געשאפענע געשטאַלט — יאס פאראָלער.

* * *

די קדושה וואָס שטראַלט ארויס פון די שטערן נעמט דורך דעם דיכטערס וועזן גופא. זי צירקולירט זיך דורך זיין בלוט און דערוועקט אין אים דעם גלויבן אינעם אחרית־הימים.

אין זיין ליד אונטערן נאָמען טאקע „והיה באחרית הימים״ אנטפלעקט פאר אונדז דער דיכטער, אַז ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז גאָט וועט נאָך ניט איינמאָל פארטרייבן דעם זינדיקן אדם פון גן־עדן, און אַז ניט איינמאָל נאָך וועט אויפֿשטיין אַ קין זיין ברודער־מאָרד פריש צו באנייען, דאָך קאָן ער זיך ניט אָפזאָגן פון גלויבן, אַז פון אייביק ביז אייביק וועט בלייבן דעם נביאס באחרית הימים. און אַפילו ווען עס קומען צו זיין וויזיע די הונדערטער דורות און תקופות, וואָס וועלן אין שיכחה פארזינקען, און די ערד וועט זיך נאָך אין מבולס טרינקען, און פארלענדן וועט נאָך גאָט מיט פייער צענדליקער סדומס ועמורהס — איז אַפילו אין אַזעלכע מיט שווארצקייט דורכגעדרונגענע מאָמענטן, טוט אַ בליץ אויף פארן דיכטער די אייביקייט און דער דויער. זיי בײדע — די אייביקייט און דעם דויער — דאָס קאָסמישע זיין און ווערן — דערזעט דער דיכטער באַשטראַלטע פון געטלעכקייט, און אין זעלביקן ליד קריצן זיך אריין די זינגעוודיקע שורות

אין תוהו ובוהו אַרום אים
וועט אייביק באַנייען
דער נביא זיין וואָרט און וועט שרייען
והיה באחרית הימים.

דער דיכטער ווייס אַז אַזאַ גלויבן „אין סוף פון די טעג" איז וואונדער פון די וואונדער וואָס אונדזער שכל קאָן ניט באַנעמען. ער דערפילט אָבער נאָך אַ טיפערן זעלבסט־אַנאַליז, אַז אין וואָס מען גלויבט טיף און דאָס וואָס איז אַפּט דווקא למעלה מן השכל איז וואָר. אין דער וועלט וואָס האָט זיך נאָך ניט אַנט־פּלעקט צום שכל אין איר גאַנצקייט קאָנען אויך וואונדער געשען. און דאָ דער־מאָנט ער זיך אָן דעם וואונדער־פויגל — דאָס פעניקס. וועגן דאַזיקן פויגל דער־ציילט די לעגענדע, אַז ער האַלט זיך אויף אין דער מדבר, וואו ער לעבט אַ יאָר פינף הונדערט. צום סוף פון די פינף הונדערט יאָר פליט ער ערגעץ אַוועק און בויט זיך אויס אַ נעסט פון בשמים־צווייגעלעך, צינדט זיך אַליין אונטער און פאַרברענט זיך אַליין. נאָכדעם ווי ער ווערט פאַרברענט, הויבט ער זיך צוריק אויף פון אַש אַ באַנייטער און טאָפּל־שיין — שענער ווי ער איז געווען פאַרן פאַרברענט ווערן. דער פעניקס ווערט דעריבער דער סימבאָל פון אייביקן לעבן.

אָט די דערמאָנונג זינגט ארויס אין ליד „אַזאַ מין וואונדער־פויגל".

אויף דער פראַגע ווי זינגט אַ ברודער ווען אַ ברודער וויינט, ענטפערט דער דיכטער:

איך ווייס, דו ביסט פאַרפייניקט,
אַזוי איז אויך דאָס וואָרט.
נאָר זינגען זינג איך לידער
און טרייסטן טרייסט איך פאָרט.

און דאָ גיט ער איבער אין געזאַנג די לעגענדע וועגן וואונדער־פויגל און שליסט דאָס ליד מיט די שורות:

דו האָסט אַזאַ מין פויגל
נאָך קיינמאָל ניט געזען?
נאָר איך בין פרום און גלויביק —
עס האָט און עס וועט געשען!

און שווער איז באמת צו געפינען אַ ליד אין רויזענבלאַטס וואַלד פון לידער, וואָס זאָל ניט זיין באַגלייט און דורכגענומען אויף אַ וועלכן עס איז אופן אין אָפנקייט און פאַרבאָרגנקייט מיט די מאָטיוון פון פרומקייט און גלויביקייט.

זיין פרומקייט און גלויביקייט אין אַ פילאָסאָפיש־רעליגיעז דיכטערישן זין, פילט אים אָן מיט זיכערקייט אַז קיום און המשך גילט פאַרן יחיד, פאַרן פאָלק און פאַר דער מענטשהייט, אַלץ וואָס איז פאַרגענגלעך פליסט אריין אין דער אייביקייט און שטראַלט זיך פון דאָס ניי פאַנאַנדער אין אַ דויערנדיקער, אומ־אויפהערלעך אַנדערש ווערנדיקער צוקונפט. דאָס שטראַלט אריין זינען אין דער נבואה פון והיה באחרית הימים. די דאָזיקע זיכערקייט ווערט פאַרן דיכטער דער קוואַל פון פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן אָפּטימיזם.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אין זיין ליד „מזמור שיר ליום" (צום דריי־הונדערטסטן יובל פון יידיש לעבן אין אַמעריקע) נוצט ער אויס די סימבאָלן פון דעם „פעניקס פויגל" און פון דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט — אויף צו געבן אויסדרוק צו זיין גלויבן אין קיום און המשך פון יידישן פאָלק.

ער זינגט:

דורך וויכערס אַש און קנוילן רויך — פון פייער אַ באַנייטער.
דער פעניקס לעבט פינף הונדערט יאָר — נאָך יעדער פייער טבילה
באַנייט ער זיך — אַ בלויע טויב מיט שטערן־אויגן שטילע . . .
אויך איך האָב הונדערט מאָל געברענט — געברענט און בין געוואָרן
דער סנה, וואָס פלאַקערט איינגעדרייט, אין שטעכעדיקן דאָרן.
די בליצן שפּאַלטן פעלדזן בערג, דער ים אין ווילדן צאָרן
שלינגט אינדזלען איין . . . און אייביק ברענט דער מדברדיקער דאָרן.

* * *

טיפער פערזענלעכער און נאַציאָנאַלער אָפּטימיזם דערטראָגט זיך צו אונדז פון ליד „משה אויפן באַרג נבו":

פון זיין אייגענעם איבערגעשטאַלטיקטן תנכישן משה הערט דער דיכטער אַרויס ווערטער פון האַרצן וואָס זענען אָנגעפילט מיט טרויער.

טרויעריק זענען משהס ווערטער געווענדעט צו גאָט:

דעם צער, וואָס איך האָב אויפגעזאַמלט אין מיין זעל, דאָס ביסל טרייסט,
וואָס דו האָסט צוגעשטעלט דיין קנעכט, האָסטו באַשטימט און ווייסט —
וועט אונטערגיין מיט די לעצטע רגעס פון מיין זיין דאָ אויף דער ערד.

זעליק און פריידיק זענען אָבער די ווערטער וואָס קומען נאָך זיי.

אין די דאָזיקע ווערטער דריקט ער אויס זיין בטחון, אַז גאָטס צוזאָג וועט ניט אונטערגיין:

נאָר ניט דיין צוזאָג, וואָס דו האָסט פאַרקינדיקט צו דער וועלט
און ניט מיין אויסגעבענקטן חלום, וואָס איז ערשט געוואָרן פאַר מיר וואָר, —
זיי וועלן ניט פאַרגיין אינאיינעם מיט זיין טרויער און מיין פרייד.

משה בעט גאָט ער זאָל אויסשפּרייטן זיין האַנט איבער אים און אים

בענטשן מיט זיין שטראָף, און פּאַרוויגן אים אין זיין שוים צו דער שטילער רו, וואָס גאָט רופט אָן טויט. אָבער ער אַליין — משה — וויל ניט אָנרופן די שטי־לע רו מיטן נאָמען טויט, ער וויל אָנרופן דעם סוף פון זיין עקזיסטענץ אויף אונדזער ערד מיטן נאָמען שלאָף ־הערפּאַר וואָס

. . . הערן וועל איך דיינע טריט אין רעגן, וואָס וועט פאַלן אויפן גראָז,
דיין רחמים — אין געמורמל פון דעם דינעם וואַסער שטראָם,
וואָס רינט
אַרונטער די פעלדזן, און דיין צאָרן אין דעם דונער אויף
די בערג;
דיין פלוג אויף מיינע פיינט, וואָס רינגלען מיך אַרום — אין
שטורמווינט.

און מיט דער רואיקייט און געבענטשקייט וואָס נאָר דער גלויבן אין קיום און המשך פון מענטשלעכן „איך" און קאָלעקטיוו פון „איכן" פון פאָלק און מענטשהייט קאָן געבן, זאָגט משה צו גאָט זיינע לעצטע אויף דער דאָזיקער ערד — ווערטער:

שוין פיל איך דיינע ליפּן אויף מיין שטערן און דיין אָטעם
אויף מיין באַק.
איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז רו קאָן זיין אַזוי געשמאַק,
אַזוי באַטעמט — — — ג־ע־ש־ש־מ־אַ־א־ק

אין די דאָזיקע לעצטע ווערטער פון דער פאָלקס אויסגעחלומטער געשטאַלט — משה רבינו אָדער דער נביא משה — ליגן פאַרבאָרגן טרייסט, בטחון און האָפענונג הן פאַרן יחיד, הן פאַרן פאָלק, אַזוי גוט ווי פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט.

די פרייד וואָס די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט געבראַכט צום דיכטער דריקט ער אויס אין ליד „על הניסים". דער דאָזיקער נס שטאַרקט דעם דיכטערס גלויבן אין דעם המשך און קיום פון פאָלק. דער דיכטער האָט זיכער מיט כוונה געלאָזט דרוקן איינס נאָכן אַנדערן די צוויי לידער „משה אויפן באַרג נבו" און „על הניסים".

אין לעצטן ליד פרעגט ער אין נאָמען פון יידישן פאָלק:

— ערשט איצט? ערשט היינט דער וואונדערלעכער נס געשען? און דאָס פאָלק ישראל ענטפערט: צוויי טויזנט יאָר צוריק האָב איך געזען

ווען איך בין נאָך אין פרעהס לאַנד געווען
און שטרוי און זאַמד געקליבן

ווילִיאַם נאַטאַנסאָן

איך האָב שוין געטענהט צו מיין קינד: מיין מת,
זיי שטיל, ניט וויין . . . געדענק און ניט פאַרגעס,
עס וועט געשען, עס דאַרף, עס מ ו ז געשען דער נס!
דער נס פון אַלע ניסים!

איך האָב דעם נס דעם וואונדערלעכן שוין אַמאָל געזען.
צי קען דער נס דער הייליקער דען צווייט מאָל ניט געשען?
וואָרים וויפל ניסים בין איך דען אַליין שוין ניט געווען —
— און אַלץ נאָך נס געבליבן? —

אין צאָל פון ניסים וואָס וועלכעס עס איז פאָלק אין דער וועלט איז געווען, איבערשטייגט דאָס פאָלק ישראל אַלע פעלקער וואָס האָבן געלעבט און וואָס לעבן איצט אויף דער וועלט.

— 3 —

אינעם ליד „אוזאָרן אויפן ים" פון ה. רויזענבלאַט קומט צו אַ שיינעם און טיפן אויסדרוק אַ פאַנטעאיסטישער צונויפגוס פון דיכטער מיט נאַטור, מיט מענטש, מיט פאָלק און מיטן גאַנצן קאָסמאָס. ים סימבאָליזירט דאָ די נאַטור אין איר גאַנצן אַרומנעם.

אַ ליכטיקער אַלוועלטאַרומנעמענדיקער אָפּטימיזם קלינגט אַרויס פון דאָזיקן ליד. אין איין-און-איינציקן געוועב ווערן דאָ אַריינגעהעפט ווירקלעכקייט, חלום, וויזיע און אוניווערסאַלע בענקשאַפט.

דער דיכטער געדענקט געניו דעם חודש און די נאַכט, ווען ער און דער ים זענען איינס געוואָרן. דאָס ליד גיט דעם איינדרוק ווי דער דיכטער וואָלט ים געוואָרן און דער ים — דיכטער. דער דיכטער לייענט אַרויס פון ים זיין אייגענעם מורמל, פלאַפל און געוויין, זיין אייגענע בענקעניש, זיינע אייגענע חלומות און וויזיעס, וואָס עס רופן אַרויס אין אים דער הימל און די ערד, דער גורל פון מענטש, פאָלק און מענטשהייט און דער גאַנצער גאַנג פון קאָסמאָס פון אייביק ביז אייביק דורכן דויערן פון אַלע צייטן.

דער דיכטער און די נאַכט אין חודש אָב פון אַ געוויסן יאָר זענען „ביידע פון ים ניט אָפּגעטראָטן". ביידע זענען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם „מאָזלען פון ים — פון שטערן-אויסשיט, וואָס האָט זיך אויפן ים אויסגעשאָטן". ביידע — דיכטער און נאַכט — האָבן זיך איינגעהערט אין „שטילן און אומעטיקן

קולטור קוואַלן

איי-לע-ליו-ליו-ניגון פון ווינט הינטער דער לבנה" —ביידע האָבן זיך איינגע-קוקט ווי:

„דער ים דער אַלטער וואַרפט זיך, ווי אַ קינד אין וויגל — —
אַ קראַנקער אָדלער מיט פאַרוואונדעטע צוויי פליגל.
ער מורמלט, פלאַפּלט, וויינט און לאָזט זיך ניט פאַרוויגן".

דער ים באַקומט פּלוצלינג אין דיכטערס פאַנטאַזיע די געשטאַלטונג פון אַ לעבעדיק-גייסטיק וועזן, און פאַר זיין דמיון לויכט אויף אַ חלום, וואָס עס חלומט, ווי אים דוכט זיך, דער אויפגעשטורעמטער ים.

אַ חלום איז פאַרביי די אויגן פון ים, וואָס ווי אַ רעגנבויגן גייט אויף „פון דעם פינצטערן תהום דעם טיפן". אין חלום זעט דער ים:

„אַ בריק געוועבט פון פייערן און פאַרבן,
און הינטער איר
קאַוועלן בערג, לבנה-ווייסע פעלדער, אינדזלען, שיפן.
און איבער זיי דורך ברענענדיקע רייפן גאַלאָפּירן
די פייערדיקע פיר אַפּאָקאַליפּסוס-רייטער
מיט בליצן בייטשן אין די הענט
און ברענענדיקע לייצעס.
טורבאַנען פייער אויף די קעפּ
און לאָגלען כמאַרע אויף די פּלייצעס".

וואוהין גאַלאָפּירן עס די פיר אַפּאָקאַליפּסוס-רייטער? צו וועלכן לאַנד, צו וועלכן אינדזל טראָגן זיך עס די דאָזיקע פיר געשטאַלטן, וואָס סימבאָליזירן דעם חזיון העתיד, דעם נבואה'דיקן אחרית הימים? זיי יאָגן זיך צום וויטן מזרח-לאַנד, צום וויטן ווייטער, און „פאַרשווינדן איבער ווייסע פעלדזן שוים און וועלן-בערג". אָבער באַלד נאָכדעם ווי זיי פאַרשווינדן, פלאַטערט אויף דער האָריזאָנט.

„פאַנטאַסטישע אוזאָרן
שאָטנס.
סילועטן.
זעגלען.
מאַסטן.
שיפן קאַראַוואַנען.

מינענדיקע פליגל שאָטנס הינטער פלאַטערדיקע מעוועס:
ניט ווייט — אַ לאַנד, אַן אינדזל, קאָנטיק וואו פאַראַנען.

וויליאם גאטאנסאן

אוזארן
שאטנס
סילועטן
זעגלען
מאסטן
שיפן, שיפן, שיפן!"

די נאכט — זי אליין גאר האט געוואוסט, אז דער דיכטער האט זיין אייגענעם חלום פארטרויט דעם מורמלדיקן, פלאפלענדיקן און וויינענדיקן ים. נאר די נאכט איז געווען אן עדות צו דעם אז אויפגעגאנגען איז דער חלום ווי א רעגנבויגן ניט פון די גרונטן פון ים, נאר פון דיכטערס נשמה, פון איר טיפן און פינצטערן תהום. מיר האבן דער נאכט צו פארדאנקען אונדזער דערוויסן זיך, אז דער ים, מיט אלע זיינע פארבארגענע און מיסטעריעזע פארקומענישן אין אים, האט בלויז באוויזן אויפצורודערן דעם דיכטערס נשמה, און פון אירע מעמקים האט אויפגעלויכט דער חלום וואס דער דיכטער לאזט ארויסקלינגען אין זיין שיר „אוזארן אויפן ים".

די נאכט, וועלכער עס איז געגעבן געווארן די דערקענטעניש וועגן אמתן קוואל פון חלום, שטעלט דעם דיכטער פראגן וועגן מיין און באדייט פון זיין פאנטאסטישן טרוים. די ענטפערס וואס זי באקומט פון אים ווארפן א שיין פון באשייד, א רמז פון א פתרון צום חלום, וואס דער דיכטער טיילט מיטן ים. די נאכט וויל וויסן:

„ווער זענען די אויסטערלישע שיפן אויפן ים?"

דער דיכטער ענטפערט שארף און קלאר:

„די שיפן זענען מיינע!"

די נאכט פרעגט ווייטער:

„דורך וואסערע סימנים טוסטו זיי דערקענען?"

דער דיכטער ענטפערט ווידער אין ווערטער פשוטע און שארפע, אבער ניט גאר רעאלע, ווען זיי שטעלן זיך אוים אין די סימבאליש־אנגעלאדענע דיכטערישע שורות:

„פון אלע שיפן זענען זיי — די ליכטיקסטע,
זיי ברענען!
די זעגלען — פארמעטן, טליתים.
די לייטער און די שטריק — רצועות
די מאסטן געדיכטער וואלד פון ברענענדיקע תליות".

דער ענטפער אין אזעלכע פאנטאסטיש־מיסטישע אויסדרוקן ווי „ברענענדי־קע שיפן, פארמעטן, טליתים, רצועות און ברענענדיקע תליות", פירן אונדז שוין אריין אין פרד"ס — אין גארטן פון פשט, רמז, דרוש און סוד. זיי זענען מרמז אויף סודות און סימבאלן וואס רעגן דערקלערט צו ווערן, און לאזן זיך אינטערפרעטירן. ערשט ווען מען דערפילט די קדושה, מיט וועלכער די דאזיקע שורות זענען אנגעזאפט, און די הייליקייט, וואס די פונקען פון א סנה־פייער האבן איבער דער וועלט צעטראגן און אנגעשטעקט מיט איר דורות און דורות ביז צום אין־סוף, קאן מען אויפנעמען ווי געהעריק און אריינדרינגען אין אמתן זינען פון דעם אז ישיר, וואס שאלט ארויס פון אלע גלידער פון דיכטער. א פייערלעכע פרייד וויקלט אים און אונדז דעמאלט ארום און מיר אטעמען אריין אין אונדז די גליקזעליקייט, וואס דער דיכטער לעבט איבער אין חלום, און וואס ער זינגט ארויס מיט עקסטאז אין די שורות:

„כיהו"ב אויף דעם הימל איבער זיך און וועלט — —
א שטראלנדיקער קידוש־בעכער".

און מיט אים אינאיינעם דערפילן מיר זיך טראגנדיק „התלהבותדיק פייער־לעכער, העכער, העכער!" דעם דיכטערס פאנטאזיע, אן איינגעוויקלטע אין קדושה, שטעלט זיך דא ניט אפ, פאנטאסמאגאריש דערזעט ער:

„א בלויער שטערן־שוים די ראנדן גייט אריבער — —
א פאסמע ליכט ביים מזרח ראנד,
א ווייסער רעגן־שפריי פון שטערן און פון לידער,
א שיף א ברעג... א טויב מיט ווייסע פליגלען —
זיין אויסגעבענקטע בענקעניש
צעשטראלט אויף טויזנט וועלן־שפיגלען".

א בענקעניש וואס צעשטראלט זיך אויף טויזנט וועלן־שפיגלען שטראלט אריין אין דער נשמה פון מענטשן א גלויבן אין קיום און המשך פון אלץ, וואס איז נשמה'דיק און גייסטיק. אזא בענקעניש בענקט אויס א זין און ווערט, וואס אייביקט און געטלעכט דאס זיין און גיסט צונויף לעבן און טויט אין אן אל־וועלטלעכער קאנסאנאנץ. אזא אויסגעבענקטע בענקעניש איז דער טיפסטער קוואל, וואס פון אים שטראמט גלויבן און האפענונג, און עפנט אזוי ארום פערספעקטיוון און האריזאנטן פון אפטימיזם. אין אזעלכע רגעס „ווערן עס לי־דער שטערן" און עס קומען זעאונגען פון „א שיף... א ברעג... א טויב מיט ווייסע פליגל". אין אזא מין רגע האט אפשר דער דיכטער, טראגנדיק זיך אויף די ווייסע פליגלען פון א טויב, אויסגעתפלה'ט דאס ליכטיקע ליד, מיט וועלכן ער שליסט זיין בוך „מיין ליכטיקע נסיעה".

די לעצטע שורות פון ליד זינגען זיך:

וויליאם נאָטאָנסאָן

גאָלד־געצונדן ברענען מײַנע אָוונט בלויע שויבן,
מיט דעם אָוונט־שטערן אויפגיין זאָל מײַן ליד.
הויב די ריגלען אויף פון טויער.
נעם אַראָפּ דעם שלאָס פון טיר
קום, באַפרײַ פון שטײַג מײַן טרויער
און פאַרבעט די פרייד צו מיר.
מיט אַ האַרץ אַן אויסגעלײַטערטס
מיט אַ ליכטיק גרינג געמיט,
ווי אַ תפילה וועל איך זינגען
לעבן מײַנס, צו דיר, מײַן ליד".

אין אַזעלכע אויפּציטערנדיקע מאָמענטן פון אָפּטימיזם זענען עס זיכער גע־קומען אויפן געדאַנק צו ה. רויזענבלאַט די נעמען וואָס ער האָט געגעבן זײַנע פיר לעצטע ביכער, אין וועלכע זײַנע לידער זענען אײַנגעטאָוולט. די ביכער הייסן: „אין שאָטן פון א בוים", „בלויע פלאַמען", „אין שענסטן טאָג פון האַרבסט", און „מײַן ליכטיקע נסיעה".

בלויקייט, שײַנקייט און ליכטיקייט שטראַלן ארויס פון ה' רויזענבלאַטס גרעסטער צאָל לידער. און אַלע זײַנע לידער פּולסירן מיט לעבנס פרישקייט און זאַפטיקייט.

א. לוצקיס דיכטונג

אין אַ פילאָסאָפיש ליכט

— 1 —

קינסטלערישקייט איז דער ערשטער באַדינג פון קונסט, אָבער ניט דער לעצטער. די אַנדערשקייט שפּילט אַן אויסערגעוויינטלי״ך גרויסע ראָלע אין יעדן אויסדרוק פון קולטור. דאָס העכסטע און דאָס טיפסטע וואָס איז פאַראַן אין קולטור, דאַרף אינעם קונסטווערק איבערגעגעבן און ארויסגעבראַכט ווערן אַנדערש ווי עס ווערט איבערגעגעבן און אַרויסגעבראַכט אין די ווערק פון אַנדערע קולטור־צווייגן. וואָס אַנדערשדיקער אַ באַטרעפנדיק קונסט־ווערק איז, אַפילו אין פאַרגלייך מיט די קונסט־ווערק, וואָס געהערן צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע פון קונסט, אַלץ שטאַרקער איז די ווירקונג און דער איינפלוס פון דאָזיקן ווערק. אויב ניט צוליב קיין אַנדער אורזאַך, וועט עס צוליב דער אַנדערשקייט גופא, אָנרירן סטרונעס אין די הערצער און נשמות פון מענטשן, וואָס אַנדערע ווערק האָבן געלאָזט אומבאַרירט.

רעדנדיק וועגן ניטשען, וועלכער איז מער אַ קינסטלער ווי פילאָזאָף, זאָגט קראַטשע: „זיין געדאַנק איז אומקלאָר און האַלט ניט אויס קיין קריטיק. ער איז אָבער געשטיצט פון אַ פליגלדיקער אינספּיראַציע, וועלכע דערהויבט דעם גייסט צו אַ רוחניותדיקער ממשלה, וואָס אַזאַ איז זעלטן ווען דערגרייכט געוואָרן אינעם צווייטן העלפט פונעם נייַנצטן יאָרהונדערט".

אָט אָ די דערהויבונג אין די העכסטע רוחניותדיקע וועלטן, וועלכע זיינען דורכגענומען ניט מיט לויטערער געדאַנקלעכקייט, נאָר דווקא מיט אַ מיסטעריעזער טונקלקייט, איז ניט דער ערשטער, דערפאַר אָבער דער לעצטער און זייער וויכטיקער תּנאי פאַר אַ קונסט־ווערק אויף אָוועקגעשטעלט צו ווערן אין דער ריי פון גרויסע קונסט־ווערק.

פון די יידישע פּאָעטן האָט קיינער נאָך ניט אַזוי געדיכטעט ווי עס דיכטעט דער פּאָעט א. לוצקי. קיינער פון זיי האָט אינעם יידישן וואָרט ניט אַריינגעגעבן אַזוי פיל כח און פשטות, אינהאַלט און וואַריאַציע, און אַזוי פיל זאַגעוודיקייט און מאַגנעטישקייט וויפל דער דיכטער א. לוצקי.

— זיינע ווערטער זיינען — ווי ער אַליין זאָגט אונדז —

ווילי‍אַם נאַטאַנסאָן

ווערטער וואָס קוועלן קוואלן אויסגעטאַנצט אויפן אַרט.

מיינוס אַ זמרל — איז תורה
מיינוס אַ זאָג — איז טיפער קלאַר
קלאָרע וואָר — ביי מיר לעגענדע

די זאָגעוודיקייט — די תורה, טיפער קלאָר און קוואַליקייט — פון זיינע ווערטער קומען צו שטאַרקן אויסדרוק שוין אין דער גאַר גרויסער צאָל זאָגעכצן, וואָס מיט זיי זיינען דורכגענומען כמעט אַלע שירים זיינע. זיי זיינען אזוי גרויס אין צאָל און אַזוי אינהאַלטסרייך און אָנרעגנדיק, אַז אַן אָפּקלייב פון זיי אויסגעשטעלט אין אַ געוויסן סדר, וואָלט צונויפגעשטעלט אַ וויכטיקן ספר „משלי לוצקי" — יעדער משל אַ רמז אויף עפּעס מער.

זאָלן דאָ געבראַכט ווערן אַלס מוסטער בלויז צען פון זיי:

1) אויסגעגאָסן וואַסער — איז אַריינגעגאָסן אין דער אייביקייט.

2) אין שטילקייט איז ניטאָ געשטאָרבן — טויטע לעבן אין פאַרבאָרגן.

3) אין יעדן נישט — איז דאָ אַ מעגלעכקייט פאַר יאָ.

4) יעדער לעבן איז אַ פייער — פון אַ לעבן אויסגעלאָשן,
יעדער דור אָנגעצונדן פון די דורותדיקע פלאַמען.

5) אומעטום איז דאָ — יעדער דאָ איז דאָרט, יעדער דאָרט איז ווייטער.

6) האָב רחמנות אויף אַ מענטשן.
עפּעס האָט ער וואָס ער וויל ניט. עפּעס וויל ער וואָס ער האָט ניט.

7) בענקשאַפט איידלט און נשמהיט — תורה לייטערט דעם אָרעמען.

8) ווינטן, וועלדער, מענטשן, שטעט — אַלע שיפן זיך און שווימען.
אין ווייטער וועלט אַ ווילדער.

9) אייביקייט איז פון רגעלעך — אַ רגעלע איז אייביקייט.

10) גאָרנישט טרעפט מיט מיר, נאָר דווקא אין דעם גאָרנישט לעב איך דורך אַ גרויס געטרעפעניש.

דער כוח פון וואָרט, זיין לעבעדיקייט און בויגעוודיקייט, האָט מעגלעך געמאַכט פאַר לוצקין דעם גרויסן אויפטו פון אַריינגעבן אַ לעבנס־אָטעם און מחיה מתים זיין די טויטע וועלט אַרום. ער האָט עס געטאָן ביז צו אַ גראַד פון צו מאַכן דעם לייענער צו דערפילן, אַז פאַלש זיינען די גרעניצן, וואָס די וויסנשאַפט האָט אוועקגעשטעלט צווישן די צוויי וועלטן: דער וועלט פון לעבן און דער אומבאַלעבטער וועלט, דער אומאָרגאַנישער און אָרגאַנישער, ווי אויך צווישן דער וועלט פון גייסט און פון גייסטלאָזיקייט. לוצקיס דיכטונג מאַכט אונדז דערזען

קולטור קוואַלן

די וועלט אַזוי ווי זי וואָלט געווען דורכגענומען מיט אַן איין־און־איינציקן לעבנס־אָטעם, מיט אַן איין־און־איינציקער גייסטיקייט. זי מאַכט אונדז צו דערקענען, אַז אפשר איז דער טייטש פון וועלט: לעבעדיקער גייסט און גייסטיק לעבן.

שוין אין זיין ערשטן ליד פון בוך „אומעטיק און פריילעך" לאָזט ער די גאַס צו דערציילן, די הייזער צו קוקן, דעם פּאַפּיר צו ליאַרעמען און די זון צו לאַכן.

ער זינגט:

באַלד וועט זיין אַ רעגן,
אַזוי דערציילט די גאַס.
קוקן אַלע הייזער
דערשראָקענע און בלאַס

טראָגט זיך אַ פּאַפּיר,
און ליאַרעמט אין דער גאַס:
גוואַלד! גוואַלד!
איך וועל ווערן נאַס!

קומט אַ זון פון הימל,
שטעלט זיך אָפּ אין גאַס,
און ל־אַ־כט
עס וועט ניט זיין קיין רעגן —
נאָר געמאַכט אַ שפּאַס.

און אַזוי גייט ביי לוצקין אַ גאַנג: דאָ וועגן אַ פּאַפּיר, וואָס וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, דאָ וועגן אַ קאַפּעליוש, וואָס פילאָסאָפירט און דאָ וועגן הייזער, וואָס איינס איז אַן

אָרעם שטיבעלע
נעבעך נישט מיט אַלעמען.

אַ צווייטס איז:

אַ הויכער בנין,
אַ צילינדער אויפן קאָפּ.

אַ דריטס:

אַ חנעוודיק געביידעלע —
ווינקט פאַרשייט,
גראָבע טורעמס אַרום איר —
קוקן נאָר אויף איר.

ווילי‌אַם נאַטאַנסאָן

אַ פּערטס:

אַ מיִער אַליין — אַן אַלטער בחור
לאַכט פֿון ווייב און קינד.
אָבער אַז עס קומט די נאַכט —
ווערט אים אומעטיק און קאַלט.

און נאָך אַ הויז איז:

אַ ברייטער ריז — אַ כהן.
זיינע אויגן ברייט און בייז;
דוכנט שטילערהייט:
יברכ — כע־כו־הו־הו!

די דאָזיקע לידער און געזאַנגען וואָס מיר האָבן דערמאָנט און טיילן פֿון זיי געבראַכט, זיינען אינטערעסאַנט צוליב דער אַנדערשקייט זייערער אינעם אופן פֿון אויסדרוק, ווי אויך צוליב דער אַנדערשקייט פֿון דעם פּאָעטס געפֿיל און באַגריף וועגן אַ וועלט אַ גאַנצער, וואָס הייסט טויטע וועלט. נאָך מער פֿאַרכאַפּנדיק אָבער און דערצו נאָך טיפֿער איז אַזאַ ליד ווי „זייגערל".

דאָס זייגערל איז אינטערעסאַנטער דערפֿאַר וואָס פֿון צווישן די שורות פֿון דאָזיקן ליד קאָן גרינג אַרויסגעלייענט ווערן אַ טיף־פֿילאָסאָפֿישער גע־דאַנק. דאָס איז אַ פֿילאָסאָפֿישע טראַכטונג וואָס וואַרפֿט אַ באַשטימט ליכט אויף דער שייכות פֿון דער מענטשלעכער ציטווייליקייט צו דער אוניווערסאַלער אייביקייט, און אין דער אייביקייט גופא — אויף דער שייכות צווישן ווערן און זיין, פֿרייהייט און דעטערמיניזם. איז דער דאָזיקער געדאַנק אַ נייער? ניין, ער רעגט אָן און באַאיינפֿלוסט אָבער פֿון דאָס ניי און אַנדערש, אַ דאַנק דער נייער און אַנדערשדיקער בילדלעכקייט. דורך די קאָלאָריטן און פֿאַרבן, שאַ־טירונגען און ניואַנסן פֿון דער בילדלעכקייט, לויכט אויף און קומט צום אויס־דרוק דער ניי־געשטאַלטעטער און טיף־באַאיינפֿלוסנדיקער געדאַנק.

אַ זייגערל צו לוצקין איז עפּעס אַזעלכס, וואָס

צוויי ווייזער זיינען געוואָרן שותפים
אין אַ קיילעכדיק געשעפֿט
פֿון צוועלף ציפֿערן
מיט אַ שויפֿענצטער פֿון פֿאָרנט.

אונטערן גרויסן געשעפֿט —
איז פֿאַראַן אַ קליין געשעפֿטעלע,
אויך פֿון צוועלף ציפֿערן

קולטור קוואַלן

מיט אַ סוחרל — פאַר זיך אַליין...
דאָס קליין ענערגיש סוחרל —
איז פּינקטלעך צו דער רגע
און דרייט זיך ווי אַ ווערוויקל
אַרום זיין פּאַרמעגן,
און זינגט זיך צו,
און זוכט,
און האַלט אין איין נישטערן:
טא טא טיו טיו — נאָך, נאָך.

און ווען ער איז פאַרטיק מאַלן דאָס זייגערל, ווי ער האָט עס דערזען, גיט ער צו

האַלט איך דאָס זייגערל אין האַנט,
און קוק אויף די דריי נאַרישע סוחרים,
וואָס פאַרדרייען זיך די קעפּ,
און די יאָרן,
אַרום געשעפטן, —
וואָס ברענגען גאָר - נישט - אַריין.

לייענענדיק אָט די לעצטע שורות, טראַכטן מיר וואָס לוצקי האָט אפשר יאָ און אפשר נישט געטראַכט — גיכער ניט ווי יאָ — וואָס אָבער ניט טראַכטנדיק האָט ער געוואוסט, און געוואוסט ניט אויף אַ געדאַנקלעכן און אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן, נאָר אויף אַן אומיטלבאַרן און אינטואיטיוון אופן..

אין איינער פון זיינע „איך" לידער זאָגט אונדז לוצקי זינגעוודיק:

איך צי אַריין פאַרשטענדעניש
פון אַלעם אַרום מיר,
איך גלעט אַ קלוגן ספר,
זאַפּ איך איין דעם תוכן מיט די פינגער.
איך ווייס אַ וויסן פון ניט - וויסן
אַ רגע שטילקייט אויפן פעלד —
דערציילט מיר סודות פון דער וועלט.

די ניט־וויסנדיקע, כשופדיקע אינטימע באַהעפטונג מיטן „אַלץ" פון דער וועלט צינדט אָן לוצקיס דיכטערישע פאַנטאַזיע ביז צו אַ גראַד פון דערפילן אז ער זעט אינעם „דאַכט זיך" די גאַנצע „וואָר" און אין יעדן דמיון זיינעם — אַ יצירה. אים הויבט זיך אָן צו דאַכטן, און ווי אין אַ טראַנס־צושטאַנד וואָגט ער צו גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ צייט „ווען עס וועלן זיך אַנטפּלעקן

ווילי־אַם נאַטאַנסאָן

די סודות, וואָס זיינען אין אים איצט באַהאַלטן, און ער וועט דערזען, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געזען" און אין אַ באחרית־הימים'דיקן גייסט שאַפן זיך די שורות:

איך בין דאָ — צום שאַפן שפּיל פון עיקר
איך בין דאָ — צו שפּילן זיך מיט ערנסט

איך וועל חלומען דאָס לעבן
מיט דער בלויקייט פון פרימאָרגן
אַ זאַמדל איז געווען אַמאָל אין הימל,
און געפלויגן.
אַלע מענטשן וועלן פליען מיט די שטערן
ווען די ערד וועט זיין פאַרלוירן

איך נאָענט זיך צו גרויסע וואונדער.

און אויב נאָר מיר פאַרשטייען, אַז דער איך דאָ איז ניט נאָר לוצקיס איך, גאַנצער ענין פון מענטשנס דרייען זיך און האָוון אין דער צייט און אַרום דער ווען אייגמאָל געבוירן ווערט ער קיינמאָל ניט פאַרלוירן, קאָן מען מיט גרויסן און טיפן ערנסט אָננעמען די שפּילעוודיקע ווערטער און שורות פון דעם גאַנצן טייל „והיה באחרית הימים" פון בוך „בראשית — אינמיטן".

מיט זיין טיפן וויסן פון ניט־וויסן און זיין פאַראויסזען די דערנענטער־רונג צו גרויסע וואונדער, דערוויסט און דערפילט לוצקי ווי נאַריש עס איז דער גאַנצער ענין פון מענטשנס דרייען זיך און האָוון אין דער צייט און אַרום דער צייט — דער מעכאַנישער צייט, דער זייגערישער צייט — וועלכע איז אַזוי פּוסט און ליידיק, אינהאַלטסלאָז און עקרה'דיק ווי דער רוים. ניט זי ברענגט אַריין עפּעס, ניט זי ברענגט אַרוים עפּעס.

און אינדעראמתן, ווי נאַריש און לעכערלעך, ווי צוועקלאָז און ציללאָז דאָס גאַנצע האָוון און דרייען, וואָס הייסט לעבן, וואָלט געווען ווען די אייביקייט וואָלט אויך געווען, ווי אייניקע שטעלן זיך זי פאָר, אַזוי אויסגעשפּרייט און אויסגעצאָגן, דעטערמינירט און ניט פּרוכפּערעוודיק ווי די כמותדיקע צייט און שטח. ווי זינלאָז אַלץ וואָלט געווען, ווען ניט די מעגלעכקייט זיך פאַרצושטעלן אַ דויערן, דאָס הייסט אַן איכותדיקע צייט — אַ צייט אַ קוואַלי־טאַטיווע, וואָס טראָגט אין זיך אַ דינאַמיש עקזיסטירן, אַ שאַפנדיקע און זיך שטענדיק איבערשאַפנדיקע אָנגעהאַלטנקייט, וועלכע איז פון יענער זייט פון צייט און שטח.

די דאָזיקע פאַנטאַזיע ווערט פאַרנינפטיק געשטיצט פון גלויבן און פון

מיסטיק, אָדער פון אַ גלויביקער און מיסטישער פּאַרנונפט. פאַרן אויג פון אַזאַ פאַנטאַזיע שלאָגן אַרויס פונעם דויער קוואַל, וואָס פון יענער זייט רוים און צייט, אינהאַלטן און זינען וועלכע ברענגען מיט זיך, ווען מען דערזעט און דערפילט זיי, דערהויבונג און דערליַיטערונג, פאַרטיפונג און גליקזעליקייט.

מיטן זייגערל ענדיקט זיך דער ערשטער טייל פון בוך, וואָס הייסט ביי לוצקין „געלעכטער". און מען דערפילט ווירקלעך ווי צו לאַכן, ווען מען דער־זעט מיטאַמאָל וועלטן מיט זעלטענע טיפענישן אין די טאָג־טעגלעכע זאַכעלעך און וועלטעלעך אַרום אונדז, וועלכע מיר האָבן ניט אָנגעהויבן צו זען און ניט פאַרדאַכט אַפילו די מעגלעכקייט פון זייער זיין ביז דער פּאָעט האָט זי ניט קאָנ־קרעט בילדלעך אַוועקגעשטעלט פאַר אונדז.

ווי מיטן זייגערל ,אַזוי אויך מיט אַלע אַנדערע מעכאַנישע, פון מענטשנס האַנט געמאַכטע זאַכן, וואָס ווענן זיי דיכטעט לוצקי.

אין פלאַקער פון דער זון דערפילט לוצקי אויך דעם פלאַקער פון אַ שוועבעלע, און דורכן פלאַקער פון אַ שוועבעלע ווערט ער אַליין געטריבן און טרייבט אויך אונדז צו טראַכטן און צו דערזען אַ סך אַנדערע ניט־לעבעדיקע זאַכן אַזוי גוט ווי לעבעדיקע, וועמענס געשטאַלטונגען און האַנדלונגען, וואָס מיר האָבן זייער זיין ניט חושד געווען איידער לוצקיס דיכטונג איז דערשינען.

לוצקי דערציילט אונדז, אַז

ניט נאָר די זון — אַ שוועבעלע פלאַקערט
און דונערט און בליצט — מען זאָל זען און הערן.
ניט נאָר דער רוים — אַ פויגל צעפלאַקערט
און טראָגט זיך פאַרביי — ווי אין הימל אַ שטערן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ניט נאָר אַ וואַלד — אַ גרעזעלע צאַפּלט
אין טעפּעלע ערד — ביי מיין אָפענעם פענצטער.
ניט נאָר אַ ים — אַ פישעלע פּראַפּלט
אין שיסעלע שפיגעלע — ימיעלע שענצטער

אין טענער פון מוזיק דערפילט און דערהערט לוצקי אַלערליי לעבן־מאַ־ניפעסטאַציעס פון אַ פליגעלע.

ניט נאָר מוזיק — אַ פליגעלע פליגלט
און זשומעט מיט ווייען — געשרייען פון אומעט.

אַ פאַרגלייך צווישן דער מערעזשקע און דעם מענטשן געפינט לוצקי אין זייערע ביידנס זאָרגן זיך וועגן המשך און נצחיות — וועגן קאָנטינואיטעט און אייביקייט.

ווילִיאַם נאַטאַנסאָן

ניט נאָר דער מענטש — אַ מערעדזשקע גריבלט
און וויל זיך באַזאָרגן מיט „עפּעס" אויף תמיד.

און טיף־פילאָסאָפישע טראַכטעניש און וועגן אייביקייט דערוועקט אין אונדז לוצקי דורך דער תורה וואָס ער הערט אַרויס פון רבינס הויז. דאָס איז תורה פאַר אַנדערע הייזער, פון וועלכער אויך מיר קענען גאָר אַסך לערנען.

זאָגט דעם רבינס הויז צו די אַנדערע הייזער אַרום:

אַ הויז איז מער ווי מיר זען.
יעדע הויז האָט אַ טיף אונטער זיך.
לאָמיר זיך פאַרטראַכטן
מיט אונדזערע בוידעמער־קעפּ,
מיט אונדזערע פענצטער־אויגן,
מיט אונדזערע טירן־מיילער.
ניט מורא האָבן פאַר יאָרן,
פאַר אַ בליץ,
פאַר אַ דונער.
אַפילו פאַר אַ שריפה —
בלייבט דער גרונט —
דער פאַרבאָרגעניש —
מיט דער ערד —
דער אייביקער.

און ווי דאָס הויז איז פאַר לוצקין אַ סך מער ווי אַ הויז, אַזוי איז אויך פאַר לוצקין אַ קנעפּל אַ סך מער ווי אַ קנעפּל, און דערפאַר קאָן ער דורך אַ קנעפּל אַ צוגענייטן צו אַ מלבוש, לאָזן אויף אַ סימבאָלישן אופן דערפילן די טיף־שיקזאַלישע טראַגי־קאָמעדיע פון מענטשנס חתונה־געהאַטן לעבן:

אַ קנעפּל טראַכט:
אַרום און אַרום איז קיינעם נישט גוט.
לעב אַליין,
אָדער:
צוגעבונדן.
אַליין איז אומעטיק.
אַלע מאָל די זעלבע סחורה.
לאַנגווייליק.
שוין בעסער אומעטיק.
נישטאָ קיין מוט זיך אָפּצורייסן.
איכיל נאָך אַ מאָל —
פּרובירן.

דורך זיין אַריינבליק אין דער עקזיסטענץ פון אַ טאָפּ און אין דעם לעבן פון מענטש, דורך דעם פאַרגלייך פון זייערע ביידנס זידיק־קאָכעדיקע לעבנס אויף דער וועלט און די סופן פון זייער דער־וועלטיקן זיין, וואָס קומט אומ־פאַרמיידלעך צו יעדן אויינציקן פון זיי — מאַכט אונדז לוצקי זיך צו פאַר־טראַכטן וועגן דעם „הבל הבלים״ פון קהלת, וואָס פאַנגט פון צייט צו צייט די נשמות פון די גרעסטע אָפּטימיסטן.

אָט אַ טאָפּ.
אַמאָל געווען אַ טאָפּ.
געטומלט, געקאָכט.
שוין.
אָפּגעטומלט,
אָפּגעקאָכט,
צעבראָכן. —
ליגט ער אויף דער ערד.
צוריק אַהיים.
צו דער מאַמען.
אַלעמענס מאַמע.
אַ טאָפּ.
אַ שטוב.
אַ מענטש.
אַלע איינס.
איין — סוף.

דער שטאַרקער דראַנג צום לעבן פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, די פון צייט צו צייט משונהדיקע לײדנשאַפט אַריינצוואַרפן זיך אין די אָרעמס פון טויט און אין דער אייגענער צייט דער ווילדער שרעק פאַר אים, וואָס טרייבט צו אַנטלויפן אין די הרי חושך אַריין — דאָס אַלץ דערפילט זיך אין די שורות פון ליד „אַ פּאַפּיר וואָס וויל באַגיין זעלבסטמאָרד״.

אַ פּאַפּיר איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן,
איז ער צוגעפאַלן צו אַ רעלס
און אָפּגעוואַרט די באַן.
ווען די באַן האָט זיך אָנגעיאָגט —
האָט עס זיך דערשראָקן פאַר אימפעט
זיך געטאָן
אַ הויב־אויף
און איז אַוועק מיט אַ מוראדיקער פרייד.

די פרייד מיטן זיין און דער פּחד פאַרן אויס־זיין פון אַלץ וואָס שיינט

פאַר אונדז צו עקזיסטירן אין אונדזער פענאָמענאַלער וועלט, ווערט דאָ גע־געבן דורך דער פאַפירענער געשטאַלטונג פון דער אומבאַלעבטער וועלט.

די דערמאָנונג אָן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון טויט און אָן דעם גייסט פון הייליקייט וואָס שוועבט איבער דעם בערגל ערד, אונטער וועלכן דער מענטש ליגט, רעדט אַרויס פון ליד „אַ שטיין". דאָס איז ניט סתם אַ שטיין, נאָר דאָס איז אַ שטיין וואָס איז געשטאַלטעט געוואָרן אין אַ מצבה — אַ שטיין „מיטן פּנים צו די צייטן, מיטן נאָמען פון טויטן אויף זיין הארצן, אַ שטיין וואָס איז אַן עדות פאַר יעדן מאָרגן, אַז

דאָ
ליגט
אַ מענטש!

פאַרן דאָזיקן שטיין לאָזט לוצקי די זון קניען מיט אַ „הייסן שווייגן"; אין דער אייגענער צייט דעם נאָמען פון טויטן זיך צינדן צום הימל אינעם ברען פון דער פייערדיקער זון. דאָס „הייסע שווייגן" פון דער זון נעמט אונדז דורך מיט אַ ציטער פון קדושה און דאָס צינדן זיך פון טויטנס נאָמען צום הימל רעגט אין אונדז אָן געפילן פון התרוממות — פון אַ מין אָנשלום־דער־פיל פון צייטווייליקן אָן אַן אייביקן זיין, אין אַן אומאויסהערלעכן ווערן. עס קריצן זיך דעריבער טיף איין אין אונדזער נשמה די שורות:

וועט די זון מיט הייסן שווייגן
קניען פאַר דעם שטיין עדות
און דער נאָמען פונעם טויטן
וועט זיך צינדן קעגן הימל.

אַן אָנצוהערעניש אויף אַ דערקלערונג פאַרוואָס די זון קניט פאַרן מצבה־שטיין מיט „הייסן שווייגן" קריגן מיר אויך אין די שורות פון לוצקיס ליד „אַ בית עולם":

מצבות — שטומע רופן —
מצבות — רופן שטומערהייט
מענטש!
זע!
!!!!!
ביסט נאָכאַנאַנד

דער בית עולם אַליין אָבער איז פאַר לוצקין:

אַ שטום געזאַנג פון אומבאַשטימטע דאָרטנס,
אַ וואָקזאַל צו דער אייביקייט.

און די אייביקייט, דער באַשטימטער דאָרט פון אַלע אומבאַשטימטע דאָרטנס, איז:

לערע פרייד פון גאָלע גייסט.
בלאַנקער יום טוב דורכאַנאַנד.
לויטער זיין.
קלאָרער זיין.
אַריבערן באַנעמס!

און ווער עס דערפילט אַמאָל די אייביקייט ווי אַן אומאויפהערלעך שטראָמענדיקן קוואַל פון צייט און שטח, פאַר דעם איז אין דער אמתן, — אינעם הרף־עינדיקן מאָמענט פון איבער־באַנעם — ניט פאַראַן קיין סוף און ממילא איז, „יעדער געשען איז מער ווי געוועזן" מיינט אויך אַז איבער יעדן זיין איז אויך ניט קיין אָנהויב.

אָט דער דאָזיקער געדאַנק פון ניטאָ קיין ניטאָ, ווייל „יעדער ניט איז אַן איז, יעדער געשען איז מער ווי געוועזן" מיינט אויך אַז איבער יעדן זיין איז פאַראַן אַן איבער־זיין. דער דאָזיקער אַריינטראַכט אין וועלט־מהות געפינט דיכטערישן אויסדרוק אין ליד וואָס הייסט „אַ ליד צו אַ ליד". עס רעדט וועגן געזאַנג, און עס זינגט זיך:

געזאַנג — צום קלאַנג
צום — ניט וואָס איז.
דין — ווי איך בין
שפּין.
שפּיל — ווי איך בין
שאַרף.
שפּיגל
טענער — מינען
מיינען — מער
מאָנען,
דערמאָנען —
אין ניט־געשען,
מער ווי געווען
און מער ווי זיין.
איבערן זיין.

לוצקי — ווי ער אַליין זאָגט אונדז — פאַרמאָגט „געזאַנג ניט אויסצוזינגען, ווי אַ קוואַל וואָס איז ניט אויסצושעפּן", און דערפאַר האָט ער מער ווי איין געזאַנג צו קלאַנג. קלאַנג און געזאַנג זאָגן אויס און אַנטפּלעקן צו אים טיפע סודות. ער זעצט איבער אין קלאַנג די וועלט — „איר אַנדערש ווערן און איר ו ו ע ל ן אַנדערש ווערן".

וויליאם נאטאנסאן

די גאנצע וועלט קלינגט צו אים:

ער הערט איר רוף פון אלע זייטן.
אין שטילסטער רו — הערט ער ווי זי וויינט.
וועלט וויל ווערן אנדערש.
איידער די וועלט איז געווען.
תוהו ובוהו האט געוואלט ווערן אויס תוהו ובוהו —
האט זי געוויינט איבער אלע וויסטן.
קלאנג האט זיך דערטויכט און דערהויכט
איבער אלע ווילדן.

מיט קלאנג און דורך קלאנג דערהויבט זיך אויך דער מענטש איבער אלע הויכן ביז צו דער העכסטער הויך די גרעניץ פאר מענטשן צו דערהויבן זיך איז נאר די „העכסטע איבער אלע הויכן", וועלכע אליין ווייס ניט פון קיין גרעניץ, אין שטח און אין צייט.

וועט זיין דער מענטש,
וועט שטייגן אין די הויכן
אין די הויכן פון די הויכן —
וועט זיין א קול
פון העכסטע איבער אלע הויכן:
העכער ניט דערהויכן

אין דעם זין קאן אויסגעטייטשט ווערן דער „דע לפני מי אתה עומד" — ווייס פאר וועמען דו שטייסט — וואס נעמט דורך דעם מענטשן מיט א רע־ליגיעזן ציטער, ווען ער טוט א קוק אין פנים דער אייביקייט.

די גאנצע וועלט און יעדעס ברעקעלע און טיילכעלע, יעדער ריר און אויס־דרוק אירער, איז פאר לוצקין דורכגענומען מיט זמירה, שירה און יראה.

יעדע זשומעלע איז זמירה,
יעדע שאקעלע איז שירה,
יעדע שווייגעלע איז יראה,
א געזאנג אין אלע זייטן
און א קלאנג ניט אומצובייטן.
יעדער זיין איז ניי און וואונדער
אלע צוזאמען און באזונדער.

דאס זינגען און זינגעוודיקייט אין זיך אליין און אין דער גאנצער וועלט פון אומאונטערבראכענער שעפערישקייט האט גורם געווען לוצקים פילן אז „נישטא איז קיין סוף", אז יעדער סוף איז א נייער אנהויב. דער דאזיקער גע־

פיל האָט געבראַכט צו זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט אַן אָריגינעלן „טראַכט און געדאַכט" ווען זיין אייגענעם אין־סופיקן סוף.

אין זיין ליד „צום סוף" זינגט ער:

איך וועל אויסגיין אויסצוגיין,
אָוועקצופאַלן,
מיט מעכטיקן אָנמאַכט צעפּראַלן
וועט זיין מיין לעצטער זיין —
מיט לעצטן קלאַפּ אין האַרץ
מיט לעצטן רויש אין מיינע אויערן
מיט לעצטן ווינט אין מיינע נאָזלעכער,
אַ טראַכט — אַ געדאַכט אַ בליץ צו אַלץ.
צום ווידערזען.

דער „צום ווידערזען" רייסט זיך אַרויס פון אים אינעם מאָמענט וואַר־שיינלעך, ווען ער דערזעט אין זיין דמיון דאָס היייליקע אָרט ווי אַ וואָקזאַל צו דער אייביקייט — צום אייביקן זיין — ווערן — ווידער ווערן — און ווידער ווידער זיין — עד לאין סוף.

און וואָס ס'איז געווען
געוואָרן אויס — צו ווערן ווידער —
ווידער ענדער
ווידער אַנדער
ווידער וואַנדער
ווידער וואַנדער נאָכאַנאַנדער
מיט אַנאַנדער — דורך אַנאַנדער
פון אַנאַנדער — צו אַנאַנדער

אונדזער דיכטער פילט אינטואיטיוו און ער ברענגט דיכטעריש אַרויס די סברא, אַז אין די וועלטן פון די העכסטע הויכן זיינען באַהאַלטן אייביקע געהיי־מען, וואָס אין זיי זיינען אָנגעשלאָסן און וועבן זיך אָן אַן איבערהייס די ני־דעריקסטע נידעריקע וועלטן, און דערפאַר טוען עס בליציק אַ שיין זיינע ווער־טער: אַ טראַכט — אַ געדאַכט — אַ בליץ צו אַלץ — צום ווידערזען. די דאָזיקע ווערטער זיינען אַן אויסדרוק פון זיין פאַנטאַזיע, אַז „געדאַכט" איז די תמציתדיקע געשטאַלט פון מענטש, פריער נאָך פאַר געדאַכט איז שוין געווען ווילן אויף דער וועלט. איבערן מענטשנס ווילן און דענקען, ווידער, ווי איבער אַלץ אין דער וועלט, שוועבט אַן אייביקער „איז" און אַ תמידיקער „זיין".

קיינמאָל — איז קיינמאָל ניט געווען

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווילאַם נאַטאַנסאָן

אין יעדער באַזונדער „געווען"
איז אויף אייביק געווען.
אין יעדער באַזונדער געווען
איז געווען אויף אַ צו אייביקן „איז",
צו תמידין „זיין"

אַנונגען און באַגריפן פון „אייביקייט" און „תמיד" קומען צום מענטשן אין די מאָמענטן פון טיפסטע און העכסטע איבערלעבונגען. אין אַזעלכע מאָמענטן ווייסט ניט מער דעם מענטשנס „איך", דער „זעלבסט" אין אים פון קיין „ניט־זיין". זיין פערזענלעכקייט ווערט ביז צו אירע גרונטן פאַרכאַפּט פון די געפילן און שפּירונגען פון „פאַראַן" און „וועט זיין". ער פילט, אַז ער, ווי גאָט אַליין, איז אַן עמיץ, וואָס איז אין דער אמתן קיין מאָל גאָר ניט „ניט־געווען". מיט פּרצעס העלד „אין פּאַליש אויף דער קייט" דערפילט ער זיך, אַז הגם אין אַ זין „גאָר אָן קראַפט, דאָך איז ער צו דער העכסטער קראַפט אַזוי ענלעך". דעמאָלט דערפילט עס דער מענטש ווי צו תהילימען די שורות

וואָרום האָסטו אים געמאַכט שיר ניט מינער פון גאָט,
און מיט כבוד און שיינקייט באַקריינסטו אים.
מאַכסט אים געוועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט,
אַלצדינג האָסטו געלייגט אונטער דיינע פיס.

אַזעלכע אַנונגען און געפילן האָבן באַהערשט לוצקין ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין „אל מלא רחמים" מיט די שורות

נישטאָ קיין סוף!
אַ נייער אָנהויב!
גוף אַראָפּ!
גייסט אַרויף!
ערד — צו ערד,
ליכט — צו ליכט.
אייביקייטן האָבן זיך צעטיילט מיט אַ מענטש.

— 2 —

לוצקי באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט הויז זאַכן און מיט זאַכן וואָס ווערן געמאַכט פון מענטשלעכע הענט. פון דער מעכאַנישער וועלט רייסט ער זיך אַריין אין דער נאַטור וועלט. ער לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפן פון נאַטור זאַכן, אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע. זיי לאָזט ער שוין נישט נאָר קוקן און דערציילן, נאָר אויך זיך שפּילן, און טאַקע — אין דעם הייסן, ברענענדיקן שפּיל, וואָס הייסט ליבע. די נאַטור זאַכן קומען אַרויס ביי אים אינהאַלטרייך און איינ־

דרוקספול. דער שפּיל, למשל, פון ים מיט דער לבנה איז אַ שפּיל וואָס רודערט אויף די מענטשלעכע נשמה ביז צו אירע אָפּגרונטן. אין דאָזיקן שפּיל קומט צום אויסדרוק די שיינקייט און טראַגישקייט פון די גלוסטונגען און ליידנשאַפטן, וואָס רייסן זיך פון דער ברוסט פון שטאַרקן, רויען און אומרואיקן אין די נידערס, — צום הויכן, צאַרטן און רואיקן, צו וואָס ער קאָן אַרויפקוקן, אָבער ניט דערגרייכן.

דער ים שפּילט זיך מיט דער לבנה
און אָטעמט מיד — און אָטעמט מילד:
האָ האָ האָ — האָ האָ האָ —
און וואָיעט: וויי! — וויי! — וויי!
און ווערט זיך וויל — און ווערט זיך ווייך —
און וואַרפט זיך ווייט —
אין אירע הענט — לבנהס הענט —
די ליכטיקע — די לופטיקע — די לויפיקע . . .
און באַנגט זיין בויך — זיין באַנגן בויך —
בלייך און בלינד צו איר אַרויף.
און טאָלט אים טיף — מיט טיפן טעם,
צום טיפן תהום — מיט אירע הענט . . .
און וויינט אין דיר — און וויינט זיין וויי —
דעם ימיקן, דעם תהומיקן, דעם רוימיקן, דעם שוימיקן —
און רעוועט רייד — רויע רייד —ווילדע רייד —
ווילדערהייט . . .

מיר ווערן פאַרכאַפּט און גערירט פון דאָזיקן לבנה־שפּיל. ווי היפּנאָטיזירט, דערפילן מיר זיך אינאיינעם מיטן ים וואַרפנדיקע אין די הויכן און שליידערנדיקע אין די תהומות, מחמת אין פלאַם פון שפּיל און אין שפּיל פון פלאַם איז דאָך ים ניט דער איינציקער וואָס „וויינט זיין וויי — דעם ימיקן, דעם תהומיקן, דעם רוימיקן, דעם שוימיקן . . .” ער איז ניט דער איינציקער, ווייל פאַראַן איז אויך אין דער וועלט אַ וועזן וואָס הייסט מענטש און אין אים איז אַריינגעזעצט געוואָרן אַן אומרו וואָס הייסט נשמה. און אויך זי, ווי דער ים, און נאָך שטאַרקער און ווילדער פאַר אים, רייסט זיך צו די הויכן און נידערט צו די טיפן. זי רייסט זיך צו די ברעגעס פון חיהשקייט און איבער־מענטשלעכקייט. זי רייסט אָפּ און שלעפּט מיט אויף אירע כוואַליעס שטיקער פון ביידן. אויך זי, ווי דער ים, וויינט איר תהומיקן וויי און ברומט ווילדערהייט רייד רויע, רייד ווילדע . . . ווי דער ים איז זי טראַגיש און נאָך טראַגישער, שיין און נאָך שענער, מחמת שיין איז דאָס ווערן און ניט דאָס זיין; שיין איז דאָס באַשטענדיקע און באַשטייענדיקעס אַנדערשן זיך און ניט דאָס באַשטענדיק זעלביקע זיין. ערנסט און פול מיט ליד און צער איז דער שפּיל

מיט דעם אומדערגרייכלעכן, וואָס קאָן ניט רעאַליזירט ווערן. דער דאָזיקער שפּיל מיט אַלע זיינע שטויסן און אָפּשטויסן, מיט אַלע זיינע קאַמפן און קאָנפליקטן אַנדערשט די נשמה אַזוי ווי דעם ים. ווי אים אַזוי אויך זי פאַרטיפט און פאַרשענערט דער טראַגישער שפּיל. ער פאַרטיפט און פאַרשענערט די מענטשלעכקייט אין איר און זי אין דער מענטשלעכקייט.

וואָס טראַגישער און שענער דער מענטש ווערט, אַלץ מער דערזעט ער און דערפילט די אוניווערסאַלע עקזיסטענץ אין געשטאַלט פון ו ו ע ר ן און ניט פון ז י י ן, פון דינאַמיק און ניט פון סטאַטיק. ער דערזעט די איכותדיקע גייסטיקייט אין דער געשטאַלט פון אַ שעפערישער ווילנס פרייהייט און ניט פון אַן אויסגעגאָסענער דעטערמינירטקייט. אַזאַ מענטשן ווערט אַלץ מער דער־ווידער אומשפּילעוודיקייט, שטילקייט.

אַן אויסדרוק צו אַזאַ דערווידער גיבן לוצקיס שורות

א י ך ו ו י ל נ י ט ק י י ן ש ט י ל ק י י ט

אַלע סופן קומען אין דער שטיל,
יעדער סוף — פאַרשטומט,
יעדנס סוף — פאַרפרומט,
יעדער סוף — פאַרדומט.
רו וועלקט פון צייטן
רו פאַרפירט אין גרונטן.

פליגלען פאַלן, אוינן קילן און דורות וויאַנען הינטער און אונטער רו, שטילקייט.

אַן אויסדרוק פון און אַן אָנזאָג אויף טראַגישקייט און שיינקייט זיינען די שורות

ניט דאָס שטייגל — נאָר די דראָטן,
ניט דער פויגל — נאָר די פליגל —
אין די פליגל — וויינט דער פלאַטער,
פאַר די דראָטן — ברענט דער ווילן.

מיט אַ ווילן־ברען זינגט לוצקי:

מיין ווילן וויינט אין מיר —
פון גרויס געזאַנג אין מיר,
מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.
מיינע גלידער ציען זיך — און מאָנען.

ק ו ל ט ו ר ק ו ו אַ ל ן

גרויס געזאַנג אין מיר —
זינג אַרויס פון מיר.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר איז ענג פון איבערפלוס אין מיר

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך וויל ווערן
איך ווער פאַרצערט פון ווען ווערן.

דער שטאַרקער ווילן אין לוצקין טרייבט אים פאַרכאַפּט צו ווערן פון אַלערליי זוכנדיקע און שטרעבנדיקע אימפּעטיקע קרעפטן, אויף וועלכע ער שטויסט זיך אָן אין לעבן און אין דער נאַטור. אַלץ וואָס ער זעט און הערט ווערט אין זיין פאַנטאַזיע פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט צוליב דעם אימפּעט און דער קראַפט, וואָס זעצן זיך דורך דורך זיין אייגענער כאַאָטישער נשמה. דער גרויסער געזאַנג אין אים באַזעצט זיך אין אַלץ וואָס „תהילימט און רוימט, פליסטערט און ציטערט" און זעצט איבער אין אַ דיכטעריש מוזיקאַלישער שפּראַך, וואָס רעגט און פאַרטיפט געפילן, עמאָציעס און געדאַנקען. דער גרונט טאָן, דער גרונט פון אַלץ, וואָס לוצקי נעמט אויף איז: איך ווער פאַרצערט פון וועלן ווערן, פון וועלן זיין דאָס וואָס איז נאָך ניט געווען און נאָך ניט פאַראַן; פון וועלן זיין איבער דעם זיין, כדי צו דערזען און באַנעמען דאָס וואָס האָט נאָך ניט קיין זיין, ווייל עס איז אין די ספערן פון „איבער־זיין".

דמיון וועגן איבער־זיין און איבער־זין רופן אַרויס אין לוצקין „אַ גלוס־טעניש צו ווערן, אַ באַגערעניש צו געבערן, אַ דורשט צו נערן, פאַרמערן".

אין עקסטאַז רופט ער אויס: „איך בין דאָ! — ניט אויפצוהערן". דעם ערשטן וויי־געשריי פון איידער־איידער וועלטס־ווערן איז

א י ך ו ו י ל !

דעם דראַנג פון ווילן, דעם איבערפלוס פון ווילן פילט לוצקי אין דער וועלט אומעטום און צו אַלע ציטן. דאָס דאָזיקע פילן זינגט זיך אַרויס אין די שורות פון זיין „בראשית־אינמיטן"

סיאיז אַ וועלן אינעם ווילן,
סיאיז אַ ווילן אינעם וועלן.
סיאיז אַ מיין אין יעדער ווילן,
אַלע דיינען דאָ צו וועלן.
סיאיז אַ דראַנג פון שטענדיק לאַנג,
אייביק — אייביקייט געדאַנק.

דער דראנג אין לוצקין פירט אים צו געדאנק, און דער געדאנק — ווידער צו דראנג. דראנג אומעטום און איבעראל אין אלע צייטן און אין איידער־צייטן.

וואס דערזעט לוצקי ווען ער פארגלייכט דעם מענטש צו א ברונעם? ער דערזעט דעם עמער, וואס פאלט אריין אינעם ברונעם טיף א דורשטיקער, א טרוקענער, און הויבט זיך אויף צוריק א פולער אנגעשעפט מיט זעלעניש, וועלט צעקוועלעניש איבער זיינע ברעגן.

אין דעם מענטש דערזעט ער דעם מענטש גופא, וועלכער ווי דער עמער טוּיכט ער אראפ אין „טיפן זיך אריין" און הויבט זיך ארויף א פולער אנגע־שעפט מיט ווייעניש, באנגעניש און גערדאנגעניש.

וואס טויכט אויף אין לוצקיס פאנטאזיע ווען ער קוקט זיך איין אויף א גריבעלע ערגעץ ווו אויף מאמע ערד? דאס גריבעלע שטעלט זיך אים פלוצים פאר אן איינגעגראבנס אין זארגן, וואס עס קאן ניט באגלייך מיט אלע האבן קינדערלעך, און ער דערהערט ווי דאס גריבעלע בעט זיך ביים כלאך:

גוטער, ליבער מלאך מיינער,
קום צו מיר צו שוועבן.
א קינדעלע, א גרעזעלע
מיר אריינצוגעבן.

דאס געבעט פון גריבעלע ווערט דערהערט און עס קומט אן א ווירבל־ווינט — א בורע און גלעט דאס גריבעלע רונד ארום, שארט איר צו א קערנדל, און זי ווערט באפרוכפערט און זי דערהערט די בשורה, אז עס איז אויפגע־גאנגען איר שטערן, און זי איז שוין ניט מער קיין עקרה.

דער ווינט אויך איז מיד און מאט
און זי געוואָרן רונדער,
און צו דער צייט האט זי געהאט
א סאסנע בוים — א וואונדער.

אינעם שיקזאל פון גריבעלע שפיגלט זיך אפ פאר אונדז דער גאנצער קאסמישער לעבנס־שטראם, ווי אויך די אייביקע קראפט אין אים, וואס איז הינטער וועלטס און מענטשנס דראנג צו ווערן, צו געבערן און זיך צו פארמערן.

וועלט־קראפט און לעבנס־שטראם שפיגלען זיך אפ אין א רעגן־שטראם.

אין א רעגן־שטראם בעת עס דרינגען אין אים אריין הייסע, ליכטיקע זונען־שטראלן, דערזעט לוצקי: ציענדיקע שלאנגען, ליכטיקע זאנגען, שפרינ־גענדיקע שטאנגען, גלעזערנע שטאכעטן, שטאלענע הארף־סטרונעס, און אויך א שפיל פון שטראלנדיקע זונען — פינגער מיט טאנצנדיקע מיידל־פיס.

דער לייענער דערפילט זיך אויגנבליקלעך אַ געפּלעפּטער פון דיכטערס פאַנ־טאַסטישע זעאונגען, אַן אָנגערעגטער פון די אימאַגינערע האַרפעס שטאָלענע פינגער, און אומפאַרגעסלעך בלייבן אין זכרון די שורות:

אין די הויכע הימלען — ביז צו אונדזער ערד —
ציענדיקע שלאַנגען.
פון דער גרויער ערד — ביז די הויכע הימלען —
ליכטיקע זאַנגען.
יעדער רעגן שטראָם — אַ סלופּ — די גאַנצע וועלט —
אַ וואַלד מיט שפּרינגענדיקע שטאַנגען,
אַ גאַנצע וועלט מיט גלעזערנע שטאַכעטן,
די גאַנצע וועלט — אַ פּאַלאַץ מיט זילבערנע זיילן.
אַ גאַנצע וועלט מיט טאַנצנדיקע מיידל־פיס —
שטראַלנדיקע זונען־פינגער שפּילן זיך מיט זיי.

ווי די שטראַלנדיקע זונען־פינגער שפּילן זיך מיט די טאַנצנדיקע מיידל־פיס, אַזוי אויך פאַרגינט זיך לוצקי אַליין אַ שפּיל טאָן מיט אַ רעגן, און דורך דעם דאָזיקן שפּיל לאָזן דורכזיכטיק ווערן פאַר אונדז אַ קעמערל פון זיין אייגענער נשמה, אַ בליציקער אַרויסשטראַל פון זיין אייגענעם איך.

אַ פאַרליבטער אין רעגן, געשטאַלטעט ער אים אין זיין ליד „איך און דער רעגן" אין אַ לעבעדיקן וועזן און ער בוקט זיך ביי אים:

נאַדיר רעגן מיינע באַקן — שטעך מיך, שטעך מיך,
האָב ניט מורא — דו וועסט גיין אויף מיר
אַ טענצל — איך וועל טאַנצן אונטער דיר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער אַ שטייג מיט דיינע דראָטן און
פאַרנעם מיך אין געפאַנג, וועל איך
שפּאַנען דורך די גראָזן און וועל זינגען
אַ געזאַנג

דער דראַנג גענומען צו ווערן אין געפאַנג פון דער נאַטור, אַרויסצוזינגען און אויסצוטאַנצן די נשמה צאַפּלעניש אין אַזאַ מין פאַרכאַפּטקייט און פאַר־קאָכטקייט מיט נאַטור, ציכנט שטאַרק אויס דעם דיכטער לוצקי. אין דעם פאַל איז עס גראָד געווען וואַסער אין אַ רעגן געשטאַלטונג. אָבער וואַסער אויך אין אַנדערע אויסגוסן שפּיגלט אָפּ פאַר לוצקין כוחות, וואָס טרייבן אָן דאָס זיין און ווערן פון וועלט, די שעפערישקייט און אַנטוויקלונג פון קאָסמאָס.

אַ וואַסער פאַל איז פאַר לוצקין

ווילי אַם נאַטאַנסאָן

אַ געלויף פון אייביקן פליסן
אַ געפּלוס פון וועלן ווערן
וועלן וויסן צי דערוויסן
אינעם פליסן איז געניסן
אינעם זוכן איז דאָס וויסן.

און ער בעט זיך ביים וואַסער פון וואַסער פאַל

וואַסער, וואַסער
פלוס גפליסער
טאַנץ פאָראויס
זינג פאָראויסער.

און ווי ליב עס איז אים דער געלויף פון די אייביק פליסנדיקע וואַסערן, אַזוי איז אים דערווידער דער „שימל, דרימל און אומעט פון די שטייענדיקע וואַסערן, וועלכע זיינען „תמיד דאָ און תמיד רו". דאָס מינדסטע פרעסטעלע פאַרגליווערט זיי און פון אַ רעגן ווערן זייערע בלאָטעס מערער און שווערער. און אויב עס באַווייזן זיך אַמאָל בלומען, זיינען עס

זומפּן בלומען — ניט צו שמעקן,
נאָר אויף חוזק דאָ צו שטעקן.

אַ טיפע באַגייסטערונג און אַ גרויסער וואונדער זיינען פאַר אים די לויפנ־דיקע קרעפּטיקע וואַסערן. דאָס לויפן פון די אימפּעטיקע וואַסערן, ווי אַלץ וואָס לויפט און רייסט זיך ערגעץ, מאָנט און דערמאָנט און גיט אָנצוהערעניש אויף דעם, וואָס וועט זיין, אויף דעם נאָכאַנאַנדיקן „אַנדערש" און „מער". זיינע וואַסערן מאַכן אונדז צו דערפילן דאָס זוכעניש און די בענקעניש פון דער אומענדלעכער כּאַטישקייט פון דער וועלט־קראַפט, וואָס אָטעמט ארויס פון דעם אוניווערסאַלן ווילן.

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
און לאַכן,
קאַכן און קאָכן מיט שוימיקן שניי,
קוואַלן און קוועלן מיט זילבערנע כמאַרעס
טאַנצן און באַשפּריצן זיך מיט טוי

— — — — — — — — — — — — — — — —

לויפן און ווערן ניט מיד,
דערציילן — און דערציילן ניט דעם סוף
רוען? ניטאָ ביי וואָס צו רוען
בלייבן? ניטאָ ביי וואָס צו בלייבן.
אומעטום איז דאָ.

קולטור קוואַלן

יעדער דאָ איז דאָרט,
יעדער דאָרט איז ווייטער

לוצקים פאַנטאַזיע גייט ניט נאָר מיטן ווייטער פונעם דאָרט, נאָר אויך מיטן פאַרן „דאָרט און ווייטער”· ער פילט און זעט אַן עפּעס וואָס איז געווען איידער די רוימיקע וועלט איז געוואָרן.

לוצקי קוקט אויף אַ שטיינדעלע און וואָס דערזעט דער פאַנטאַסטישער פאַנטעאיסט אינעם שטיינדעלע? ער דערזעט מיט זיין פאַנטאַסטיש אויג אויך אַן אויג אינעם קליינעם וועזנדל, וואָס הייסט שטיינדעלע. און ניט נאָר אַן אויג, נאָר ער דערזעט דאָרט אויך אַ נעזעלע, און תיכף נאָכן נעזעלע אַ מויל — תמיד אָפן און פאַרגאַפט

שטומערהייט אַ פרייד
דערשראָקן און דערפרייט
פאַרכאַפּט פון אַלץ — אַליין.
איך אַ נפשל פון שטיין.
אהו!

אַ נפשל אין שטיין. מענטש־נפש איז אָבער אויך איבער שטיין און דער־פאַר איז וואו דער מענטש וועט זיין, וועט זיין באַערט די ערד.

וועלט וועט האָבן זון
מענטש וועט זוכן זין.

די נאָענטקייט און געבונדנקייט פון מענטש־נאַטור און נאַטור־מענטש האָבן עס אַרויסגערופן זיין זאָגעכץ: ווינטן, וועלדער, מענטשן, שטעט — אַלע שיפן זיך צוזאַמען אין ווייטער וועלט אַ ווילדער.

די ווילדקייט פון דער גאַנצער וועלט ברויזט אויך אין דער נשמה פון מענטש. פאַרן מענטש אָבער לויכטן אויך אויף אין די דערהויבנסטע מאָמענטן פון זיין לעבן וויזיעס פון איבער־וועלט, עס טויכן אויך אויף שפּיגלונגען פון געטלעכקייט אין זיינע טיפסטע אינערלעכקייטן, אין די פאַרבאָרגנסטע קע־מערלעך פון זיין נשמה. די דאָזיקע שייכות צווישן וועלט, מענטש און גאָט קומען אין אויסדרוק אין די שורות:

און ווי די וועלט וועט זיין —
וועט זיין דער מענטש:
אַ מענטש — אַ באַרג
אַ מענטש — אַ טאָל.
הויך און נידער אומעטום.
געזעץ אויף אַלע מאָל.

וויליאם נאָטאָנסאָן

און וואָס די וועלט וועט זיין
וועט זיין די וועלט בצלם מענטש,
און וואָס דער מענטש וועט טאָן צו זיין —
וועט זיין דאָס טאָן בצלם מענטש.
וועלט — בצלם מענטש
מענטש — בצלם אלוהים
אלוהים — בצלם אלץ

די לעצטע שורות זיינען ריין־פּערזאָנאַטעאיסטיש, דאָס זיינען שורות וואָס טראָגן אין זיך אַ רמז, אַז איבער מענטש־נאַטור און נאַטור־מענטש טראָגט זיך אין די הויכן אַ מהות פון איבער־נאַטור — דער גייסט פון קאָסמישער פּערזענלעכקייט. דער רוח אלוהים שוועבט איבער אַלע וואַסערן פון דער רוימלעכער און צייטלעכער עקזיסטענץ.

דער פילאָסאָף קאָנט האָט זיך פאַרגעשטעלט רוים און צייט ווי שטראַלן, וואָס שלאָגן אַרויס פון דער קאָסמישער ספּיריטואַליטעט ערשט נאָך דעם ווי זי זעצט זיך דורך דורכן מענטשן און ווערט מענטשלעך געשטאַלטעטע גע־דאַנקלעכקייט. דאָס מיינט אַז אַלץ וואָס גייט אונטערן נאָמען גייסט און פּסי־כיק האָט געוועלטיקט אין קאָסמאָס איידער צייט און שטח האָבן אַרויסגע־שטראַלט פון מענטשלעכן געדאַנק און האָבן אַרומגענומען די וועלט, וואָס מענטש איז בכוח אויפצונעמען מיט זיינע חושים. ווי קאָסמאָס איז איבער וועלט, אַזוי אויך איז אייביקייט איבער צייט און שטח. די באַגריפן פון אָנהויב און סוף זיינען דעריבער אויף איר ניט חל. אָנהויב פאַרן אָנהויב און סוף פאַרן סוף איז די מיסטעריעזע קייט, וואָס ציט זיך אומענדלעך אין דער אומענד־לעכקייט.

אין ליכט פון אַזאַ פילאָסאָפישן באַנעם טראָגן אין זיך טיפן זין און רעגן צו ווייטערדיקע פאַרטראַכטענישן לוצקיס שורות:

ס'איז געווען אַ געווען
פון אַ וועלן געווען
פון אַ וועלן געשען
פון אַ וועלן דערזען

ס'איז געווען ווי געווען
פון אַמאָלן אָן צאָלן
אָן הויכן און אָן טאָלן
ניט אָפּ און ניט אויף
ניט אָנהויב ניט סוף
אינדערמיט.

די וועלט ווי זי אַנטפּלעקט זיך צו אונדז דורך די חושים, דמיון און אינטעלעקט, איז אַן איינגעשלאָסענע אין די געדאַנקלעכע שטראָמען אָדער עמאַנאַציעס פון שטח און צייט. איבער דאָזיקער צייט־שטח וועלט הערשט מאַיעסטעטיש — ווי געוויסע דענקער שטעלן זיך עס פאָר — דער — אין לוצקיס טערמינאָלאָגיע — „טראַכטערישער" גייסט וואָס ברענגט אונדז אָן אַ שיעור „דאַכטענישן" וועגן וועלט מהות. רעדער „דאַכט" קאָן געמאָלט זיין אַלס וואָר, אָבער אויך אַלס אַן אָפּדוכט אָדער וואָס לוצקי רופט אָן אַן „אויסווייז פון ס'ווייזט זיך אויס".

אַזאַ פילאָסאָפישער באַנעם און פאָרשטעלונג געפינט איר אָריגינעל דיכ־טערישן תיקון אין ליד „דאָס פנים פון דער וועלט". דאָס ליד באַשטייט פון פיר זאַצן אָדער זאָגעכצן:

זאַץ 1 — דאָס פנים פון דער וועלט איז אומעטום —
אַריינגעראַמט אין ראַם פון רוים אַרום.

זאַץ 2 — וועלט איז אומעטום די היים —
אַ געהיים אינמיטן פון דער היים.

זאַץ 3 — זעסט — און ניט דערזעסט
הערסט — און ניט דערהערסט
נאָר פאַרהערט
נאָר פאַרזען

זאַץ 4 — די גאַנצע וועלט איז נאָר אַזוי ווי
אַזוי ווי וואָר.
אַ געדאַכט
אַ דאַכטן פון אַ טראַכטן
אַן אויסווייז פון סיווייזט זיך אויס.

גאָר אַ סך אויסווייזנס פון ס'ווייזט זיך אויס הערט לוצקי אַרויס אין קלאַנג. איז ער אַליין דאָך איינער וואָס פילט, אַז ער גופא איז „ליד, געזאַנג און קלאַנג". ער הערט דאָך דאָס זינגען פון אַ לויב געזאַנג צו דער וועלט פון „שפּרינגער און שנייעלעך, ווינטן און שטיינער, הימלען און פישעלעך".

אַלע זינגען לויב־געזאַנג צו דער וועלט.
די שפּרינגער אין די גראָזן
די שנייעלעך — אין פאַלן
די ווינטן — ווען זיי וואַכן
די שטיינער — ווען עס רעגנט
די הימלען — ווען עס דונערט,
און די פישעלעך אין וואַסער — ווען זיי בולבען.

דאָס דאָזיקע ליד, „אַלע זינגען לויב־געזאַנג צו דער וועלט" און לוצקיס אויפנעם פון קלאַנג און געזאַנג בכלל דערמאָנט אָן פּרצעס מעשהלע „אַ גילגול פון אַ ניגון".

אין נאָמען פון אַ טאַלנער חסיד לאָזט אונדז פּרץ וויסן, אַז אַ ניגון איז אַ סך הכל פון קולות אָדער טענער, און אַז נעמען נעמט מען זיי פון דער טבע. אין איר — אין דער טבע — פעלן ניט קיין קולות. אַלץ האָט אַ קול, זיין אייגענעם קלאַנג, „אויב ניט גאָר אַ גאַנצן ניגון".

און די נשמה פון אַ ניגון — זאָגט אונדז ווייטער פּרץ — איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש: זיין ליבשאַפט, זיין צאָרן, לייטזעליקייט, נקמה, האַרצ־בענקעניש, חרטה, צער — אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פילט, קאָן ער אַריינ־געבן אין אַ ניגון, און דער ניגון לעבט".

וועלט, מענטש און קאָסמאָס לעבט אויף פאַר לוצקין אין ניגון. גאָר אַ סך נשמה ציטערנישן און פלאַטערנישן, אָן אַ שיעור גייסט־וויברירונגען גיט לוצקי אַריין אין קולות און ניגונים וואָס ער הערט אַרוים פון אַלע וויטן אַרום אים און אַלע צייטן איבער אים:

אין זיין ליד „ניגון" זינגט לוצקי:

ער ציט זיך צו מיר
מיט דער דינקייט פון וויטן
ער נויגט זיך
און הויכט אויף מיין פּנים מיט ווייען,
און טיפט מיינע אויגן מיט בענקשאַפט

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווער איז דער ניגון?
איך האָב פאַר אים מורא —
ער צינדט פאַר מיר פענצטער
מיט פלאַמען פון שרפות
אין הימען אין ווייטע
וואָס זיינען ניטאָ שוין
ער ווייזט מיר אין שיין פון די פלאַמען
די ראַשיקע מענטשן
וואָס זיינען ניטאָ שוין
ער וועבט פאַר מיר צייטן.

צו לוצקיס אויערן ווי צו די אויערן פון זיין „שטילן, דינעם מענטשן וואָס שפילט אויף דער ערשטער פידל", קלינגט די גאַנצע וועלט. ער הערט איר רוף

פון אומעטום און איבעראַל. קול דערטראָגט צו אים און גיט איבער צו זיין דיכטערישן כוח־הדמיון אַ סך פון דעם וואָס איז אויך אַן אינטואיטיוון אופן דערקענעוודיק און אַנטפּלעקעוודיק. דערפאַר בעט זיך לוצקי ביים מענטש, אַז ער זאָל אין זיין ווערן דערגיין דאָס וואָס איז מער ווי מען זעט, דאָס וואָס איז מער ווי מען ווייסט, זאָל ער פאַרמאַכן די אויגן און איבערן ליכטיקן „ניט ווּיסן" זיך לאָזן פירן דורכן קול, ווייל

קול קומט אומעטום,
איבער אַלע הויכן,
איבער אַלע טיפן.
קול —
קייקלט זיך.
קנייטשט זיך
פאַלד אויף פאַלד
פאַלדן פון טענער,
שפּיצן,
סופן.

און ער בעט זיך ביים קול:

קוואַל, קוועל, קול,
לאָז דערזען,
לאָז דערוויסן זיך.

אַזוי שוועבנדיק מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און שאַרפער אימאַגינאַציע אין די ספערן פון ליכטיקן „ניט־ווּיסן" ווערט לוצקי געוואויר, אַז אַזוי ווי קול, קלאַנג איז געווען פאַרן „דאָרט" און פאַר „וועלט", אַזוי אויך איז געווען נאָך פאַרן בראשית דאָס, וואָס — ווען עס שטראַלט דורך דורך מענטש, הערט עס און פאַרנעמט קול, טייטשט אויס קול, גיט זין און אינהאַלט צו קלאַנג און שאַפט פון קלאַנגען ניגונים אָן אַ שיעור. דאָס מענטשלעכע באַוווסטזיין, דער מענטשלעכער „איך" אָדער „זעלבסט" איז געווען — זאָגט אונדז לוצקי אויף זיין שטייגער — „פאַר אָנהויב פון אַלע אָנהויבן, אַ רינגעלע אין דער אומענד־לעכער קייט פון אָנהויבן, אַ גלידעלע אין דעם אין־סוף נפשל".

די פאַרשפּרייטסטע פילאָסאָפישע וועלט־אָנשויאונג נעמט אָן אַז דער מענטשלעכער „איך" און „זעלבסט" איז, אין דעם גאַנג פון אוניווערסאַלער אַנטוויקלונג, אַנטשטאַנען אין דעם מאָמענט ווען דער מעולם ועד עולם עק־זיסטירנדיקער קאָסמישער באַוואוסטזיין האָט זיך דורכגעשלאָגן און אויפגע־לויכטן אין אַ נפשל, וואָס איז אין אַ געשיכטלעכן אויגנבליק באַצייכנט גע־וואָרן מיטן נאָמען מענטש.

אויף זיין אייגענעם אינטואיטיוון שטייגער כאפט לוצקי אויף אין די נעצן פון זיין פאנטאזיע א פילאָסאָפיש־דיכטערישן באנעם פון א וועלט, וואָס דער־קענט זיך צום מענטשן נאָר אויף אזוי פיל, וויפל באוואוסטזיינס קראפט און ווילן עס האָבן באוויזן אריינשטראָמען און זיך דורכשלאָגן דורך דעם „איך" און „זעלבסט" פון מין מענטש און דערפאר איז זיין ליד „א שפּאַס" דורכגע־נומען מיט א טיף פילאָסאָפישן ערנסט.

אין שפּאַס טוט לוצקי א זינג:

וועו איך — וועל ניט זיין — וועט גאָרניט זיין.
וואָלקנס וועלן הענגען און ניט רעגענען
ווינטן וועלן זיך ניט דירן פון די ערטער.
וואַסערן וועלן זיך פאַרהאַלטן — גענוג.
זון וועט זיך ניט ווייזן,
לבנה אויך ניט,
שטערנדלעך אוודאי ניט.
צו וואָס?
פאַר וועמען?

ווען דער „איך" אין ליד „שפּאַס" ווערט אָנגענומען ווי א רמז אויף דעם אוניווערסאַלן „איך", פון וועלכן מענטש „איך" איז בלויז א ניצוץ, ווערט אויגנבליקלעך דער „שפּאַס" אוים שפּאַס. א טיף ערנסטער געדאנק לויכט אויף דורך אים.

דער „איך" וועגן וועלכן לוצקי רעדט דאָ, פון וועלכן עס הענגט שטארק אָפּ דאָס רעגענען פון די וואָלקנס, דאָס שטראָמען פון די וואסערן, דאָס בלאָזן פון די ווינטן און דאָס שיינען פון לבנה און שטערן — איז ניט דער גע־וויינטלעך מיט די הענט אָנטאַפּנדיקער „איך" וואָס איז און ווערט ניט. עס איז ניט דער „איז־און־אוים איך" פון מין מענטש.

ווען איך וועל ניט זיין — וועט גאָרנישט ניט זיין, דאַרף אייגנטלעך פאַרשטאַנען ווערן צו מיינען, ווען איך וואָלט ניט געווען אין קאָסמאָס וואָלט גאָרניט געווען אין דער וועלט. דער איך וועגן וועלכן לוצקי רעדט דאָ, איז ניט דער איך פון מענטשן, ניט דער איך וואָס אים האָט לוצקי, אין זיין ליד „שטיין", אָנגעקניפּט אין דער אייביקייט, דאָס איז ניט דער „איך", איבער וועלכן עס וועט פריער אָדער שפּעטער שטיין א שטיין „מיטן פּנים צו די צייטן און מיטן נאָמען פון טויטן אויף זיין האַרצן".

ניין, דער איך וועגן וועלכן עס זינגט זיך אין „שפּאַס" איז דער מהות פון אַלץ וואָס איז גייסטיק, פון אַלץ וואָס איז באוואוסטזיניק, פון אַלץ וואָס איז באמת ווערטפול און זינפול אין דעם מענטשן. דאָס איז דער טראַנסצענ־דענטאַלער איך — דער איבער־איך. דאָס איז דער „זעלבסט" אין מין מענטש

וואָס גרענעצט זיך מיט קאָסמישער פּערזענלעכקייט. אין דאָזיקער פּערזענלעכקייט ווערט אויף אייביק אַריינגעוועבט דאָס וואָס שטעלט צונויף צייטווייליק די פּערזענלעכקייט פון איינצלנעם — די מענטש פּערזענלעכקייט, וואָס איז געשטאַלטעט בצלם ובדמות אלוהים. די איך־פּערזענלעכקייט ווייס ניט פון קיין ניט זיין, זי איז דער אין סוף. אַלץ איז אין איר און זי איז אין אַלץ אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער גראַד. די איכות און חשיבות פון מענטש הענגט אָפּ פון די אופנים און גראַדן פון זיין פּערזענלעכקייט, פון איר נאָענטקייט און ווייטקייט, פון איר ענלעכקייט און גרעאָטנקייט אין דער קאָסמישער פּערזענלעכקייט.

עס איז די איך־פּערזענלעכקייט אין דיכטער וואָס רופט אויס אין געזאַנג:

איך טובל זיך אין וועלט
איך בין אַ ווייל — און שאַף זיך דויער

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך לייטער ליידן
איך שלייף און רייף אַרום מיט צויבער זילבן
מיינע ציטערדיקע ווייען.

עס איז די גאַרעניש אין דיכטערס נשמה צו באַהעפטונג מיט דער קאָסמישער פּערזענלעכקייט, וואָס רופט אַרויס אין אים דעם געברויז צו הע̆לן אַיבער, דעם געדראַנג צו וועלן,

אַריבער
איבער — אַריבער
אומעטום באַפעלט אין מיר אַריבער אומעטום
אַלעמאָל באַפאַלט אויף מיר אַריבער אַלע מאָל

דער פילאָסאָפישער טייטש פון אַריבער אומעטום און אַריבער אַלע מאָל איז — אייביקייט, וואָס שטראַלט אַרויס און זאַפּט צוריק אין זיך אַריין שטח און צייט.

לוצקים דיכטערישקייט, זיין זינגעוודיקייט איז דורכגענומען מיט אַ פאַנטעאיזם וואָס — אויף אַ באַוואוסטן אָדער אומבאַוואוסטן אופן צו אים — שלענגלט זיך אַריין אין אַ פּערזאָנאַטעאיזם. זיין פּאָעזיע איז אָנגעזאַפּט מיט אַ פאַנטעאיסטישער ראָמאַנטיק איבער וועלכער עס שוועבן די פליגל פון דער פּערזאָנאַטעאיסטישער ראָמאַנטיק.

„ניט נאָר וואָס איך האָב ליב דעם מענטשן ווייניקער — האָט בייראָן געזאָגט — נאָר וואָס איך האָב ליב די נאַטור מער".

לוצקי האָט ניט נאָר ליב די נאַטור ביז צו אַלע גרונטן פון זיין נשמה, נאָר ער שטרעבט אויך לײדנשאַפטלעך זי צו דערקענען אין אַלע אירע טיפן און הויכן. ער לײענט אַרויס די נאַטור דורך די מענטשלעכע אַטריבוטן, מענטשלעכע אויסדרוקן און פונקציעס, וואָס ער געפינט אויף שריט און טריט אין איר, און אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס.

די כאַראַקטעריסטיק פונעם פאַנטעאיסט איז זיין דראַנג צו באַהעפטן און אָרגאַניש צונויפבינדן זיך אַליין און דעם מהות פון מענטש בכלל מיט אַלע אַנדערע מהותן אין דער וועלט, וואָס זײַער אַלעמענס איין און אײנציקער מקור איז קאָסמישער מהות. די ראָמאַנטיק פון פאַנטעאיזם אין אַלגעמיין איז אַ ליבע און גאַרעניש צו אַלץ דעם אין דער וועלט, וואָס דערמאָנט אויף וועלכן ס'איז אופן אָן מענטש, אַדער וואָס איז מיט וואָס ס'איז ענלעך צו אים. דער פאַנטעאיסט זוכט נאַטור אין דעם מענטשן און דעם מענטש אין דער נאַטור.

דעם פערזאָנאַטעאיסט צייכנט אויס זיין ליבע און באַשטרעבט צו אַלץ דעם אין דער וועלט, וואָס דערמאָנט אויף וועלכן ס'איז אופן דאָס העכסטע אין דעם מענטש, און ניט נאָר צו דעם וואָס איז בלויז סתם ענלעך צום מענטש, אים אינטריגירט דער עיקר דאָס וואָס קאָן ציען דאָס העכסטע אינעם באַ־טרעפנדיקן מענטשן צו נאָך העכערס. ער איז פאַרקאַכט אין דעם וואָס וועקט און רעגט דאָס שיינע, דאָס טיפע און דאָס הויכע אין יעדן אײנציקן וועלט וועזן צו נאָך שענערס, טיפערס און העכערס. ער זוכט און ער וויל לאָזן דורכ־גיין פאַר זיינע אויגן דעם גאַנג פון מענטש צו איבער־מענטש. ער וויל אויפ־כאַפּן די פעדים, וואָס וועבן זיך צווישן וועלט און קאָסמאָס, צווישן מענטש־מהות און דעם מהות פון איבער־מענטש.

די בענקשאַפט צו איבערמענטשלעכקייט קלינגט אַרויס פון די שורות:

> וועט זיין די בענקשאַפט אין מענטשן
> צו באַוועלטיקן די הויכן
> וועט זיין דאָס לויכטן פון די הויכן
> צו דערזען זיך אין מענטשן

איבער־מענטשלעכקייט שליסט איין נאַטירלעך אַלץ וואָס עקזיסטירט אין דעם אוניווערס. זי אַליין אָבער קאָן ניט אויסגעשעפּט ווערן פון קיין שום עקזיסטענץ און ניט פון אַלע עקזיסטענצן אינאײנעם גענומען. זי שטייט העכער און איבער אַלץ וואָס איז אין איר איינגעשלאָסן, אַריינגערעכנט איר אייגענע אײנגעשלאָסנקייט. די קאָסמישע פערזענלעכקייט ווערט פון קיין וועלט־זיין ניט אַרומגענומען, ווייל זי טראָגט זיך שטענדיק און אומאויפהערלעך אין די ספערן וואָס לוצקי באַצייכנט אַלס „נאָך מער; נאָך העכער פון־איבער־נאָכאַנאַנד צו איבער — איבער".

אויף וויפל מענטשלעכע פּערזענלעכקייט שליסט איין אין זיך אַלץ וואָס מענטש קאָן שוין איצט מיט זיין אינטעלעקט און כח הדמיון אַרומנעמען, אויף אַזוי פיל קאָן אויך דער פּערזאָנאַטעאיסט איבערלעבן די ליבע און פרייד, בענקשאַפט און טרויער פון דער מינדסטער זאַך אין דער וועלט. איר לעבנסציטער קאָן ווערן זיין נשמה פלאַטער, גרויס און קליין איז דאָך בלויז איינער פון דער אומענדלעכער צאָל רעלאַטיוון אין דער וועלט. דאָס מינדסטע וועט דאָך זיין אַלעמאָל גרעסער פאַר דעם מער מינדסטן, ווי דאָס גרעסטע וועט זיין מינדסט לגבי דעם נאָך־גרעסערן. און אָפט קאָן דאָס מינדסטע זיין וויכטיקער פאַרן גרעסערן.

דער דאָזיקער בליק אויף שייכות פון וועלט — מענטש און גאָט איז איינגעשלאָסן אין ליד „אַ בליטעלע — איז אַ צוויטעלע".

ביי בליטעלע — איז אַ צוויטעלע — אַ טרוים
ביי שפּראָצעלע — איז גראָזעלע — אַ בוים.
ביי יאָדער — איז קערנדל — דער רוים.
די ערד — ביי די שטערן — איז אַ פּלוים.
פּלאַנעטן ביי רוים — זיינען מערעשקעס קוים.

דאָס העכסטע אפשר לאָזט פון אויג ניט אַרויס דאָס נידעריקסטע און דאגהט אפשר שטענדיק וועגן דעם.

אַזאַ פאַרדאַכט וועקט אין אונדז דאָס ליד:

אומעטום איז אויבן — הימל
אַלע שטערן האָבן יעדן אָוונט אַ פאַרזאַמלונג
וועגן תכלית פון דער ערד.
די לבנה שווימט אין הימל
ניט לאָזן עלנט די ערד,
ניט דערלאָזן מרה שחורה אויף דער ערד.
נאָר די פייערדיקע זון איז אָנפאַרטרויט
אָבער נאָר פון מיטן —
אויפצוהאַלטן אַלע לעבנס אויף דער ערד.

און דאָס לעבן פון קלענסטן ווי דאָס לעבן פון גרעסטן לערנט דעם דיכטער חכמה, וויסן און דערקענטעניש — און דערפאַר קאָן דער לייענער־פאַנטעאיסט אָדער פּערזאָנאַטעאיסט — שעפּן פרייד און הנאה האָבן פון לוצקים שורות אין וועלכע ער באַזינגט אַן עפּל.

אינעם ליגן פון עפּל אויף דער ערד דערפילט און דערהערט דער דיכטער דאָס שווייגן פון אַלע חכמות, דאָס לשון איבער אַלע לשונות און דאָס וויסן וואָס לאָזט זיך ניט דערוויסן.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

די שורות אין וועלכע לוצקי זינגט זיך פֿאַנאַנדער וועגן דעם גאַנצן אַנט־וויקלונגס־גאַנג פֿון עפּל — פֿון זיין אַנטשטייאונג אויפֿן עפּלבוים ביז זיין אונ־טערגאַנג אויף דער ערד — סטימולירן טראַכטענישן וועגן מענטשנס גאַנג פֿון וויגעלע ביז צום קבר.

וועגן שיקזאַלישן אָנקום פֿון עפּל אויף גאָטס וועלט זינגט לוצקי:

טוי האָט אים געזויגן.
זון האָט אים דערצויגן.
לופֿט האָט אים געוואויגן.
ווינט האָט אים געבויגן.
רייף האָט אים פֿאַרבויגן.
ערד האָט אים געצויגן.
זיין אייגן ווערן רייף
האָט אים אַראָפּגעבויגן.
די אַלטע קאַלטע ערד
האָט אים אַראָפּגעצויגן.
קעגן זיך אַליין פֿון בוים אַראָפּגעפֿלויגן.

הנאה פֿאַרשאַפֿנדיק און געדאַנקען אָנרעגנדיק איז דער פֿאַרגלייך צווישן דער הויט פֿון עפּל מיטן רוים אַרום דער וועלט, און עס בלייבט אויף לאַנג אין זכרון דער זאָג:

די הויט אַרום דעם עפּל
איז דער רוים אַרום דער וועלט.

אַזוי איז אויך די אָנצוהערעניש אויף דעם באַגלייך פֿון עפּל און מענטש אין זיין „ווערן און צעשטערן":

ליגט ער אויף דער ערד —
פֿאַרקלערט.
ער זעט שוין וואָס ער ווערט —
ערד.

אָבער גלייך דאָ קינדיקט אָן דער דיכטער די באַנייאונג און דאָס ווידער־געבורט פֿון עפּל, דעם אָנשלוס זיינעם אין דער אייביקייט:

ליגט ער און ער גאַרט
צו ווערן אַ צעשטערן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכאַמאָל צו ווידער ווערן

נאָכאַמאָל דער וועלט געהערן.
נאָך־איין־מאָל,
אַמאָל.

און נאָכן איין „איין־מאָל" — ווי מיר ווייסן שוין — קומען ביי לוצקין די אָן אַ שיעור „נאָך־אַמאָלן" און אַלע „אַמאָלן" זיינען דאָך פונקען פון אייביקייט־פייער ווי אַלע „איכן און זעלבסטן" אין דער וועלט זיינען פונקען פון דער ברענענדיקער, זיך קיינמאָל ניט אויסלעשנדיקער קאָסמישער פערזענלעכקייט. אין איר — אין דער אדון עולמדיקער פערזענלעכקייט ווי אין דער שעפערישער אייביקייט טרעפן זיך צונויף דער פאַנטעאיזם און פערזאָנאַטעאיזם.

די פאַנטעאיסטישע ליבע און היימישקייט מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויפן וועג צוריק פון איבער־פערזענלעכקייט צו אונטער פערזענלעכקייט — פון איבער־מענטש צו נאַטור, דערפרישט, זאַפטיקט און באַגייסטערט דעם פערזאָנאַטעאיסט. אין אַזעלכע מאָמענטן שטעלט ער זיך פאַר גאָט אַליין אַ באַגייסטערטן פון זיין יצירה — נאַטור.

אין גאָר אַ גרויסער צאָל פון א. לוצקים לידער וויקלט זיך אַרום דער פערזאָנאַטעאיזם פון דעם פאַנטעאיזם. אין געציילטע לידער אָטעמט דער פערזאָנאַטעאיזם מיט פאַנטעאיזם. דאָס איז אַ פאַנטעאיזם, וואָס טרייבט צו דער־הויבונג פון נידערס און צו אַ פאַרטיפונג פון טיפן ביז צו דער העכסטער גלאָריפיקאַציע — פון מענטש — ביז צו אַ מזמור שיר לאדם, צוליב דער איך־פערזענלעכקייט אין מין מענטש.

אַ צונויפגוס פון פאַנטעאיזם מיט פערזאָנאַטעאיזם — אַ פערזאָנאַ־פאַנטעאיזם קומט צום שטאַרקן און טיפן אויסדרוק אין לוצקים ליד „אַריינפיר אין געהיימע וועלטן". אייניקע שורות פון ליד לייענען זיך:

איך וועל טיפן זיך אין וועלט
אין סוד פון וועלט
אויבן אויף און אין געהיים

— — — — — — — — — — — — — — — —

די גאַנצע וועלט אַ גאָרטן —
פאַר די געסט פון אוניווערז:
די זון פאַרברענגט דאָ אירע יאָרן —
און איר היים איז גאָר אין הימל.
קוואַלן קומען דאָ צו זינגען —
און זיי קוואַלן גאָר פון תהומען,
אַלע שטערן קוקן גערן
אויף די וואונדער אין דער נידער.

אין טיפן עקסטאז דערפילט זיך דער דיכטער אליין ווי א זון, א קוואל און ווי א פלאנעט פון אומבאשטימטע וויטן — צו ווייטע צייטן, און דאס ליד שליסט זיך מיט די שורות:

איך קום ארויס פון חושך
מיט א העלקייט צו באלויכטן,
איך קוואל ארויס פון טיפן צו דערהויבן,
איך בין וועלטס א זינגער — צו באזינגען.

— 3 —

„דאס אינווייניקסטע קערנדל פון יעדער עכטער און ווירקלעכער דערקענטעניש איז אן עמפינדונג — זאגט שאפענהאוער — און איטלעכס אריגינאל דענקען קומט פאר אין פארשטעלונגען".

לוצקיס עמפינדונגען און פארשטעלונגען, טראגן אין זיך אריגינעלע און טיפע דערקענטענישן, הויכע און וואגיקע געדאנקען, און זיי וואקסן ארויס און זעצן זיך דורך אין געזאנג, טאנץ און באוועגונג. אלץ אין דער וועלט איז ריטם און באוועגונג. און אלץ וואס איז ריטמיש און אלץ וואס באוועגט זיך — לעבט. אין אלץ וואס לעבט פילט לוצקי א ווילן, א וויסן און א דענקען; אלץ אין דער וועלט פילט, ווייס און דענקט מיט א ווייניקערער אדער מערערער אינטענסיוויטעט, מיט א ווייניקערער אדער מערער גרינטלעכקייט און טיפקייט.

אט דערפאר קוקן עס אויס צו לוצקין אפילו זיינע פינגער צו זיין למדנים. זיי זעען אויס צו אים ווי זיי זאלן שטענדיק טראכטן, און נישט נאר יעדערער זיך צונויף, זעט ער ווי דער מינדסטער שפארט זיין פנימל ארויף. ער זעט פאר זיך, נאר אויך בציבור. ער זעט זיי מאכן אן אסיפה, און בעת זיי רוקן אפילו ווי דער נאגל אויפן שטערן פונעם מינדסטן פינגער איז פילאסאפיש פארדרייט, בעת ער הערט זיך איין אין עפעס און די איבעריקע פינגער שטוינען שטומערהייט. ווען לוצקי האלט א בוך געעפנט, זעט ער און פילט ווי זיינע פינגער

קוקן אין אים אריין,
מיט די העלדזער אויסגעצויגן:
ווערטער, זאגט אונדז, וואס וועט זיין? . . . .

דאס ווארט זאגט לוצקין מער ווי א סך אנדערע מענטשן, און ער, דורך זיין ווארט, זאגט מער פון א סך אנדערע ווארט־קינסטלער, מחמת פאר לוצקין איז יעדער טראף א קלאנג, יעדעס ווארט א געזאנג; און וואו קלאנג און געזאנג, דארט איז פאר אים א דערזעאונג, דארט איז פאר אים א ליכטיקייט.

ק ו ל ט ו ר ק װ אַ ל ן

אויף װיפֿיל ער פֿילט אין זיך געזאַנג, אויף אַזױפֿיל פֿילט ער אין זיך קלאָר־קייט, ליכטיקייט, דערהױבונג און נאָענטקייט צו דעם װאָס איז הויך און װייט. און דערפֿאַר זינגט ער װעגן זיך אַליין:

איך בין לויטער ליד.
אַזוי װי איילנדיקע דינע װאַסערלעך.
מיט אַ קלאָרקייט פֿון פֿאַרנאַכטן איבער װעלדער.
געזאַנג.
באַנג.
לויטער יאָנטעװ.
אַ דערהױבענער פֿון זיך אַליין.
אַ נאָענטער פֿון הויכע װייטן.
אַ ליכטיקייט צו גאָרע צייטן.

(אַ ליכטיקער)

און נישט נאָר אַלץ װאָס איז אינװייניק אין לוצקין רעדט זינגענדיק און זינגט רעדנדיק, נאָר אויך אַלץ װאָס איז אַרום אים, איבער אים און אונטער אים — די טויטע אַזוי גוט װי די לעבעדיקע װעלט, פֿאַרמאָגט לשון פֿאַר אַ. לוצקין. אין אַלץ כאַפּט ער אויף אַ ניגון, אַלץ דערציילט אים װעגן עפּעס אַ טואונג און אַ דערקענטעניש, װעגן אַ גלוסטעניש אָדער בענקעניש צו טואונג און דערקענטעניש.

אין אַ נאַכט אַזאַ, װען עס רעגנט נאָכאַנאַנד, פֿאַרנעמען לוצקים אויערן אַ גערעדערײ פֿון אַלע טויטע זאַכן.

אַ בלעכענער דאַך
האָט גערעדט אויף זיין בלעכענעם לשון.
די שטיינערנע גאַסן האָבן גערעדט
אויף זייער האַרטער שפּראַך.

צעלאָפֿענע װאַסערן האָבן גערעדט
און געאָטעמט װי װייטע פֿייערן
דורך װייסע אויפֿגעפּראַלטע טירען
אין מיינע אויערן . . .

זיינען אומגעלאָפֿן װינטן
דורך לאַנגן קאָרידאָר פֿון דער װעלט.
און האָבן שטיקער תוהו
אויף מיר געװאָרפֿן.

(אַ רעגן ביינאַכט)

ווילִיאַם וואַטאַנסאָן

און ווי מען האָט רחמנות אויף מענטשן, אַזוי האָט לוצקי רחמנות אויף די דעבער, וועלכע

שטענדיק ליגן זיי צעצויגן
און זיי קענען זיך נישט רירן.
הימל הײנט און הימל מאָרגן.
ס'איז זיי נמאס שוין דאָס וואַרטן.

און ער בעט זיך ביים רעגן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף די דעבער און אַרונטערקומען צו זיי, ווייל קיינער וויל צו זיי נישט קומען: נישט דער הימל איבער זיי, און נישט די ערד אונטער זיי. ער וויל, אַז דער רעגן, וואָס נידערט אַראָפּ פון די הימלען, זאָל ברענגען עפּעס אַ וואָרט פון די העכערע מקומות, צו וועלכע זיי האָבן נישט קיין צוטריט. דערביי לעבט זיך לוצקי אַזוי אַריין אין די געפילן און אין דער נשמה פון די וואָס פילן זיך נידעריקער פאַר אַנדערע, אַז ער דערפילט די שרעק וואָס באַפאַלט די נידעריקע, ווען די העכערע קומען שוין אַמאָל צו זיי אויס רחמנות. די שרעק פאַרביטערט אַלעמאָל פאַר די נידעריקע דעם באַזוך פון די העכערע. לוצקי לעבט איבער זייערע געפילן אַזוי שטאַרק, אַז ער בעט זיך רחמים ביים רעגן:

גיב אַ גיי אויף זיי פּאַמעלעך,
ווי דו וואָלסט פון גאָרניט וויסן,
זאָל עס הייסן, זאָל עס מיינען —
גלאַט אַזוי פאַרבייגעגאַנגען.

האָב געדאַרפט אַ בוים דערפרישן
און אַ דאַמענקלייד צעקניטשן.
וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס, דעבער?
וועלן זיי זיך נישט דערשרעקן.

דער רעגן דאַרף פריער מאַכן די דעבער דערפילן, אַז כאָטש ער קומט פון די הימלען, איז פאַר אים דאָך אייגן ווי פאַר די הימלען גופא, דאָס וואָס גייט אָן אונטער די הימלען. און דערפאַר זאָל דער רעגן פריער פרעגן: וואָס מאַכט איר עפּעס, דעבער? און דערנאָך ערשט גייענדיק אַזוי, זיך צעטאַנצן, און טאַנצנדיק אַזוי, זיי דערציילן וועגן די הויכן, וואָס זיי צו וויסן און פון זיי געוואוסט צו ווערן — ווילט זיך שטאַרק די אונטער־הויכן.

און לוצקיס נשמה טוט אַ לעב מיט דער פרייד פון די אומעטיקע דעבער, ווי ער לעבט מיט דער פרייד און לייד פון אַלץ אין דער וועלט — פון קליין ביז גרויס — און ער טוט אַ זינג.

ס'אַר אַ פרייד עס וועט זיך אָפּטאָן
אויף די אומעטיקע דעבער!

ווי זיי וועלן זיך צעזינגען,
און פון פרייד זיך אַזש צעוויינען
מיט אַ נחתידיקן נוסח,
אַלע דעכער מיט אַמאָל!
איך וועל קוקן דורך די פענצטער,
שטילערהייט זיך אונטערהערן.
אפשר וועל איך פונעם ניגון
עפּעס אויך פאַר מיר דערהערן.

נאָך מער ווי „צו אַ רעגן" איז דאָס ליד „נאָך אַ רעגן" כאַראַקטעריסטיש פאַר לוצקין, וועלכער כאַפּט אויף וואָרט און ליד אין אַלץ וואָס קומט פאַר אין אונדזער וועלט. לוצקי רעדוצירט די וועלט און מאַכט זי איינס מיט קלאַנג און וואָרט; ער דערפירט דעם קלאַנג צו יענער זייט וועלט און וועלט־צייט. אַזוי אַרום דערהערן מיר דורך קלאַנגען אויך יענע ערגעצדיקע וועלט פון איידער־וועלט...

איידער די וועלט איז געווען —
איז קלאַנג געווען.

תוהו ובוהו האָט געוואָלט ווערן אויס תוהו ובוהו —
האָט זי געוואָיעט איבער אַלע וויסטן.

קלאַנג האָט זיך געטויכט און געהויכט איבער אַלע ווילדן.
תוהו ובוהו האָט זיך געוואָלט כאַפּן ביים אייגענעם עכאָ —
האָט זי זיך נאָכגעשריען —

אַ! — — — אַ! ——— אַ!! — — — — — —

און דערפאַר זינגט פאַר אים אויס דער הימל די וועלט אונדזערע מיט לאַנגע נאָטן.

באַלד נאָכן רעגן דערזעט לוצקי פלעקן אויף די גאַסן. האָט אָבער באַלד חרטה אויף דער זעאונג, און אַזוי גייט ביי אים אַוועק אינעם ליד „נאָך אַ רעגן" אַ גאַנצע סדרה פון חרטה'ס — און פון פלעקן ווערן שפּריצן, און פון שפּריצן — שפּיצן, זיג־זאַג־העפטן, שטיקעריי, און פון דער שטיקעריי ווערט מאָלעריי.

הימל האָט מיט לאַנגע פינזלן אויסגעמאָלט די טראָטואַרן:
וועלדער — אונטער טריט.
ווילדע אויף די בוימער.

אָבער באַלד ווערט אויס אויך מיט די וועלדער און ווילדע, און עס ווערן

וויליאַם נאַטאַנסאָן

קושנדיקע פּאָרלעך.
טאַנצנדיקע קינדער.
הימל האָט מיט צויבערשטעקנס
אויסגעחלומט אונדזער ערד.

אָבער לוצקים מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון פֿאָרשטעלונגען שטעלט זיך נישט אָפּ ביז ער קומט ניט צו ווערטער און לידער.

נישט קיין פּאָרלעך —
ניט קיין קינדער —
ווערטער.
לידער.
הימל האָט מיט לאַנגע נאָטן
אויסגעזונגען אונדזער וועלט.

א וועלט, וואָס א הימל האָט אויסגעזונגען, מוז דעם וואָס זעט און פֿילט זי, פֿאַרשאַפֿן ליכטיקייט און לויטערקייט. אַזאַ וועלט מוז אים פֿאַרכּישופֿן מיט אירע וואונדער. זי מוז אים אָנפֿילן מיט געפֿילן פֿון הייליקייט און גליקזעליקייט.

אָבער דער גליק, וואָס שטראָמט ארויס פֿון דער הייליקייט און זעליקייט איז אַנדערש ווי דער גליק, וואָס שטראָמט ארויס פֿון וועלכע עס איז אַנדערע קוואַלן. גליקזעליקייט שליסט ניט אויס קיין אומעט און קיין עלנט, קיין לייד און קיין צער, פּונקט אַזוי ווי זי שליסט ניט אויס די מעגלעכקייט צו פֿילן זיך געבענטשט און געהייליקט, געלייטערט און געליכטיקט.

מיט אָט דער גליקזעליקייט זיינען אָנגעלאָדן לוצקים אומעטיקע עלנטן, און דערפֿאַר זינגט זיך אים:

אויפֿגעלויכטענע מינוטן —
הייליק.
ערלעך.
ביז צום אויסצוגיין פֿון וואונדער.

איך חלום לויטערע ליכטיקייטן —
און עס טוט מיר וויי.
יעדער לויטערקייט מאַטערט מיך.
איך ווער פֿאַרצערט פֿון צויבער.

איבער אַלץ דערזע איך טרויער.
אַלע מענטשן — ליכטיקע עלנטן

קולטור קוואַלן

אַלע אַמאָלן — לויטערע אומעטן.
צייטן און מענטשן — אויסגעפּוצטע האַרבסטן.

יאָנטעוודיקע אונטערגאַנגען.
צויבער ־ צער.
ציטער ־ צער.

אָבער לוצקי זעט און פילט נישט נאָר די ליכטיקייט און עלנטקייט, וואָס דרינגען דורך דעם מענטשן; נישט נאָר די אויסגעפּוצטע האַרבסטן און יום־טובדיקע אונטערגאַנגען, וואָס פילן אָן און נעמען דורך די מענטשלעכע נשמה און דעם מענטשנס גאַנצן וועזן, נאָר ער פילט און לעבט אויך דורך דעם טרויער, דעם געוויין און צער פון אַלץ, וואָס אָטעמט, ווי אויך פון אַלץ וואָס זעט אויס צו אונדז צו זיין אָטעמלאָז. ער פאַרנעמט דעם

ווײ־געשריי פון אַלע שפּראַכן

און דעם

שטומען צער פון אַלע זאַכן.

דעם

צעבראָזג פון אַלע צייטן

און

צעברויז פון אַלע וויטן.

צו אים זיינען:

מענטש און חיה — איין משפּחה.
לייב און לעמל — איין מערכה.

פעלקער — וויינען אין די לענדער.
חיות — וויינען אין די וועלדער.

(דזשעז)

אין דעם וואָס טרעפט מיטן פויגל זעט לוצקי דאָס, וואָס טרעפט מיט אַלעמען. „מיט אַלעמען אַזוי" — איז דערפאַר ביי אים דאָס קעפּל פון ליד וועגן פויגל:

אַ פויגל פליט.
זוכט דאָס לעבן מיט די פליגל.
ביז ס'טרעפט מיט אים.
ווערן זיינע אויגן גרויס

אונ ער פאלט אראפ.
ציט זיך אויס פון זיך אליין.
דעם קאפ אויף א זייט:
ניין.......

דער ניין — איז נישט דער סוף פון אלץ וואס זוכט, ווייל אין דעם געפינען איז דער אנהויב פון א נייער זוכעניש. אלץ אין דער וועלט זוכט דאס לעבן, ביז עס קומט דער טויט און רוימט איין דעם אייביקן ניין — דעם ניין פון דעם דערוועלטיקן זיין.

און ווען לוצקי, רוענדיק אין א רעגן און שטילנדיק אין א שטורעם, הערט ווי ווינטן וויגן וועלדער, און ווי וואסער פאלט פון א וואסערפאל אויף פעלדער, הערט ער און דערזעט נישט נאר ווינטן, נאר:

ווינטן.
וועלדער.
מענטשן.
שטעט.
אלע שיפן זיך און שווימען.
אין א וייטער וועלט א ווילדער.
(אין א רעגן)

און ווען לוצקי זינגט:

און פאר דער גאנצער וועלט אין די אויגן,
האט דאס קיילעכדיקע נפשל
א לעצטן ציטער געטאן
און זיך אויסגעצויגן

— — — — — — — — — — — — — — — —

זיינען אלע הייזער בלאס געווארן פון שרעק,
און האבן גענומען ציטערן
מיט זייערע גרויסע גלעזערנע ציין....

איז ווען וואלט עס איינגעפאלן, אז דא האנדלט זיך וועגן „א פאדעם, לאנג ווי א שלענגעלע”, וואס האט זיך דערטרונקען אין א טייכעלע, — אינעם טייכעלע, וואס האט זיך דורך א צעעפנט פענצטער אין א נאענט הויז ארויסגעכאפט פון א שיסל, און זיך באהאלטן אין א ווינקעלע אויף דער ערד. דארט האט עס אפגעווארט דעם פאדעם, וועלכער איז ווי א רעדעלע געלאפן איבער דער לענג אויפן טראטואר אין שרעק פון א שטורעם.... — פארוואס זשע

איז עס אײַנגעפאַלן לוצקין? — ווײַל אין לוצקיס צווײבער־צער, ציטער־צער, ווערט פאַרנומען אַפילו פון אַ פּעדעמל דער לעצטער ציטער.

אָן אַ שיעור פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט זײַנען דעם מענטשנס גע־פילן. פון איין זײַט ווערט דער מענטש באַהערשט פון געפילן פון רחמנות צו זיך אַליין — צו דעם אַליין וואָס איז אַרומגערינגלט און אײַנגעשלאָסן אין אַ מעכטיקער, אומברחמנותדיקער אַלץ אײַנשליסנדיקער און אַלץ פאַרניכטנדי־קער וועלט. און אָט קומט פּלוצים אַן אַנדער מאָמענט, און דערזעלביקער מענטש דערפילט זיך אונטער דער שליטה פון אינטימקייט געפילן מיט דער אומענדלעך גרויסער וועלט. ער דערפילט זיך אויף אַ מאָל אַ באַהעפטער מיט איר אַזוי אַז ער קאָן אַ געשריי טאָן צו איר, צו דער דאָזיקער גראַנדיעזער און מיסטעריעזער וועלט: וויפיל, דו ביסט איך, בין איך דו, וויפיל ס'איז אין מיר פאַר דיר, איז אין דיר פאַר מיר! מײַנע תוכנס און מהותן מאַכן דיך וואָס דו ביסט, פּונקט אַזויפיל ווי דײַן אויסערלעכקייט און אינערלעכקייט מאַכן מיך וואָס איך בין! אין דעם וואָס איך דערפיל זיך אין דיר און דיך אין מיר ליגט די ווערט און דער זין פון אונדזער ביידנס זײַן איצט און אַלע מאָל! אָבער דער אַלעמאָל וועבט אונדז איצטער בײַדע אַריין אין דער אייביקייט. די אייביקייט — אין דויער, די דויער — אין שעפערישקייט, און די שעפעריש־קייט — אין סינטעז פון אינהאַלט און אָנהאַלט, זין און ווערט! דער דאָזיקער סינטעז איז דער ליכטזײַט פאַר אונדזערע באַגערן, זוכענישן און טואונגען. אָט דעם דאָזיקן פאַרפּלאָנטערטן און פאַרוויקלטן געפיל פון פרעמדקייט און אינטימקייט מיט דער וועלט רעגט אין אונדז לוצקי, ווען ער, מיט זײַן פאַנ־טאַזיע און מיט זײַן נאָענטקייט צו אַלץ אין דער וועלט, פאַרזעצט זיך אין דער געשטאַלט פון פליגעלע בײַנאַכט אין פעלד, און זינגט:

אַ פליגעלע פליט:
זש זש זש זש.

פליגעלע קליין —
טראָגט זיך אַליין.
אין בלויער וואו.
אין רויער רו.

אַ צאַפּלדיק געשטאַלטעלע.
אַ באַשאַף.
אַ לעבן פלאַטערט.

חיותל קוים —
ראַשט אין רוים:

וועלט מיין! —
וועלט־מיין.

— 4 —

אין די מאָמענטן ווען דער דערפיל פון אינטימקייט מיטן גרויסן „אַרום" און הויכן „איבער" שטאַרקט זיך אינם מענטשן איבערן דערפיל פון פרעמדקייט, ווערט זיין נשמה אָנגעפילט מיט פרייד און זעליקייט. פאַרקערט — ווען דער ניואַנס פון פרעמדקייט איז גובר דעם ניואַנס פון נאָענטקייט און אָנגעהעריקייט, ווערט זיין נשמה באַהערשט פון אומעט און צער. פון אַזאַ אומעט און צער ווייסן ביי לוצקין ניט נאָר מענטשן, פייגל און אַנדערע חיות, נאָר אויך, זאַכן אַלערליי אויף גאָטס זינדיקער ערד.

„מיינסט נאָר דו אַליין ווערסט אומעטיק פאַרנאַכט?" — פרעגט לוצקי און ער ענטפערט: „אַלע זאַכן אויף דער אומעטיקער ערד ווערן אומעטיק פאַרנאַכט". ער זעט און פילט אומעט אין די אויפגעגלאָצטע הייזער, אין די דערשראָקענע שילדן, אינם בלאַסן שפינדעלע פאַר אונדזערע פיס, און אפילו „אינם רוישן פון ווייטע וועגענער ביי די ווענט פון דער וועלט".

דער פאַרנאַכט סימבאָליזירט פאַר לוצקין דעם אומעט. דורכן פאַרנאַכט דרינגט אַריין אין אונדז די אַליינקייט און דער אומעט. זיי ברענגען עס אונדז אַריין אין אַ צושטאַנד פון פרום זיין. דאָס איז אָפט „אַ פרומקייט אַ שטומע", אַ צושטאַנד פון „בוקן, קניען, גלאָמפן, שטאַרן און גאַרן" און דורך יעדן ריר אַזאַ, דורך יעדער מינע קומט צום אויסדרוק דער שטומער צער.

די שטומקייט פון דאָזיקן צער און דער צער פון דער שטומקייט אין אַלע זאַכן פון דער וועלט, און אין דער וועלט אַליין אַלס גאַנצע, ווייט אַרויס פון ליד: „אין אַלע זאַכן זיינען דאָ פאַרנאַכטן".

„אין אַלע זאַכן זיינען דאָ פאַרנאַכטן
אימהדיקע אומעטן.
אַליין.
פרעמד.
פרום.
שטום פרום
דום פרום.

בויג — בוקט
קרום — קניט
גלייך — גלאָמפט

שטאַר.
גאַר.
שטומער צער.

אינם ליד „ביינאַכט אין פעלד״ קומט נאָך שטאַרקער צום אויסדרוק דער עלנט און דער אומעט, די באַזונדערקייט און איינזאַמקייט, וואָס דער מענטש דערזעט אין אַלץ וואָס איז, סיי אויף דער ערד, סיי אין הימל:

„לבנה — באַזונדער
שטערן — באַזונדער
אַלע — אַליין.
ליכטיקע עלנטן
לויטערע אומעטן
וויפל איינזאַמקייטן דאָרט!
וויפל איינזאַמקייטן דאָ!״

די לעצטע זעקס שורהלעך פון דאָזיקן ליד לייענען זיך:

שטייט אַ וואַלד.
האַק אַראָפּ אַ בוים —
שטייט אַ וואַלד.
לויפט אַ טייך.
כאַפּ אַרויס אַ שטראָם —
לויפט אַ טייך״.

אין די דאָזיקע שורות קומט אויף אַן אָריגינעלן אופן צום אויסדרוק דער געפיל פון עלנט און נישטקייט וואָס באַפאַלט דעם איינצלנעם, ווען ער דערפילט זיך ווי אַ גאָרניט אינעם גרויסן גאַנצן. דאָס פּאַסירט דערהויפּט אין יענע מאָמענטן, ווען אים דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט מחות פון אים גייט זיך איר שטענדיקן גאַנג אַזוי, ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען באַווירקט פון דעם י אָ אָ ד ע ר נ י ט ז י י ן פון איינצלנעם אין אים אָדער מיט אים, פון דעם י אָ אָדער נ י ט האָבן אין זיך אָדער מיט זיך אַזאַ אָדער אַן אַנדער איינצלדיקן איינעם. ער דערפילט זיך דעמאָלט ווי אַן אָפּגעהאַקטער בוים אין וואַלד, אָדער ווי אַן אַרויסגעכאַפּטער שטראָם פון אַ לויפנדיקן טייך. וואַלד און טייך סימבאָליזירן דאָ וועלט און קאָסמאָס.

לוצקי הערט אַרויס קלאָר און דייטלעך דעם אומעט וואָס באַהערשט יעדע זאַך אין דער וועלט, ווען זי דערפילט זיך אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. לעבעדיקע און ניט־לעבעדיקע באַשעפענישן, אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע וועזנס ווערן באַוועלטיקט פון אומעט און אָפּגעריסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט. ניט נאָר אָבער דער אומעט, נאָר אויך די פרייד פון זאַכן דער־

פילט דער דיכטער. א פרייד נעמט ארום די זאכן ווען זיי דערפילן זייער נאָ־ענטקייט און זייער באהעפטונג מיט דער וועלט. און דורך ווענען נאָך קאָנען זיי אזוי העפטיק און שטארק זיך איינקלעפן און ארגאניש זיך פארבינדן מיט דער וועלט ווי א גאנצע — ווי דורכן מענטשן?

ווער נאָך אין דער דאזיקער וועלט פילט אין געוויסע מאָמענטן זיין אייגענעם איך, זיין טיפן זעלבסט, אזוי שטארק ווי דער מענטש? ווער נאָך איז אזוי ווי ער באוואוסט פון צייט צו צייט אויף זיין אייגענעם איך, זיין אייגענעם זעלבסט און זיין אייגענעם ווילן? ווער נאָך ווי ער אין זיין זעלבסט־באוואוסטקייט דערפילט די וועלט אן איינגעשלאָסענע אין אים און זיך אן איינגעשלאָסענעם אין אן איידער־וועלט, און איבערוועלט? איז צו ווענען נאָך קאָנען זאכן, אויף וויפל זיי ווילן און פילן בכלל, דערפילן א נאָענטקייט אויב ניט צום מענטשן, און דורך אים צו אלץ וואָס שליסט איין אי זיי, אי דעם מענטש? פאר זיי מוז זיין א גרויסע פרייד צו געוואויר ווערן און צו דערוויסן דעם מענטשן. זייער פרייד פון התקרבות צו אים איז אפשר אזוי גרויס ווי גרויס עס איז דעם מענטשנס פרייד צו דערפילן אן אייגענע שייכות צווישן דער אונטער און דער איבערוועלט, און זיך אליין ווי א פונקעלע פון דעם פייער פון דעם, וואָס געוועלטיקט אין און איבער דער וועלט.

די פרייד פון זאכן באוואוסט צו ווערן אויף דעם מענטשנס אנוועזנהייט, זייער גארעניש פון דעם מענטשן דערפילט צו ווערן, דערטראָגט זיך צו אונדז פון לוצקס ליד „אלע ווילן ווארימקייט”.

ער פילט די פרייד אין גאלדזייגערל, אין הילצערן קעסטעלע און שויבן שטיינדעלע. ער זעט געבעט אין זיי. זיי בעטן זיך ביי אים:

„גלעט מיך.
האַלט מיך
מענטש”.

און ווי מיט די איצט פאראנענדיקע זאכן, אזוי אויך מיט די געוועזענע:

„אַז איך פאַרמאַך די אויגן,
פאַל איך אַריין אין אַ רושיקן לופט־ים פון פאַרבן,
איך זע פאַרמען פון געוועזענע זאַכן
יאָגן זיך צו מיר פון אַלע וועלט־ווייטן:
ער איז דאָ! ער איז דאָ!”

„און פלאַטערן צו די אַלטאַרן אויף מיינע צוגעמאַכטע אויגן . . .
פלאַטערן אַרום די טעמפּלען אין מיינע אויערן . . .
און שאַרן אין מיר אַריין זייערע תפילות:
האַר פון דער וועלט! האַר פון דער וועלט!”

די איצטיקע ווי די געוועזענע, די טויטע ווי די לעבעדיקע געשטאַלטן טיילן מיט לוצקין זייער פרייד און זייער טרויער, זייער בענקשאַפט און זייער שרעק, זייערע ציטערס און זייערע פלאַטערס. די ווינטן פלאַטערן פאַר לוצקין מיט דער בענקשאַפט פון די וויסטן, די גראָזן ציטערן פאַר זיינע פיס מיטן פּחד פון די וועלדער, די זון באַזינגט אים מיט אירע הויכן, דער קוואַל קוועלט אים מיט זיינע טיפן און:

„אַ פליג ראַשט פאַרביי:
זשוזשוזשו!
און זשומט אין מיר אַריין די וועלט —
פון איידער די וועלט...."

אַ ווייס שטיק פּאַפּיר, וואָס איז האָבן אַ געוויסן פאַרנאַכט אָנגעכאַפּט די פינגער פון אַ פאַרבענקט מיידל, טיילט מיט דעם דיכטער די בענקשאַפט, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט אים אָנגעשטעקט. די דאָזיקע בענקשאַפט האָט עס פאַר־וואַנדלט אַ פּשוט שטיק פּאַפּיר אין אַ פּאַפּירענעם אָדלער, וואָס ווי אַ הויך־אַנטוויקלטער ווען מיט וועזנס גלייך, מוז ער, „פון גרויסן בענקשאַפט־פיבער קילן זיין בליק אויף דער אומעטיקער ערד".

ווי דאָס מיידל האָט די בענקשאַפט איבערגעגעבן דעם פּאַפּיר, וואָס אירע בענקענדיקע אברים האָבן אָנגערירט, אַזוי האָט שוין אויך דער פון בענק־שאַפט באַצוואונגענער פּאַפּיר־אָדלער איבערגעגעבן זיין בענקשאַפט צום בוים, פאַר דער קני פון וועלכן ער האָט זיך אַוועקגעלייגט. עס נעמט ניט לאַנג און מיר האָבן שוין ניט נאָר אַ בענקנדיק מיידל, נאָר אויך אַ בענקנדיקן בוים און אַ בענקנדיקן פּאַפּירענעם אָדלער:

„קוקט דאָס מיידל פון פענצטער
און בענקט.
שטייט דער בוים מיט אויסגעצויגענע הענט צום הימל
און בענקט.
און דער פּאַפּירענער אָדלער מיט צעבראָכענע פליגל,
קילט זיין בליק אויף דער אומעטיקער ערד.
ער בענקט שוין אויך...."

אין דעם „ער בענקט שוין אויך" מיט פינטעלעך ליגט אַן אַנצוהערעניש אויף דער בענקעניש ניט נאָר פון מיידל, בוים און פּאַפּיר, נאָר פון אַלץ און אַלעמען. דאָס איז די בענקעניש פון אַלץ וואָס איז איינגעשניטן אין שטח און ציית, און ווער ווייס אפשר פון שטח און ציית גופא, דער דמיון שטעלט זיך דאָ ניט אָפּ. עס לאָזט זיך אפילו טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט, אַז איין אויס־שפּרייט פון ציית זאָל געצויגן ווערן צום אַנדערן אויס בענקעניש. און אפשר

איז גאָר דער גייסטער באַגריף וועגן צייט ווי אַ פערטער דימענסיע פון רוים —
אַן אויסדרוק פון דער בענקעניש אין דער שטיל צווישן צייט און רוים?

אין אַ נעץ פון בענקעניש איז געפאַנגען דער אוניווערסאַלער זיין און
דעריבער אָטעמט פון אַלץ אַזאַ אָדער אַן אַנדער בענקעניש.

וואָס אַנטוויקלטער און פאַרוויקלטער די זאַך אָדער די באַשעפעניש וואָס
בענקט, אַלץ טיפער און פאַרפלאָנטערטער איז נאַטירלעך די בענקעניש, און
אַלץ מער זאַכן און באַשעפענישן אינם אַרום און איבערן ארום ווערן אַנגעצונדן
און אָפּט פאַרברענט פון איר. זיי קאָנען אָבער אויך פון זעלביקער בענקעניש
אויסגעלייטערט און אויפגעלויכטן ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין אָדלער און
מלאכים. די באַאיינדרוקס־מעגלעכקייטן און אויפטואונגען פון דער בענקשאַפט
פאַר דעם וואָס בענקט, ווי פאַר די אַלע מיט וועמען ער קומט אין באַריר —
ווענדט זיך אין די איכות פון די נשמות פון דעם וואָס רעגט אָן די בענקשאַפט
און פון דעם וואָס ווערט פון איר אָנגערעגט. אין איר עצם תוך איז די בענק־
שאַפט אפשר די סיבה און אַנטרייב־קראַפט פון וועלט אַנטשטיין־און־ווערן און
דערפאַר באַגלייט זי מיט אַזאַ אָדער אַנדער אינטענסיוויטעט און טיפקייט, פון
וויגעלע ביז צום קבר — יעדן איינצלנעם און יעדע איינצלדיקייט וואָס אַנט־
שטייט, ווערט און פאַרגייט.

טיפע און ווערטפולע בענקשאַפט אין לוצקים דיכטונג ווערט געשאַרפט
און פאַרשאַרפט אָן די פעליזיקע שפיצן פון דויער און פערזענלעכקייט. זי ציט
אַריין אַלע די, וואָס טראָגן אין זייערע טיפענישן אַזאַ בענקשאַפט, אין די ראַנדן
און פאַלדן פון וועלט־רעטעניש. אַזאַ אַריינצי פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט זייער
באַוואונדערונג און אַמאָל אויך זייער ליבע פאַר דער וועלט מיסטעריע. די ליבע
און באַוואונדערונג פון וועלט און „איידער־וועלט", ווי אַלע ליבעס און באַ־
וואונדערונגען, רופט אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס אין דעם גאַנצן „אַרום" און
„איבער", און אַ פאַרלאַנג אַריינצודרינגען אין אים און דורכגענומען ווערן פון
אים. אַזאַ אינטערעס און פאַרלאַנג פירט צו אַ טיפערער דערקענטעניש. די דער־
קענטעניש אין דעם פאַל איז ניט קיין ריין־לאָגישע. זי דערהויבט זיך צו אַן
אינטואיטיווער דערקענטעניש פון וועלט, מענטש און קאָסמאָס. אַזאַ דערקענ־
טעניש דערהויבט און דערנאָענט בענקענדיקע נשמות צום מקור פון דער וועלט
פון אַלע וועלטן, צום קוואַל פון דער מיסטעריע פון אַלע מיסטעריעס. זי
שטויסט דעם מענטשן צו טראַכטונגען און געפילן פון דער אַלהעכסטער קראַפט.
וואָס מער מען דערפילט אין געוויסע מאָמענטן די דאָזיקע קראַפט, און וואָס
אָפטער אַזעלכע מאָמענטן, מער ווערט מען פון איר געקרעפטיקט, ביז עס קומט
אויך אַ געוויסער מאָמענט ווען די גרעסטע אָנמאַכטיקייט מאַכט ניט אוממעגלעך
זיך פילן נאָענט צו איר.

מיסטעריעזקייט פירט צו רעליגיעזיטעט. עס איז ניט פאַראַן קיין עכטע

רעליגיאָזיטעט אָן מיסטעריאָזיטעט. טיפער גלויבן אין דער פאַראַנענקייט פון אַן אַלהעכסטער גייסטיקער קראַפט וואָס שיקזאַלט דאָס קאָסמישע זיין, איינ־שליסנדיק דאָס מענטשלעכע לעבן, איז רעליגיאָזיטעט. מיסטעריאָזיטעט ווידער שליסט איין אין זיך דאָס פילן און גלויבן, אַז אין קאָסמישן זיין ווי אין דעם מענטשלעכן לעבן קאָנען אַלע מאָל מעגלעך ווערן פאַרקומענישן און געשעענישן וואָס איבערשטייגן אַלע באַנעמען פון מענטשלעכן שכל און פאַרנונפט. אייביק זיינען מענטשלעכע פרעגענישן און גלויבונגען, מענטשלעכע באַוואונדערונגען און בענקענישן, ליבעס און גאַרענישן צו אַריינוועב און באַהעפטונג מיטן אַלער־לעצטן קוואַל פון געטלעכקייט און אייביקייט.

דאָס אַלץ טראָגט אין זיך אַ טייל פון דער דערקלערונג פאַרוואָס עכטע רעליגיעזע נאַטורן פאַרמאָגן טיף בענקענדיקע און שטאַרקע ליבנדיקע נשמות, און פאַרקערט — בענקענדיקע און ליבנדיקע נשמות פאַרמאָגן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן טיפע און עכטע רעליגיעזיטעט. יעדע עכטע בענקשאַפט און ליבע טראָגן אין זיך אַ רעליגיעזיטעט, און יעדע עכטע רעליגיעזיטעט אָטעמט מיט בענקשאַפט און ליבע.

עס איז די בענקשאַפט וואָס מאַכט די פאָרמען פון געוועזענע זאַכן זיך צו יאָגן פון אַלע ווייטן צום פאָעט און שרייען:

„ער איז דאָ! ער איז דאָ!

אַ דאַנק דער בענקשאַפט,

פאַלן זיי צו די אַלטאַרן אויף מיינע צוגעמאַכטע אויגן
פלאַטערן אַרום די טעמפּלען און מיינע אויערן...
און שאַרן אין מיר אַריין זייערע תפילות.
האַר פון דער וועלט! האַר פון דער וועלט!"

וואָס דער מענטש איז פאַר די איצטיקע און פאַר די געוועזענע זאַכן, איז די אַלערהעכסטע קראַפט פאַר דעם מענטשן. דעם מענטשנס ערשטער אויסגע־שריי: „האַר פון דער וועלט!” איז געקומען פון די אינגעווייידן פון בענקעניש.

עס איז די בענקשאַפט, וואָס

„פירט פון די רונדן צו די ראַנדן, פון די פאַלדן
צו די קנייטשן פון די קנייטשן צו די ווינקלען,

און —

אין די קנייטשן — איז דער טרויער
אין די ווינקלען — איז די תפילה".

בענקשאַפט ווי איר צווילינג־שוועסטער ליבע קומט צוזאַמען מיט גלוסטע־ניש. זיי ביידע — בענקשאַפט און ליבע וואַקסן אַריבער די גלוסטעניש. די

גלוסטעניש זאפטיקט די בענקשאַפט און די ליבע. די בענקשאַפט און די ליבע לייטערן און זויבערן די גלוסטעניש.

שיין און אינהאַלטרייך איז דעריבער לוצקים דיכטן וועגן דער בענקשאַפט פון דער ערד אַלס גאַנצע צום הימל אַלס גאַנצן און וועגן דער גלוסטעניש פון דעם גאַנץ הויכן הימל צו דער גאַנצער נידעריקער ערד. „ערדס בערגבערוסטן בענקן, און דער הימל איבער איר אין דער הויך וויל צו איר אַראָפּ". די ערד אַלזאָ בענקט צום הימל, דער הימל גלוסט צו דער ערד.

באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט פאַרן פּאָעט איז אינעם אויסדרוק פון דער דאָזיקער זעאונג איינגעוויקלט דער געדאַנק, אַז דאָס נידעריקע, דער אַראָפּ, בענקט צום העכערן, צום אַרויף. דאָס העכערע, דער אַרויף, גלוסט צום נידעריקן, צום אַראָפּ. דאָס נידעריקסטע ווערט געלייטערט און דערהויבן דורך דער בענקעניש צום העכסטן. דאָס העכסטע ווערט געזאַפּטיקט און געשטויסן צום נאָך העכערן דורך דער גלוסטעניש, וואָס מאַכט דאָס העכסטע אַזוי אָפּהענגיק פונעם נידעריקסטן ווי דאָס נידעריקסטע פונעם העכסטן.

די כלה ערד — צעשפּרייט,
אירע בערגבריסטן בענקן,
איר ווייס וואַסערבלוטן — רוישן.
וועלדער וואַרטן ארום איר — מתנות פאַרן חתן.
איר חתן,
דער הימל איבער איר אין דער הויך —
וויל צו איר אַראָפּ, —
ער האַלט זיך אָפּ:
סיאיז ניט שיין.

איך וועל וואַרטן
ביז אַלע מענטשן אין דער וועלט
וועלן זיך צעגיין . . . .

צעגיין וועלן זיך סוף כל סוף די מענטשן, אַראָפּ וועט דער הימל, אַרויף וועט די ערד, און צוריק קומען וועלן ווייטער מענטשן און איבער־איבער־מענטשן — נייע מענטשן. אַרויף וועט ווידער דער הימל, שוין אַנאַנדערער, אַ באַנייטער, אַ דערפרישטער אַראָפּ וועט ווידער די ערד, אַ נײַ געשטאַלטעטע און — ווייטער בענקעניש, זעלביקע און ניט זעלביקע, ווייטער גלוסטעניש — זעלביקע און ניט זעלביקע: די זעלביקע אין מהות, אַן אַנדערע אָבער אין פאַר־נעם און ארומנעם, אַן אַנדערע אין טעמפּאָ און שוואונג.

און מיט דער אַנדערשקייט און נייקייט פון ערד און הימל און מענטש קומט און וועט אַלע מאָל קומען אַן אַנדערשקייט און נייקייט אין יעדער זאַך און

זאַכעלע אין דער וועלט: אין יעדער גרעזעלע, שטויבעלע און זאַמדעלע. זיי אַלע וועט — ווי דעם מענטש און איבערמענטש כסדר דורכנעמען אַן אומעט און אַ פרייד, אַ צער און אַ גליקזעליקייט. אָבער שוין אַנדערש וועט זיין דער דיכטע־ריש אויפגענומענער אומעט און פרייד, אַן אַנדער צער און אַן אַנדער גליקזע־ליקייט. אַלץ אַנדערש, אַלץ נייער. רייכער און פאַרביקער וועט זיין סיי דער אומעט, סיי די פרייד, סיי דער צער סיי די גליקזעליקייט. רייכער און פאַרבי־קער ווי עס זיינען די קלאַנגען און מעלאָדיעס, וואָס עס ציען אַרויס די היינ־טיקע געניאַלע שפּילער פון אַלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן לגבי די וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די אַמאָליקע אינסטרומענטן. אַ רייכערע און פולערע פאַרביקייט וועט זיך דורכזעצן דורכן קלענסטן ווי דורכן גרעסטן, דורכן נידעריקסטן ווי דורכן העכסטן ווי עס זינגט זיך אין לוצקיס אַ ליד:

גאָטס גאַב —
אויף אַלעמען אַראָפּ.
ביי אונדזער גאָט
אין יעדע הויז —
אַ היכל אלוהים
גאָטס אַ פּאַלאַץ
דאָס קלענסטע שטויבעלע אפילו.

און שטייט אַ הויז אַליין אין פעלד,
נישטאָ אַליין.
אומעטום איז ווער פאַראַן.
אַ בוים,
אַ גרעזעלע.
אַ שטיינדעלע.
אַלע — גאָטס געשטאַלטן.

„אַלע גאָטס געשטאַלטן" — דער דאָזיקער געדאַנק, אַז אַן איין און איינציקע קראַפט זעצט זיך דורך און באַזעלט מיט אַ שטאַרקערער אָדער שוואַכערער אינ־טענסיוויטעט אַלע טיילן און טיילכעלעך, אַלע אַנטפּלעקונגען און אויסדרוקן פון וועלט און אַלוועלט — איז געקומען צו אַ שטאַרקן און קאָנקרעטן אויסדרוק אין דער פּאָעזיע פון לוצקין.

אויף וואָס פאַר אַ זאַך לוצקי זאָל זיין אויג ניט וואַרפן, וואָס פאַר אַ באַ־שעפעניש עס זאָל ניט צוציען לוצקיס אויפמערקזאַמקייט, וועט ער דורך איר און אין איר דערזען און דערפילן, און אונדז לאָזן זען און דערפילן דעם גאַנג און

די אַנטוויקלונג, דעם אָנהויב און דעם סוף, אַזוי גוט ווי די אָנהויבלאָזיקייט און אָן אַ סופיקייט פון אַלע אַנדערע זאַכן און געשעענישן. אפילו ווען אַט־די דאָזיקע אַלע זאַכן און געשעענישן זיינען אין דער געשטאַלטונג און אינהאַלט אַזוי ווייט ווי מזרח איז פון מערב פון דער געשטאַלטונג און אינהאַלט פון דער זאַך און געשעעניש, וואָס אויף זיי האָט זיך לוצקים אויג אָפּגעשטעלט — איז אַפילו דאַן באַהעפט ער אין זיין פאַנטאַזיע איין זאַך מיט דער אַנדערער, אַלע זאַכן מיט איינער און איינע מיט אַלע און לייענט אַרויס אַלע דורך איינער און איינע דורך אַלע. אַלץ שטאַמט פאַר לוצקין פון איין מקור, און יעדע זאַך אינעם אַלץ איז געקניפּט און געבונדן מיט אַנדערע זאַכן, און אַלע אַנדערע זאַכן פון דעם גאַנצן „אַלץ" איז אָפּהענגיק פון דער מינדסטער און נישטיקסטער זאַך אין דער וועלט. אין ליכט פון אָנהויב פון אַלע אָנהויבן און סוף פון אַלע סופן גייט אויף פאַר אונדז די גלייכוועריקייט פון קליין און גרויס. דער קוימען, דער מויער, דער טאָפּ און דער מענטש — זיי אַלע ווערן, ווען זייער סוף קומט, גלייך האַרציק אויפגענומען פון דער ערד. זייער אַלעמענס צוריקקער צו מאַמע ערד פאַראייניקט זיי אין לוצקים אויגן.

אַט אַ קוימען.
ליגט ער אויפן דאַך.
איבערגעקערט —
ליג.

אַט אַ טויער
הענגט ער איינגעבויגן.
נאָר אויף איין זאַווּיסע.
הענג.

אַט אַ טאָפּ.
אַמאָל געווען אַ טאָפּ.
געטומלט.
געקאָכט.

שוין.
אָפּגעטומלט.
אָפּגעקאָכט,
צעבראָכן. —
ליגט ער אויף דער ערד.

צוריק אַהיים.
צו דער מאַמען.

אַלעמענס מאַמע.
אַלעמענס היים.

אַ טאָפּ.
אַ שטוב.
אַ מענטש.
אַלע איינס.
איין־סוף

און ווען אין שטעטל איז אַ חתונה, איז נישטאָ קיין איין זאַך אין שטעטל וואָס זאָל נישט גערירט און באַווירקט ווערן פון דער חתונה. און ווי יעדע זאַך אין שטעטל איז געקניפּט און געבונדן מיט די אַנדערע זאַכן און מיטן שטעטל ווי אַ גאַנצעס, אַזוי איז אויך דאָס שטעטל אַליין אַ רינגעלע בלויז אין דער קייט וואָס הייסט וועלט און ווי די קייט פון אַ רינגעלע, אַזוי ווערט די וועלט באַרירט און באַאיינדרוקט פונעם גערודער אין שטעטל — פון דעם צונויפקום און באַהעפטונג פון צוויי וועזנס.

פידל.
פלייט.
טראָמפּייט.
פויק.
פריילעכע קולות.

צוויי מענטשן ווילן ווערן איינס —
דרייט מען זיך.

אין אַ הויז אַ חתונה —
דאָס גאַנצע שטעטל פרייט זיך.

און ווען לוצקי זאָגט דאָס גאַנצע שטעטל, דאַרף מען נישט מיינען נאָר די מענטשן אין שטעטל — ניין. וואו מענטשן זיינען פאַראַן, זיינען דאָך אויך שטיבער פאַראַן, און וואו שטיבער, דאָרט דעכער, פענצטער, קוימענס רויך, — גו, פרייען זיי זיך אַלע:

איינער אַ פענצטער.
אַ ברייטער,
אַ בייזער.
אַ פענצטער באַלעבאָס.
קוקט ער מיט אַ באַס:
היינט ביי אונדז אַ חתונה!

ווילי־אַם וואַטאַנסאַן

אַנאַנדער פענצטער,
אַ שמאָלס,
אַ לאַנגס,
אַ פענצטער־זי,
אַ קאָקעטקע.
קוקט זי מיט אַ קוויטש:
היינט ביי אונדז אַ חתונה!

אַ קליין פענצטערל.
קוים וואָס סע קוקט.
באַרימט זיך:
היינט ביי אונדז אַ חאַסיע!

פון אַ קוימען —
טאַנצט אַרויס אַ רויך
און צעפליט זיך אין דער הויך
מיט אַ בשורה צום הימל:
הימל!
היינט ביי אונדז אַחאַ! אַחאַ! אַחאַ! אַ חתונה!

און לוצקי גייט אַזוי ווייט ווי צו לאָזן די לבנה אפילו קוקן אויף דער חתונה אינעם קליינעם שטעטל:

לבנה איז אויך אויף דער חתונה.
היינט גייט זי נישט אין ערגעץ.
נאָר —
דאָ.

און אַז ער האָט שוין יאָ מטריח געווען די לבנה צו זיין אַ מחותנת'טע אויף דער חתונה, פועלט ער שוין ביי איר, אַז זי זאָל אין דער הויך אַ פילאָסאָפיר טאָן וועגן קליין שטעטל, אַז זי זאָל אים און דורך אונדז דערציילן ווי עס זעט אויס צו איר אין די הויכן דאָרט דאָס שטעטעלע דאָ אין דער ני־דער. און מיר דערוויסן זיך, אַז צו דער לבנה זעט דאָס שטעטל אויס ווי אַ שיסל, און זי זעט:

רירעוודיקע ברעקעלעך....
טוליען זיך.
קוליען זיך.

אַזעלכע קליינינקע פרייען זיך אויך!
אַ שטיקעלע ערד — און זיי האָבן גענוג.
אַבי זיי דרייען זיך!

דערמאָנענדיק זיך אָבער ווי ווייט זי איז פונעם שטעטל, פאַלט איר איין, אַז גרויס און קליין זיינען נאָך אַלעמען באַגריפן רעלאַטיווע און ניט קיין אַבסאָלוטע:

לאָמפּן —
ליכטיקע פּינטעלעך.
מסתמא שטערן.
אפשר וועלטן?
ווער קען וויסן פון דער ווייט!

אפשר זע איך אויס פון ווייטן —
גאָר אַ וועלט!
אפשר בלויז אַ ים!
אפשר בלויז אַן אַרבעסל די גרויס!

און דורך דעם וויל לוצקי אונדז לערנען, אַז דאָס קלענסטע איז גרעסער פאַר דעם נאָך קלענערן, ווי דאָס נידעריקסטע איז העכער פאַרן נאָך נידעריקערן און דאָס פלאַכסטע טיפער פאַרן נאָך פלאַכערן, און דורך דעם דאָזיקן לערנען וויל ער, אַז מיר זאָלן זיך אָפּלערנען און אויסלערנען צו דערזען דאָס גרויסע און דאָס מעגלעך גרעסטע אינעם קליינעם, דאָס הויכע און דאָס מעגלעך הויכסטע אינעם נידעריקן, דאָס טיפע און דאָס פּאָטענציעל טיפסטע אינעם פלאַכסטן. דער מענטש ווערט גרעסער, העכער, טיפער און שענער נישט אַזוי דורך דעם וואָס ער זעט, הערט און באַנעמט, נאָר דורך דעם ווי אַזוי ער זעט, הערט און באַנעמט דאָס וואָס איז אַרום אים, איבער אים און אונטער אים.

לוצקי זעצט אַוועק פּופּצן חסידים ביי איין רבינס טיש און יעדער איינער פון זיי הערט דעם זעלביקן רבינס תורה, אָבער פון די אַלע פּופּצן חסידים פאַלן נישט אַזוי צונויף קיינעמס מחשבותן און געפילן מיטן גייסט פון דעם רבינס תורה ווי מחשבותן און געפילן פון דעם דריטן חסיד.

ווען דער רבי מיט זיין קראַנק קול זינגט אַרויס:

ווײַ, ווײַ ....

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער הייליקער צדיק זכותו יגן עלינו
פלעגט זאָגן

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער צער פון דער וועלט
איז אפילו אַ שטיינדעלע,
ווען מיר שטויסן דאָס אַוועק,
איז אפילו דער געשריי פונעם שטיינדעלע ....

װיליאַם גאַטאַנסאָן

איז בעת דער רבי זינגט זיך אַזוי װײנענדיק װעגן צער פון דער װעלט, װעלכער קאָן פאַרנומען װערן פון דעם געשרײ אפילו פון אַ שטײנדעלע, ליגט זיך די רעכטע האַנט פון דריטן חסיד אַן אױסגעצױגענע אױפן טיש „אַ באַשעפעניש פאַר זיך אַלײן", און

זי האַלט אין די ערשטע צװײ פינגער
אַ ליכטיק שטיקעלע חלה.

דאָס שטיקעלע חלה ליכטיקט זיך
אין אַ ליכטיק רעדעלע פון לאָמפּ.

דאָס ליכטיקע רעדעלע איז ליכטיקער פון דער זון
און ציטערט אױפן ליכטיקן טישטוך.

דער חסיד קומט דערױף אַ ליכטיקער פון װײט
און איז ליכטיק פאַרטיפט.

דער מענטש אַלײן קען אױפנעמען דעם צער און די פרײד פון דער װעלט דורך אַ שטײנדעלע אַזױ גוט װי דורך אַ פעלז, אַזױ אױך קאָן דער מענטש זיך ליכטיק פאַרטיפן נישט נאָר אין דער ליכטיקײט פון דער זון, נאָר אױך אין אַ ליכטיק רעדעלע פון לאָמפּ. און אַזױ װי בײ לוצקין, זעט, הערט און נעמט אױף נישט נאָר דער מענטש, נאָר יעדע זאַך אין דער װעלט, איז דערפאַר הערן בײ אים דעם רבינס תורה ניט נאָר די חסידים, נאָר אַלץ װאָס געפינט זיך אינעם צימער.

קאַפּאָטעס הערן אױך.
יעדער אַקסל מיט זײן אַראָפּ.
יעדער נאַקן מיט זײן דערהױב.
די נאַקעטע װענט.
די ציטערדיקע שױבן.
די פאַרבענקטע לײבן אױפן פּרוכת.
דער שטרענגער אָרון קודש.
די אָנגעיאָגטע גמרות אין די אַלמער.
יעדער מין מיט אײגענעם מין.
מיט אײגענעם פאַרטראַכט.
לױטן אײגענעם פאַרטיף.

און צום פּאָעט לוצקי איז עס געגעבן געװאָרן אַרױסצולײענען גאָר גרױסע מײנען פאַרטראַכטונגען און פאַרטיפונגען דװקא דורך זאַכן און געשעענישן װאָס זעען אױס צו זײן קלײן, נידעריק און פלאַך, פאַר אים איז — „אַ באַרג — באַרג אַרױף" און „אַ טאָל — באַרג אַראָפּ" און „טיפן" זײנען פאַר אים „אױסגעהױלטע פלאַכן" און

אומעטום איז דאָ צו גראָבן —
אויסצוגראָבן.
צו דערגראָבן.
אומעטום איז טיפקייטן באַגראָבן.
אומעטום איז אוצרות איינגעגראָבן.

און ער זוכט און געפינט טיפקייטן און אוצרות דאָרט וואו מען קאָן צום ווינציקסטן דערוואַרטן זיי צו געפינען, און דערפאַר זינגט ער:

אַ טויעלע איז ים.
אַ בלעטעלע איז ערד.
טרייסלט זיך אין טראָפּעלע.
די גאַנצע וועלט — וועלט פאַרקערט.

און מיטן מויעלע אַזוי מיטן זעמדעלע:

אַ זעמדל איז אַ באַרג.
אונטן איז אַ טאָל.
הויערט ווי אַ שטורעם
פון דער הויכקייט מיט אַמאָל.

לוצקי קוקט און זעט דאָס זעמדל פון דער הויך, ווי אַ לבנה האָט געקוקט און געזען דאָס שטעטל, ווען עס האָט געקאָכט דאָרט מיט דער חתונה:

פּויק — הילכט: באָם באָם.
— עפּעס דונערט דאָרט ווי אונדזערער אַ דונער!

טראָמפּייט — פּראַלט. צעשפּאַלט: פּאַרפּאַ אַפּאַ .
— סע בליצט.

טרובע — רעוועט: וואוּם, וואוּם, וואוּם.
— כוואַליעס וואָלקן.

אין שיסל שטורעמט היינט!!!

און דורכן שטורעם אין שיסל, דורך דער חתונה אין שטעטל, קומט לוצקי צום „איבער דער חתונה”, וואו ער לאָזט אונדז אַ בליק צו טאָן אין דער חתונה פונעם אַלוועלט. דורך דעם איצטיקן טאַנץ פון דער איצטיקער חתונה פירט ער אונדז אַריין אינעם טאַנץ פון דער אייביקייטס חתונה. „איבער דער חתונה” לאָזט דורכדרינגען דורך אונדז די מיסטעריע פון דער וועלט, וועלכע איז אַלץ איינציק, אַלץ פילפאַך, אַלץ זעלביק און אַלץ אַנדערש, אַלץ אַלט און אַלץ ניי. דאָס איז אַ מיסטעריע, וואָס ווען מיר דערפילן זי אַרום אונדז און אין אונדז, פילט זי אונדז אָן מיט פרייד, גליק און גליקזעליקייט, און אין די מאָמענטן ווען

װיליאַם נאַטאַנסאָן

מיר דערפילן זי װייט פון אונדז, ערגעץ װאו אזוי הויך איבער אונדז, אז זי, קאָן פון אונדזערע חושים ניט באַנומען װערן, שרעקט זי אונדז און פילט אונדז אָן מיט אומעט, אומגליק און צער.

לוצקים „איבער דער חתונה״ מאַכט זיך אונדז צו צאַפּלען אין די נעצן פון דעם געמישטן געפיל פון פרייד און טרויער, גליק און אומגליק, גליקזעליקייט און צער און זיך דרייען אין דעם װירװואר פון זיגזאַגישע ניואַנסן און שטימונגען. אָבער אויך דאָ װי אין אַלץ װאָס לוצקי זינגט געװינט דער גליקזעליקייט ניואַנס איבער אַלע אַנדערע ניואַנסן:

אַן אַלטער טאַנץ — און גלאַנצט.
אָפּגעלעבט — און לעבט.
בליט.
בלענדט.

אַ דורותדיקער טאַנץ פון אַמאָל
פון אַ מאָל.

אַלע אַמאָלן — לעבן.
עס הויבט זיך אָן מיט פרייד
און טרויעריק צום סוף.

און װידער אָנהויב.
באַרג אַרויף
און באַרג אַראָפּ
און װידער װייט.

צװיי — װערן איינס.
צעשיידן זיך צו ענד.
און װערן װידער װען.

שטעטל — ניט קיין שטעטל —
װעלט!

תמיד — היינט,
תמיד — דאָ.

די גאַנצע װעלט איז דאָ.
אַלע דורות זיינען דאָ!

הערט, זיי טופּען נאָך,
טופּען!

טאָפּטשע!
מענטש!

ווי דאָ, אַזוי איבעראַל ביי לוצקין, הויבט זיך אָן מיט פרייד, און טרויעריק צום סוף. און ווידער אָנהויב. פאַרוואָס אַזוי און ניט אַנדערש? ווייל:

אונטער די טריט ליגן דורות.
אונטערן טראָט איז דער סוף
אונטערן סוף הויבט זיך אָן
אויפגיין אויף פאַרגיין,
דור אויף דור.

דאָס פאַרגיין איז ניט די לעצטע אינסטאַנץ. לוצקי זינגט:

„דער ברעג פון ים איז די שוועל פון דער יבשה". ווי מיט ים און יבשה, אַזוי איז אויך מיט פאַרגיין און אויפגיין, מיט סוף און אָנהויב, מיט וועלט און איבער וועלט, מיט נידער און הויך: דער ברעג פונעם ערשטן איז די שוועל פונעם אַנדערן. און דערפאַר פילט ער ווי:

אונטער אַלע ערדן שלאָגן קוואַלן אויפצושלאָגן
צו די הימלען זיך דערשלאָגן.
צו דער הויך אַרויפצושלאָגן.
נאָך דעם דאַך פון אַלע וועלטן דורכצושלאָגן.

און אויס דעמזעלביקן גרונט, צוליב דעמזעלביקן גרונט־טאָן אין זיין נשמה, ווערט ביי אים דער קאַרנעט — „דער קלענסטער אין דער שפּילערי־שער משפּחה" — אַ נביא מיט ליכטיקע בשורות.

אַ פאַנטאָן פון טענער.
ער קוואַלט און שאַלט צו ווייטע הויכן.

ער צעשפּריצט זיך.
ער צעפּלייצט זיך.
ער דערפרישט די וועלט.

פרייד דער וועלט!
זיין קול איז קלאָר.
ער פראַלט מיט זון.

ליכט פון הימל אַראָפּ.
ליכט פון קאַרנעט אַרויף.

דער שר פון מעש — שטראַלט אַרויף צו רוימען.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אַ געלייטערטער פון ערד
אַ שליח פון די גרונטן.

ער דערציילט פאַר זיי דעם ווילן פון די שטומע טיפן.

ער באַלייכט פאַר זיי דאָס וואַרטן
פון דער דיקער פינצטערניש.
הימל — ערד — צונויפקומען.
ער זינגט געזאַנג פון באַנג
זאָגט אויס,
זאָגט אָן אין פאָראויס.
אַ נביא מיט ליכטיקע בשורות.

און וואָס דער קאָרנעט טוט אויף מיט זיינע קלאַפּערלעך, טוט אויף לוצקי מיט זיינע לידער.

צווייטע טייל

דער העלפאנט א צדיק

אין ליכט פון פאנטעאיזם
און פערזאנאטעאיזם

— 1 —

דער דיכטער לוצקי זעט און פילט אין יעדער געשטאלט אן ארויסשטראל פון גאטס געשטאלטיקייט. ער ליבט מיט אלע פיבערן פון זיין נשמה יעדן באשאף אין דאזיקער גרויסער וועלט. זיין ליבע צו גאט־און־וועלט — געשטאלטיקייטן איז גרויס און שטארק דערפאר, וואס אין יעדער איינער פון זיי זעצן זיך דורך פאר זיינע אויגן די זעלביקע כוחות וואס אין דער אנדערער.

דורך אלע געשטאלטן אינאיינעם קומען צום פולסטן אויסדרוק אלע וועלט־כוחות, ווי אויך דער איין און איינציקער אוניווערסאלער כוח, פאר וועלכן לוצקי האט ניט קיין אנדער נאמען ווי „אלץ". דער „אלץ" וואס לאזט זיך נישט ארומנעמען פון קיין שום מענטשלעכע באגריפן.

אזא זען און אזא פילן פון אלץ ארומנעמענדיקע און דורכדרינגענדיקע ליבע האט עס מעגלעך געמאכט פאר לוצקין צו געבן אונדז אויף א סימבאלישן אופן דורך א טויטן העלפאנט אין א מוזעאום אן עטיש־אידעאלסטע געשטאלט. דער אידעאל פון אן אלץ ליבנדיק און אויף אלץ רחמנות־האבנדיק וועזן האט אין לוצקיס העלפאנט א צדיק דערגרייכט אין צדקות תמימות'דיקייט א פונקט צו וועלכן נאר די פאנטאזיע פון דעם איצטיקן מענטש קען צוקומען. דא האבן מיר פאר זיך א וועזן, וואס האט אויף דעם אמת'דיקן אופן פארדינט דעם נאמען צדיק. דאס איז א באשאף, וואס סימבאליש גענומען, קאן אין דער ווייטסטער צוקונפט דינען ווי אן אידעאל און וועגווייזער פאר די וואס זעען און גלויבן אין ליבע און רחמנות ווי אין די ווירקסטע אנטרייב־קרעפטן צו מענטשלעכער שלמות.

מיר זאגן, פאר די וואס גלויבן, מחמת עס זיינען פאראן א סך וואס גלויבן ניט, אז ליבע, קרבן־גרייטשאפט, זיינען די איינציקע אדער ווירקסטע וועגן וואס פירן צו מענטשלעכער פארפולקאמונג.

דער מוזיי ווערט פאַר לוצקין דער גן עדן, אין וועלכן דער העלפאַנט האָט זוכה געווען אַריינצוקומען אַדאַנק זיינע מעשים־טובים אויף דער וועלט; און מעשים טובים צו מעשים טובים זיינען ניט גליך. ווען אַזעלכע אויסטערלישע מעשים אויף וועלכע לוצקי'ס העלפאַנט, דער צדיק, איז געווען פעאיק, האָט נאָך די וועלט ניט געהערט. דאָס זיינען אויפפירונגען וואָס דאַרפן אַוועקגע־שטעלט ווערן ווי ליכטיק־זיילן אויף די וועגן פון די, וואָס גלויבן אַז דאָס העכס־טע אין דעם מין מענטש קאָן דערגרייכט ווערן אויף דעם בעסטן און שנעלסטן אופן דורך דעם, וואָס דער מענטש וועט שטענדיק דינען אַנדערע און ניט זיך, שטענדיק טראַכטן און אינזינען האָבן אַנדערע, שטענדיק גרייט זיין דורך איי־גענעם פיין און צער ברענגען פרייד און גליק צו אַנדערע; דורך אייגענער זעלבסט אויפאָפּפערונג ברענגען אַ שענערן און בעסערן לעבן צו אַנדערע.

אַדאַנק דעם וואָס לוצקי האָט גענומען אַ מוזיי העלפאַנט אַנשטאָט אַ לע־בעדיקן מענטשן פאַר אַ מוסטער פון אַ צדיק, און זיך באַנוצט ווי מיט אַ סימ־באָל, איז מעגלעך געוואָרן פאַר אים ביידע זאַכן: אי צו געבן אַ צדיק וואָס אויף אים זאָלן זיך מעגן פאַרקוקן אַנדערע; אַלע די וואָס גלויבן אין צדיק'ס דרכים; אי אוועקשטעלן אים אין אַזאַ ליכט, אַז די וואָס גלויבן ניט אין איינזייטיקייט פון קולט־אויסדרוקן זאָלן קענען אין דעם העלפאַנט אַ צדיק געפינען אַ שטאַרקן אָנשפאַר־פונקט פאַר זייער נישט גלויבן אין דער ליבע, דערהויפּט ווען זי נעמט אָן ווי אין לוצקי'ס העלפאַנט אַ צדיק, אַן עקסטרעם קריסטוס כאַראַקטער.

סיי אָבער די ערשטע, סיי די צווייטע, סיי די וואָס פאַלן כורעים פאַר אַ לעבנסשטייגער און אויפפיר פון לוצקיס העלפאַנט אַ צדיק, סיי די וואָס זיי איז דערווידער די באַטאָנונג און דער פאַרצוג פון איין גייסט אויסדרוק איבער אַלע אַנדערע, וועלן אמת הנאה האָבן פון לוצקיס פאָעטישער שאַפונג, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט קוקנדיק אויף דער העלפאַנט געשטאַלט אין מוזעאום.

„אַ טויטער העלפאַנט —\
אָבער אין גן עדן.

מסתמא אויך אַ צדיק\
מעגלעך נאָך אַ ל"ו,\
אַ נסתר פון דער ווילדערניש"

לוצקי גיט צו די מעגלעכקייט פון זיין אייגענער השערה, אַז דער דאָזיקער העלפאַנט איז עס אין מוזיי, וואָס דאָס איז דער גן עדן, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט זיך אויפגעפירט אויף גאָטס זינדיקער וועלט ווי גאָר, גאָר פרומע נשמות דאַרפן זיך אויפפירן; לוצקי קאָן שוין דערפאַר לאָזן זיין פאַנטאַזיע פריי מאָלן די אידעאַלסטע אויפפירונג פון דעם איינעם, וועמען עס איז באַשערט צו זיין צדיק און זוכה צו זיין אַריינצוקומען אין די טויפענישן פון גן עדן און פאַרנעמען דאָרט דעם אויבנאָן.

דאָס סאַמע ערשטע און דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע אינעם אויפֿפֿיר פֿון אַ לעבנדיקן וועזן, וואָס דאַרף דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פֿון אַ צדיק, איז נאַטירלעך דאָס באַציען זיך מיט ליבע און איינזען צו יעדער איינציקער באַשעפֿעניש, אַפֿילו דער קלענסטער און נידעריקסטער. דערפֿאַר הויבט לוצקי אָן דערמיט, וואָס דער העלפֿאַנט בעת ער האָט געלעבט אויף דער וועלט, פֿון דער זייט פֿון דעם מוזיי־גן־עדן, האָט

„ניט אַ קריכערל באַליידיקט מיט אַ פֿוס,
ניט אַ פֿליערל דערשראָקן מיט זיין נאָז,
אַ מערעשקע געמיטן,
אויסגעמיטן.

— וואָרום?
דאַרום.

דער וואָרום בלייבט אָבער נישט לאַנג אַ ניט פֿאַרענטפֿערטער. כדי צו געבן אונדז אַ באַגריף וועגן דער פֿיצוניונציקייט פֿון די נפֿשלעך, וואָס מיט זייערע געפֿילן און פֿאַרשטעלונגען האָט זיך גערעכנט דער גרויסער העלפֿאַנט ווערט דער „דאַרום" דערקלערט אויף אַזאַ מין אופֿן:

„זאָל אַ גייערל ניט מוזן לויפֿן,
זאָל אַ נפֿשל ניט זוכן צו באַהאַלטן זיך
אין זאַמדעלעך,
אין אַ נאָרע פֿון אַן אָרע,
אין אַ שיסל פֿון אַ ניסל,
אין אַ פֿלייצע פֿון אַ בלעטל,
אין אַ פֿלויטל פֿון אַ ריטל,
אין אַ פֿריצע פֿון אַ קווייטל,
אין אַ טייסטער פֿון אַ זשוקלס אַ מאָרדע,
אין אַ לאַנגן סאָבווי פֿון אַ שטרויעלע".

דעם העלפֿאַנט — אַ צדיקס טראַכטן וועגן אַנדערע, זיין אין זינען האָבן די דינסטע, צערטלעכסטע, ווי אויך די אינטענסיווסטע געפֿילן זייערע, איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז „ער איז אַפֿילו ניט געלאָפֿן אויף אַ פֿעלד פֿון גאָלע זאַמד" אויס מורא, אַז אַ הינקענדיקער אַלטער צאַפּ, וואָס גייט צו זיין יונגער כלה־ציגעלע, זאָל, אַ פֿאַרטרונקענער אין ליידנשאַפֿט, נישט אָננעמען דאָס לויפֿן פֿון אַ העלפֿאַנט פֿאַרן לויפֿן פֿון אַ יונגערמאַן אַ הירש, און ווערנדיק איבעריאָגן דעם יונגנמאַן, זאָל ער פֿון גרויס אייַלעניש נאָך נישט פֿאַלן און פֿאַרפּלאָנטערן זיין לאַנגע באָרד און פּאות אין אַ בוש פֿון באָזשאָקעס, אַזוי אַז זיין קאַפּריזנע

ווילי‌אַם גאָטאָנסאָן

כלה זאָל אים איננאַנצן ניט פאַרהאַסן און פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן. ניט געלאָפן איז דער העלפאַנט אויך דערפאַר וואָס

„טאָמער ליגט אַ לעמעלע אין קימפּעט,
קאָן זי מיינען פון מיין אימפּעט,
אַז דער ריח פון איר מוטערשאַפט
האָט אָנגעשמעקט אַ לעמפּערט
און ער יאָגט זיך אומגעלומפּערט
אַ צערייצטער דורך די וועלדער
נאָכן שעפּעלע באַהיטע גאָט.

ווען די מאַמע - לעמעלע פון איבערראַשונג,
אָנפאַרטרויען איר נשמהילע
אין די לאַפּעס פון אַ שכנדיקן טיגער,
און אַליין זיך לאָזן לויפן קעגן לעמפּערט
אים צו זעטן מיט איר אייגן לייב און לעבן,
און באַגעגענען אַ ווילדע חיה
טאַקע אויף אַן אמת.

וועל איך האָבן מיט מיין יאָגן זיך
נאָך אומגעבראַכט צוויי דורות מיט אַמאָל".

ליבע פאָדערט אָבער נישט נאָר אין זינען צו האָבן, און אַריינלעבן זיך אינעם אַנדערנס געפילן. ליבע קומט צו איר פולן אויסדרוק ערשט דעמאָלט, ווען איינער נעמט אויף זיך ווייטיקן, פּיינען און ליידן כדי ניט צוצולאָזן אָדער כדי צו פאַרקלענערן די יסורים פון אַנדערע. און דערפאַר דערציילט אונדז לוצקי, אַז דער העלפאַנט האָט געליטן און געשוויגן ווען אַ פליגעלע האָט אים געביסן. איינגעהיט האָט ער זיינע הויטן זיי זאָלן ניט שוידערן פון ווייטיק און „ניט דערלויבט האָט ער, דאָס עקעלע צו הרייען זיך פון אומגעדולד".

— „וואָרום?
דאָרום.

זאָל איך ניט מצער זיין אַ פלאַטערל צו וויינען איבער מיר ,
ניט צערייצן דעם נאָך מערער מיט מיין ווערן זיך.

ניט דערפירן צום נסיון אַז אַ ווען זאָל מיך זידלען אין אַן אויער
און גורם זיין דאָס חיותל זאָל נאָך זינדיקן מיט רייד:
זע, זע, זע,
אָט אַ קאַרגער העלפאַנט.

האָט אַזויפיל בלוט אין זיך
און זשאַלעוועט אַ טראָפּעלע מהנה זיין אַ לעבן".

און אַזוי ווי פליגעלעך וואָס בייסן זיינען פאַראַן אַ סך און נישט נאָר פליגעלעך, נאָר טאַקע פליגן, און נישט נאָר פליגן, נאָר אויך בינען, וואָס בייסן ווייטיקדיק און שמאַרצפול, האָט נאַטירלעך דער העלפאַנט געמוזט אויס ליבע, רחמנות און איינזעעניש צו אַנדערע, אַליין אויסצושטיין אַ סך ווייטיק, לייד און פּיין. און מחמת דער העלפאַנט איז אַזאַ גרויסער, מיט אַזויפיל מעגלעכקייטן געבויסן, געזויגט און געמאַטערט צו ווערן, האָבן זיינע ליידן געמוזט זיין אינטענסיווער אין קוואַליטעט און גרעסער אין קוואַנטיטעט. אַזוי איז עס שוין אין גאַנצן וועלט:

„וואָס דער אָקס איז גרעסער —
האָט ער פּלאַץ צו ליידן מער,
מוז ער ליידן מער
אפילו שרעקלעך שווער.
אפילו מער פון שרעקלעך שווער,
אפילו ביז סע אַרט נישט מער".

סיי אין לייד, סיי אין פרייד איז פאַראַן אָט די מדרגה פון מער ניט אָרן און פון מער ניט פילן די נפקאַרמינא. דאָס איז די מדרגה, ווען לייד דערגרייכט אַן אינטענסיוויטעט, וואָס פאַרוואַנדלט זי אין פרייד, און פאַרקערט, פרייד אין אינטענסיוויטעט, וואָס טרייבט זי אַריין אין דער בחינה פון לייד. דער דאָזיקער איבערגאַנג אויף אַ געוויסן שטאַפּל פון אינטענסיווקייט; די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג פון איינעם אינעם אַנדערן, דערקלערט דעם ניואַנס פון גליקזעליקייט, דעם אָרגאַנישן געמיש פון סינטעז פון פרייד און צער.

„וועט זיין די שאַרף פון גלי און פראָסט
און העכסטן גראַד אַלצאיין" (בראשית אינמיטן)

נאָך מער שרעקט זיך דער העלפאַנט פאַר דעם, אַז ער זאָל חלילה ניט גורם זיין אַ חיות'ל צו זינדיקן מיט טאַט, עובר זיין, די שעה זאָל ניט זיין, אויפן לאו פון לא תרצח, פון וועלכן ער אַליין, דער גרויסער צדיק, וועט זיין דער קרבן, ער וועט דערפאַר נישט קאָנען מקיים זיין די מצווה פון צו האַלטן זיך און אָפּקומען אַזוי לאַנג ווי מעגלעך אויף גאַנס זינדיקער ערד. דער העלפאַנט דערשרעקט זיך פאַרן געדאַנק, אַז ער וועט מיט עטוואָס אַ גרעסערער רירעוודיקייט און באַוועגלעכקייט פירן עפּעס אַ חיותל צו ווערן עזות פּנים'דיק אַנטקעגן אים און פאַרמאַטערן אים ביז צום טויט.

ליבע שאַפט אָפּ גאָר אַ סך גרעניצן און מאַכט מעגלעך גאָר אַ סך זאַכן

וואָס זעען אוים און פילן זיך ווי אוממעגלעך, די ליבע פון העלפאַנט צו אַלע באַשעפענישן, האָט אַזוי גרוים און שטאַרק געמאַכט אין זיינע אויגן די קלענ־סטע חיותלעך און ברואימלעך אין דער וועלט, אַז עס זיינען ארויסגערופן גע־וואָרן אין זיין זכרון בילדער פון די אַמאָליקע צייטן, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף דער העלדישקייט און גבורהשקייט פון קליינטשקע פליטערלעך און פלאַטער־לעך. אַזאַ גבורה און העלדישקייט ווען זיי זאָלן זיך איבערחזרן, קאָנען זיי פירן עמיצן פון זיי צו דער זינד פון מאָרד, צום מאָרד פון אים אַליין, טאַקע דעם העלפאַנט אַ צדיק. די פאַנטאַזיע זיינע גייט דעריבער אַזוי ווייט ווי צו טראַכטן :

„אָדער גאָר די שעה זאָל גאָר ניט זיין
אַז דאָס שרויטעלע זאָל ווערן אַן עזות פנים
און מיר שפּרינגען אין די אויגן,
און מיר שפּרינגען אויפן שטערן,
צו פאַרנעמען דאָס געשיכטעלע,
דאָס מעשהלע פון לידעלע.
אַ לידעלע ,אַ פידעלע,
אַ פידעלע, אַ פליגעלע.
אַ פליגעלע אין קעפּעלע —
אַ ווערמל אין עפּעלע.
אין קעפּעלע פון רשעילע
אין רשעילע מרוימעלע
מרוימעלע דאָס טיטוסל".

און אין דער אמתן האנדלט עס זיך דאָ ניט וועגן סתם אַ טיטוסל, נאָר טאַקע וועגן טיטוסן דעם גרויסן רשע, וועלכער האָט אַלעמען געשראָקן מיט זיין כוח — אפילו העלפאַנטן אויך ביז עס

„איז אָנגעפלויגן אַ פליגעלע,
און אַוועקגעלייגט דעם רשע,
מיט אַביסעלע כוח.
דוקא ניט געביסן אים,
אפילו ניט געזידלט אים.
נאָר געפידלט אים אין מוח
אַזוי אָ:
ביז ביז ביז.
אַלעמאָל נאָכאַמאָל
ביז ביז ביז,
נאָכאַמאָל אַלעמאָל

ביז ביז ביז,
ביז ער איז געשטאָרבן
פונעם פידלדיקן לידעלע,
וואָס געזונגען האָט אין קאָפּ ביי אים
דאָס טאַנצנדיקע פליגעלע".

אַט צוליב דעם אַלעמען

„איז דער העלפאַנט קוים געגאַנגען
מיטן קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען,
און געקוקט אַהער, אַהין,
טאָמער רירט זיך וואו אַ מין".

און גענומען האָט ער אויף זיך „די יסורים פון די פליגעלעך אויף אים, אפילו די געוואַלדן פון אַ בייסנדיקער בין".

פאַר דער גאָר אידעאַלער אויפפירונג אָבער פון אַן אידעאַלן צדיק איז ניט גענוג בלויז מיטצופילן און מיטצולעבן מיט קריכערלעך, גייערלעך און פליערלעך, נישט גענוג איז פאַר אים נאָר אין זינען האָבן זיי, נאָר וועגן זיי צו דאגה׳ן; ניט גענוג אפילו אַליין צו ליידן שמאַרץ און ווייטיק בכדי פון זיי אָוועקצונעמען שמערצן און ווייטיקן. ניין, די דרכים פון לוצקיס צדיק־גע־שטאַלט פירן דעם צדיק נאָך ווייטער

לוצקיס העלפאַנט
איז געווען אַ נסתר.
אַ צדיק גאָר אַ גרויסער
האָט ער זיך געפירט צווישן חיות,
וואָס אפילו אַ צדיק גאָר דער גרעסטער
פירט זיך ניט אַזוי צווישן מענטשן,
מיט די פנימער בצלם אלהים.

אַזאַ נסתר אַ צדיק דאַרף אויך די ערד אין זינען האָבן און אַלע אירע שפּראָצעלעך וואָס לעבן, ציענדיק און באַוועגנדיק זיך אין דער הויך אַריין, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, ווי דאָס טוען די קריכערלעך, גייערלעך און פליערלעך.

געגאַנגען איז דער העלפאַנט אין זיין ליבע און רחמנות אַזוי ווייט אַז ער האָט

„אפילו ניט געשפּיגן מיט אַ מאָל.
וואָרום? —
דאָרום.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אפשר מיינט עס פאַר דער ערד אַ פּאַטש אין פּנים
טאָמער וויל אַ גראָזעלע געבוירן ווערן אין דער רגע,
פּלוצים — פּליוך.
קאָן דאָס שפּראָצעלע נאָך ווערן פּעסימיסטיש אויפן גאַנצן לעבן
פון דעם ערשטן מבולידיקן ברוך הבא.
האָט דער העלפאַנט ניט געשפּיגן מיט אַמאָל".

און ניט גערעוועט האט דער העלפאנט ביי דער נאכט אוים איינזעעניש פאַר די דרימלענדיקע וועלדער, וועלכע וועלן אפשר זיך פוילן צו ענטפערן. און אזוי איז דער העלפאנט אין זיין לעבן אויף דער וועלט זיך געגאנגען פון איין אַפּקומעניש צו דער אַנדערער, פון איין צוריקהאַלטן זיך פון עפּעס צו טאָן צו אַן אַנדערן. די פאַרנייגונג פון לעבן האָט זיך ביי אים אזוי געשטייגט איבער דער באַיאָונג, אַז ער איז אפילו אויף דער ערד נישט געלעגן.

אינטערעסאַנט איז דער טעם וואָס לוצקי גיט אָן פאַר דעם העלפאַנטס נישט וועלן ליגן אויף דער ערד: פאַר דעם העלפאַנט איז די ערד געווען דער סימבאָל פון טויט. ער האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זינד צו טראַכטן וועגן סוף, אָדער זיך אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן צו דערנענטערן צום סוף פון לעבן, צום טויט. דער גרויסער צדיק האָט ניט געוואָלט זיך באַפרייען פון די אָפּקומעניש, וואָס מיט זיי זיינען אָנגעפילט דאָס לעבן פון איינעם, וואָס טראַכט רק וועגן אַנדערע און וואָס פילט־מיט מיט זיי. ער האָט דעריבער ניט געוואָלט רוען אויף דער ערד, וואָס צו איר קערט זיך אום און אין איר רוט אַלץ וואָס לעבט שוין ניט מער.

„ניט כדאי צו רוען אויף דער ערד פאַר דער צייט.
ניט כדאי
לעבן איז אַמאָל
טויט איז אַלעמאָל.

אַלעמאָל איז שווערער פון אַמאָל.
דעריבער ציט אַזוי די ערד צו זיך אַראָפּ.
ס'איז די וואָג פון אַלעמאָל וואָס ציט אַזוי אַראָפּ.

דעריבער שפּאָרן זיך געוויקסן פון דער ערד אַרויס.

ס'איז דער ווילן פונעם לעבן זיך דערווייטערן פון סוף.
דעריבער צאַפּלט זיך אַזוי דאָס לעבן פאַר דעם ענד.
אַן עולה קעגן לעבן.

זיך אַליין אַוועקצוגעבן צו דער אייביקייט.

איז דער העלפאַנט נישט געלעגן אויף דער ערד".

איצט קומט דער קלימאַקס פון דעם העלפאַנטס פּאַסיקייטן און נטיות צו זאָרגן זיך און טראַכטן וועגן וואוילזיין פון אַלץ וואָס לעבט אויף דער ערד. דער העלפאַנט צווינגט זיך צו לעבן אַזוי, אַז אַלץ וואָס לעבט אַ חוץ אים און אַרום אים, זאָל ניט געשטערט ווערן, עס זאָל חלילה דורך אים ניט אומגע־בראַכט ווערן, נאָר פאַרקערט, ווי ווייט נאָר מעגלעך זאָל אַדאַנק אים אַלץ לעבן רואיקער, שענער און בעסער.

פריער האָבן מיר געזען, אַז ווען דער העלפאַנט האָט אויף זיין וועג, גיי־ענדיק קוים זיך רירנדיק, געמיטן אַ מערעשקע, האָט ער זי אויסגעמיטן. דער דאַרום פון דעם דאָזיקן וואַרום איז צו פאַרשפּאָרן דער מערעשקע אַן אומזיסטע שרעק, וועלכע וואָלט געפירט צום געשריי: ווי מיין לעבן! יעדער געשריי און אַ וויי, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די אינוווייניקייטן פון דעם וואָס לעבט, וואַרפט אַריין אַ צערודערטקייט אין לעבן. די וואָס שרעקן זיך פאַר צערודערט־קייט, איז צעשראָקנקייט און צערודערטקייט זאַכן וואָס פאַרביטערן און פאַר־ערגערן דאָס לעבן. וועזנס ווידער, ווי דער העלפאַנט אַ צדיק, פילן ליבע און רחמנות איבער אַלץ, זיינען בדרך נוטה צו ליבן רואיקייט און גלייכגעוויכט, זיי האָסן אויפרודער און אַרויסגעשלאָגנקייט פון גלייכן וועג. דערפאַר איז אַזוי שטאַרק די סימפּאַטיע פונעם אַלץ ליבנדיקן העלפאַנט צו דער מערעשקע און אַזאַ שטאַרקע איינזעעניש מיט איר חלילה׳דיקן פּחד און וויי־געשריי.

„און די מערעשקע וועט וויגן זיך
און וואַרפן זיך אויף הפקר.
מיט אַ כיוון דאָ און דאָרטן צו פאַרטומלען מיינע אויגן,
און בריקן מיט די פיסלעך פאַר מורא:
ווייַ מיין לעבן!
אַ יעדער מיט אַ נאָניע — אַ קאָנאָניע
וויל זיך מאַכן פון מיין פּעלכל —
אַ פּוטער ! . . .

מיר געפינען אויך אויס, אַז דער העלפאַנט אוים מורא אומצוברענגען חס ושלום אַ בוים, איז אַ גאַנצן לעבן זיינעם ניט געשלאָפן ווי סע דאַרף צו זיין.

„אַנגעשפּאַרט געשטאַנען ביי זיין שטענדיקן געלעגער
און געטראַכט.

נאָר געלאָזן נידערן די דעקן איבער זיינע אויגן,
צו באַרואיקן דעם חשק ער זאָל מיינען אַז ער שלאָפט
און געוואָרנט דעם זכרון צו געדענקען אַז ער וואַכט.
וואָרום? —
דאַרום.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אפשר קומט אים פּאָר אַ חלום
אַז מען וואַרט אויף אים אויף יענער וועלט.
וועט ער וועלן זיך צעציען
מען זאָל זען ער איז גרייט.
קאָן ער נאָך אינמיטן שלאָף פאַרגעסן צו דערמאָנען זיך,
און טאָן אַ פאַל צוזאַמען מיטן בוים.
איז דער העלפאַנט ניט געשלאָפן ווי עס דאַרף צו זיין.

— 2 —

מיטן העלפאַנטס ניט שלאָפן ווי עס דאַרף צו זיין ענדיקט זיך דאָס שיין און הערלעך בילד פון דער תמימות׳דיקער און כשר׳ער אויפפירונג פון דער גוטער און ערלעכער געשטאַלט — דער סימבאָל פון אַל־דורותדיקן צדיק.

איצט פרעגט זיך: צו וואָס האָט אַזאַ איינזייטיקע עקסטרעמע אויפפירונג געפירט דעם העלפאַנט? באַוואוסט און אומבאַוואוסט צום קינסטלער גופא, האָט די קונסט אין לוצקין געענטפערט: די איינזייטיקע אויפפירונג און האַנדלונג, דאָס געוויכט לייגן אויף איין קולטור־אויסדרוק לגבי אַלע אַנדערע עקספּרעסיעס פון קולטור, האָט געפירט דעם העלפאַנט אַ צדיק צו פאַרגליווערטקייט.

ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ריינער קאָנטעמפּלאַציע פון העכערע וועלטן און ער האָט ניט געמאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג אַריינצונעמען די העכער־קייט זייערע, אָדער אָנצוקניפּן אָן איר דורך געוויסע פעדעם די נידעריקע וועלט, וואָס אויף איר פאַרברענגען אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן זייער דאָאיקן צייט־ווייליקן לעבן. די דאָזיקע וועלט ווערט אָן איר גאַנצן זין, ווען זי זאָל ניט האָבן קיין אינטימען און אָרגאַנישן אָנקניפּ און צונויפבונד מיטן לעבן אין די העכערע וועלטן.

די שטילסטע רו און רואיקייט מיט איר צוריקהאַלט פון לײדנשאַפטלעכע ברענונגען און אַלע אירע העמונגען, וואָלט אינאיינעם מיט דער נידעריקייט אָפּגעשאַפט די העכערקייט. אוים וואָלט געוואָרן מיט וועלט און וועלטהייט בכלל, אוים מיט אַלץ. און דערפאַר בלייבט טאַקע ניט קיין שום זאַך פון העלפאַנט אויף דער וועלט וואָס זאָל ווערן אָן „עפּעס” אויף יענער וועלט. עס איז שווער אויסמאָלן זיך אַ זינפולע און ווערטפולע יענע וועלט, אַ העכערע וועלט, וואָס זאָל ניט איינשליסן אין זיך אַ זאַפטיקע, פולבלוטיקע, אַ פּאַראַוים זיגזאַגישע די־וועלט, די נידעריקע וועלט.

לוצקי דערפירט דעם העלפאַנט כמעט ווי צו אַן אַבסאָלוטער אומבאַוועג־

לעבקייט און גלייכגילטיקייט. אַן אַלץ זעלביקייט, אַלץ באַשטענדיקייט פילט אויס די גאַנצע וועלט פון העלפאַנט.

„ניט געוועזן פריילעך.
פאַמעלעך.
תמידדיק.

ווי אַ וואַלד אינמיטן לאַנגן זומער־טאָג,
ווי די זון אינמיטן לאַנגן זומער־טאָג,
ווי אַ ווינטעלע אינמיטן לאַנגן זומער־טאָג.

פאַמעלעך.
תמידדיק.
תמיד תמידדיק".

און טאַקע צוליב וואָס זיך איילן, צוליב וואָס זיך קאָכן, צוליב וואָס זיך פרייען מיטן לעבן און טרויערן וועגן טויט, צוליב וואָס לויפן, האַוועו, אַז אַלץ איז ווי געוועזן, אַלץ וועט זיין ווי ס'איז געוועזן, אַלץ איז תמיד תמידדיק, און דער ציטווייליקער דאַזיין איז צוליב דעם תמידדיקן דאַרט זיין — נישטאָ, נישטאָ צוליב וואָס זיך כאַפּן:

„אין חומש לעבט נאָך מתושלח,
יעקב גייט נאָך אין דער סדרה וילך.
שלמה איז אין משלי נאָך אַ מלך.
און ניט קיין מלך — איז נאָך אַלץ דער פאָטער אבימלך.
געזאַלצן איז נאָך אויך דער ים המלח.
לויפן קען מען ניט פאַמעלעך.
שטאַרבן איז נאָך אַלץ ניט פריילעך".

אַלץ וואָס איז נויטיק איז צו טראַכטן וועגן דעם אַריינקום אַהין, אין יענער וועלט אַריין, וואָס איז ווייט און טיף אָפּגעשיידט פון דער וועלט. די העכערע יענע וועלט, איז לויט דעם באַגריף פון אַלע פרומע נשמות, אומאָפּהענגיק פון דער וועלט. זי איבערשטייגט די נידעריקע וועלט און לאָזט זי בלייבן אַן אויסגע־שלאָסענע פון זיך. דער העלפאַנט האָט געקלערט אויף דעמזעלביקן שטייגער ווי עס קלערן אַלע נאָכגיביקע, גוטהאַרציקע וועזנס, וואָס זיינען אַלעמאָל גרייט עפּעס ניט צו טאָן, פון עפּעס זיך צוריקהאַלטן און צו רעזיגנירן פון אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם: „די־וועלט". ער געהערט אָן צו די וואָס דערלויבן, אַז אַלץ זאָל צו זיי געטאָן ווערן אנשטאָט זיי זאָלן טאָן עפּעס וואָס קאָן גורם זיין די מינדסטע ניט־אָנגענעמלעכקייט צו אַנדערע. דאָס זיינען וועזנס געוווייכטע פון ליב־קייט, עניוות און הכנעה. אַזעלכע ברואים האָבן ניט דעם כח דורכברעכן נייע וועגן, עפענען ברייטערע האָריזאָנטן, זיי קאָנען זיך ניט דערגראָבן צו אונטער־

וויליאַם וואָטסאָן

אַפּגרונטיקע רוימען און זיך דערשלאָגן צו איבער־הימלישע רוימלאָזיקייטן אין זייער לעבנס־לענג אויף ד ע ר־וועלט. אונדזער דאָאיקע וועלט, דאַרפן מיר גע־דענקען, איז נאָר אַזוי הויך — ברייט און טיף, ווי עס איז הויך און טיף דער גע־דאַנק און גייסט פון מענטש, און ווי שטאַרק עס איז זיין כח הדמיון און ווי קלאָר עס זיינען זיינע באַחרית־הימים'דיקע חזיונות. די וועלט אָבער פון די ניט אַקטיווע מענטשן איז זייער אַ באַגרעניצטע אין אירע דימענסיעס. זייער קלערן מוז זיך דעריבער דרייען אַרום און אַרומעדיק ווי אין אַ פאַרכשופטן קרייז. אַט פאַרוואָס

העלפאַנט האָט אַרומגעקלערט אַרומעדיק,
שטומעדיק, ברומעדיק,
שמייכלדיק און פרומעדיק
פאַמעלעך.
תמידיק.
תמיד־תמידיק.

און געפירט האָט אים זיין קלערן אַלץ צו יענער וועלט, וואוהין ער האָט גע־וואָלט און געהאָפט אַריינצוקומען אַ קדוש וטהור.

„אַלעמאָל געחלומט פון גן־עדן.
דאָרטן.
אין די הימלישע מקומות.
אין די געטלעכע מרחקים.
גן עדן
אין גן־עדן וועט ער זיין אַ רבי איבער אַלע חיות"

דרייאייניקייט פון ליבע רחמנות און זעלבסטאָפּפערונג, ווען זי ווערט דער־פירט ווי יעדער אידעאַל דאַרף דערפירט ווערן, צו זיינע עקסטרעמסטע קאָנ־סעקווענצן — מוז פירן צו אַ צושטאַנד פון

„ניט געגעסן קיינע זאַכן,
נאָר געקייעט בלעטער,
נאָר געטרונקען זומפּ.
גאָרניט קאַליע מאַכן".

די דאָזיקע איינזייטיקע דרייאייניקייט מוז פירן צו אַ פיזישער און גייסטיקער בלוט און לעבנסלאָזיקייט. דעם העלפאַנטס גרעסטע עובדה איז געווען און בלייבט צו חלומען וועגן דעם גן־עדן ווו

„אַלע חיות וועלן עסן פון די קעסלען לויתן.
געלאַסן.

קולטור קוואַלן

זיך ניט רייסן פאַרן ביסן.
זיך ניט שרעקן פאַרן שיסן.
שלעכטע מענטשן וועלן פון גן־עדן גאָרנישט וויסן.
בלויז די גוטע חיות וועלן וויסן:
אין גן־עדן נאָר געניסן.
שור הבור איז אָן אַ שיעור
נאָר פאַר די באַליידיקטע
וואָס גייען אום אויף אַלע פיר.
העלפאַנט וועט זיך וויגן מיט דער נאָז פון אויבנאָן
און זאָגן תורה צו די חיות".

דער צדיק, וואָס לוצקי סימבאָליזירט פאַר אונדז דורכן העלפאַנט איז מער פון דעם גויאיש־קריסטלעכן שניט ווי פונעם אידיש־חסידישן. דאָס אָפּזאָגן זיך ביז צו די לעצטע מעגלעכקייטן פון אַלע הנאות, וואָס קומען צום מענטשן דורך זיין גוף, דורך זיינע חושים — דער אַסקעטיזם, אין קיין איינער פון זיינע געשטאַלטן, איז קיינמאָל נישט געווען און נישט געוואָרן קיין אָרגאַנישער טייל פונעם דענקען און פילן פון אידישן פאָלק.

נישט געגאַנגען איז אויך דאָס יידישע פאָלק אין די וועגן וואָס פירן צו דער באַטאָנונג, צום פאָרצוג פון ליבע איבער אַלע אַנדערע נשמה און קולטור אַנט־פלעקונגען. דאָס יידישע דענקען און דאָס יידישע פילן האָט זיך איינגעשטעלט פאַר גערעכטיקייט אַזוי גוט ווי פאַר ליבע.

דוד ווענדט זיך צו גאָט: אַז איך רוף דיך, ענטפער מיר, גאָט מיין גערעכ־טער; און צו די מענטשן זאָגט ער: שלאַכט שלאַכטאָפּפער פון גערעכטיקייט און פאַרזיכערט אייך אויף גאָט! דאָס יידישע פאָלק האָט אויך ניט אויסגעשלאָסן פון דער קולטור די אויסדרוקן עסטעטיק און זעלבסטווירדע. דער איינשטעל פון יידישן פאָלק איז געווען גלייכע חשיבות פון אַלע קולטור אַנטפלעקונגען, ממילא אויך פאַר דער ווערט פון דער גאַנצער „דערוועלטיקער" עקזיסטענץ. אפשר דער־פאַר טאַקע איז דאָס יידישע פאָלק נישט געווען דאָס פאָלק וואָס זאָל ברענגען אויף דער וועלט דעם געדאַנק פון אַ יענער וועלט. אויב אָבער שוין יאָ אַ יענע וועלט, מוז עס זיין אַ וועלט, וואָס מיט איר זאָל די אונזעריקע וועלט זיך שוין גאָר שטאַרק אָנקערן, זי זאָל מיט איר האָבן גאָר אַ שטאַרקע שייכות.

דער חסידיזם האָט געשטרעבט צו געבן אנערקענונג צו דער גרויסער ראָל און ווערט צו די חושים און צו די פשוטע מענטשלעכע געפילן. ער האָט געוואָלט אוועקשטעלן אויף אַ געהעריקן פעדעסטאַל דעם מענטשלעכן קערפּער. דער טרע־גער לפחות אויף דער וועלט, פון דער נשמה, דער חסידיזם איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער יידישער פסיכיק און יידישער קולטור.

שני דרכים — צוויי וועגן — זאָגט פרץ אין זיינע „שטומע נשמות" —

ווילִיאַם וואַטאַנסאַן

פירן צו זיין ליבן נאָמען, וואָס איז די נשמה פון דער וועלט און דער תוך פון דער וועלט.

אין איינער פון זיי דער וועג פון שכל, אויב דער בשר ודם שאַרפט זיין מוח אין דער תורה הקדושה. און דער צווייטער — דער וועג פון האַרץ פון אַ בשר ודם, אויב ער רייניקט עס און הייליקט עס לעבודת הבורה.

אַ פּראָסטער ייד האָט אַ חוש הריח און פילט וואָס אַן אורח חיים פילט ניט.

און ווען אַן אורח חיים האָט מחשבות, כונות, השבעות, האָט דער פּראָס־טער ייד אַ יד און אַ האַק אין דער יד, און ווען ער דאַרף און טרעפט...

און דאָס אַלץ מיטן כח פון אַ קאַפּיטל תהילים. און אין זיין מעשהלע „אַ שמועס", לאָזט פרץ ר' שכנאַ'ן זאָגן:

„לא תסגיר! אינגאַנצן איבערגעבן דעם גוף צו דער נשמה טאָר מען אויך נישט, די פייערדיקע נשמה וואָלט אים פאַרברענט, אַש פון אים געמאַכט. און ווען דער רבונו של עולם זאָל וועלן נשמות אָן גופים וואָלט ער קיין וועלט ניט באַשאַפן און דעריבער האָט דער גוף אויך זיינע זכיותן".

ווי אַ סימבאָל אַלזאָ פון אַ יידישן צדיק, איז לוצקים העלפאַנט ניט אויס־געהאַלטן, דערפאַר אָבער איז ער שוין ביז גאָר אויסגעהאַלטן ווי אַ סימבאָל פון אַ קריסטלעכן איש תמים. זיין ליבע, רחמנות און איינזעעניש ניט נאָר צו מענטשן, נאָר צו יעדן איינציקן ארויסשפּראָץ און צו יעדן איינציקן אויסדרוק פון דער וועלט אַרום אים, איבערשטייגט אפילו קריסטוסעס אידעאַל. דער העל־פאַנט הצדיק איז געמאָלן פון לוצקין אַזוי, אַז פאַר די אָנהענגער פון דער איבער־ווערטיקייט פון איין קולטור אויסדרוק לגבי די אַנדערע, איז דער העלפאַנט מיט זיין איבערקריסטלעכער ליבע און אַלץ וואָס גייט מיט דער ליבע — אַן אינספּי־ראַציע און אַ אידעאַל אויף אַרויפצוקוקן און נאָכצופאָלגן. פאַר די ווידער וואָס פילן און זעען אין דער אַנערקענונג פון דער גלייכער חשיבות פון אַלע גייסטיקע אַרויסשטראַלונגען אַ כח וואָס טרייבט די אַנטוויקלונג צו מענטשלעכער פאַרפּאָל־קאָמענונג — פאַר זיי איז לוצקים העלפאַנט אַ צדיק, אַ געשטאַלט אויף אַ מוסר זיך אַראָפּצונעמען און אויף צו בעטן גאָט ער זאָל זיי באַהיטן און באַשיצן פון אַזעלכע געשטאַלטונגען.

אויף אַזוי ווייט גייט עס מיט לוצקים העלפאַנט אויף אַן אויסגעהאַלטענעם דרך, כל זמן ער איז אויף דער וועלט. קומען מיר אָבער צו לוצקים פאַנטאַזיע וועגן העלפאַנט, ווען פאַר אים, דעם צדיק דעם גרויסן, האָבן זיך שוין געעפנט די טויערן פון גן־עדן, און קומען מיר צו דער תורה, וואָס לוצקי לאָזט דעם העלפאַנט זאָגן פאַר די חיות אין זיין חלום וועגן גן־עדן, פּלאַצט שוין די אויס־

געהאַלטנקייט. און אויב עס זאָל גיין אין לעבן צו ראַטעווען די אויסגעהאַלטנקייט, מוזן מיר אָננעמען אַז די ליכט די גרויסע פון גן־עדן האָט געמאַכט דעם העלפאַנט צו דערזען און דערפילן עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט אויף ד ע ר וועלט ניט געזען און ניט געפילט.

עס איז אויך מעגלעך, אַז מיר שטויסן זיך דאָ אָן אויף אַ פּסיכאָלאָגישער אויסגעהאַלטנקייט אַנשטאָט אַ לאָגישער. דער לאָגישער שלחן ערוך שטימט ניט אַלעמאָל מיטן פּסיכאָלאָגישן. אפשר איז גאָר אונדזער העלפאַנט אַ צדיק געקומען צו די אַנדערשדיקע קאָנטראַווערסאַלע געפילן און השגות ווי אַ פּועל יוצא פון פרוסטראַציע, פון עקסטרעמער איינזאַמקייט זיינער, פון זיין לחלוטנדיקער התבטלות היש.

מיט אים האָט פּילייכט פּאַסירט דאָס זעלביקע וואָס מיט די מתים אין פּרץ'ס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". האָט האָך אויך דער העלפאַנט פּלוצים געקענט אַ חלום טאָן און אין אים זאָל זיך דערוועקן דער שטאַרקער דראַנג אויסצופילן דעם געבאָט פון פּרץ'ס בדחן:

„לעבט וואָס איר האָט ניט דערלעבט,
פּילט וואָס איר האָט ניט דערפילט"!

עס האָט זיך אפשר פון די אונטערגרונטן פון דעם פרוסטרירטן העלפאַנטס נשמה דורכגעשלאָגן אַ מורא'דיקע בענקעניש נאָך אַ פולערן און זאַפטיקערן לעבן אויף דער וועלט.

פּרץ לאָזט די דאָזיקע בענקעניש קומען צום אויסדרוק אין די ווערטער פון דער בוגרת אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק":

„עס טוט מיר באַנג! עס טוט מיר באַנג!
פאַר מיין טיר איז פראַנק און פריי!
מיט זאַנג און קלאַנג,
דאָס לעבן פאַרביי —
אין שטורעם,
און איך אין ראָוו ביים וועג
איך דער וואָרעם!
ליג אין שטויב
פאַרבן בלינד, קלאַנגען טויב,
גראָער געפיל, ציען זיך טעג,
וואָלקנס בלוי נאַכט נאָך נאַכט.
נישט געשטיפט, נישט געלאַכט,
נישט געשמייכלט, נישט געשפּילט".

וועלן מיר אָבער איצט לאָזן די פראַגע פון אויסגעהאַלטנקייט און די השערות וועגן איר אין אַ זייט און מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דער תורה, ווי

זי קומט אַרויס מפּיו הקדוש פון העלפאַנט הצדיק. וואָס איז איר תוכן? אויף וואָס איז מרמז די דאָזיקע תורה, וועלכע מען לערנט דאָרט וואו עס געפינען זיך:

„שטיינדעלעך פון הייליקע נפטרים,
נשאָרים פון קדושים,
נשמות פון נסתרים,
מדורות הקדמונים,
מדורות הראשונים".

וואָס איז מיט אונדז און וואָס איז קעגן אונדז אין דער תורה וואָס מען לערנט מיט ניגון, וואָס מען הערט אים נאָר אין דמיון און אויף אַ לשון וואָס ס'לויטעט נאָר רמזים.

מיר וועלן אָנהויבן מיט דעם וואָס אונדז געפעלט יאָ אין דעם העלפאַנטס תורה. דאָס איז, אגב, אויך דער אָנהויב פון דאָזיקער אויסטערלישער העלפאַנטי־שער תורה.

דער העלפאַנט הויבט אָן אַזוי צו זאָגן:

„חיות,
די הערלעכסטע תפילה פאַר גאָט איז געזאַנג,
זיינען מיר מתפלל אפילו מיטן גיין.
גייענדיק באַזינגען מיר די ערד.
איז אפילו עסן אַ ליד.
קייענדיק באַזינגען מיר די ביסנס מיט די ציין".

די יעניקע אפילו וואָס אַליין האָבן נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פון צו פילן אין יעדן טראָט, אין יעדן בויג און נויג — אַ געזאַנג, פילן זיי אָבער דער־פאַר שוין גאָר שטאַרק ווי וואויל און גוט עס וואָלט אונדז אַליין און אַלע מענטשן אויף דער וועלט געווען, ווען מיר אַלע וואָלטן געקאָנט אַרויסהערן, דערפילן און איבערלעבן געזאַנג אין יעדער באַוועגונג פון אונדז אין אַרום אונדז.

וואָס פאַר אַ וועלט מיט גליק און גליקזעליקייט עס ליגט אַנגעגרייט אין דער צוקונפט פאַר די מענטשלעכע וועזנס, וואָס וועלן קאָנען פאַרנעמען אַ געזאַנג אין די טריט זייערע, וואָס רירן אָן די ערד, און וואָס וועלן פילן אַז זייער גיין — איז אַ תפילה פאַר דער העכסטער קראַפט אין דער וועלט, און וועלן וויסן, אַז אינעם פראַצעס פון זעטיקן זייער מאָגן ליגן פאַרבאַהאַלטן אָן אַ שיעור מעגלעכקייטן, אָן אַ שיעור קוואַלן פון געזאַנג, און אויב פון געזאַנג — פאַרוואָס ניט אויך פון פאַרב און נאָך אַנדערע ציטערס און פלאַטערס, וואָס זאָלן אָנפילן די מענטשלע־כע נשמה, און זי קיינמאָל ניט זעטיקן.

שוין די פאַנטאַזיע גופא וועגן אַזעלכע מעגלעכקייטן אין דער צוקונפט באַ־

רייכערט און פאַרטיפט די נשמה איצט. אַזאַ פאַנטאַזיע מאַכט שוין איצט פּאָעטי־שער דאָס פּראָזאַאישע גיין און קייען. מחמת נישט גייענדיק אין דער ברייט קאָן מען גערעטעוועט ווערן פונעם פּראָזאַאישן, נאָר גייענדיק אין דער טיף. נישט דער אַלץ מער און מער פון זאַכן, ווי דאָס גיט אונדז די ציוויליזאַציע, נאָר דער אַלץ מער און מער וואָס קאָן אַרויסבאַקומען ווערן פון זעלביקער זאַך, ווי דאָס לערנט אונדז די קולטור — וועט באמת באַרייכערן די מענטשלעכע נשמה, און עפענען פאַר איר אַלץ טיפערע און טיפערע קוואַלן פון גליק און גליקזעליקייט.

עס וועט ווען עס איז מוזן קומען אַ סוף צו דער איבערוועלטיקונג פון ציוויליזאַציע, וועלכע אויסברייטערנדיק די קאַנאַלן, דורך וועלכע עס ווערן צוגע־שטעלט באַקוועמלעכקייטן צום מענטשן, האַלט זי אין פאַרשטאָפן פאַר אים אַלץ מער און מער קוואַלן פון טיפער פרייד און הויכער גליקזעליקייט. עס מוז ווען עס איז קומען צום אָנהויב פון אַן אמת קולטור־מענטשלעך לעבן — אַ לעבן אין וועלכן די קולטור וועט איבערוועלטיקן די ציוויליזאַציע, ווערן איר האַר אנשטאָט, ווי איצט, איר דינער.

עס מוז קומען צו דעם מיט וואָס, לוצקי ענדיקט זיין ליד „דזשעז"

טראַסקע! — מאַסקע!
פלאַסקע! — לאַסקע!
קראַך האַרמאַטן און קאַנאָנען!
טרייסל ערד און טרייסל הייזער!
גיכער היינט און גיכער מאָרגן! שנעלער זייגער מיט די ווייזער!
אויבן — באַנען, אונטן — באַנען,
סאָבמאַרינען, עראָפּלאַנען.
רידער, רעדער באַראַבאַנען —
צוצעצוימען! צוצעצאַמען!
ראַדיאָ רופט אַרונטער מאַרסן:
וועלטן! — רוקט זיך צו צוזאַמען!
העכער, העכער, סאַקסאָפאָנען!
שטיף און שיפּל זיך, טראָמבאָן!
טראָמבע, טרובע, אויבנאָן!
פלאַטער, פלעקל, ווי אַ פאָן!
קלינגל, גלעקל, און דערמאָן!
שאַל און שטראַל, טראָמפּייט!
זאָג אָן !!!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיטאַמאָל — פון אָנהויב אָן!

דעמאָלט ערשט, ווען עס וועט קומען דער אָנהויב־אָן מיט אַמאָל, דעמאָלט

וועט פון אלץ און דורך אלץ וואס פילט זיך איצט אזוי פראזאאיש, ביליק און נישטיק, ארויסשלאגן ווי בלומען פון א געמיסטיקט פעלד, דאס פאעטישע, דאס גרויסע און דאס היליקע, אלץ וואס דער מענטש וועט טאן, וועט ער טאן אזוי, אז די טואונג זאל ווי א ליד זיין פול מיט שיינקייט און מיט אלץ וואס איז גע־בונדן און געקייטלט מיט שיינקייט. אנשטרענגען וועט זיך דעמאלט יעדער מענטש, אז זיין טואונג זאל איבערשטייגן אין שיינקייט די טואונגען פון אנדערע און אז דערטראגן זאל זיך די שירה פון זיינע טואונגען צו די אויערן פון מענטש און גאט, ווי אן ענטפער און אפרוף אויף דער שירה, וואס זיינע א יערן וועלן פארנעמען אין די טואונגען פון מענטשן ארום אים און פון גאט איבער אים.

— 3 —

אין דעם עקסטאז אבער פארן פאעטישן, וואס ליגט פארבארגן אין דעם פראזאאישן, און וואס קאן נאר דורך דערהויבונג און געלייטערטקייט ארויסגע־בראכט ווערן, טארן מיר נישט פארגעסן, אז שירה פאר דעם פראזאאישן קאן און דארף געזונגען ווערן נאר אין ליכט און נאר צוליב די פאעטישע מעגלעכ־קייטן, וואס זיי טראגן אין זיך, און נישט פאר און צוליב דעם פראזאאישן פער־סע.

דאס עסן קאן ווערן ליד. אמת. אבער ווען? דאס איז א פראגע וואס מען מוז שטארק האלטן אין זכרון. און נישט נאר די פראגע, נאר אויך דעם ענטפער. און דער ענטפער איז: דאס עסן קאן ווערן ליד נאר דעמאלט, ווען מען פילט אין דעם בייסן מיט די ציין א ריטם, א געזאנג, וואס פירט אונדזער נשמה צום ריטם און געזאנג, וועלכער קלינגט ארויס און לאזט זיך פילן אינעם גאנצן באשאף און גאנג פון דער וועלט. דאס עסן דעמאלט ווערט שוין עפעס מער ווי עסן, עפעס מער ווי בלויז א דערהאלטונגס־מיטל פארן גוף. עס ווערט שוין אויך א באשטענדיקער און אומדערשעפלעכער סטימולירנדיקער און אנרעגנדיקער כח פאר דער אנטוויקלונג און פארטיפונג פון גייסט. דורך דעם דערפיל און ארויס־הער אין דאזיקן פראצעס עפעס געמיינזאמעס אדער אידענטישעס מיט דעם וואס איז פאראן אינעם העכסטן און שענסטן צו וואס אונדזער פאנטאזיע קאן דערגרייכן, ווערט דער דאזיקער פראצעס קולטורירט.

אט דאס עפעס מער ווי עסן אין דעם עסן, ווי דאס עפעס מער ווי גיין אין דעם גיין, מאכט פון עסן און גיין א תפילה און א געזאנג און מאכט אונדז שטארק הנאה האבן פון די פאעטישע שורות:

„זיינען מיר מתפלל אפילו מיטן גיין.
גייענדיק באזינגען מיר די ערד מיט די טריט".

די הערלעכסטע תפילה פאר גאט איז געזאנג.

נישט נאָר איז עס אַזוי מיטן פיזישן און מאַטעריעלן אין אונדז, נאָר אויך מיט אַלץ דעם וואָס זעט אויס פיזיש און מאַטעריעל אַרום אונדז. אַזוי איז עס אויך מיט דער וועלט אָדער מיט דער נאַטור וואָס רינגלט אונדז אַרום און איר גאַנצער גאַנצקייט, ווי אויך אין אירע טיילן און טיילכעלעך. סתם נאַטור, סתם וועלט רעגט ניט צו דער העכסטער תפילה פאַר גאָט — צו גנעזאַנג. סתם וועלט, סתם נאַטור איז ווי סתם גוף ניט הייליק.

אין זיין קולטור־קריטישן בוך וועגן גרויסן פראַנצויזישן נאָוועליסט מאַר־סעל פרוסט, גיט איבער דער מחבר גערמיין ברי פרוסט'ס געדאַנקען וועגן מענטש־לעכן גוף אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער גוף איז באמת דער אַקטיווער צענטער פון אַלע אַנט ישונגען און יסורים, ער איז דער חוזק־מאַכנדיקער שונא, דער פּראַטעאיזם, דער צוויי פּנים'־דיקער, וואָס מאַכט לצנות פונעם גייסט, וועלכער שפּאַרט איין מענטשן אין זייער איינזאַמקייט, איזאָלירט זיי פון דער חושים'דיקער וועלט, און גיט זיי ענדלעך איבער דעם טויט. דער קערפּער איז אָבער אויך דער שליסל צו אַלע מיסטעריעס, מחמת ער דעפערענצירט מענטשלעכע וועזנס און שטעלט זיי אונ־טער דער דערשטוינענדיקער השפּעה פון אינדיווידועלן לעבן".

אַ כח וואָס זאָל טרייבן צו העכערער אַנטוויקלונג, וואָס זאָל אָנרעגן צו אַ ברייטערן גייסטיקן שוואונג און עפּענען אַלץ טיפערע נשמה־קוואַלן אינעם מענטשן, ווערט דער גוף פון מענטשן און די נאַטור אָדער וועלט אַרום אונדז, נאָר דעמאָלט, ווען מיר פאַרנעמען אין זיי עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז איינס מיט דעם, וואָס מיר פילן אין אונדזער גייסט און נשמה. דאָס מיינט איינס ווערן מיטן אינטימסטן, טייערסטן און העכסטן; איינס אין אונדז מיט דעם אין אונדז, וואָס פרייט זיך און גליקזעליקט זיך מיט דער נאַטור, און וויל דורך איר קומען טיפער צו זיך, און דורך זיך טיפער צו איר. נאַטור ווערט פאַר אונדז קולטור דורך דעם דערפילן אין איר גרונטיקייט אַ ווילן אונדז צו וויסן און צו דערקע־נען, ווי דער ווילן איז אין אונדז זי צו וויסן און צו דערקענען.

נאָך שטאַרקער און גרעסער ווערט איר מעגלעכקייט צו קולטור־אָנרעגונג, ווען דערפילנדיק די אינטימע, אידענטישע און קאָנגעניאַליטיקע פּעדים, וואָס ציען זיך צווישן אונדז און דער נאַטור, דערפילן מיר אויך אַן צייטיק אַ צי אַרויף צו דעם, וואָס איז איבער דער נאַטור און איבער אונדז — אַ צי אַרויף צום העכסטן, צו וואָס אונדזער פאַנטאַזיע קאָן זיך דערטראַגן און אונדז אַריינטראָגן, אַזוי, אַז אויך דאָרט זאָלן מיר זיך אָנשלאָגן אויף אַ קערנדל, וואָס איז איינס מיטן קערנדל פון דעם העכסטן אין אונדז און אין דער נאַטור. און ווי מיט וועלט און נאַטור, אַזוי אויך מיטן לעבן, וואָס שלאָגט אַרויס פון דער וועלט, אָדער וואָס שלאָגט זיך דורך דורך דער וועלט פון איבערוועלט, אַזוי אויך מיט אַלע לעבנס־פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין אונדז און אין דער וועלט, און וואָס זיי באַזינגט עס דער העלפאַנט אין זיין תורה. געזאַנג, תפילה, הייליקייט ליגט ניט

אינעם סתם לעבן, נאָר אין דעם עפּעס מער פון לעבן, וואָס דאַרף אַרויסגעהערט און אַרויסגעפילט ווערן פון דעם לעבן. דער העלפאַנט זעט ניט איין די גרויסע נפקא־מינה צווישן סתם נאַטור און קולטור־נאַטור, צווישן סתם לעבן און קול־טור־לעבן. די דאָזיקע ניט־איינזעעניש פירט צו אַן עטישן נידער, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אייניקע שטעלן פון העלפאַנטס תורה, וואָס זיי ברענגט לוצקי אַרויס אויף אַן אויסערגעוויינלעכן שיינעם אופן.

דער מענטש וועט זיך מוזן אַלץ מער לערנען און מער זיך צוגעוואוינען צוטרעטן צום לעבן ניט ווי צו אַ געמיש און צונויפשטעל פון עפּעס, וואָס איז נידעריקער פונעם מהות פון לעבן, נאָר ווי צו אַן אויסדרוק פון עפּעס וואָס איז העכער פון לעבן.

דיזעלביקע האַנט וואָס האָט געצייכנט דעם דעקרעט, ווי לוצקי דריקט אים אויס, אַז

אַלע פייגל קומען שטאַרבן אויף דער ערד

און

אַלע שטערן זאָל אַראָפּנידערן זיין פאַרווערט,

האָט אויך געצייכנט דעם דעקרעט, אַז קיין אָנרעגונג צו דערהויבונג זאָל קומען פון עפּעס, אין וואָס מען דערפילט ניט אַן אָטעם פון גייסט אָדער קולטור.

דער גרויסער קאָנטראַל וואָס דער מענטש האָט — אַדאַנק דער וויסנשאַפט — געוואונען איבער די שטאַרקע קרעפטן, וואָס רינגלען אים אַרום, האָט אים געגעבן אַ וועלט מיט באַקוועמלעכקייטן. דער דאָזיקער קאָנטראָל האָט אָבער ניט געהאָלפן צו אַנטוויקלען אינעם מענטשן שטאַרקערע געפילן פון ליבע, באַוואונ־דערונג און אינטימקייט מיט די נאַטור־קרעפטן און נאַטור־פּראָצעסן און דורך זיי — מיט דער קראַפט פון אַלע קרעפטן — דער קראַפט וואָס מען רופט גאָט. אָן דידאָזיקע געפילן אָדער מיט שוואַך־אַנטוויקלטע געפילן פון ליבע, באַוואונדע־רונג, און אידענטישקייט מיטן אַרום פון דעם איבער־אַרום, איז דאָס העכסטע סוף כל סוף נישט מער ווערט ווי דאָס נידעריקסטע, דאָס טיפסטע נישט מער ווי דאָס פלאַכסטע; דאָס ווייטסטע נישט מער ווי דאָס נאָענסטע, מחמת אַלץ וואָס קומט פון שטויב, און נאָר פון שטויב, מוז וואָס עס זאָל איצט ניט זיין, ווערן ווען עס איז שטויב, און קאָן שוין דעריבער אויך איצט קיין חשיבות ניט האָבן. און אַן אַ געפיל און גלויבן אין ווערטן, קאָנען זיך לאַנג ניט האַלטן די גייסט־פליגלען ביים מענטשן און זיינע קולטור־טורעמס קאָנען זיך צו הויך ניט טורעמען.

אויב געטע — צו דערמאָנען בלויז איינעם פון די גרעסטע קונסט־שאַפער, דעם גרויסן באַוואונדערער, אגב, פון שפּינאָזאַ — רעגט אויף באַאיינדרוקט די מענטשהייט קולטוריש אויף דעם שטאַרקסטן אופן, איז עס דערפאַר וואָס ער

האָט פאַרנומען אין דער נאַטור אַ האַרץ וואָס קלאַפּט און אַ נשמה וואָס צאַפּלט זיך נאָך שטאַרקער און נאָך מוראַדיקער, ווי עס קלאַפּט און צאַפּלט זיך דאָס האַרץ און די נשמה פונעם מענטשן. און פאַרנומען האָט געטע אויך איבער דער נאַטור און איבער דעם מענטשן אַ קראַפט אַן אַלהעכסטע, וואָס אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן ווייסט זי און פילט צאַפּלענישן און ראַנגלענישן פון אַלע הערצער און אַלע נשמות.

„איסט ניכט דער קערן דער נאַטור מענטשן אים הערצן?" — פרעגט געטע, און ער ענטפערט אויף דער פראַגע מיט אַן אומצווייפלהאַפטן באַיאַונג אין אַלע זיינע שאַפונגען, און דער עיקר אין זיין גרעסטער שאַפונג — „פאַוסט".

ער לאָזט זיין העלד פאַוסט אַן איבערפילטן ביז אַלע ראַנדן פון זיין נשמה מיט ליבע צו מאַרגאַרעטן, איינעם אַליין שטיין בלייבן אין וואַלד, אַן ארומגע־רינגלטן פון אַלע זייטן מיט דער מוטער־נאַטור.

און עס פאַסירט, אַז פון די טיפענישן פון פאַוסט'ס נשמה רייסן זיך אַרויס ווענדונגען און אויסגוסן פון געפילן און געדאַנקען וועגן נאַטור און איבער־נאַטור, אַקוראַט אַזוי ווי די נאַטור און איבער־נאַטור וואָלטן געווען וועזנס אַזעלכע קאָנקרעטע, ממשותדיקע און נשמה־פאַרכאַפּנדיקע ווי דאָס וועזן אַשטייגער, וואָס הייסט מאַרגאַרעט. דאָס זענען וועזנס ווי מאַרגאַרעט אָדער ווי פאַוסט אַליין, נאָר מיט נאָך אַ שטאַרקערן לעבנס־אימפּעט, מיט נאָך אַ שטאַרקערן, טיפערן און שענערן גייסט.

פאַוסט דאַנקט דעם דערהויבענעם גייסט, ווען ער דערזעט אַן אַנט־פּלעקטן צו אים דורך דער גראַנדיעזקייט פון דער נאַטור, פאַר אַלץ וואָס ער האָט אים געגעבן און דער עיקר — פאַר דער קראַפט צו געניסן און צו פילן. מער פאַר אַלץ אָבער דאַנקט ער אים פאַר דער מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין דער טיפער ברוסט פון דער נאַטור ווי אין בוזעם פון אַ פריינט — אַן אַריינקוק וואָס עפנט אויף פאַר אים די געהיימע טיפע וואונדער פון זיין אייגן האַרץ און זיין אייגענער נשמה!

אַזאַ דערפיל און אויפנעם פון וועלט, נאַטור און לעבן פאַרטיפט און דער־הויבט דעם מענטשן און נעמט אים דורך מיט קולטור.

דער ווילן און די דערקענונג, וואָס צו זיי זוכט דער מענטש זיך צו דער־גראָבן אינעם אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום, זיינען קיין אַנדער זאַך ניט ווי דאָס עפּעס העכסטע, צו וואָס דער מענטש דאַרף שטרעבן און וואָס טרייבט אַן זיין אַנטוויקלונג אין די טיפן און אין די הויכן. דאָס זענען, וואָס לוצקי ווייזט אָן „די לעגענדן און צויבערן פון רעגנבויגן".

אינעם ליכט פון דאָזיקן העכסטן דאַרף אַדורכגענומען ווערן דער גרעסטער

וויליאַם נאַטאַנסאָן

פון אַלע געזאַנגען — דער געזאַנג פון לעבן אָדער אויפן צדיקס לשון — די זמירה פון דער זריעה.

דער העלפאַנט הצדיק לערנט ווייטער זיינע חיות לאמור, אַזוי צו זאָגן:

די זמירה פון זריעה איז דאָס גרעסטע פון אַלע געזאַנגען.
דער תענוג פון ביאָה איז דער תוכן פון אַלע פאַרלאַנגען.
באַהעפטן איז קבלה.
אַפילו די הנאה מיט אַ זונה איז קדושה
דאָס קומען איז אַ שיר השירים מיט אַ יעדער אשה".

דער אינהאַלט פון דאָזיקן שטעל אין דעם רבינס תורה, איז אמת נאָר אין איר פּאָעטישער געשטאַלט, און ניט ווען מען נעמט זי אָן ווי זי שטייט און גייט. כדי דער דאָזיקער אינהאַלט זאָל אויך אין זיין פּראָזאאישער געשטאַלט בלייבן אַן אמת, דאַרף ער אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ פילאָסאָפיש ליכט, און ערשט דאַן וועט געשאַפן ווערן אַ מין אַלגעבּרעאישע אויסגלייכונג צווישן דעם פּראָזאאיש־פילאָסאָפישן און קינסטלעריש־פּאָעטישן אינהאַלט פון זעלביקן געדאַנק.

זריעה איז דער תנאי און מקור פון לעבן, ווי עס איז געשטאַלטעט אויף דער וועלט. ובכן איז פאַר די וואָס הערן אַרויס געזאַנגען אין אַלץ, דאַרף די זמירה פון זריעה זיין דאָס גרעסטע פון אַלע געזאַנגען. דער דראַנג צום לעבן איז דער שטאַרקסטער דראַנג; דער תענוג פון ביאָה איז דעריבער דער תוכן פון אַלע פאַרלאַנגען. דאָס אַלץ איז אמת, אויף וויפל עס באַציט זיך צום סתם לעבן. וואָלט לעבן נישט געטראָגן אין זיך עפּעס מער, עטוואָס איבער לעבן, וואָלט אַן אַנדער אמת אחוץ דעם ניט געווען. פאַראַן אָבער עפּעס וואָס איז איבער דעם לעבן, ווי אויך אַן עפּעס וואָס איז איבער וועלט, נאַטור און מענטש און אויך צו דעם עפּעס, וואָס איז מער און איבער, איז שטאַרק דער דראַנג אינעם מענטש. זריעה ווי דער באַדינג און מקור פון לעבן איז די זמירה פון זריעה דאָס גרעסטע פון אַלע געזאַנגען — !אָבער לעבן צו לעבן איז ניט גלייך. פאַראַן העכערער און נידעריקערער לעבן. אינעם לעבן אַפילו פון איינעם און דעמזעלביקן אינדיווידו זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען דאָס העכסטע לעבן קומט צו אויסדרוק. אין אַזעלכע מאָמענטן פילט מען זיך ווי אַ געטראָגענער אויף פליגלען אין די העכסטע וועלטן. פאַראַן ווידער מאָמענטן, ווען דאָס נידעריקערע שפּאַרט זיך דורך, באַוועלטיקט און פאַרגעט־איין די נשמה, און פילט אַן ווי מיט בליי די פליגלען פון גייסט.

דער תענוג פון ביאָה איז דער תוכן פון אַלע פאַרלאַנגען, אָבער דאָס העכערע לעבן באַשטייט נישט נאָר פון פאַרלאַנגען, נאָר אויך פון שטרעבן. באַשטרעב איז שוין ניט ווי פאַרלאַנג סתם וועלעניש און גלוסטעניש, סתם תאווה און יצר און אָן אַ שום ציל, צוועק, אָן אַ שום אידייע. ניין, באַשטרעב איז אַ וועלעניש און אַ גלוסטעניש, הינטער וועלכע עס ווערן אויסגעשטעלט באַוואוסטזיניקע

מאַטיוון, און איבער וועלכע עס ליוכטן פאַנטאַזיעס און אינספּיראַציעס, רצון און יצר־טוב. דאָס זיינען וועלענישן און גלוסטעניש, וואָס טראָגן שוין אין זיך פאָרצוגן און אויסדערווײלטקייטן צוליב די מאָטיוון און פּערספּעקטיוון וועל־כע זיינען פאַרוואָרצלט אין די באַשטרעבן. זיי ווערן זייער אָפט נישט דער־לאָזט צו קומען צו אויסדרוק און רעאַליזירונג.

זיכער קאָן נישט זיין קיין באַשטרעבן אָן פאַרלאַנגען, און דערפאַר איז אין זיך גופא יעדער פאַרלאַנג נויטווענדיק און ווינטשנסווערט. ער קאָן פאַרמאָגן אין זיך אַ סך שיינקייט און גוטסקייט. דער פאַרלאַנג איז די זאַפט פון לעבן. די אָנטרייב־קראַפט פון באַשטרעב, וואָס טראָגט זיך ווי אַ שיף איבער די וואַסערן פון לעבן.

שיין און הויך קאָנען זיין מענטשלעכע האַנדלונגען נאָר דעמאָלט, ווען דער באַשטרעב פלאַטערט איבער דעם פאַרלאַנג און ראַנגלט זיך מיט אים, פירט מיט אים אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. אָדער ווען ער פאַלט צונויף, אין זיינע וועלענישן און גלוסטעניש, מיט די ענדציקלן לייכטזיילן פונעם באַשטרעב. פאַר־לאַנג אָן באַשטרעב גיט ניט צו קיין הויכקייט און הייליקייט צו מענטשלעכע אַקטן און האַנדלונגען. דער פאַרלאַנג זאַפּטיקט דעם באַשטרעבן ־דער באַשטרעב ליכטיקט דעם פאַרלאַנג.

דער געשלעכט דראַנג איז פאַרלאַנג. ליבע, וואָס פון איר איז דער געשלעכט־לעכער פאַרלאַנג איינער פון די זאַפטן, איז באַשטרעב. ליבע פאַרמאָגט אין זיך אַ ים מיט פאָרצוגן און אויסדערווײלטקייטן, אַ וועלט מיט באַוווסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע מאָטיוון און פּערספּעקטיוון. זי טראָגט אין זיך ווי אַן אומ־דערשעפּלעכן און מיסטעריעזן כח צו רעגן און צו שטויסן די נשמה אין דעם גייסט צו הויבן איבער הויכן און צו אַנטפּלעקן פאַר אים איין טיפעניש טיפער פאַר דער אַנדערער, איין שיינקייט שענער פאַר דער אַנדערער. און אָפטמאָל ווייזט די ליבע אויך אַרויס אַ כח צו דערמעגלעכן דערגרייכונגען אויף אַלערליי פעלדער און געביטן, וואָס וואָלטן אָן איר ניט מעגלעך געווען.

בעת מען רעדט דעריבער וועגן תענוג און געשלעכט, ווי וועגן דעם תוכן פון אַלע פאַרלאַנגען, וואָס דאָס איז אמת, מוז מען שטאַרק אין זינען האָבן, אַז געשלעכט איז ניט דער ציל, אָדער אידעאַל פונעם ליבע באַשטרעב. די רויז וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ערד האָט אַנטוויקלט מיט איר אַרויסוואוקס איי־גענע, ווייט פון דער ערד גייענדיקע, פונקציעס און מעגלעכקייטן. מיט איר אַרויפצי און אַרויפבליק צום הימל, וואַקסט זי אַריבער די ערדישקייט, אין וועל־כער זי שלאָגט איר וואָרצלען. די ליבע וואַקסט אַרויס פון געשלעכט. זי אַנט־וויקלט אָבער מאָטיוון און מעגלעכקייטן ווייט אַוועקגייענדיקע פון געשלעכט. זי וויקלט זיך אַריין אָרגאַניש אין העכערע ספערן, ציט אַרויף אויף זיך סינטעטיש אַלע מהותן פון פּערזענלעכקייט און וואַקסט אַזוי אַרום אַריבער געשלעכטלעכקייט.

מאָמענטנווייז עפנט זי אויף פאַרן פאַרליבטן האָריזאָנטן פון מיסטעריע און שפּאַר נקעלעך פון טראַנסצעדענטאַלער רעאַליטעט.

און פּונקט ווי עס קאָן פאַרקומען אינעם מענטשן אַ קאַמף צווישן באַשטרעב און פאַרלאַנג, אַזוי קאָן אויך פאַרקומען אַ קאַמף צווישן איין מין באַשטרעב און דעם אַנדערן. די שיינקייט און הויכקייט פון דער רעאַליזירונג פון איין באַשטרעב, ווענדט זיך אָן דעם אויף וויפיל זיין רעאַליזירונג איז יאָ אָדער ניט אַ מניעה צו דער רעאַליזירונג פון אַנדערע באַשטרעבן, וואָס אונטער געוויסע אומשטענדן און אין געוויסע מאָמענטן, ליגט אויף זייער זייט די העכערקייט.

עס ווערט דאָ אונטערשטראָכן אונטער געוויסע אומשטענדן און אין געוויסע מאָמענטן, כדי ניט צו געבן איין באַשטרעב וועלכן עס איז פאָרצוג איבער דעם אַנדערן. אַ באַשטרעב איז אין אַ זין, אייגנטלעך, אַ קולטור־אויסדרוק און יעדער קולטור־אויסדרוק איז גלייך נויטיק צו דער אַנטוויקלונג און פאַרפולקאָמונג פון גייסט אַלס גאַנצעס. אין מענטשלעכע האַנדלונגען און טואונגען איז נויטיק דערפאַר, אַז ניט נאָר זאָל איבער פאַרלאַנג פלאַטערן דער באַשטרעב, נאָר אויך, אַז איבער יעדן באַשטרעב באַזונדער זאָל פלאַטערן דער סכום פון אַל־באַשטרעבטן, וואָס שטעלן צונויף די אָרגאַנישע און סינטעטישע גאַנצקייט פון גייסט, פערזענלעכקייט און קולטור.

אין ליכט פון אַזאַ קולטור־פילאָסאָפישן אַריינבליק לאָזט זיך שוין ניט גלאַט אַזוי אַ זאָג טאָן, ווי עס האָט אַ זאָג געטאָן דער רבי העלפאַנט צו זיינע חסידימלעך די חיות:

„באַהעפטונג איז קבלה"

באַהעפטונג איז קבלה, אָבער נישט אַלעמאָל. נישט יעדע קבלה איז באַהעפטונג. כדי צו זיין קבלה, פאָדערט די באַהעפטונג אי אַ פלאַמפייערדיקן פאַרלאַנג, אי אַ סנה־ברענענדיקע ליבע, און צו דעם אויך די ברכה פון אַ סך אַנדערע קולטור־אויסדרוקן, ווי מאָראַלישע, רעליגיעזע און עסטעטישע, און דורך די אָדערן פון דער פערזענלעכקייט מוז פליסן ניט נאָר גליק, נאָר אויך גליקזעליקייט. און נאָר וועגן אַזאַ באַהעפטונג, וואָס ווי אַלץ וואָס איז דערהויבן איז — שווער צו דערגרייכן, קאָן מען זאָגן:

„באַהעפטונג איז קבלה"

און נאָר וועגן אַזאַ אינאייינעם קאָן מען זאָגן:

„אינאייינעם איז דער סוד פון אחד".

און הנאה מיט אַ זונה איז קדושה נאָר דעמאָלט ווען די באַהעפטונג מיט איר פירט צו איר ווערן אויס זונה. נאָר דעמאָלט ווען זי קען אַרויסקומען פון

דעם וואָס זי איז געווען, אַ געלייטערטע, און ווערן אַלס אַזעלכע דער פּריינט, דער חבר און געליבטע פון דעם, ווער עס האָט אין קדושה זיך מיט איר באַהעפט.

דער פאַקט, וואָס דאָס באַרירן פון די זוימען איז דער מקור פון אַלע שטאַ־מען, מאַכט נישט, ווי דער העלפאַנט דער צדיק לערנט:

„דאָס קומען — אַ שיר השירים מיט אַ יעדער אשה".

דער מקור גופא פון אַלע שטאַמען שטאַרקע וואָרצלען שלאָגט אין נאָך אַ טיפערן מקור. פונעם סאַמע טיפסטן מקור, פון קוואַל פון אַלע קוואַלן טראָגט זיך שטענדיק און כסדר אַ פלאַטער און אַ ציטער, אַ רעגונג און אַ סטימול פון אַ סך, אַ סך פאַרוויקלטע און פאַרפלאָנטערטע, איינע אָן די אַנדערע אָנגעשלאָסענע שטרעבנס, דערהויבונגען, און פאַרשענערונגען — וועלכע דערלויבן ניט דאָס קומען מיט אַ יעדער אשה צו ווערן אַ געזאַנג פון געזאַנגען.

מיטן גרויסן זאָג פון צדיק:

„דער ציטער פון אַט איז דער ציטער פון גאָט".

איז דאָסזעלביקע ווי מיט דעם געזאַנג פון גיין און קייען. ניט דאָס קייען און גיין איז שיין און דערהויבן, נאָר דאָס ליד וואָס קאָן דערפון אַרויסגעהערט ווערן. נישט אַלזאָ דער „אַט", וואָס סימבאָליזירט זינד איז שיין, נאָר דער ציטער פון איר. שיין איז איר ציטער, ווייל דער ציטער און זיין געלייטערטקייט נעמט זיך דערפון, וואָס די טוגנט שוועבט און פלאַטערט איבער דער זינד. עס איז דער עסטעטישער אויסדרוק פון גייסט וואָס פאָדערט לשם דער שיינקייט וואָס ליגט אין דעם ברען פון אַן אַקט פון טואונג — אַז דער אַקט אָדער די טו־אונג זאָל דורכגענומען ווערן מיט דעם ריטמישן ציטער, וואָס קומט פון פאַר־באָרגעניש און סודותדיקייט. דערפאַר אייגנטלעך איז דער אַקט אָדער טואונג אין אַ קולטור זין גענומען, קיין זינד ניט. און דעריבער איז:

„ניט דער ציטער פון זינד — דער ציטער פון גאָט,
נאָר דער ציטער פון ט ו א ו נ ג איז דער ציטער פון גאָט".

פון אַ קולטור־עטיש־רעליגיעזן קוקווינקל ליגט אפשר גאָר די גרעסטע זינד דאָרט וואו עס איז ניט פאַראַן מער דער ציטער, וואָס איז אָפט אַן אויסדרוק פון יראת הכבוד פאַר דער חשיבות פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. זינד אָדער טואונג, אַזוי אָדער אַנדערש, איז דאָס זיכער, אַז דער טראָפ דאַרף גע־שטעלט ווערן אויפן ציטער ניט פון דער נאַטור אָדער נאַטורישעס, נאָר פון דער קולטור אָדער קולטורישעס, וואָס רירט אָן די סטרונעס פון עטיק, רעליגיאָזיטעט און עסטעטיק אינאיינעם גענומען.

די אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון קולטור פאָדערט, אַז די נאַטור זאָל —

אין לוצקין ווערטער: „געזויבערט און געציכטיקט ווערן" פון — ווי איך וואָלט צוגעבן — פון דער מענטשלעכער גאָט־געשטאַלטעטער פּערזענלעכקייט. נאַטור מוז „גענערט ווערן מיט די וואונדער פון די רוימען" — און ניט נאָר פון די רוימען, נאָר פונעם גאַנצן קאָסמאָס. זי מוז „איינזויגן אין זיך זויבערן פון שטראַלן", זאָגט לוצקי. דערצו דאַרף צוגעגעבן ווערן פון די שטראַלן וואָס ראַדיאירן פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס פירט דעם מענטשן צו וואָס לוצקי רופט אין דעם „אַלץ פון דער וועלט".

אין סך הכל גענומען קאָן מען זאָגן, אַז דער ציטער וואָלט אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, די ראָמאַנטיק וואָלט אויסגעלאָשן געוואָרן, די פּערזענלעכקייט וואָלט צו־שטאַנד ניט געקומען, ווען מען זאָל דערלאָזן דערצו, אַז דער פּאַנטעאיזם, די נאַטור איבער אַלץ — פונעם העלפאַנט הצדיק, זייער תורה זאָל אינגאַנצן פאַרטונקלען דעם — וואָס מען קאָן אָנרופן — פּערזאָנאַטעאיזם — קאָסמישע פּערזענלעכקייט איבער אַלץ פון אונדזער אַלטער, אַלטער תורה.

די נאַטור אין גאָט, גאָט אין דער נאַטור — איז פּאַנטעאיזם. און פאַראַן איז אין דעם פּאַנטעאיזם אַן אמת און אַ שיינקייט. מחמת די העכסטע קראַפט שלאָגט זיך דורך און אַנטפּלעקט זיך דורך אַלץ וואָס קאָן אויפגענומען און פאַרנומען ווערן. אויף אַזוי פיל איז זי אין אַלץ, און אַלץ איז אין איר. דאָס איז אמת, זייער שיין איז אויך צו פילן אין יעדער זאַך אַן אויסדרוק פון דער העכסטער קראַפט, אַ געשטאַלטונג אירע, און אַלס אַזעלכע זי ליב האָבן און אַנערקענען איר וויכטיקע ראָל פאַר דער אוניווערסאַלער עקזיסטענץ.

אָבער דער דאָזיקער אמת פונעם פּאַנטעאיזם האָט איבער זיך נאָך אַן אמת, — דעם אויבער פּאַנטעאיסטישן אמת, וואָס דערקלערט, אַז אין גאָט אַליין איז פאַראַן אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע איז סינטעטיש כולל זיין געטלעכן צונויפהאַלט אָדער געשטאַלטיקייט.

גאָט איז ניט נאָר אין דער נאַטור, נאָר אויך איבער דער נאַטור. די נאַטור ווי אַן אויסדרוק אָדער אַ באַשאַף פון אַ פּערזענלעכקייט, איז אַן איינהייט, וואָס איז פול מיט פאַרשידנאַרטיקייט. זי מוז טראָגן אין זיך אַ וועלט מיט דיפערענצירונגען און אינדיווידואַליזירונגען, איין אויסדרוק איז ניט ענלעך צום אַנדערן, איין געשטאַלט איז ניט די זעלביקע וואָס די אַנדערע. דאָס איז אויך גורם אַ דיפערענצירונג און אינדיווידואַליזירונג אין די סוביעקטיווע באַציאונגען פון איין געשטאַלט צו אַן אַנדער געשטאַלט.

וואָס מער דיפערענצירט און אינדיווידואַליזירט אַ געשטאַלט איז, אַלץ פאַרשיידנאַרטיקער, אַלץ פיל גראַדיקער זיינען די באַציאונגען פון דער דאָזיקער געשטאַלט צו אַנדערע, אַלץ פאַרשידנאַרטיקער און פאַרוויקלטער זיינען די געפילן און איבערלעבונגען. דאָס אַלץ פירט צו דער אַנטוויקלונג פון מער פּערזענלעכקייט אין דער באַטרעפנדיקער געשטאַלט און אין אַלע געשטאַלטן, מיט וועלכע די מער

דיפערענצירטע און אינדיווידואליזירטע געשטאַלט קומט אין קאָנטאַקט. אַזוי אַזאַ מין אופן וואַקסט און אַנטוויקלט זיך פון אינעווייניק ביז צו דער אומענד־לעכקייט דער פאַרכשוף׳טער קרייז פון דיפערענצירונג און פּערזענלעכקייט: מער פּערזענלעכקייט אין איין געשטאַלט פירט צו טיפערער און נייערער דיפערענצי־רונג און אינדיווידואליזירונג אין דערזעלביקער געשטאַלט, און דורך איר — אין אַלע געשטאַלטן פ.נעם אוניווערסאַלן זיין. שטאַרקערע, טיפערערע און נייע־רערע פאַנאַנדערשיידונגען און אויסבילדונגען פירן ווידער צו דער פאַרטיפונג און פאַרשטאַרקונג פון פּערזענלעכקייט און צו מער און מער פּערזענלעכקייטן און אַזוי ביז צו דער ביזלאָזקייט.

פון אַ פּערזאָנאַטעאיסטישן שטאַנדפּונקט איז ניט יעדע באַהעפטונג קבלה, און ניט מיט אַ יעדער זונה איז די הנאה קדושה, און ניט מיט אַ יעדער אשה איז דאָס קומען אַ שיר השירים, און ניט סתם אינאיינעם איז דער סוד פון אחד, און ניט פון יעדן צוזאַמען איז די נגינה אַ געטלעכער פלאַמען. און מיר וועלן גיין אַזוי ווייט ווי צו זאָגן, אַז אויב אין דעם אויסדרוק: „דער ציטער פון זינד איז דער ציטער פון גאָט" — דאַרף זינד פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ סימבאָל פאַר באַשאַף בכלל — איז אַפילו אין באַשאַף נישט יעדער ציטער, דער ציטער פון גאָט. בכלל גענומען איז יעדער ציטער מער ווערט פאַר דעם ניט־ציטער, ווי יע־דער דינאַמיק איז מער ווערט פאַר סטאַגנאַציע. איין ציטער איז אָבער אַנדערש פאַר דעם אַנדערן און מער ווערט פאַר דעם אַנדערן. איין ציטער איז אַן אויס־דרוק פון מערערע און טיפערע ווערטן ווי דער אַנדערער, איין ציטער איז קולטו־רעלער פאַר דעם אַנדערן ביז צו דעם ציטער פון גאָט, וועלכער איז העכסט גראַדי־קע קולטור, אָדער אַן אויסדרוק פון איר. וואָס העכער דער מענטש, וואָס טיפער און גרעסער די פּערזענלעכקייט, אַלץ שטאַרקער דער ציטער, און צום שטאַרקסטן איז דער ציטער ביי גאָט, און גאָטס ציטער, ווי אַלץ אין גאָט, שליסט איין אַלע פאַרשיידנגראַדיקע אין איכות פאַרשיידנאַרטיקע ציטערס, און קיין איינעם פון זיי שליסט ער ניט אויס, און וואָס שטאַרקער און פיבערהאַפטער דער העכס־טער ציטער אין אַ מענטשן, אַלץ מער ווערט ער גענערט און געזאַפּטיקט פון אַלע ציטערס, וועלכע נעמען דורך די העכסטע ווי די נידריקסטע וועזנס — פון דעם העכסטן מענטשן ביז דער נידעריקסטער חיה און איינפאַכסטער פלאַנץ.

דער אמת און די שיינקייט פון פּאַנטעאיזם קומען צום אויסדרוק אין די פאָלגנדיקע שורות — אין די לעצטע שורות פון דעם העלפאַנט הצדיקם תורה:

לערנט אונדז דער פסוק:

„כל עצמותי תאמרנה" —
אַלע מיינע גלידער טוען זינגען —
ניט נאָר די נשמה.
ס׳איז דער רצון פון דער לויטערער נשמה

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אַז דער גוף זאָל אויך געלייטערט ווערן.
גוף און גייסט איז איין געצעלט
אין אַ גרויסן בית המקדש פון דער וועלט".

אַלץ וואָס פעלט דעם דאָזיקן אמת און שיינעם פאַנטעאיזם, איז דער איבער־אמת און די איבער־שיינקייט פון דעם פּערזאָנטעאיזם.

אודאי טוען אַלע אונדזערע גלידער זינגען און ניט נאָר די נשמה. אָבער — געזאַנג פון איין גליד איז אַנדערש פאַר דעם געזאַנג פון אַן אַנדער גליד. אודאי דאַרף דער גוף געלייטערט ווערן — אַזוי וויל און אַזוי פאָדערט זיין האַרינטע די לויטערע נשמה, וועלכע איז אין אים פּונקט אַזוי ווי ער אין איר.

„גוף און גייסט איז איין געצעלט
אין גרויסן בית המקדש פון דער וועלט".

אודאי אַזוי. אמת און שיין איז דער דאָזיקער פאַנטעאיסטישער געדאַנק. אָבער נאָך אמת'ער און שענער איז ער, ווען ער וועבט זיך אַריין אין דעם איבער־אמת און איבער־שיינקייט פון דעם פּערזאָנאַטעאיסטישן געדאַנק. פּערזאָנאַטעאיזם לערנט אַזוי, אַז ווי אין דער וועלט אין וועלכער עס געפינען זיך די געצעלטן, אַזוי איז אויך אינעם געצעלט וואו עס געפינען זיך גוף און גייסט, ניט פאַראַן קיין סוף און קיין שיעור צו די מעגלעכקייטן פאַר פאַרטיפונג, פאַרשענערונג און דערהויבונג. און וויל מען גיין אויפן וועג פון פאַרטיפונג, פאַרשענערונג און דערהויבונג, מוז מען טאָן אַלעמאָל וואָס גאָט האָט געטאָן בעתן באַשאַף פון דער וועלט: מען מוז פאַנאַנדערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, ליכט און פינצטערניש, ים און יבשה, הימל און ערד.

אינעם פּראָצעס פון פאַנאַנדערשיידן, איבערקלייבן, ווײַלן און אויסדערוויילן דאָס צו וואָס און אויף וואָס דער גייסט און די נשמה פונעם וועזן ציט, רופט זיך אָפּ און רעאַגירט צום טיפסטן און צום שטאַרקסטן — אינעם דאָזיקן פּראָצעס אַנטוויקלט זיך אויף דעם שנעלסטן און שטאַרקסטן אופן די פּערזענלעכקייט — דאָס העכסטע, דאָס פּילזײַטיקסטע און דאָס פּערמאַנענטסטע אינעם וועזן. און וואָס מער די פּערזענלעכקייט אַנטוויקלט זיך, אַלץ מער דערפילט זי דעם זאַפט און די דערנערונג־קרעפטן פון יעדן אויסדרוק און אַנטפּלעקונג פונעם אוניווערסאַלן זיין, און זי הויבט אָן דעריבער צו פאָדערן אַן אָביעקטיווע, גלייכווערטיקע אָפּשאַצונג פון אַלע קולטור־אויסדרוקן. אין דער גלייכווערטיקייט זעט זי די גרויסע מעגלעכקייט פאַר דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג, אָן וועלכער די פּערזענלעכקייט קאָן ניט געמאָלט זיין. און אין דער אַנטוויקלונג צו מער פּערזענלעכקייט — צו מער גייסטיקער גיבראַלטאַרישקייט — ליגט דער ווערט און זין פון דער אַנטוויקלונג בכלל. נישט די איינזייטיקייט פון דער איבער־קריסטלעכער אויפפירונג פון דעם העלפאַנט הצדיק אויף דער וועלט און ניט דער אָפּוויש פון אַלע

להבדילם אין די געפילן, שייכותן און באַציאונגען צווישן געשטאַלט און געשטאַלט און וועזן און וועזן אין דעם העלפאַנטס תורה אויף יענער וועלט — קאָן פירן צום ציל און אידעאַל פון מער פערזענלעכקייט אויף דער וועלט.

אַזאַ אויפפירונג און אַזאַ תורה, ווען עס זאָל אָנגענומען און אויפגעפירט ווערן, וואָלט דערפירט אַלע לעבעדיקע וועזנס פיזיש און גייסטיק צו דעם וואָס דער צדיק העלפאַנט איז געוואָרן אין גן־עדן.

איצטער שטייט דער צדיק העלפאַנט אין גן עדן

ניט אַ טראָט.
ניט אַ ריר.
אינגאַנצן ליידיק.
בלויז די ביינער.
אַזוי ווי קיינער.
נאָר די אויגן אויפגעמאַכט.
טויטערהייט פאַרטראַכט.

פון אַזאַ סוף, סיי אויף דער וועלט, סיי אויף יענער וועלט, קאָן מען גערא־טעוועט ווערן נאָר דורך אָביעקטיווער גלייכווערטיקער אָפּשאַצונג פון אַלע געשטאַלטן און אַלע קולטור־אויסדרוקן און סוביעקטיוון פאַרשיידנגראַדיקן און פאַרשיידנאַרטיקן אויפנעם פון יעדער זאַך, יעדעם געשטאַלט מיט וועלכן דער גוף און גייסט קומט אין באַריר.

דאָס מיינט אַ פאַנטעאיזם איבער וועלכן עס זאָל זיך דערהויבן און פלאַטערן אַ פערזאָנאַטעאיזם.

„נאָכאַנאַנדער און פאָראויס.
יעדער טראָטעלע — אַן אוצר,
יעדער רעגעלע אַ יום טוב.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יעדער שווייגעלע איז יראָה,
יעדער דמיון איז יצירה.
יעדער זיין איז ניי און וואונדער.
אַלץ צוזאַמען און באַזונדער.

די געשטאַלט און די פּערזענלעכקייט אַלבערט איינשטיין

— 1 —

לעגענדאַר־אידעאַלע געשטאַלטן אין דער געשיכטע זענען ווי די זון, לבנה און שטערן, ווי ווייט מיר זענען פון זיי, געניסן מיר אָבער שטענדיק פון זייער ליכט. אַלבערט איינשטיין צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס ער איז איינער פון די וועלט־גאונים, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדאַר געשטאַלט נאָך בעת זיין לעבן.

איינשטיין האָט געזאָגט וועגן גאַנדין, אַז „די דורות וואָס וועלן קומען, וועלן קוים גלויבן, אַז אַזאַ איינער ווי ער איז ווען עס איז אין פלייש און בלוט אַרומגעגאַנגען אויף דער דאָזיקער ערד". דאָס זעלביקע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן אַלבערט איינשטיין.

איינשטיין איז געקומען אויף דער וועלט מיט דער פעיקייט און נטיה אויפצונעמען אַלץ אַרום אים און איבער אים אין ליכט פון גאַנצקייט, אָרגאַנישקייט און האַרמאָניע. זיין גייסטיקער מהות האָט דערפילט אַן אָרגאַנישן און האַרמאָנישן וועלט־זיין און וועלט־ווערן, וואָס טראָגט אין זיינע טיפענישן זין, כוונה און שכלדיקייט, ווי אויך איינהייטלעכע געזעצמעסיקייט און עטישע תכליתדיקייט. זיין גאַנצן לעבן איז ער געווען באַהערשט פון אַ גלויבן, אַז די אינטואיטיווע און געדאַנקלעכע דערקענטעניש־מעגלעכקייטן ווייסן ניט פון קיין אָפּשטעל און קיין גרעניץ. עס איז דעריבער ניט פאַראַן קיין שיעור צו אַלערליי אַנטפּלעקונגען און דערפינדונגען ווי: פיזישע, ביאָלאָגישע, פסיכישע, עסטעטישע און עטישע, אָבער דער מענטש איז בלויז אַ טייל אָדער אַן אַרויסשטראַל פון קאָסמישן אַרומנעם; דער קאָסמאָס גופא איז אַן אומאויפהערלעך־שעפערישער פאַרוויקלונגס־פּראָצעס פון דער רעאַליטעט וואָס איז איבער אַלע רעאַליטעטן. פאַר דעם מענטשן איז לכן אויסגעשלאָסן אויף אייביק די מעגלעכקייט פון אַן אַבסאָלוטער און פולקומענער דערקענטעניש פון דער אַלערלעצטער רעאַליטעט. די סובסטאַנץ אָדער די עקזיסטענץ אין זיך גופא, די אומדערשעפּלעכע שאַפונגס־קראַפט פון סאַמע אָנהויב וועט בלייבן אויף אייביק אַ מיסטעריע פאַר דעם מענטשן — דעם בחיר היצורים.

אלבערט איינשטיין איז לויט זיין באַרוף געווען אַ וויסנשאַפטלער פון העכסט מענטשלעכער דערגרייכונג אויפן מאַטעמאַטיש-פיזיקאַלישן געביט. דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער פּונקאַר האָט אים באַגריסט ווי דעם באַזיגער פון ניוטאָן. דער פיזיקער פון גרויס באַנעם — לאָרענץ, האָט אים אָנערקענט ווי דעם הויפּט פון די וויסנשאַפטלער אין דער געשיכטע. איינשטיין האָט אָבער, אַ דאַנק זיין סינטעטישער געשטאַלטיקייט, אויך געהאַלטן אָפן און וואַך זיינע חושים, געפילן און עמאָציעס צו דעם עקבערדיקן פּראָבלעם: וועגן קוואַל און שטראָם, פון וועלכן דער קאָסמאָס פליסט אַרויס און אַנטוויקלט זיך. ער האָט אָנערקענט און באַטאָנט אין זיינע געשריבענע און גערעדטע ווערטער, אַז קיינע אַנטפּלעקונגען, דערקענטענישן און קענטענישן פון דעם מין מענטש וועלן וועגן עס איז זיין ביכולת צו דערגרונטעווען זיך צו דעם, וואָס האָט גורם געווען דעם קאָסמאָס-באַשאַף.

וויפיל אָנבליק און ענלעכקייט דאָס געשטאַלטיקטע זאָל ניט טראָגן אין זיך פון דעם אַלץ-געשטאַלטער מוז אויף אייביק בלייבן אַ פאַרבאָרגענע אַלקאָסמישע גרינטלעכקייט, וואָס איז למעלה מין השכל. איינשטיין האָט זיך דעריבער ניט פאַרנומען מיט דער פראַגע וואָס איז גאָט, אָדער דער קאָסמיש-שאַפנדיקער כח. אים איז בעיקר געגאַנגען אין וויסן וואָס מער וועגן די שאַפונגס-פּראָצעסן אינעם קאָסמאָס „ניט ווער איז גאָט" — האָט איינשטיין געזאָגט — וויל ער וויסן; נאָר ווי אַזוי האָט ער די וועלט באַשאַפן. „איך וויל בלויז נאָכדענקען גאָטס געדאַנקען; די איבעריקע זענען ניט מער ווי איינצלנע פּרטים". ער איז דער-פאַר, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, „קיינמאָל ניט געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אָדער אין יענעם פענאָמען, אין דעם אָדער אין יענעם אַנאַליז פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער עלעמענט".

ער האָט אויך, לויט זיין עדות זאָגן, פעסטגעשטעלט פאַר דער וועלט, אַז ער האָט אויסגעפונען די רעלאַטיוויטעט טעאָריע אַ דאַנק דעם וואָס ער איז זיכער געווען אין דער האַרמאָניע פון דער וועלט. ער האָט אין דער קאָסמישער האַרמאָניע געזען אַ זין און ווערט פאַרן מענטשלעכן לעבן. ער האָט געווידמעט דער פילאָזאָפיע אַ סך פון זיינע טיפע טראַכטענישן, ווייל נאָר זי — האָט ער געהאַלטן — קאָן קלאָר מאַכן דעם זינען פון דער פיזיקאַלישער וועלט. און אַרויסברענגען דעם ווערט פון די מסקנות ביי די פיזיקאַלישע פאָרשונגען. „איינשטיין" — שרייבט העברי טהאָמאָס — „איז אַלט געווען זעקס און צוואַנ-ציק יאָר ווען ער האָט געלייזט די פּראָבלעם פון הימלישער האַרמאָניע. עס איז געווען די לייזונג פון דעם קינסטלער אַזוי גוט ווי פון דעם וויסנשאַפטלער. ער האָט געפּרווט אַנאַליזירן דעם מוסטער פון די שטערן ווי דער מוזיקער אַנאַלי-זירט דעם מוסטער פון דער סאָנאַטאַ".

היות ווי די פיזיקאַלישע וועלט (אַזוי ווי די מוזיקאַלישע) טראָגט אין זיך האַרמאָניע און זינען, וואָס נאָר דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן אַנטפּלעקן,

מוזן בכן די אַלגעמיינע געזעצן פון דער פיזיק, ווי פון דער גאַנצער נאַטור, האָבן זייער שורש אין מענטשלעכן מוח. די דערפאַרונג וואָס די עמפּירישע וועלט ברענגט דעם מענטש דורך זיינע חושים, קאָן זיי ווערן פיצירן און באַשטעטיקן. די דאָזיקע באַשטעטיקונגען מוזן קומען איידער די אידעאַלע פאָרמולירונגען קאָנען ווערן רעאַל און ווירקלעך. איינשטיין דערקלערט דעריבער קאַטעגאָריש אַז „די פילאָזאָפישע דערקענטעניש-טעאָריע אָן וויסנשאַפט איז פּוסט, וויסנ־שאַפט אָן דער דאָזיקער דערקענטעניש, אויף וויפיל זי איז בכלל מעגלעך, איז מבולבל". אַזוי אַרום האָט איינשטיין פאַרשטאַרקט, ווי קיינער ניט ביז אים, די אָרגאַנישע שייכותן צווישן וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע.

אַלע ריכטונגען פון מענטשלעכן דענקען און פאָרשן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם וויסנשאַפט, וועלן מוזן שעפּן יניקה, אָנרעגונג און באַרטיפונג פון איינשטיינס סינטעטישן צוגאַנג צום וועלט־באַשאַף. נאָך אין 1929 האָט צו אַ קאָנגרעס פון פיזיקער אַ באַרימטער פיזיקער געזאָגט: „פאַר מיר איז איינשטיין ניט נאָר דער גרעסטער פיזיקער פון אונדזער צייט, נאָר אויך דער גרעסטער צווישן די פילאָזאָפן".

דער פילאָסאָפישער אַריינטראַכט אין דער קאָסמישער אַלערלעצטערקייט, וואָס שפּינאָזאַ רופט אָן סובסטאַנץ, האָט איינשטיינען געפירט צום גלויבן אין אַן אַבסאָלוטער אין זיך גופא איינהייטלעכקייט ביים מקור פון אַלקאָסמישן. די בליציקע אַנטפּלעקונגען פון דער איינהייטלעכקייט שטאַרקן און אַנטוויקלען דעם מענטשלעכן גייסט. זיי עפענען פאַר אים קאָסמישע שיינקייטן, לאָזן אים דערפילן אויף אַלערליי אופנים דעם זין און ווערט פון טיפערע און העכערע גייסטיקייטן.

איינשטיין האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז די רע־לאַטיוויטעט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין זיינע וויסנשאַפט־טעאָריעס, שאַפט ניט אָפּ די איינאיינציק־אָביעקטיווע, אַבסאָלוטע און אומפאַרגלייכלעכע רעאַלי־טעט — די קאָסמישע סיבת הסיבות.

די רעאַליטיוויקייט פון אַלע מאָסן און מעסטונגען צו דעם מענטשלעכן אָב־סערווירער האָט געפירט איינשטיינען צום אוועקשטעלן דעם מענטש אין צענטער פון דער וועלט.

נאָך פאַר איינשטיינס מאַטעמאַטיש-אויסגערעכנטער און פאָרמולירטער רע־לאַטיוויטעט־טעאָריע האָט קאַנט אַוועקגעשטעלט דעם מענטשן ווי דעם געשטאַל־טער פון דער פענאָמענאַלער וועלט ווי זי דערשיינט פאַרן מענטשנס באַוואוסט־זיין. ער האָט עס געטאָן דורך דעם, וואָס ער האָט אין זיין פילאָסאָפישן אויס־בליק אויפגענומען צייט און שטח ווי אַרויסשטראַלונגען פון מענטשלעכער גע־דאַנקלעכקייט. דער דאָזיקער מענטשלעכער באַוואוסטזיין שאַפט אויך פאַרשטע־

לונגען וועגן אַן איבערמענטשלעכער רעאַליטעט. זי איז איין און איינציק און אומפאַרגלייכלעך. דער דאָזיקער אַבסאָלוט איז עס דער „אחד", וואָס איז דער יסוד, די סיבה און ענדציל פון אַלע מענטשלעכע דערקענטעניש.

אַלבערט איינשטיינס שטאַרקסטער און גרונטיקסטער אני מאמין, וואָס האָט מאָטיווירט אַלע זיינע טראַכטונגען און פאָרשונגען, איז געווען זיין ניט קאָנען גלויבן, אַז „גאָט שפּילט אַ ווערפל־שפּיל, אַ שפּיל איןביינדלעך מיט דער וועלט". דאָס האָט אים געפירט צו פילן און צו אַקצענטירן די שייכותדיקייט צווישן וויסנשאַפט און רעליגיעזיטעט.

— 2 —

„צו דער ספערע פון רעליגיע" — שרייבט איינשטיין — „געהערט דער גלויבן אין דער מעגלעכקייט, אַז די כללים וואָס זענען גילטיק פאַר דער וועלט פון עקזיסטענץ, זענען שכלדיק... איך קאָן מיר ניט פאָרשטעלן קיין גאון אין דער וויסנשאַפט אָן אַזאַ גלויבן. די דאָזיקע שייכות קאָן בילדלעך אויסגעדריקט ווערן אַזוי: וויסנשאַפט אָן רעליגיע איז געליימט, רעליגיע אָן וויסנשאַפט איז בלינד". די דאָזיקע ווערטער דערמאָנען אין דעם ערשטן וויסנשאַפטלעכן גאון פון דער געשיכטע — אייזיק ניוטאָן. אויך ער האָט ארויסגעפילט אַ קאָסמישע חכמה און שכלדיקייט פון אַ בורא עולם אין דעם האַרמאָנישן סדר העולם. „דער פאַקט — האָט ער געשריבן — וואָס דער אוניווערס איז אַזוי שיין געצייכנט אין הסכם מיט אַזעלכע האַרמאָנישע געזעצן, מוז באַשטימען די עקזיסטענץ פון אַ געטלעכער חכמה, די האַנט פון געטלעכן שאַפער".

פאַר איינשטיינס נשמה איז אויך די מיסטיק געווען אייגן. ער האָט גע־פילט אַ התקרבות צווישן דעם נגלה און נסתר אין דער חכמה וואָס איז צו־געטיילט געוואָרן דעם מענטש. ער האָט שטענדיק אינזינען געהאַט אַז דאָס ראַ־ציאָנעלע שלאָגט טיפע וואָרצלען אינעם איראַציאָנעלן, וואָס קוואַלט ארויס פון פאַרבאָרגענישן. זיי וועלן קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט ווערן פון קיין שום אַנט־פּלעקונגען, דערקענטענישן און קענטענישן.

„די שענסטע און טיפסטע עמאָציע" — שרייבט איינשטיין — „וואָס מיר קאָנען איבערלעבן איז די שפּירעוודיקייט פון דער מיסטיק. זי איז די פאַרזייערין פון דער גאַנצער אמתער וויסנשאַפט. וועמען עס איז פרעמד די דאָזיקע עמאָ־ציע, דער וואָס קאָן ניט באַוואונדערן און שטיין אַן אַנטציקטער אין יראת הכבוד, איז אַזוי גוט ווי טויט. צו וויסן, אַז דאָס וואָס איז אומבאַגרייפלעך פאַר אונדז עקזיסטירט באמת, מאַניפעסטירנדיק זיך ווי די העכסטע חכמה און די ראַדיאירנדיקע שיינקייט, וואָס אונדזערע טעמפּע פעאיקייטן קאָנען אויפנעמען אין זייערע פּרימיטיווסטע פאָרמען — די דאָזיקע דערקענטעניש, דער דאָזיקער געפיל איז דער תוך פון אמתער רעליגיעזיטעט".

אין אַזאַ „קאָסמיש־רעליגיעזער איבערלעבונג״ זעט איינשטיין „די שטאַרק־סטע און נאָבלסטע שטופּ־קראַפט צו וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג״. אויף אַן אָנפראַגע, וואָס רעליגיע מיינט פאַר אים. האָט ער געענטפערט: „מיין רעליגיע באַשטייט אין הכנעה׳דיקער התפעלות פון דעם אומבאַגרענעצטן העכסטן גייסט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די לייכסטע פּרטים וואָס מיר זענען בכח אויפצונעמען מיט אונדזער שוואַכן שכל״.

די איינשטיין־געשטאַלט איז אויך געווען דורכגענומען מיט אַ שטאַרק עס־טעטישער פילעוודיקייט און טיפער עקזאַלטאַציע פאַר שיינקייט. שיינקייט פּונקט ווי גוטסקייט און אמת זענען געווען״ — שרייבט איינשטיין — „די אידעאַלן, וואָס האָבן שטענדיק געשיינט פאַר מיר און מיך אָנגעפילט מיט לעבנס־פרייד״. מוזיק האָט אַרויסגערופן אין אים טיף־זעליקע געפילן. ער האָט אַפילו אָפּגעריסן צייט ניט נאָר צו הערן מוזיק, נאָר אויך אַרויסצוברענגען אויף דער פידל און פּיאַנאָ מוזיקאַלישע מענער.

„דער גרויסער וויסנשאַפטלער״ — שרייבט איינשטיין — „און דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר זענען ענלעך אין איין פּרט: זיי זענען ביידע גרויסע דיכ־טער״. און ניט נאָר מוזיק, אויך קונסט בכלל האָט אינספּירירט די איינשטיין־געשטאַלט. „איך פערזענלעך״ — האָט איינשטיין געזאָגט וועגן זיך — „לעב איבער די העכסט־מעגלעכע מדרגה פון גליק דורך די גרויסע ווערק פון קונסט. פון זיי באַקום איך גייסטיקע מתנות פון אַזאַ מין שטאַרקייט, וואָס איך קאָן ניט אַרויסבאַקומען פון אַנדערע זאַכן. אין מיין לעבן שפּילט דאָס קינסטלעריש־וויזיאָנערישע ניט קיין קליינע ראָל, נאָך אַלעמען שפּראָצט דאָך די אַרבעט פון פאָרשנדיקע וויסנשאַפטלער אויפן באָדן פון כח הדמיון און וויזיע״.

אין די ווערק פון דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו״ און סערוואַנ־טעסעס „דאָן קיכאָט״ האָט איינשטיין, ווי ער זאָגט אונדז, געפילט דיזעלביקע איביקייט וואָס אין די שטערן. די קינסטלעריש־פילאָסאָפישע ווערק פון ניטשע און שאָפּענהויער האָבן אים געשטאַרקט און באַגייסטערט מיט דער שפּראַך־שיינקייט אין וועלכער זיי האָבן אויסגעדריקט געדאַנקען און אידעען וועלכע ער האָט ניט אָנגענומען.

אין זיין ווערק „אַלבערט איינשטיין דער געשטאַלטער פונעם אוניווערס״ שטעלט זיך ה. גאָרדאָן־גאַרבעדיאַן זייער פיל אָפּ אויף איינשטיינס אַליין אַרומ־נעמענדיקער, טיפער קולטור; אויף זיין אייז־שניידיקן נייגיר און אינטערעס אין אַלע וויכטיקסטע קולטור־צווייגן. ער שרייבט: „איינשטיינס אַנטוויקלונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט בלויז אויף וויסנשאַפט. ער איז באַהערשט געווען זיין גאַנצן לעבן פון דעם אַפילו צו דער גאַנצער נאַטור, פון דעם שאַרפן פאַרלאַנג צו פאַר־שטיין דאָס אוניווערסאַלע, פון דעם דראַנג אויסצופילן אַלע פּאַצעטן פונעם מענטשלעכן גייסט. במשך די פיר יאָר, וואָס ער האָט שטודירט אין דער אַקאַ־דעמיע... האָט ער געלייענט מיט רעליגיעזער התלהבות דאַרווינען, ערנסט

מאכן, שויפּענהויערן און יומען אין צוגאָב צו קאַנטן. און די פידל ווי קיין שום אנדער זאַך האָט געגערט די עמפּעריע פון זיין גייסט און האָט געגעבן פליגל צו די ווייט־גרייכנדיקע ספּעקולאַטיווע געדאַנקען, וואָס זענען געוואָרן זיינע שטענדיקע באַגלייטער".

— 3 —

איינשטיין האָט וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט, אַז רוים און צייט זענען ניט נאָר, ווי קאַנט האָט זיך פילאָזאָפיש אויסגעמאָלן, „געדאַנקלעכע אַרויס־שטראַלונגען". זיי זענען אויך אַריינוועבונגען אין די אוניווערסאַל־זיך־באַוועגנ־דיקע מאַטעריעלע זאַכן. וואָלטן די זאַכן געקאָנט אויפהערן צו זיין אין אַזעלכע געשטאַלטן, וואָלטן אויך צייט און רוים פאַרשוואונדן אָדער זיך אַנדערש מאַני־פעסטירט דורך מענטשלעכער מענטאַליטעט.

איינשטיינס באַנעם און גלויבן אין איינהייטלעכער געזעצמעסיקייט, זענען געקומען צו אים נאָך לאַנגע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, פילאָזאָפישע טראַכ־טענישן וואָס זענען אַדורך געגומען מיט מיסטיש־רעליגיעזע שטימונגען. אַלע אינאיינעם האָבן אים געפירט צו נייע מסקנות, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן פון דער וויסנשאַפט און פון דער פילאָזאָפיע. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אויס־גערעכנט דריי פון זיי באַלד נאָכדעם ווי די רעלאַטיוויטעט טעאָריע איז באַ־שטעטיקט געוואָרן פון די אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַציעס. אַלבערט איינשטיין האָט דערוואַרט די דאָזיקע באַשטעטיקונג, ווייל ער האָט ניט געצווייפלט אין זיינע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס. אין דר. זשיטלאָווסקיס אייגענע ווערטער לייע־נען זיך איינשטיינס אויספירונגען אַזוי:

1) נישטאָ קיין אומענדלעך־לײדיקער וועלט־רוים. 2) נישטאָ קיין „ריינע" צייט מחוץ די וועלט־פּאַסירונגען. זי איז די „פערטע דימענסיע" פון דעם וועלט־אַל. 3) נישטאָ קיין אייביקע, אומצושטערבאַרע מאַטעריע. „מאַסע", „מאַ־טעריע" קאָן פאַרשווינדן, ווי עס קאָן פאַרשווינדן אויך די רוימלעכקייט, וואָס אין איר. עס איז דאָ נאָר באַוועגונג און געוויסע באַוועגונג־פאָרמען. די באַ־וועגונג איז לפי דעם ניט „קיין צושטאַנד" אין דער מאַטעריע, נאָר אין זיך גופא. אויך דאָס איז ניט אַבסאָלוט נאָר רעלאַטיוו.

די וויסנשאַפטלעכע וועלט נעמט איצט אָן, אַז די געשיכטע פון מענטשלעכן צוגאַנג צום קאָסמאָס וועט איינגעטיילט ווערן אין צוויי תקופות: די תקופה ביז איינשטיין און די נאָך־איינשטיין תקופה.

די דאָזיקע איינשטעלונג אין צוויי תקופות וועט קומען צוליב איינשטיינס געניאַלסטן אַריינדרינג אין אַ טייל פון דער פיזיקאַלישער וועלט, אונטערן נאָמען מאַקראָקאָסמאָס. אין דער אָנאָרגאַנישער וועלט ווייסן די פיזיקער פון צוויי

רעאַליטעטן (די אָנאָרגאַנישע וועלט איז די, וואָס אָטעמט ניט מיט לעבן, מיט פּסיכיק אָדער גייסט). דער צווייטער טייל פון דער פיזיקער וועלט איז מיקראָ־קאָסמאָס. אין דעם ערשטן טייל, דעם עולם הגדול, האַנדלט עס זיך וועגן ווייט־קייטן און גרויסקייטן פון אונדזער קאָסמאָס, וואָס עס דאַרף נעמען מיליאָנען־טריליאָנען יאָרן זי דורכשניידן. זייער גרויס ווערט געמאָסטן אין אַן שיעור ביליאָנען־טריליאָנען מיילן. אין פיזיקן אומענדלעכן אויסשפּרייט (וואָס קאָן מיט די חושים ניט באַנומען ווערן — נאָר מיט דער הילף פון טעכנאָלאָגישע אַפּאַראַטן, מיטן געדאַנק — דורך די העכסטע מאַטעמאַטישע פאָרמולירונגען), האָבן איינשטיינס צוויי טעאָריעס: די ספּעציעלע און אַלגעמיינע רעלאַטיוויטעט — אַרויסגעבראַכט נייע קאָנצעפּציעס וועגן שטח, צייט און שווער־קראַפט אָדער גראַוויטאַציע. זיי האָבן אויך גורם געווען נייע אויפפאַסונגען וועגן אַלע ממשות'ן, ווי „מאַטעריע", „מאַסע" און „באַוועגונג" — אין דער פיזיקאַלישער גרויס־וועלט — אינעם מאַקראָקאָסמאָס.

איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע האָט פעסטגעשטעלט, אַז מאַטעריע קאָן אויפגעלייזט ווערן אין ענערגיע, וועלכע ליגט אַן איינגעפּרעסטע אין די אַטאָמען, פון וועלכע עס באַשטייען „מאַטעריע" און „מאַסע". מאַסע און מאַ־טעריע זענען אין זייער עסענץ כלו ענערגיע. ענערגיע ווידער איז אין איר תוך — באַוועגונג. אין אָוונט פון 16־טן יולי, 1945 האָט דער מענטש טאַקע באַוויזן אויפצולייזן מאַטעריע אין ענערגיע. אין יענער אויף אייביק אומפאַרגעסלעכער נאַכט האָט די ערשטע אַטאָמישע באָמבע עקספּערימענטאַל עקספּלאָדירט.

די שייכות צווישן מאַטעריע און ענערגיע ווערט קלאָרער ווען זייערע טער־מינען ווערן איבערגעזעצט אין קאָנקרעטע מאָסן, ווי צום ביישפּיל, אַז איין קילאָ־גראַם קוילן (אַן ערך צוויי פונט), ווען ער זאָל לגמרי פאַרוואַנדלט ווערן אין ענערגיע, וואָלט געגעבן פינף און צוואַנציק מיליאָן קילאָוואַט שעהן פון עלעקט־ריציטעט. דאָס מיינט אַזוי פיל עלעקטרישע ענערגיע וויפיל עס וואָלטן געקאָנט אַרויסברענגען אַלע עלעקטריציטעט־פּראָדוצירנדיקע פאַבריקן אין די פאַראייניק־טע שטאַטן, ווען זיי זאָלן אַרבעטן דורכאַנאַנד צוויי חדשים צייט.

היות ווי ענערגיע ווייזט זיך אַרויס צו זיין אין איר לעצטן תוך דינאַמיק אָדער באַוועגונג, און היות ווי מאַטעריע קאָן זיך דינאַמיזירן און אויפלייזן אין ענערגיע, איז די גאַנצע פיזיקאַלישע וועלט אין איר יסודות דינאַמיק. אומ־עטום און איבעראַל הערשט רירעוודיקייט. דאָס איז אייגנטלעך ניט מער ווי רעלאַ־טיווע באַוועגונג. באַוועגונג ווידער איז בילדלעך, באַגריפלעך גענומען געשעע־ניש. אַזוי אַרום קומט אויס לויט אַזאַ וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישן באַנעם, אַז אין תוך פון מאַקראָקאָסמאָס איז פאַראַן בלויז וועלט־פּאַסירונגען אָדער גע־שעענישן אין איין קאָסמישער ליניע פון פיר דימענסיעס: דריי פון שטח (ברייט, לענג און טיף) און איינע פון צייט.

איינשטיין האָט דעקלאַרירט אַז, באַוועגונג און ניט באַוועגלאָזיקייט איז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פון אַלע זאַכן. קיין שום זאַך געפינט זיך ניט אין אַ רו־צושטאַנד אויף דער ערד און אין אוניווערס. אַלץ אין דער וועלט באַוועגט זיך און אַלץ איז געצייגט אַנצוגיין אויפן זעלביקן שטייגער אין אַ שטילשטאַנד־לאָזער וועלט, וועלכע איז קיינמאָל ניט די זעלביקע פאַר צוויי סעקונדן צייט. מחמת אַן אוניווערס, אין וועלכער יעדע זאַך וואָלט פאַרמאָגט אַ נייגונג אָפּ־צושטעלן איר אייגענע באַוועגונג, וואָלט גיך געוואָרן אַ קאַלטער און טויטער אוניווערס, פאַרלאָזן פון לעבן און אַקטיוויטעט.

איינשטיינס דעפיניציע פון זיין רעלאַטיוויטעט טעאָריע (אַן אַרויסגעשייל־טע פון אַזעלכע פאַרמולירונגען, וואָס זענען אַפילו פאַר געניאַלע מאַטעמאַטי־קער אַ געהיימע שריפט) לייענט זיך אין זיינע אייגענע ווערטער אַזוי: „לויט דער קלאַסישער פיזיק פון גאַלילײ און ניוטאָן קומט אויס, אַז ווען מיר זאָלן אַרויסנעמען די זאַכן פון דער וועלט, וועט נאָך דאָרט אַלץ בלייבן שטח און צייט. זיי קאָן קיינער ניט אָנרירן. לויט דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע קומט אויס, אַז ווען מען זאָל פון דער וועלט אַרויסנעמען די זאַכן, וועט מען אויך צו־נעמען שטח און צייט, ווייל צייט, שטח און מאַטעריע זענען איין זאַך. אָבער מאַטעריע איז באַוועגונג, ענערגיע. דעריבער קענען צייט און שטח זיך ניט גע־פינען אויף אַ רואיקן אָרט, נאָר זיי מוזן זיך געפינען ערגעץ אויף אַ באַוועג־לעך־קאָסמישער ליניע".

דאָס קאָן אין דער אמתן מיינען, אַז עס איז ניט פאַראַן מער קיין מאַטעריע און מאַסע, נאָר בלויז ענערגיע. זי איז אומזעעוודיק פאַר פשוט־מענטשלעכן אויג, נאָר ליגט איינגעשלאָסן אין די אַטאָמען, וואָס פון זיי באַשטייט מאַטעריע און מאַסע. שנעלע באַוועגונג באַפרייט די ענערגיע פון דער מאַטעריע. די שנעל־סטע באַוועגונג, פון וועלכער דער מענטש ווייסט, לייזט אויף מאַטעריע אין ענערגיע. די שנעלסטע באַוועגונג אין דער פיזיקאַלישער וועלט איז די ליכט באַוועגונג. זי באַוועגט זיך שטענדיק מיט דער שנעלקייט פון הונדערט און זעקס און אַכציק טויזנט מייל אַ סעקונדע. אַ ליכט יאָר איז די מאָס וואָס מיט איר רעכענען אויס די אַסטראָנאָמען די הימלישע ווייטקייטן און גרויסקייטן. קיין איינאונאיינציקער אָביעקט אין דער פיזיקאַלישער וועלט קאָן קיינמאָל נישט דערגרייכן די שנעלקייט פון ליכט.

אַז די שנעלקייט פון ליכט איז אומאָפּהענגיק פון דער ערד־באַוועגונג, האָבן נאָך פאַר איינשטיינען פעסטגעשטעלט די פיזיקער מייקלסאָן און מאָרלי. איינ־שטיין האָט פאַראַלגעמיינערט דעם דאָזיקן פּאָסטולאַט און באַשטעטיקט, אַז די ליכט באַוועגונג איז קאָנסטאַנט און רעכנט זיך ניט מיט דער באַוועגונג פון וועלכער עס איז זון, לבנה, שטערן, מעטעאָר אָדער אַנדערע סיסטעמען, וואָס באַוועגן זיך ערגעץ־וואו אין אוניווערס.

די דאַזיקע דעקלאַראַציע האָט ער נאָכגעפאָלגט מיט דער פעסטשטעלונג, אַז די געזעצן פון דער נאַטור זענען דיזעלביקע פאַר אַלע, זיך באַוועגנדיקע סיסטעמען. די דאַזיקע איינפאַכע באַהויפּטונג איז די עסענץ פון איינשטיינס ספּעציעלער טעאָריע. זי שליסט איין אין זיך דעם גאַלילעאישן רעלאַטיוויטעט פּרינציפּ, אַז אַלע מעכאַנישע געזעצן זענען דיזעלביקע פאַר אַלע אוניפאָרמיקע און זיך באַוועגנדיקע סיסטעמען. איינשטיינס ספּעציעלע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז אָבער אַרומנעמענדיקער, מחמת ער האָט געטראַכט ניט נאָר וועגן מעכאַנישע געזעצן, נאָר אויך וועגן די געזעצן וואָס רעגולירן אַנדערע עלעקטראָמאַגנעטישע דערשיינונגען. ער האָט זיי אַלע כולל געווען אין איין פונדאַמענטאַלן פּאָסטולאַט: „אַלע דערשיינונגען און געזעצן פון דער נאַטור זענען דיזעלביקע פאַר אַלע סיסטעמען, וואָס באַוועגן זיך איינפאָרמיק רעלאַטיוו איינער צום אַנדערן”. די דאַזיקע דעקלאַראַציע איז אַן אויסדרוק פון איינשטיינס גלויבן אין דער אוניווערסאַלער האַרמאָניע פון נאַטור־געזעץ ווי אויך פון זיין אינטואיטיוון, מיסטיש־רעליגיעזן געפיל פון קאָסמישער האַרמאָניע.

איינשטיינס ווייטערדיקע שטודיעס, טראַכטונגען און נייע מאַטעמאַטישע קאָנסטרוקציעס פירן אים שפּעטער צום שאַפן אַ צוגאָב צו דער ספּעציעלער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. דאָס מאָל איז עס די אַלגעמיינע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע.

לינקאָלן באַרנעט שרייבט וועגן דעם: „אין דער ספּעציעלער טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט האָט איינשטיין גענומען פאַר זיין פּרעמיזע די פּשוטע באַהויפּטונג, אַז אַלע געזעצן פון דער נאַטור זענען דיזעלביקע פאַר אַלע סיסטעמען וואָס באַוועגן זיך אוניפאָרמיק, איינער צום אַנדערן. די פונדאַמענטאַלע הנחה, וועלכע ער האָט אָנגענומען פאַר זיין אַלגעמיינער טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט איז, אַז די געזעצן פון דער נאַטור זענען דיזעלביקע פאַר אַלע סיסטעמען אין יעדן צושטאַנד פון באַוועגונג. אין דער אַנטוויקלונג פון דער דאַזיקער טעזע האָט ער אויסגעאַרבעט נייע געזעצן פון גראַוויטאַציע, וועלכע האָבן אומגעוואָרפן דעם רוב באַגריפן, וואָס האָבן געשטאַלטיקט דעם מענטשנס בילד פון אוניווערס פאַר דריי הונ־ערט יאָר”.

— 4 —

וועגן דער רעוואָלוציע וואָס איינשטיין האָט אַריינגעבראַכט אין די באַגריפן פון צייט און שטח, שרייבט דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער מינקאָווסקי בזה הלשון:

„פון היינט און ווייטער ווערן צייט באַזונדער און רוים באַזונדער פאַרמשפּט צו זיין בלויזע שאָטנס. נאָר די פאַראייניקונג פון זיי ביידע וועט אָנהאַלטן זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ. איינשטיינס וועלט־פּונקט ווערט גע-

מאסטן אין פיר דימענסיעס: דריי רוימלעכע און איין צייטלעכע. אין דעם פיזיש־לאגישן צונויפבונד פון צייט און רוים האט איינשטיין אנטדעקט דעם דינאמישן כאראקטער פון דער פיזישער רעאליטעט: באוועגונג איז דער נאטירלעכער צושטאנד פון זאכן, און זיי נויטיקן זיך ניט אין קרעפטן וואס זאלן זיי שטויסן און ציען".

דער באגריף פון גראוויטאציע בלייבט אזוי ארום אין קראפט אפילו לויט דער רעלאטיוויטעט טעאריע, אבער דער כח פון דער שווערקראפט, דער שטויס־און־צי־כח ווערט אריינגעזעצט אין די זאכן און אין זייער באוועגלעכקייט גופא.

„איינשטיין" — שרייבט הענרי טהאמאס — „האט דערקלערט, אז די פיזיקער האבן זיך טועה געווען אין זייער גלויבן, אז זאכן זענען געפאלן דערפאר וואס זיי זענען אראפגעצויגן געווארן צום צענטער פון גראוויטאציע. וויסנשאפטלעך גערעדט ווערט קיין זאך ניט ווען עס איז אראפגעצויגן. אין דער אמתן איז גאר ניט פאראן אזא זאך ווי „אראפ" און „ארויף" אין אוניווערס. די באוועגונג פון א קערפער קומט פון דער טענדענץ פון דער מאטעריע צו גיין אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאנד".

לויט דער דאזיקער דערקלערונג, קומט אויס, אז אלץ אין דער פיזיקאלישער וועלט קומט פון באוועגונג און גייט צו באוועגונג. אלץ איז הארמאנישע, צו־נאטור־געזעץ־אונטערווארפענע, געשעעניש. אזוי ארום איז איינשטיין, אין זיין קאפאציטעט פון וויסנשאפטלעכן בארוף, דורך טיפן אריינבליק אין דעם אוניווערסאלן מהות, צוגעקומען צו אן איינהייטלעכער געזעצמעסיקייט לפחות אין דעם מאקראקאסמאס — אין דער וועלט פון ווייטע און גרויסע אויסגעשפרייטקייטן. ער האט מיט איין מאטעמאטישער פארמולע, וואס כשופט פון זיך ארויס הארמאנישע געזעצמעסיקייט, ארומגענומען אלע דארטיקע באוועגונגען, געשעענישן און פאסירונגען. זיי זענען אזוי גרויס און ווייט אז בלויז זייערע ארויסשטראלונגען דערגרייכן דורכן טעלעסקאפ די נעצהויט פון מענטשלעכן אויג. די דאזיגע דערגרייכונג קומט פאר א סך הונדערטער אדער טויזנטער יארן נאך דעם ווי די ארויסשטראלונגען האבן פארלאזט דעם ארויסשטראלונגס קוואל. ווען מיר זעען די ארויסשטראלונגען, איז שוין אפשר דער קוואל פון וועלכן זיי האבן ארויסגעשלאגן — דער באטרעפנדער שטערן, לאנג פארשוואונדן.

אבער די דאזיקע דערגרייכונג פון איינהייטלעכער, מאטעמאטיש־פארמולירטער געזעצמעסיקייט אינעם מאקראקאסמאס האט ניט צופרידנגעשטעלט איינשטיינס פארשונגס־גייסט. באלד ווי ער איז פארטיק געווארן מיט די ספעציעלע און אלגעמיינע רעלאטיוויטעט טעאריעס איז ער פארכאפט געווארן פון דער שטרעבונג צו געפינען און פארמולירן א מאטעמאטיש־פיזיקאלישן גרונטגעזעץ, וואס זאל כולל זיין דעם מאקראקאסמאס און מיקראקאסמאס. זיין ענדציל איז געווארן: איינהייטלעכע געזעצמעסיקייט פאר דער גאנצער פיזיקאלישער רעאליטעט.

אים האָט געאַרט פּאַרוואָס זיינע רעלאַטיוויטעט טעאָ־יעס, די ספּעציעלע און אַלגעמיינע, באַציען זיך בלויז אויף דעם מאַקראָקאָסם און קאָנען ניט אָנגעווענדט ווערן אויפן מיקראָקאָסם, דער וועלט פון דריבנינקע וועזנטלעכקייטן וואָס לויכטן אויף פאַרן וויסנשאַפטלער דורכן מיקראָסקאָפּ. אין דער ראָזיקער קליין־וועלט דאָמינירט דערווייל די השערה וואָס ווייזט אָן אויף אַן איינשטעל, וואָס איז לחלוטין אַנדערש און קאָן ניט אונטערוואָרפן ווערן צו זיין מאַטעמאַטיש פאָרמולירטער רעלאַטיוויטעט טעאָריע.

וועגן די יסודותדיקע מהות'עלעך פון מאַטעריע, ענערגיע און אַלע אַנדערע ממשותן אין דער פיזישער וועלט (וואָס זענען צו קליין אַז זיי זאָלן קענען באַנומען ווערן פון די חושים), הערשט אין דער וויסנשאַפט אַ טעאָריע וואָס גייט אונטערן נאָמען קוואַנטום טעאָריע. פון אונטערן מיקראָסקאָפּישן טיילכל פון אַן עלעקטראָן ראַדיאירט ענערגיע אין דער פאָרם פון ליכט ניט אין אַ גלייכפאָרמיקער באַוועגונג, נאָר אין איבעררייסנדיקע אינטערוואַלן און אונטערבראָכענע באַוועגונגס־ליניעס. אַזעלכע באַוועגונגען קאָנען ניט איינגעפּאַסט ווערן אין געזעצמעסיקייט און אין פאָראויס־באַשטימטקייט. דאָס איז אַ שטיקלעך־ברעקלדיקע און שפּרינגנדיקע באַוועגונג. איר טייטש אין דער וויסנשאַפט איז קוואַנטום. קוואַנטום און רעלאַטיוויטעט, ווי עס דריקט זיך אויס ג. ה. העריסאָן, „זענען צוויי גרויסע באַסטיליעס פון דער מאָדערנער פיזיק און אייגנטלעך פון דער גאַנצער וויסנשאַפט".

איינשטיינס סינטעטישער באַנעם פון קאָסמישער טאָטאַליטעט, וואָס נעמט אַריין שאַפער, באַשאַף און אַלע שעפערישע פּראָצעסן און אַנטפּלעקונגען, האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אין איין טייל פון דער פיזישער רעאַליטעט זאָלן פּראָצעסן און געשעענישן אָנגיין רעגלמעסיק און געזעצמעסיק, בעת אין אַנדערן טייל פון זעלביקער רעאַליטעט זאָל הערשן כאַאָטישקייט און נישט־אונטערגעוואָרפנקייט צו מאַטעמאַטיש־פאָרמולירטער געזעצמעסיקייט.

„די אידעע — שרייבט איינשטיין — אַז עס זענען פאַראַן צוויי סטרוקטורן פון שטח, אומאָפּהענגיקע איינער פון דעם אַנדערן — די מעטריק גראַוויטאַציאָנעלע און די עלעקטראָ־מאַגנעטישע — איז אומדערטרעגלעך פאַרן טעאָרעטישן דענקען".

די דאָזיקע אומדערטרעגלעכקייט פון אַ דיסהאַרמאָניע צווישן צוויי סטרוקטורן פון שטח, האָט געטריבן איינשטיינען אַז, באַלד נאָכדעם ווי זיינע רעלאַטיוויטעט טעאָריעס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן און איז אַריבער מכח אל הפּועל, זאָל ער אָוועקגעבן אַלע זיינע מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע פאָרשונגען צום אויסאַרבעטן אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע, וואָס זאָל איינשליסןביידע טעאָריעס — קוואַנטום און רעלאַטיוויטעט אין איין און איינציקער טעאָריע, וואָס זאָל דעקן אַלע געשעענישן און באַוועגונגען אין דער אַנאָרגאַנישער וועלט: אין די־

מאַקראָקאָסמישער, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג נעמט אויף טעלעסקאָפּיש, און אין דער מיקראָקאָסמישער וואָס אַריינבליקן אין איר העלפט דער מיקראָס־קאָפּ. ענדלעך האָט ער פאָרמולירט אַזאַ איינהייטלעכע טעאָריע אונטערן נאָמען „די פאַראייניקטע פעלד טעאָריע".

רעלאַטיוויטעט — שרייבט וואַלגעמאַר קעמפּפערט — איז באַזירט אויף געזעצן און אָרדענונג, אָבער דער קוואַנטום טעאָריע איז עס ניט. קיינער קאָן ניט פאָראויסזאָגן וואָס אַ סובמיקראָסקאָפּיש טיילכל ווי אַן עלעקטראָן וועט טאָן אין אַ געוויסן מאָמענט. מעסטונגען זענען אוממעגלעך: ווערנער הייזענ־בערגס „פּרינציפּ פון אומזיכערקייט" באַהויפּטעט, אַז אויב מיר ווייסן וואו אַן עלעקטראָן איז אין אַ געוויסן מאָמענט, איז אָבער אוממעגלעך צו זאָגן ווי שנעל ער באַוועגט זיך. און אויב מיר ווייסן שוין ווי שנעל ער באַוועגט זיך קאָנען מיר ניט זאָגן וואו ער איז. פון דעם דרינגען מאַטעמאַטישע פיזיקער, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין געזעץ און אָרדענונג אינעווייניק, אינעם אַטאָם. אָנ־שטאָט געזעץ הערשט צופאַל. אָבער וואָס איז מכח דעם אוניווערס? די מאַ־טעריע באַשטייט פון אַטאָמען. אַזוי אַרום — אַרגומענטירן די קוואַנטום מעכאַ־ניקער — מוז צופאַל אויך הערשן אין דער וועלט. די געזעצן פון דער נאַטור זענען בלויז באַשטעטיקונגען פון אַ סטאַטיסטישן דורכשניט. אָבער איינשטיין האָט ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער אידעע, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין געזעץ און אָרדענונג, ניט אין דעם אַטאָם און ניט אין דער אוניווערס. ער האָט ניט געקאָנט גלויבן, ווי ער דריקט זיך אויס, אַז גאָט „שפּילט אין ווערפלעך". זיין „אוניפיצירטע טעאָריע" איז אַ בריליאַנטענער פאַרזוך צו געפינען דעם צד השוה צווישן דער רעלאַטיוויטעט און קוואַנטום טעאָריע, צו ברענגען האַרמאָ־ניע אין דער סיטואַציע וואָס איז כאַאָטיש. אויב דאָס זאָל צושטאַנד קומען וואָלט עס געווען די גרעסטע פון אַלע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן אינ־טעלעקט".

גלויבנדיק אין קאָסמישער האַרמאָניע האָט איינשטיין אַרויסגעבראַכט די „אוניפיצירטע פעלד טעאָריע". דאָס איז אַ בנין פון מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע פאָרמולירונגען, וואָס דאַרף איינשליסן די פענאָמענס פון אַטאָם אַזוי גוט ווי די פענאָמענס פון אַרומיקן שטח. דאָס מיינט אַ פאָרמולע וואָס זאָל קלאָר מאַכן אַלע פיזיקאַלישע געזעצן. אין 1953, בלויז דריי יאָר פאַר זיין טויט, האָט איינ־שטיין געזאָגט, אַז דעם אידעאַישן סיסטעם פון אַזאַ איינהייטלעכן געזעץ האָט ער שוין אין זיין פאָרשטעלונג, ער זעט אָבער ניט איין, ווי אַזוי מען קאָן עס באַשטעטיקן אָהער דערווייזן. אויף דעם האָט אַ וויסנשאַפטלער, אַ מאמין אין איינשטיינס מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישער אינטואיציע און וויזיע, געבראַכט שי־לערס צוויי שורות:

מיט דעם גאון בלייבט די נאַטור אין אייביקער התאחדות.
וואָס איינער זאָגט צו, פילט זיכער אויס דער צווייטער.

איינשטיין האָט זיין גאַנצן לעבן געפילט אַן איינִיקייט מיט דער נאַטור און אַ באַהעפטונג מיט דער אייביקייט. נאַטור איז פאַר איינשטייִנען, ווי פאַר שפּינאָזאַן, אין איר עצם תוך — געדאַנק. זי איז אַן אַרויסשטראַל אָדער באַשאַף פון דעם גייסט, וועלכן שפּינאָזאַ האָט געפילט און וועגן אים גע־ענקט, ווען ער האָט געשריבן זיינע ווערטער „דעאוס סיווע נאַטוראַ", גאָט אָדער נאַטור. דאָס איז דער גאָט וואָס איינשטיין האָט געגלויבט אַז ער שפּילט ניט אין ביינד־לעך מיט דער וועלט און פירט ניט מיט איר קיין טרעף־אָדער־פאַרליר שפּיל. דאָס איז געווען דער מקור פאַר זיין כח הדמיון וועגן אַ קאָסמישער האַרמאָניע און אחדות, וואָס פירט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע אָנצונעמען שכל און כונה, השגחה און פירערשאַפט ביים מקור פון וועלט. גערעכט איז דער גרויסער וויסנשאַפטלער דזשינס מיט זיין באַהויפּטונג, אַז נאָך איינשטייִנען דענקען כמעט אַלע פיזיקער, אַז דער שטראָם פון וויסן איז געריכטעט צו אַ רעאַליטעט, וואָס איז ניט מעכאַניש. אַ גרויסער געדאַנק און ניט אַ גרויסע מאַשין הויכט אין דעם אוניווערס. דער רמז אויף זין און כונה אין דער אַלרעאַליטעט האָט אַרויס־גערופן און געשטאַרקט איינשטיינס וועלן וויסן, ווי אַזוי גאָט האָט די וועלט באַשאַפן און זיין שטרעבן נאָכצודענקען גאָטס געדאַנקען. דאָס האָט אויך דיקטירט דעם ערשטן זאַץ אין זיין „קרעדאָ", וואָס לייענט זיך: „מאָדנע איז אונדזער לאַגע דאָ אויף דער ערד. יעדער איינער פון אונדז קומט אויף אַ קורצן וויזיט, ניט וויסנדיק פאַרוואָס, און דאָך צו האָפן, אַמאָל צו דערשפּירן אינטואיטיוו אַ כונה".

— 5 —

אַלבערט איינשטיין איז אָבער ניט נאָר אַ וויסנשאַפטלעך געשטאַלט. ער האָט מיט זיין גאַנצן מענטשלעכן מהות אַריינגעדרונגען ניט נאָר אין די רעלאַציעס פון מענטש צום קאָסמאָס אָדער צו גאָט, נאָר אויך אין די שייכותן פון מענטש צו מענטש, פון יחיד צו דער געזעלשאַפט, צום פאָלק און צו דער מענטשהייט. אויך זיין פערזענלעכקייט צייכנט זיך אויס מיט אַ סינטעטישקייט און האַרמאָנישער אַלזייטיקייט, וואָס האָט זעלטן באַהערשט אפילו גרויסע פערזענלעכקייטן. ער האָט אויך די מענטש צו מענטש שייכות אויפגענומען אין זייער גאַנצקייט און אָרגאַנישקייט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט די רעלאַציעס פון מענטש צום קאָסמאָס און צו גאָט.

אַלבערט איינשטיין זעט אין דער מענטשלעך־עטישער אויפפירונג געניוי אַזאַ אַקסיאָמאַטישקייט ווי אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. איינשטיין דענקט, אַז די עטישע אויפפירונג טראָגט אין זיך זיכערקייט און געוויסנהייט פונקט ווי די פיזיקאַלישע רעאַליטעט מאַניפעסטירט עס.

די וויסנשאַפטלעכע דערקענטענישן פון דער פיזישער רעאַליטעט וואָס

פירן צו דער אנטפלעקונג פון אלערליי אומציייליקע דערשיינונגען האבן, לפי איינשטיינען, א זינען און א ווערט נאר אין דעם ליכט פון מענטשלעכער געזעלשאפטלעכקייט. דער וויסנשאפטלער, אויף וויפיל ער איז אויך א בירגער און גליד פון געזעלשאפט און מענטשהייט, טאר זיין אויג קיינמאל ניט אפ־ווענדן פון די אידעאלן פארן פיזישן און גייסטיקן וואוילזיין. ער מוז הייליק האלטן מענטשלעך לעבן און ער מוז שטרעבן צו א העכערער רעאליזירונג פון די מענטשלעכע אידעאלן פון אמת, שיינקייט און גוטסקייט.

„די וויסנשאפט — שרייבט איינשטיין — קאן ניט שאפן קיין צילן און נאך ווייניקער איז זי ביכולת זי איינצופלאנצן אין מענטשלעכע וועזנס. די וויסנשאפט קאן העכסטנס צושטעלן די מיטלען, וואס דורך זיי זאלן געוויסע צילן דערגרייכט ווערן, אבער די צילן גופא ווערן באנומען פון פערזענלעכקייטן מיט הויכע עטישע אידעאלן. אויב די דאזיקע אידעאלן זענען ניט טויט־געבוירן, נאר וויטאל און קרעפטיק, ווערן זיי אנגענומען און געטראגן פארויס דורך יענע פילע מענטשלעכע וועזנס וועלכע באשטימען אויף אן אומבאוואוסטזיניקן אופן די פאמעלעכדיקע עוואלוציע פון דער געזעלשאפט”.

צוליב די דאזיקע טעמים — דענקט איינשטיין — דארפן מיר זיין אויף דער וואך און ניט איבערצושאצן וויסנשאפט און וויסנשאפטלעכע מעטאדן ווען עס איז א פראגע פון מענטשלעכע פראבלעמען. מיר דארפן ניט — האלט איינשטיין — אננעמען, אז עקספערטן זענען די איינציקע וואס האבן א רעכט זיך אויסצודריקן וועגן פראגן וואס באאיינדרוקן די ארגאניזירונג פון דער געזעלשאפט. אזוי ארום האט ער דערקלערט פאר וואס ער נעמט זיך דאס רעכט צו שרייבן אן עסיי אויף דער טעמע „פארוואס סאציאליזם?”

אין דער דאזיקער עסיי דערקלערט ער זיך פאר א סאציאליסט און שטעלט זיך איין פארן סאציאל־עטישן ציל פון סאציאליזם. ער זעט דעם אמתדיקן ציל און צוועק פון סאציאליזם אינעם פאראויסגיין און בייקומען דאס וואס דער עקאנאמיסט טארסטיין וועבלען רופט אן „רוויבערשע פאזע” פון דער מענטשלעכער אנטוויקלונג. ער האלט דאריבער, אז די עקאנאמישע וויסנשאפט אין איר איצטיקן מצב קאן ווארפן זייער ווייניק ליכט אויף דער סאציאליסטישער געזעלשאפט פון דער צוקונפט.

איינשטיין פאדערט פון יחיד, אז ער זאל וואס מער אנערקענען דעם חוב וואס ער איז שולדיק דער געזעלשאפט, ער זאל דערפילן זיין אפהענגיקייט פון איר, זיין אנגעהעריקייט צו איר און די ראל וואס זי שפילט אין זיין יחידישער אנטוויקלונג.

דער יחיד ווידער האט לפי איינשטיינען א רעכט צו פאדערן מצד דער געזעלשאפט עקאנאמישן און סאציאל גליכן וואוילזיין פאר אלע אירע מיט־

גלידער. די געזעלשאַפט מוז דעריבער באַזיצן אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע און זיי טאָרן ניט ליגן אין די הענט פון אַ פּריווילעגירטן קלאַס. עס טאָרן ניט זיין קיין אייגנטימער פון פּראָדוקציע־מיטלען, וואָס פאַר זיי זאָל מעגלעך זיין צו קויפן אַרבעטס־קראַפט פון אַרבעטער. עס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן די אָליגאַר־כיע פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל וואָס איר אומגעהוירע מאַכט קאָן ניט קאָנטראָ־לירט און אָפּגעשטעלט ווערן אַפילו פון אַ דעמאָקראַטיש אָרגאַניזירטער פּאָלי־טישער געזעלשאַפט.

איינשטיינס דאָזיקער גלויבן האָט אים אָבער אויך געפירט צום איינזען די גרויסע געפאַר וואָס ליגט פאַר דער פרייהייט פון דעם יחיד אין אַ פּלאַנירט־עקאָנאָמישער פּראָדוקציע און אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון פּראָדוקטן דורך אַ סאָציאַליסטיש געזעלשאַפטלעכער אינסטאַנץ. ער דערקלערט דעריבער קאַטע־גאָריש, אַז אַ פּלאַנירטע עקאָנאָמיע איז נאָך ניט קיין סאָציאַליזם. די לעצטע שורות פון זיין עסיי וועגן סאָציאַליזם לייענען זיך:

„די אויספירונג פונעם סאָציאַליזם פאָדערט די לייזונג פון ביז גאָר שווערע סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען: ווי איז עס מעגלעך אין בליק פון ווייטגייענדי־קער צענטראַליזאַציע פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַכט צו פאַרהיטן די ביוראָקראַטיע פון צו ווערן אַלמעכטיק און איבערטריבן? ווי קאָנען באַשיצט ווערן די רעכט פון דעם יחיד און אַזוי אַרום פאַרזיכערן אַ דעמאָקראַטישע קעגנ־געוויכט צו דער מאַכט פון ביוראָקראַטיע? קלאָרקייט וועגן די צילן און פּראָב־לעמען פונעם סאָציאַליזם זענען פון גרעסטן באַטייט אין אונדזער איבערגאַנג־תקופה”.

— 6 —

טיף עטישע געפילן און מאָטיוון האָבן אָנגערעגט די פּערזענלעכקייט איינשטיין און אים געפירט צו סאָלידאַריזאַציע מיטן קלאַס אין דער געזעלשאַפט וואָס ליידט פון עקאָנאָמישער אומגלייכהייט און סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. אַ טיפער אַריינבליק אין דעם היינטיקן סאָציאַלן איינשטעל האָט אים געטריבן צו אידענטיפיצירן זיין אָנשוויאונג מיטן סאָציאַליזם. ער האָט געגלויבט, אַז דער סאָציאַליזם וועט בקרוב געפינען די מעגלעכקייט פאַר אַ סינטעז צווישן עקאָ־נאָמישער גלייכקייט און פּאָליטישער פרייהייט.

דיזעלביקע געפילן און מאָטיוון האָבן געפירט איינשטיינען צום פאַראיי־ניקן זיך מיט זיין יידיש פאָלק און אַריינלעבן זיך אינעם זין און מהות פון ייִד, יידנטום און יידישקייט. ער האָט געזען אין יידישקייט ניט בלויז אמונה, נאָר אַ פאָדערונג פון דעם יידן הייליק צו האַלטן דאָס לעבן. קדושה פון לעבן און קדוש החיים זענען פאַר איינשטיינען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון יידיש־קייט.

„עס איז שוין צייט — רופט אויס איינשטיין — צו דערמאָנען די מערב־

וועלט, אז זי האט צו פארדאנקען דעם יידישן פאלק צוויי זאכן: איינס — איר רעליגיע, מיט אירע ווערטפולע מאראלישע אידעען און צוויי — ביז צו א גרויסן גראד, די אויפלעבונג פון דער וועלט פון גריכישן דענקען".

די העכערע פלאכן פון לעבן מיינען בעיקר פאר איינשטיינען א העכערקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, וואס דריקט זיך אויס אין עטישסאציאלע שייכותן צווישן יחידים אין געזעלשאפטלעכן נאציאנאלן און אוניווערסאלן מענטשלעכן לעבן.

לפי איינשטיינען האט די וועלט און דאס מענטשלעכע לעבן א זינען נאר דעמאלט ווען דער מענטש ווערט באהערשט מיט א יראת הכבוד פאר דער אייגענער העכערקייט אין זיך וועלכע דריקט זיך אויס אין דער אימפעראטיווקייט פון געוויסן, אינעם וויסן, אז דער מענטש איז דא אויף דער וועלט פון דעם אנדערן מענטשנס וועגן.

„דער מענטש איז דא — שרייבט איינשטיין — קודם כל פאר די, וואס פון זייער שמייכל און זייער וואוילזיין הענגט אפ אונדזער אייגענע פרייד, און אויך פאר די אן א שיעור אין צאל אומבאקאנטע צו אונדז נשמות, וואס מיט זייער גורל זענען מיר פארבונדן דורך די פעדעם פון סימפאטיע".

„פיל מאל אין טאג" — שרייבט ער אין זיין קרעדא — „גיב איך זיך אפ דין חשבון וויפיל פון מיין אייגענעם אויסנווייניקסטן און אינעווייניקסטן לעבן איז געבויט אויף דער פראצע פון מיינע מיטמענטשן — פון די לעבעדיקע און פון די טויטע".

צווישן די דריי אידעאלן וואס האבן געוואכט איבער זיינע אספיראציעס שטעלט ער אוועק גוטסקייט אין דער ערשטער ריי. נאך איר קומט שיינקייט און צולעצט אמת. דאס איז זיכער דערפאר וואס אים איז געווען צום ליבסטן און הייליקסטן די שייכות בין אדם לחברו, די העכסטע גליקזעליקייט איז פאר אים דער קדושה ציטער פון דער הארמאניע פוןביידע שייכותן: — בין אדם לחברו און בין אדם למקום.

אזוי ארום האט די סינטעטישע געשטאלט און פערזענלעכקייט אלבערט איינשטיין מיט זיין באנעם פון קולטור ווי א סינטעטישע גאנצקייט, זיך איינגעקריצט אין דער אייביקייט אלס דער גרויסער וויסנשאפטלער, דער גרויסער ייִדישער מענטש און דער גרויסער ייִד.

ווי א געטרייער און שטאלצער זון פון זיין פאלק רופט ער אויס: מיר יידן דארפן נאך אמאל באוואוסט ווערן אויף אונדזער עקזיסטענץ ווי א נאציאנאליטעט און געווינען די זעלבסטאכטונג, וועלכע איז נויטיק פאר א געזונטן קיום.

זארג פארן קיום פון מענטש, פון פאלק, פון מענטשהייט איז דער סימן מובהק פון א גרויסער פערזענלעכקייט — איר פראכט און איר גלאנץ.

ישראל אין ליכט פון אייביקייט

חיים גרינבערג ע״ה צום אָנדענק

— 1. —

וועגן ישראל איז שוין אַ סך גערעדט און געשריבן געוואָרן. דערהויפּט זינט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן מדינת ישראל, און נאָך מער, זינט דעם שאַרפן וויכוח צווישן בן-גוריון און די ציוניסטן — אַלגעמיינע און פּועלי־ציון — וועגן אידעאַל פון קיבוץ גלויות. די טעמע ישראל איז ברייט און טיף באַהאַנדלט גע־וואָרן נאַציאָנאַל, סאָציאַל, ווי אויך פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. נאָך אַ דרשה אָדער עסיי פון זעלביקן שניט וואָלט געווען בלויז אַן איבערחזרונג פון דעם וואָס איז שוין געהערט אָדער געלייענט געוואָרן. עס וועט דעריבער אין דער דאָזיקער אַרבעט געמאַכט ווערן אַ פּרווו צוצוקומען פילאָזאָפיש צום פּראָבלעם ישראל, אָדער ריכטיקער געזאָגט, צו דער אוניווערסאַל־נאַציאָנאַלער דראַמע־טראַגעדיע־קאָמעדיע, וואָס ווערט שוין פאַר טויזנטער יאָרן געשפּילט אויף דער בינע פון קאָסמאָס אונטערן נאָמען ישראל.

אין דעם דאָזיקן עסיי „ישראל אין ליכט פון אייביקייט" ווערט באַצוועקט צו וואַרפן אַ פילאָזאָפישן שטראַל אויף דער צוויי־געשטאַלטיקייט פון איין־און־איינציקן פאָלק, וואָס האָט צום ערשטן מאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק פּראָקלאַ־מירט צו דער גאַנצער מענטשהייט אויף אייביק און אייביק גאָטס איין־און־איינ־ציקייט. עס ישראל האָט פייערלעך דעקלאַרירט צו דער וועלט דעם אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא, און זיך איינגעשמעלט אין פאַרלויף פון דורות מיט אַן אומאויפהערלעכער מסירת נפש פאַר דעם הוא היה הוא הוה והוא יהיה, און אַז ער איז אחד ואין שני — ער איז איינער און עס איז נישטאָ פאַראַן חוץ אים קיין אַנדערער.

צווישן פילאָזאָפיע און אייביקייט איז פאַראַן אַן אָרגאַניש, אַ טיפע און שטאַרקע שייכות. דיקע און קורצע פעדעם וועבן זיך צווישן די דאָזיקע באַגריפן.

דער מענטש האָט עמאָציאָנעל און אינטואיטיוו באַנומען אייביקייט אַ סך

וויליאַם נאַטאַנסאָן

פריער איידער פילאָזאָפיע איז דערשינען אין דער קולטור-וועלט. די פילאָזאָפיע אָבער האָט אינטעלעקטועל באַלויכטן און געדאַנקלעך פאַרטיפט דעם מענטשלעכן באַנעם פון אייביקייט.

קיין שום זאַך אינעם וועלט־אַל איז נישט אויסגעשלאָסן פון דער אייביקייט.

„פרעגט אַ גימנאַזיסט פון פינפטן קלאַס, וואָס עס ווערט פון אַ אויס־געברענט ליכט. ער וועט אייך זאָגן, אַז עס איז נ י ש ט צו־נישט געוואָרן! ער וועט אייך אויפווייזן מיט אותות ומופתים, אַז די נאַטור איז אַ ווירט־שאַפט, וו עס ווערט גאָרנישט פאַרלאָרן, קיין שטויב, קיין האָר... פון אויסגעברענטן ליכט ווערן גאַזן: מען זעט זיי נישט, נאָר דאָ זענען זיי; זיי שוועבן אַרום אין דער לופט... אַ חלבן ליכטל פאַר אַ גראָשן ווערט אין דער נאַטור נישט פאַרלוירן".

אַלץ וואָס עקזיסטירט איז אין זיין עצם תמצית אייביק. פון דער סובסטאַנץ, וואָס מיט איר באַצייכנט שפינאָזאַ דעם מהות פון קאָסמאָס, ווערט קיין שום זאַך נישט אַנטרונען. די סובסטאַנץ, דעריבער, איז אויך איינגעשלאָסן אין אַלץ וואָס עקזיסטירט אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרעם. די אייביקייט פון דער סובסטאַנץ ווערט דעריבער איפּסאָ פאַקטאָ אַריבערגעטראָגן אויף דער קלענסטער ווי אויף דער גרעסטער זאַך אין דער וועלט, אין וואָס פאַראַ געשטאַלט זי זאָל פאַר אונדז נישט דערשיינען.

שפינאָזאַס באַגריף פון סובסטאַנץ, שטענדיקייט און אייביקייט, האָט געפירט בערגסאָנען צום געדאַנק, אַז אַזאַ באַשאַפעניש ווי גאָרנישט איז גאָרנישט בנמצא אויף דער וועלט. ווען מיר זאָגן עס איז גאָרנישט נישטאָ, מיינען מיר אין דער אמתן, אַז מיר געפינען נישט דאָס וואָס מיר האָבן דערוואַרט אָדער געזוכט. עפּעס פון אַ געוויסן סאָרט, צי קען עס יאָ אָדער נישט געזען ווערן פון אַ מענטשלעך אויג, פילט אָן יעדן נויג און בויג פון אוניווערס.

די אייביקע אייביקייטס־פאַרגאַנגענקייט אין דער מינדסטער איין-און־איינ־ציקייט אינעם „אַלץ" פון קאָסמאָס, ווערט דיכטעריש אַרויסגעבראַכט אין א. לוצקים „בראשית — אינמיטן".

אין אַ שטיינדעלע וואָס האָט אַ פנים פון אַ מענטש, דערזעט דער דיכטער:

„ אַ געשטאַלט פון גאָר אַמאָל,
אַ געמעל פון גאָרע־גאָר אַמאָל
אַ בילד פון אדם אייִדער אדם,
אַ פנימל פון אייביקייטס־פאַרטאָג,
אַ באַשאַף פון איידער וועלטס־קאַיאָר.

א מענטשעלע פון איידער־איידער,
א באשעפעניש פון איידער ויהי אור,
איידער נאך פון איידער־איידער.

איידער בראשית איז געווען —
איז געווען — ניט
ניט האט ניט געוווסט אז ניט.
ניט — האט זיך ארויס געוויזן — יא.
גארנישט — האט געחלומט וועגן גאר.
חשך — האט געהאט א זעאונג וועגן קלאר —
ניטא — ניטא האט אויסגעפורעמט א נבואה וועגן וואר.
דעם לעצטן מין.
וועמען?
מענטש".

מענטש איז דער איינציקער אויף אונדזער פלאנעט, וואס לעבט, אין פירט אפטמאל זיין לעבן אין ליכט פון דער אייביקייט, אדאנק זיין אינטויטיוון און געדאנקלעכן צוגאנג צו איר. די שפירונג פון אייביקייט און די גארונג נאך איר איז פאראנטווארטלעך פאר דעם, וואס די פראגע פון א יענער וועלט האט נישט אויפגעהערט צו עגבערן דעם מוח פון מענטשן, פון מאמענט אן, ווען די צוויי־פיסיקע חיה איז געווארן מענטש. א יענע וועלט מיינט אייגנטלעך א המשך, אויף אזא אדער אן אנדערן אופן, פון דעם וואס שטעלט צונויף מענטשלעכן מהות. דער מענטש קען זיך נישט באפרייען פון דראנג צו זען זיין מהות ווי אן ארייננגעוועבטן אין קאסמישן, וואס דאס מיינט אייביקייט.

דאס פאלק ישראל האט אין זיין צוגאנג צו זיך און וועלט אויף קיין אייז הרף עין נישט אויסגעלאזט פון זיין גייסטיק־פילאזאפיש אויג די אייביקייט. דאס יידישע פאלק איז דאס פאלק, וואס האט צעבראכן:

„די צוימען אלע צווישן מענטשן און
מענטש — און מענטש און גאט,
צעטראגן איבער גארער ערד גאטס נאמען אין בטחון
און איינגעקריצט אין אייביקייט אחד —". (א. אלמי)

צעברעכן די צוימען צווישן זיך און גאט מיינט דערפילן זיך ווי א חלק אלוה ממעל, דערבליקן די אייביקייט אין זיך, דערפילן זיך ווי אן אייביק־באהעפטער אין איר. דאס יידישע פאלק האט געהאט די זכיה, צום פריסטן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אינטויטיוו און פילאזאפיש, עמאציאנעל און געדאנקלעך ארייננהעפטן זיך אין דער אייביקייט און ארייננברענגען אין איר דעם „אחד".

פילאָזאָפיע איז דער קולטור־צווייג, וואָס נעמט אַרום און דרינגט דורך געגנ־שטאַנדן און געשעענישן אין פּערספּעקטיוון פון די ווייטסטע אויסשפּרייטן פון שטח, און אין וויזיעס פון צייט. און ווען דער נביא ישעיה האָט אויסגעשריגן: והיה באחרית הימים — עס וועט זיין אין סוף פון די טעג — האָט ער אַריינ־געדונערט אין דער וועלט פּראָבלעמען פון צייט, און מיט איר — פון אייבי־קייט. און ווען דער נביא האָט אַ זאָג געטון: „כימי עץ ימי עמי" (ווי די טעג פון אַ בוים זענען די טעג פון מיין פאָלק) האָט ער מיטן דאָזיקן זאָג מכריז גע־ווען דעם ־דערפיל פון באַנייאונג, פון דויער אין דער אייביקייט. מיטן דערפיל פון אייביקייט איז אויך געקומען די זעאונג פון אַן איין־און־איינציק העכסטער גייסטיק וועזן — גאָט.

„פאַרן באַוווּסטזיין פון יידן — שרייבט חיים גרינבערג — איז די אידייע פון אחדות־הבורא געווען אַ יידישע, וואָס נאָר ביי יידן — האָבן זיי געוווּסט — האָט די אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען אין פאָלק און פון דער דאָזיקער אידייע האָט זיך ביי אים אָנגעפאַנגען אַן אויסשטראַלונג פון אַ נייער עטיק ווי אַ דינאַמישער נוסח אין קאָלעקטיוון לעבן".

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר עם ישראלס חוש פאַר אייביקייט און אַן איין־און־איינציקן גאָט אין איר, איז דאָס וואָס פון אַלע פילאָזאָפן אין דער וועלט איז דער אינטימסטער און גרינטלעכסטער צוגאַנג צו דער אייביק־אויסגעשפּרייטער אָדער דויערנדיקער סובסטאַנץ געקומען פון דריי יידן פילאָזאָפן: שפּינאָזאַ, בערג־סאָן און אַלעקסאַנדער. די וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון אַן איין־און־איינצי־קער קראַפט אין דער אייביקייט איז געקומען פון גרעסטן וויסנשאַפטלער — דער טיף־יידישער פּערזענלעכקייט — אַלבערט איינשטיין.

און סיי די פילאָזאָפן שפּינאָזאַ, בערגסאָן און אַלעקסאַנדער, סיי דער וויסנ־שאַפטלער איינשטיין, זענען געקומען — ווי זיי אַליין זאָגן אונדז — צו דער אייביקייט און צו אחדות הבורא נישט על פי שכל, נאָר על פי אינטויציע. עס איז געווען מער וויזיע ווי טראַכטונג, מער איבערלעבונג איידער איבערקלערונג. די טראַכטונגען און דערקלערונגען אָבער זענען געקומען נאָך די איבערלעבונ־גען און וויזיעס.

אייביקייט, ווי פילע אַנדערע אומאויפליזבאַרע און דורך די חושים נישט אויפנעמענדיקע ממשותן, לאָזט זיך נישט דעפינירן. זי קען בלויז געפילפול אי־בערגעלעבט ווערן, אימאַגינעריש אויסגעמאָלט ווערן, און געדאַנקלעך אויפגע־לויכטן ווערן. און דאָס אויך נישט אַלעמאָל, און פון אַ צאָל מענטשן — קיינ־מאָל נישט. דער אויפבליץ פון אייביקייט שלאָגט זיך דורך אין געוויסע מענטשן אין מאָמענטן נאָר פון אויסערגעוויינלעכע נשמה צעטרייסלונגען און גייסטיקע קול דממה דקהדיקע וויברירונגען. און צו אַלע מענטשן לאָזט זי זיך דערקענען

נאָר דורך אירע אומענדלעכע און אומדערשעפּלעכע מאַניפעסטאַציעס. זי אַליין אָבער איז אומדערקענעוודיק.

עס דערציילט זיך וועגן אַ פּראָפעסאָר פון פיזיק אין אַ געוויסן אוניווערזי־טעט, וואָס ער האָט געלאָזט וויסן זיינע סטודענטן, אַז צום קומענדיקן עקזאַמען אין זיין געגנשטאַנד, וועט ער זיי שטעלן נאָר איין פראַגע. דער ריכטיקער אָדער נישט ריכטיקער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט באַשטימען זיינע ציינכנס און אויסצייכענונגען אין דאָזיקן עקזאַמען. די סטודענטן האָבן זיך פלייסיק גענומען צו דער צוגרייטונג פונעם עקזאַמען. די שעה האָט געשלאָגן און די פראַגע אויפן טאָוול האָט זיך געלייענט: „וואָס איז עלעקטריציטעט?" פאַר אַ לאַנגער צייט האָט זיך קיין איין האַנט נישט אויפגעהויבן. ענדלעך האָט זיך איין האַנט אַ הויב געטון. ווען דער פּראָפעסאָר האָט זיך געווענדט פאַר אַן ענטפער, האָט דער סטודענט זיך אַ קראַץ געטון אין דער פּאַטעליציע און האָט געזאָגט: „פּראָפעסאָר, דער ענטפער איז מיר געלעגן אויפן צונג, אָבער כהרף עין האָב איך אים פאַרגעסן". „ליבער תלמיד מיינער", — האָט דער פּראָפעסאָר צו אים געזאָגט, — „נישט פאַרגעסן האָסטו דעם ענטפער, נאָר האָסט אים קיינמאָל נישט געוווסט, ווייל קיין מענטש אין דער וועלט ביים היינטיקן טאָג ווייס נישט וואָס אַזוינס עס איז עלעקטריציטעט. אַלע זעען מיר מאַניפעסטאַציעס פון עלעקטריציטעט, אַ געוויסע צאָל מענטשן אָפּערירן מיט זיי, און נאָר געציילטע שעפערישע וויסנשאַפטלער האָבן מאָמענטנווייז אַ געוויסע אַבסטראַקט־געדאַנקלעכע אויפלויכטונג, אַ כוח הדמיונישן אויסמאָל פון דער עלעקטרישער קראַפט אין שייכות צו דער קאָסמישער ענערגיע".

דאָס זעלביקע איז אויך אייביקייט. די שייכות פון דער מענטשלעכער נשמה צו איר דערפיל פון אייביקייט, איז ווי די שייכות פון דער פידל צו די קלאַנגען און טענער, וואָס דער קינסטלער קען דורך איר אַרויסברענגען. די פידל מוז פון קינסטלער אָנגעשטעלט ווערן. אַזוי אויך ווערן אייניקע נשמות פון געוויסע מענטשן אָנגעשטעלט פון אַלוועלטלעכן קינסטלער — דער בורא און אדון עולם. זיי ווערן אָנגעשטעלט אין געוויסע רגעס אין זייער לעבן אַזוי, אַז זיי דערפילן דעם זין און דערבליקן דאָס ליכט פון דער אייביקייט. דאָס זענען רגעס פון טיפער איבערלעבונג — פון טיפער פרייד און טיפער לייד, פון רעליגיעזן און ראָמאַנטישן פליטער.

נאָר אין אַזעלכע רגעס קענען למשל זיך אַרויסרייסן פון דער נשמה פון אַ דיכטער אין אונדזער צייט אַזעלכע תפילהדיקע שורות ווי:

„אָ גאָט קער אום, קער אום דיין געשטאַלט
צו דעם וואָס זיין געשטאַלט איז אין אים פאַרלאָרן געוואָרן,
צו דעם וואָס וואָגלט אַרום
צווישן ביים און גראָז ווי צווישן שטעך און דאָרן

פונדעסטוועגן זע אַז אויך איצט פליסט אין מיר
עפּעס אַזוינס, וואָס איז פון דיר דער עיקר —
עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט געוואָרן פאַרברענט,
ווען עמיצער האָט אים צעשניטן אויף שטיקער
און אַרייַנגעוואָרפן אין פלאַקער פייער,
און עמיצער אַ צווייטער האָט עס צוגעזען
און געקלאָגט: מיין ליבער, און געקלאָגט: מיין געטרייער,
דערוואָך אַרויסגעשריען מיט התלהבות גרויס:
אָ זעט, אָ זעט ס׳איז דאָך קדוש השם!"
(אַ תפילה אויפן גרינעם גראָז — ה. לייוויק)

דאָס זענען רעליגיעז-מיסטישע וויברירנדיקע סטרונעס פון דער פידל — אייביקייט.

אויף וויפל קונסט איז מער פאַר אַלע אַנדערע קולטור־אויסדרוקן מסוגל איבערצולעבן און אויסדריקן געפילן פון ראָמאַנטיק, טראַגיק און רעליגיעזיטעט, אויף אַזוי פיל איז זי בכוח פריער פאַר אַלע אַנדערע אויסדרוקן אַריינברענגען אונדז אויגנבליקלעך דורך וויזיע און כוח הדמיון, און דורך אַ מין מיסטעריעז־מיסטישע אַנטפּלעקונג, אין היכל פון אייביקייט. אַזעלכע מאָמענטאַלע איבערלעבונגען, אַזעלכע אַראָפּלאָזן אין די תהומען אָדער פליגלדיקע אַוועקטראָגנס אין די הויכן, באַווירקן אַמאָל דאָס גאַנצע לעבן.

ווי מיט איינצלנע מענטשן, אַזוי אויך מיט פעלקער, די נשמה פון פאָלק ישראל איז אַזוי געשטאַלטיקט און אַזוי אָנגעשטעלט געוואָרן פון דער מיסטעריעז־קאָסמישער האַנט, אַז זי זאָל אין געוויסע מאָמענטן פון איר אַנטוויקלונג אויפנעמען, און אין זיך אַריינעמען פריער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, און טיפער און שטאַרקער פון זיי, דעם רעליגיעזן קלאַנג און ציטער פון דער אייביקייט, און דורך דעם זיך דערפילן ווי אַ טייל פון גאָט — דעם איין און איינציקן האַר און באַשעפער פון וועלט. אין דאָזיקן זין קען מען זאָגן, אַז „עס איז נישט געווען גאָט וואָס האָט געוואָלט דאָס יידישע פאָלק און זיין באַטייט, נאָר אַז עס איז געווען דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט געוואָלט גאָט און זיין באַטייט*).

דאָס דאָזיקע ווועלן און זוכן גאָט רעדט אַרויס פון די ווערטער פון משה צו זיין פאָלק: „וואָרום וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן וואָס האָט אַ גאָט נאָענט צו אים אַזוי ווי יהוה אונדזער גאָט, ווען נאָר מיר רופן צו אים”. דאָס רופן, הייסט עס, דאָס דאָרשטן נאָך אים, מוז קומען פריער פאַר זיין אַנטפּלעקונג.

און משה זאָגט ווייטער צום פאָלק:

*) Joseph Kastua Histori and destine of Jewish

„און איר האָט גענענט און האָט זיך געשטעלט אונטערן באַרג, און דער באַרג האָט געברענט מיט פייער, ביזן האַרצן פון הימל מיט פינצטערניש, וואָלקן און נעפל, און גאָט האָט צו אייך גערעדט פון מיטן פייער. אַ קול פון ווערטער האָט איר געהערט, אָבער אַ געשטאַלט האָט איר ניט געזען, בלויז אַ קול".

אָט די פייערדיקע אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכקייט האָט געקענט קומען נאָר צו אַ פאָלק, וואָס צווישן אים און דער אייביקייט האָבן זיך געפעדימט אַמאָל שטאַרקערע און אַמאָל שוואַכערע פעדים, אָבער קיינמאָל האָט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן צווישן זיי אַזאַ אָדער אַן אַנדער אָרגאַנישע שייכות. זי האָט עס אָנגערעגט רעליגיעז און אויפגעפלאַמט אין גאָט־זוכעניש און גאָט־ליבשאַפט ביז צום עקסטאַז פון ואהבת את אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך.

אין דעם מערקווירדיקן ראָמאַן „ביי די טייכן פון פּאָלעסיע" שרייבט דער מחבר, ניסן ברוסילאָוו:

„דער ייד — דער אַלטער מענטש פון גייסט, דער מיגנטש אָן אַן ערד האָט שוין אין אַלע פייערן געברענט און איז שוין אין אַלע וואַסערן גערייניקט געוואָרן... יעדער איינציקער קאָן דעם יידן גלייך דערקענען: ער טראָגט אויף זיך דעם בראַנד־מאַרק, וואָס דאָס פייער פון באַרג סיני האָט אויף אים אויסגעברענט".

די איינברענונג פון סיני בראַנד־מאַרק וואָס איז געקומען צום יידישן פאָלק פון דער איינזאַמלונג פון די שטראָמען און דורכדרינגונג פון די שטראַלן פון אייביקייט, האָט געפירט צו דער שאַפונג פון תנ"ך וואָס איז און וועט בלייבן אויף אייביק דאָס טיפסטע און אַלץ אַרומנעמענדיקסטע רעליגיעז־קינסטלעריש ווערק.

אייביקייט וויברירט און קלינגט אַרויס פון די שורות און צווישן די שורות פון תנ"ך.

אין זיין לעקציע וועגן תנ"ך שרייבט יהואש:

„אונדזער לעבן איז אַ וועלט אין אַ גרויסן אוקינוס. נישטאָ קיין באַשטאַנד און קיין זיכערקייט. וועל קומט נאָך וועל, פלוס נאָך פלוס און מיר טראָגן זיך אויף דעם דאָזיקן שטראָם. מיר שטרעקן אויס אונדזער האַנט נאָך עפּעס וואָס איז זיכער, וואָס איז פעסט, וואָס באַשטייט אין מיטן פון פאַרגייאיקייט. די דאָזיקע פעסטקייט איז פאַר דורות געווען די ביבל... דער פאַרברעכער פאַרמשפט צום טויט, האָט זיך אָנגערירט אָן די הערנער פון מזבח און איז ניצול געוואָרן. דער געטריבענער צום טויט, דער פאַרגייענדיקער, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אייביקן בוך און מיט קלאָרן געמיט געקוקט טויט און פאַרגייאיקייט אין די אויגן".

די שטראַמען און שטראַלן פון אייביקייט וואָס האָבן באַוועלטיקט די נשמה פון יידישן פאָלק און וואָס האָט געפירט צו דער איינבערענונג אין אים פון סיני בראַנד־מאַרק, האָבן אויך געפירט צו דעם, אַז עס זאָלן מקוים ווערן די ווערטער פון דעם נביא משה צום פאָלק ישראל:

„אין סוף פון די טעג וועסטו דיך אומקערן צו יהוה דיין גאָט, און וועסט צוהערן צו זיין קול, וואָרום יהוה דיין גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער גאָט, ער וועט דיך ניט פאַרלאָזן און דיך ניט אומברענגען און ער וועט ניט פאַרגעסן דעם בונד פון דיינע עלטערן וואָס ער האָט זיי געשוואָרן".

אין ליכט פון אַ פעסטן גלויבן אין אל חי וקים, האָט דאָס יידישע פאָלק זיך אַליין דערפילט ווי אַן עם חי וקים. דאָס האָט אים געגעבן מוט און גבורה צו שטרעבן און קעמפן פאַר המשך און קיום אין אַן אייגן לאַנד ווען נאָר און אַזוי לאַנג נאָר, ווי עס איז מעגלעך, און אויב נישט מעגלעך אין אייגן לאַנד, איז אין פרעמדע לענדער, אָבער מיט דער איינבערענונג אין זכרון, אין דער נשמה און אין גייסט, דאָס אייגן לאַנד — ארץ־ישראל.

ביי אַלערליי טייכן פון אַלערליי בבלס וואָס יידן וועט אויסקומען צו זיצן, וועלן זיי דערמאָנען ציון און נישט פאַרגעסן ירושלים. דאָס האָט געפירט דערצו וואָס דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן ווי די אייביקייט אַליין — אַ צוויי געשטאַלטיקייט: אַ פאָלק אין אייגן לאַנד געשטאַלט, און אַ פאָלק אין דער געשטאַלט פון נישט־אייגן לאַנד.

— 2 —

אַ בליק אויף דער צוויי־געשטאַלטיקייט־מאַניפעסטאַציעס פון דער אייביקייט און דעם צוויי־געשטאַלטיקן גאַנג פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, גיט דעם איינדרוק און געפיל, אַז עס איז פאַראַן אַ שיקזאַלישע און מיסטישע שייכות צווישן די דאָזיקע צוויי־געשטאַלטיקייטן — דער צוויי־געשטאַלטיקייט פון דער אייביקייט און דער צוויי־געשטאַלטיקייט פון פאָלק ישראל.

איבערגעבנדיק אונדז דעם גאַנג פון וועלט באַשאַף, דערציילט אונדז דער חומש, אַז גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד, ליכטיקייט און פינצטערניש, יבשה און וואַסער, זון און לבנה. קומענדיק צו לעבעדיקע באַשעפענישן באַווייזט זיך די צווייאיקייט אין זכר און נקבה, און פון דער ריפּ פון אָדם ווערט באַשאַפן די צווייטע געשטאַלט — די פרוי חוה.

וויסנשאַפטלעכע שטודיעס אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַלץ מער און גרינטלעכער אַן אומאויפהערלעכן גאַנג פון צווייאיקע שפּאַלטונגען. די סאַמע לעצטע גראַנדיעזסטע און מוראַדיקסטע פיזישע דערשיי־נונג אין דער פאַרעם פון דער אַטאָמישער באָמבע, איז אַ פּועל יוצא פון אַן

אויטאָמאַטישער שפּאַלטונג אויף צווייען פון אַ געוויסן פיזיש-פאַנטאַסטישן קערנדל. דער פּראָצעס גייט אין דער וויסנשאַפט אונטערן נאָמען „נוקלעאַר פּי־זיע". אויפן עטישן געביט געפינען מיר די צווייערלייאיקייט אין די טעזן און אַנטיטעזן פון גוטס און שלעכטס, שיין און מיאוס. צוויי־געשטאַלטיק איז אויך די פּאָליטישע איינאָרדענונג. פון דער געזעלשאַפט פון די ערשטע צייטן אָן ביז אויף היינטיקן טאָג. דאָס זענען די אויטאָקראַטישע און דעמאָקראַטישע גע־שטאַלטונגען. אָן אַ געוויסן סאָרט אויטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע קען גע־זעלשאַפטלעכקייט נישט געמאָלט זיין. די געזעלשאַפטלעכע געדאַנק-און־גייסט אויסדרוקן וועלן אויך אַלעמאָל קומען אין די צוויי קאַטעגאָריעס קולטור און ציוויליזאַציע.

אין שייכות צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אין זין פון שיקזאַלי־שער צוויי־געשטאַלטיקייט, ווערן מיר פאַרכאַפּט פון דער דערציילונג ווי אַזוי אין די אינגעווייד פון רבקהן האָבן זיך געשטויסן צוויי אַנקומענדיקע וועזנס: יעקב און עשו, און פון דעם וואָס זיי זענען געווען און וואָס עס איז פון זיין גע־וואָרן.

און גאָט האָט צו איר געזאָגט — דערציילט דער חומש:

„צוויי אומות זענען אין דיין לייב
און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיין אינגעוויד צעשיידן
און אַ פאָלק פון אַ פאָלק וועט זיין שטאַרקער
און דער עלטערער וועט דינען דעם יינגערן".

„און אַז אירע טעג זענען פול געוואָרן צום געווינען, ערשט אַ צווי־לינג איז אין איר לייב. און דער ערשטער איז אַרויסגעקומען אַ רויטער, אינגאַנצן אַזוי ווי אַ האָריקער מאַנטל, און מען האָט גערופן זיין נאָמען עשו, און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, און זיין האַנט האָט צו־ריקגעהאַלטן דעם טראָט פון עשו, און מען האָט גערופן זיין נאָמען יעקב. און די יינגלעך זענען אויסגעוואַקסן און עשו איז געווען אַ מענטש געניט אין געיעג, אַ פעלד־מענטש, און יעקב איז געווען אַ שטילער מענטש וואָס זיצט אין געצעלטן".

אין גאַנג פון דער ווייטערדיקער דערציילונג ווערט יעקבס נאָמען פאַר־וואַנדלט אין ישראל. און אין גאַנג פון דער געשיכטע ווערן צוויי געשטאַלטי־קייטן אין דער מענטשהייט ביז אויף היינטיקן טאָג: די יידישע געשטאַלט — אַן אורשפּרונג פון יעקב־ישראל און די נישט־יידישע געשטאַלט, וואָס וועבט זיך פון עשו. עס ווערן גאָר אַ סך פאַרשיידענע פּאָליטיקע פעלקער, און עס בלייבט בלויז איין און איינציק יידיש פאָלק, פאָלק־ישראל. אַלע נישט-יידן פעל־קער אינאיינעם גענומען, נישט געקוקט אויף זייער גרויסער און טיפער פאַר־

שיידנאַרטיקייט, טיילן זיך אויס ווי אַן אָרגאַניש פאַראייניקטע געשטאַלטיקייט לגבי דעם יידישן פאָלק. עס באַקומט זיך אַ יידיש געשטאַלטיקייט און אַ נישט־יידישע געשטאַלטיקייט פון איין און איינציקער מענטשהייט. די אָרגאַנישקייט פון אַלע פעלקער לגבי דעם יידישן פאָלק ווערט קלאָר ווען מען פאַרשטייט אונטער נישט־ייד איינעם וואָס געהערט צו די, וועלכע זענען געקומען צו גאָט דורך וועלט און נאַטור אַנשטאָט ווי דער ייד און דאָס יידישע פאָלק — צו וועלט און נאַטור דורך גאָט. דער דערפיל, דאָס אינטויטיווע אויפכאַפּן פון אייביקייט האָט אים געפירט צו גאָט אַנטפּלעקונג. נישט־ייד אָדער גוי קען אויך דעריבער מיינען איינער וואָס נישט אים און נישט זיין פאָלק איז געגעבן געוואָרן צו דערקענען אויף אַן אַבסאָלוטן און געלייטערטן אופן די איין און איינציקייט פון גאָט, וואָס דאָס איז יאָ געגעבן געוואָרן דעם יידן און דעם יידישן פאָלק. און ווי געלייטערט און ווי אַבסאָלוט עס זאָל ווען נישט איז אין דעם באחרית הימים פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג ווערן די געטלעכקייט־דערקענטעניש ביי די אומות העולם, וועט עס אָבער פאַרבלייבן אַן אמת לעולם ועד, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געווען דאָס ערשטע פאָלק, וואָס אין אים האָט אויפגעלויכטן און פון אים אַרויסגעשטראַלט צו דער גאַנצער וועלט די דערזעאונג פון אחדות הבורא.

„ווער עס איז אינדיווידועל געווען דער אַנטדעקער פון דער אידייע פון אחדות הבורא איז אין תנ"ך אַן אַ ר כ ע אָ ל אָ ג י ש ע פראַגע. אַ היסטאָרישער פאַקט זענען יענע גרויסע, אָדער דער ערשטער קאָלעקטיוו, צו וועלכע די אַנטפּלעקונג האָט זיך צוגעקלעפּט .און צוגעקלעפּט האָט זי זיך אין אַלטערטום בלויז צו יידן, און נאָר ביי זיי איז זי געוואָרן דער פאַטאָס פון זיין פאָלקס־לעבן".

(חיים גרינבערג: „ייד און וועלט".)

„דער דאָזיקער פאַטאָס האָט גורלדיק און מיסטעריעז געפירט דערצו, אַז די צוויי גרויסע וועלט־רעליגיעס, דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם, זאָלן ציען זייער יחוס פון יידישן גלויבן. אַזוי אַרום האָט דער יידישער מאָנאָטעאיזם זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און אין משך פון יאָרהונדערטער האָט ער באַאיינפלוסט די גייסטיקע אַנטוויקלונג פונעם רוב קולטור־פעלקער. אָבער אין דער צייט וואָס די יידן האָבן געבראַכט דער וועלט נייע אוניווערסאַלע פאָרמען פונעם רעליגיעזן גלויבן, און דערמיט גורם געווען דעם אונטערגאַנג פון אַלטע נאַציאָנאַלע אמונות, איז די יידישע רעליגיע גופא ווייטער געבליבן די אמונה פון איין אומה, און די יידן זענען אין דער היינטיקער קולטור־וועלט דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אָפּגעהיט זיין אַלטן גלויבן". (יידישע ענציקלאָפּעדיע).

אין ליכט דעריבער פון דער אַנטפּלעקונג פון רעליגיע און אויף וויפל רעליגיע איז, ווי חיים גרינבערג דריקט זיך אויס, „אין איר פּאַטענץ נאָר די קרוינונג פון אַלע קולטור דערגרייכונגען", איך אַזוי פיל קען, נישט נאָר אין ליכט פון

רעליגיע, נאָר אויך אין ליכט פון אַלמענטשלעכער קולטור, פעסטגעשטעלט ווערן די צוויי־געשטאַלטיקייט פון דער איין און איינציקער מענטשהייט: ייד געשטאַלט און נישט־ייד געשטאַלט. און דאָס קען קאָנסטאַטירט ווערן עטיש און דעמאָקראַטיש אָן אַ װעלכן עס איז איבערגעטריבענעם אתה בחרתנו־געפיל.

אייביקייטס אַרויסשטראַלונג אין אַן אייביקער מענטשהייט־צוויי־געשטאַלטיקייט: יידן און אומות העולם, מינערט אויף קיין האָר נישט אונדזער הויך שעצונג און אָנערקענונג פון ווערטן און העכסט־מעגלעכע גלייכבארעכטיקונגען אויף אַלע געביטן פון וועלט, מענטש און קאָסמאָס פון דעם נישט־יידן. און גוט איז וואָס מיר האָבן יידן ווי חיים גרינבערג, וואָס שרייבן קאַטעגאָריש, אַז:

„די גייסטיקע דערוואַכונג, די ווידערגעבורט, איז ביי יעקבן פאָרגעקומען פריער ווי בי עשון. ער איז דערפאַר דער בכור אָבער נישט ה ע כ ע ר. און ווען מען וואָלט געקאָנט רעדאַקטירן אַ פאָלקס קלאַסישע טערמינאָלאָגיע, וואָלט געווען נישט ווייניקער גרונט צו כאַראַקטעריזירן די ספעציפיש־יידישע שטעלונג אין דער וועלט און צו דער וועלט גיכער ווי באַוווסטזיין פון ב כ ו ר ה איידער פון בחירה".

די אייביקע צוויי־געשטאַלטיקייט פון דער מענטשהייט גייט אויך נישט להיפוך צו חיים גרינבערגס אַזוי גערופענע „רעזולטאַטן" פון דער גייסטיקער יידישער געשיכטע, אַז גאָט איז איינער, די וועלט איז איינע און דער מענטשלעכער מין איז אין שורש, אין לעצטן תכלית אַן איינהייט. די איצטיקע צעשפאָלטנקייט, די מחיצה וואָס שטייט צווישן זיינע צוויי־טיילן — דעם יידישן און אומות העולמדיקן, דענקט גרינבערג, איז אַ צייטווייליקע.

אַ צוויי־געשטאַלטיקייט איז אָבער נישט דאָס זעלביגע וואָס צעשפאָלטנקייט. און דעריבער ווען עס זאָל אַפילו זיך ווען עס איז איינגעבן דער מענטשהייט גובר צו זיין איר צעשפאָלטנקייט וועלכע איז אַ היסטאָרישע געשעעניש וואָס צייט קען אַמאָל אָפּשאַפן, וועט אָבער די צוויי־געשטאַלטיקייט אַריין מיט דער גאַנצער שיקזאַלישקייט אין דעם באחרית הימים. די צוויי־געשטאַלטיקייט, ווי שפינאָזאָס צוויי אַטריבוטן פון דער סובסטאַנץ, קומט פון דער אייביקייט, און איז דערפאַר אייביק.

דאָס פאָלק ישראל טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע פעלקער מיט דעם וואָס עס האָט באַוויזן נישט אַראָפּגיין פון דער פעלקער־מאַפּע ווען זיין לאַנד איז באַזיגט און באַהערשט געוואָרן פון אַנדערע פעלקער. ישראל האָט באַוויזן אַזוינס וואָס קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט האָט נאָך נישט געקענט באַוויזן, און דאָס איז: לעבן ווי אַ פאָלק סיי אין זיין אייגן לאַנד און סיי אין פרעמדע לענדער, מיט דער אויף אייביק זיך איינקריצנדיקער האָפענונג פון לשנה הבא בירושלים און מיט דער קיינמאָל נישט אויסגעלאָשענער בענקשאַפט נאָך ציון. די בענק-

שאַפט נאָך איינעם לאַנד, דער בטחון אין צוריקקער צום אייגענעם לאַנד, האָט געשטאַרקט און איז געוואָרן אַ מעכטיקער זייל אין דער דערהאַלטונג פון ישראל ווי אַ פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט און צעזייטקייט איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. דער באַזיץ אָבער און די באַהערשונג פון לאַנד נאָך וועלכן ישראל האָט נישט אויפגעהערט צו לעכצן, איז קיינמאָל נישט דערפילט געוואָרן פון יידישן פאָלק ווי אַן אַבסאָלוטער סינע קווא נאָן, אָן וועלכן עס קען בשום אופן נישט עקזיסטירן. ישראל איז געוואָרן פאָלק איידער עס האָט דערוואָרבן לאַנד פאַר זיך. דערפאַר האָט דאָס פאָלק ישראל קיינמאָל נישט אידענטיפיצירט לאַנד־אונטערגאַנג מיט פאָלק־אונטערגאַנג חלילה. דער צוזאָג פאַר לאַנד אינעם באחרית הימים האָט אים געגעבן כוח און מוט און המשך אונטער אַלע אומשטענדן.

שרייבט זשאָזעף קאַסטיין אין זיין בוך „היסטאָרי ענד דעסטיני אָוו דזשוס":

„אַ פאָלק וואַקסט און אַנטוויקלט זיך געוויינלעך אין זיין אייגן לאַנד און איז ביז צו אַ גרויסן גראַד באַווירקט פון די באַדינגונגען וואָס הערשן דאָרט. דאָס יידישע פאָלק אָבער איז געוואָקסן און האָט אַנטוויקלט זיינע פונדאַמענטאַלע גייסטיקע אייגנשאַפטן אין דער דערוואַרטונג פון אַן אייגן לאַנד. אַזוי אַרום איז עס אַריבערגעשפּרונגען דעם ערשטן שטאַפּל פון דער עוואָלוציע: — פריער אידייע פון לאַנד און דערנאָכדעם לאַנד גופא. און לאַנד און קלימאַט שפּילן אַ סובאָרדינירנדיקע ראָל אינעם שיקזאַל פון יידישן פאָלק. זיי זענען בכוח זיך צו באַזעצן ווו עס איז און אומעטום, נישט איבערענטפערנדיק און נישט פאַרלירנדיק דערביי די יסודותדיקע שטריכן פון זייער מהות".

דאָס יידישע פאָלק האָט געשעפּט מוט און אויסדויער פון דער גייסטיק אומענדלעכער טעריטאָריע פון בענקשאַפט־בטחון־האָפענונג.

— 3. —

אייביקייט לויט שפּינאָזאַן נאָך, הייבט זיך אָן נישט נאָך אונדזער טויט, נאָר זי איז ווי גאָט אַליין, שטענדיק אין אונדז און איבער אונדז. צייט — דער אַרויסשטראַל פון אייביקייט, האָט מער ווי שטח געוועלטיקט און באַוועלטיקט דעם פּסיכישן צונויפשטעל פון יידישן פאָלק, און דערפאַר אפשר איז עס אים געגעבן געוואָרן דורך זיינע נביאים אַריינשרייען אין דער וועלט אַריין דעם באחרית הימים. די וויזיע פון „אין סוף פון טעג" האָט אויף אייביק מעגלעך געמאַכט פאַרן יידישן פאָלק צו זען אַנשטאָט סוף — אומאויפהערלעכן קיום און המשך.

„אין אַ געוויסן זין מעג מען זאָגן" — שרייבט חיים גרינבערג — „אַז יידנטום האָט אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער אין דעם גאַנצן אַזוי־

גערופענעם גלות-פּעריאָד געלעבט אין דער ספּערע פון מוזיק איידער אין דער ספּערע פון פּלאַסטיק... אַ ניגון איז באַדנלאָז, אין גרונט ווייסט ער גאָרנישט וואָס באָדן אָדער רוים איז; ער עקסיסטירט, באַוועגט זיך, גייט דורך זיין וועג אויפן „שטח" פון צייט... אויף די „לאַטיפונדיעס" פון צייט, פון דוכט זיך בלויז זכרונות און האָפענונגען האָט אונדזער פאָלק געשאַפן אַזאַ גראַנדיעזן בנין ווי דעם תלמוד בבלי, די היכלות פון קבלה און חסידות, די פּרדסים פון מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, די זעלבסט דיסציפּלין און פייערלעכע וואַכזאַמקייט פון שלחן ערוך, קאַלירן און אַראָמאַטן פון שבתים און ימים טובים. דאָס זענען אַלץ, אין זייער אַ גרויסער מאָס, שאַפונגען פון גלות".

יידן זענען געבליבן פאָלק נאָכדעם ווי זיי זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. זיי זענען נישט אונטערגעגאַנגען ווי אַ סך אַנדערע פעלקער — אַ סך גרעסערע און מעכטיקערע פאַר זיי — דערפאַר וואָס זיי האָבן — ווי משה העם דריקט זיך אויס — געשאַפן פון נייע תחומים, פון איינשפּאַרונגען פון זייער אייגענעם לעבן, אַ הייליקע טעריטאָריע אויף וועלכער זיי האָבן געקאָנט וואַקסן און בליען.

אין ליכט פון ישראלס צוויי-געשטאַלטיקייט פאַרשווינדט דער ספק וואָס בן גוריון וויל וועקן אין אונדז בנוגע דער וויטערדיקער עקסיסטענץ פון פאָלק ישראל אין די גלותן. בן גוריון צווייפלט שטאַרק:

„צי דאָס יידישע פאָלק וועט זיך קאָנען דערהאַלטן ביים לעבן אָן דער יידישער מדינה, נאָך דער אָפּשאַפונג פון רעליגיע-בונדן, נאָך דעם ביטול פון געטאָ, נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון אייראָפּעאישן יידנטום, נאָך דער איזאָלאַציע פון דעם רוסישן יידנטום, נאָך דער קאָנצענטראַציע פון דער מערהייט פון יידנטום אין דער נייער וועלט, וועלכע פאַרמאָגט אַ גרויסן אַסימילאַציע כוח".

די צוויי-געשטאַלטיקייט אָבער פון פאָלק ישראל, מחמת איר איינגעשלאָסנקייט אין דער אייביקייט צוויי-געשטאַלטיקייט; די אריינבריינגענדיקע געפילן און וויזיעס פון אייביקייט אין יידישן פאָלק; זיין טראָגן זיך מער געשיכטלעך אויף די פליגלען פון צייט ווי אויף די ערד און רעלסן פון שטח, פאַרפּאַנצערט אונדז קעגן דעם אריינדרינג פון בן גוריונס ספקות אין אונדזער נשמה. פאַרקערט, מיר ווערן פון דער אייביקייטס געשטאַלטיקייט און שיקזאַלישקייט פון יידישן פאָלק געפירט צו קאָנסטאַטירן מיט זיכערקייט, אַז דער איינגעוואָרצלטער מימים קדמונים, און דער דורך ווידערשטאַנד זיך שטענדיק אַנטוויקלענדיקער כוח פאַר קיום און המשך, וועט גובר זיין אַלערליי ביטולס, קאַטאַסטראָפעס, איזאָלאַציעס און קאָנצענטראַציעס וואָס קענען חלילה אָנקומען אין פאַרלויף פון דורות.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

„אין די טעג פון איוב" לאָזט ה. לייוויק אברהמען זאָגן צו יצחקן:

געאַכפּערט און געבענטשט זאָל זיין דער בורא עולם
וואָס היט אונדז און וואָס שיצט אונדז מיט זיין חסד
אין אַלע ערטער ווו מיר וואַנדערן אַרום,
און מיט זיין צוזאָגן וואָס ער האָט מיר געגעבן
צו מאַכן ירשענען דאָס לאַנד צו מיינע דורות.

דורות וועלן קומען און דורות וועלן פאַרגיין און די פון אַלערליי געשטאַלטעטע אברהמס וועלן פנים לפנים מיט זיינע ניי-געשטאַלטעטע יצחקס, אַכפּערן און בענטשן גאָט פאַר באַהיטן און באַשיצן מיט חסד זיינע וואַנדערונגען אין דער וועלט. דאָס וועט געשען ווען אַפילו שוין דער גרעסטער טייל פון פאָלק וועט זיין זיכער און פעסט פאַרוואָרצלט אין זיינעם אַן אייגן לאַנד, מדינת ישראל, וואָס האָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען, אַז זיינע דורות וועלן עס ירשענען. די שיקזאַלישע צוויי-געשטאַלטיקייט פון פאָלק ישראל פאָדערט פון אונדז קאַטעגאָריש נישט אַרויסצולאָזן פון אויג און זכרון, און טראָגן איינגעבאַקן אין אונדזער גאַנצן וועזן די לעצטע, אַזוי גוט ווי די פאָרלעצטע, ווערטער פון דעם נביא עמוס. מיר דאַרפן און מיר זאָלן שעפּן טיפע פרייד אַן אַ שיעור, נאָך דער סטאַבלירונג פון מדינת ישראל, פון עמוסעס ווערטער:

„און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל —
און זיי וועלן אויסבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן,
און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין,
און מאַכן גערטנער און עסן זייער פרוכט.
און איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף דער ערד,
און זיי וועלן מער נישט אויסגעריסן ווערן
פון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן,
זאָגט יהוה דיין גאָט".

מיר דאַרפן איצט אוודאי איינלעגן ווערטן, אַז די דאָזיקע נבואה פון עמוס, וואָס איז איצט מקוים געוואָרן, זאָל בלייבן שוין אין קיום אויף אייביק. אין זין פון קיום פון לאַנד, אין זין פון אייגן-לאַנד געשטאַלטיקייט פון יידישן פאָלק, איז בן גוריון גערעכט ווען ער שרייבט צו ש. ראַבידאָוויטש, אַז „אַן די בענקענישן פון די אַלע דורות און אָן דער הילף פון גאַנצן פאָלק אין די לעצטע דורות וואָלט גאָרנישט געשען געוואָרן קיין ישוב" — אָבער די בענקעניש און די הילף פון אויסן, וואָס האָבן עקזיסטירט זינט דעם חורבן, האָבן נישט אויפגעשטעלט קיין מדינה ביז עס זענען נישט געקומען מענטשן, האָבן עולה געווען קיין ארץ-ישראל, האָבן געבויט דאָס לאַנד, געקעמפט פאַר נחלת אבות, געשאַפן אַ ראַציאָנעלעווירטשאַפט, אויפגעלעבט די שפּראַך, אָרגאַניזירט, פּראָקלאַמירט זיין זעלבסטשטענדיקייט, וויסנדיק אַז אַלע אַראַבישע לענדער זענען

גרייט זיי צו פּאַרטיליקן". אין זין פון מדינה פאַר ישראל, איז יעדער וואָרט דאָ פון בן גוריונען אמת ויושר. אויף וויפל אָבער די אייביקייט און דער שיקזאַל פון יידישן פאָלק דערלויבט בשום אופן נישט אידענטיפיצירן לאַנד מיט פאָלק, קיום הארץ מיט קיום העם, אויף אזוי פיל טאָרן מיר נישט אַרויסלאָזן פון אונדזער זכרון אויך די ווערטער פון עמוס:

„איך וועל צעשפּרייטן די קינדער פון ישראל צווישן די פעלקער — זאָגט גאָט — נאָר דעם גאַנצן שטאַם פון יעקב וועל איך נישט פאַרטי-ליקן — איך וועל אויפשטעלן צוריק דאָס צעטרייסלטע געצעלט פון דודן".

דורך די דאָזיקע ווערטער שלאָגט זיך דורך די צוויי־געשטאַלטיקייט פון איינגן לאַנד און פון פרעמדע היימען אין איינער און דערזעלביקער צייט פאַר דעם איין און איינציקן אייביקן פאָלק ישראל.

מדינת ישראל וועט קיינמאָל נישט אַרויסגעריסן ווערן פון הארץ פון יידישן פאָלק אויף וואָס פאַר אַ שטח עס זאָל זיך נישט געפינען, און אזוי לאַנג ווי עס וועט נאָך זיין וועלט און אַ מענטשהייט, וואָס וועט זיין באַוווסט און טראָגן אין זיך אַ געפיל און אַן אָנרעגונג פון אייביקייט און גאָט אין דער אייביקייט, וועלן אַ געוויסע צאָל יידן בלייבן יידן אין אַ העכערן און שענערן זין ווי „וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר" — עס וועלן בלייבן שבתדיקע, יום־טובדיקע נשמה־יתירהדיקע יידן, וואָס קענען אפילו איבער חורבות גיין, זיי וועלן זיין דאָס קערנדל וואָס פון אים וועט אַלעמאָל שפּראָצן, בליען און זיך פאַנאַנדערוואַקסן דאָס יידישע פאָלק, וואָס וועט אויף אַ ספּעציפיש קולטורישן אופן באַאיינפלוסן די מענטשהייט און וועט אליין פון איר באַפרוכפּערט ווערן. דער דאָזיקער בטחון און האָפענונג, געשטיצט אויף דער אייביקער צוויי־גע-שטאַלטיקייט פון ישראל און פון דער אייביקייט, ווערט אויף אַ שיינעם סימבאָ-לישן אופן אַרויסגעבראַכט אין דער לעגענדע וועלכע משה העס ברענגט אין זיין בוך „רוים און ירושלים".

„אַ ריטער פון פראַנקרייך וואָס איז אַוועק אין הייליקן לאַנד ארץ־ישראל צו העלפן אין דער באַפרייאונג פון ירושלים האָט איבערגעלאָזט אין זיין ווינאָרט זיינס אַ טייערן פריינט. בעת דער ריטער האָט העלדיש גע-קעמפט אויפן שלאַכט־פעלד, האָט זיין פריינט פאַרבראַכט זיין צייט ווי פריער אין דער פאַרטיפונג פון תלמוד, וויל זיין פריינט איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אַ פרומער רב.

ווען דער ריטער האָט זיך מיט חדשים שפּעטער אומגעקערט צו זיין היים, איז ער פלוצלינג אין מיטן נאַכט אַריינגעקומען אין צימער פון רב, און אים געפונען, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך גריבלענדיק אין תלמוד.

וויליאַם נאַטאַנסאָן

„זיי געבענטשט מיין טייערער פריינט", האָט דער ריטער צו אים געזאָגט, „איך האָב זיך צוריקגעקערט פון הייליקן לאַנד און ברענג דיר פון דאָרטן אַן ערבות פאַר אונדזער פריינטשאַפט. וואָס איך האָב געוואונען דורך מיין שווערד, שטרעבסטו צו געווינען מיט דיין גייסט. אונדזערע וועגן פירן צום זעלביקן ציל". אַזוי רעדנדיק האָט ער דערלאַנגט דעם רב אַ רויז פון יריחו.

דער רב האָט גענומען די רויז און זי באַנעצט מיט זיינע טרערן, און די פאַרוועלקטע רויז האָט אָנגעהויבן פונסניי צו בליען בהוד והדר, אין פראַכט און אין גלאַנץ.

„וואונדער זיך נישט מיין פריינט, — האָט דער רב געזאָגט צום ריטער, — „וואָס די פאַרוועלקטע רויז בליט נאָך אַמאָל אין מיינע הענט. די רויז באַזיצט די זעלביקע אייגנשאַפטן וואָס אונדזער פאָלק. זי קומט נאָך אַמאָל צום לעבן ווען זי ווערט אָנגערירט פון אַ וואַרעמען ליבעס־אָטעם, כאָטש זי איז געווען אָפּגעריסן פון איר אייגענעם ערד און איבערגעלאָזט צום וועלקן אין פרעמדע לענדער. אַזוי וועט אויך ישראל בליען נאָך אַמאָל אין יונגן גלאַנץ און דער פונק וואָס טליעט איצט אונטערן אַש, וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן אין אַ העלן פלאַם".

די דאָזיקע לעגענדע ווי לעגענדע בכלל איז ווי אַ חלום וואָס די וואָר איז זיין זריעה און דער אמת זיין וואָרצל.

„די וואָר איז די זריעה פון חלום
דער חלום — דער וואָרצל פון אמת.
(ה. רויזענבלאַט)

איר וואָר און איר אמת איז ישראלס און אייביקייטס צוויי־געשטאַלטיקייט אין זייערע אומאויפהערלעכע קעגנזייטיקע איינפלוסן און באַווירקונגען. אין דעם פאַל זענען עס די טרערן פון יידן און אותיות פון תלמוד אין גלות, וואָס ברענגען צום לעבן די רויז און שווערד אין הייליקן לאַנד פון ישראל. דאָ איז אויך אַ סימבאָלישן אופן געמאָלן די ווירקונגען און קעגנווירקונגען צווישן די פרעמדע היימען און דעם אייגן לאַנד פון פאָלק ישראל. די דאָזיקע קעגנזייטיקייט פון דער צוויי־געשטאַלטיקייט פון פאָלק, האָט געפירט צו דער פאַראויסזאָגונג פון נביא עמוס, אז דאָס הויז פון יעקב וועט נישט פאַרטיליקט ווערן, און צו דער נבואה פון ירמיה וועגן דער קעגנזייטיקער שייכות צווישן גאָט און זיין פאָלק, ישראל:

„און איך וועל זיי זיין צום גאָט
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק".

און צו די פּאַטעטישע ווערטער פון יהודה הלוי:

„עס וועט ניט זיין שווער פאַר אים צוריקקערן אונדז
צו אונדזער אַמאָל — אם לא ישאר אלא אחד —
אַפילו ווען עס זאָל ניט בלייבן פון אונדז מער
ווי איינער".

און דערפאַר דאַרף זיך דאָס פונאַנדערפלאַקערן אין אַ העלן פייער פון די פונקען וואָס טליען אין אַש. זיך באַציען אויף ביידע געשטאַלטן פון יידישן פאָלק — פרעמדלאַנדיקע און איינגלאַנדיקע. די פיינען פון פריידן פון פאָלק ישראל הן אין גלות הן אין אייגן לאַנד, זענען „אַ שיין פון גאָטסאַנטפּלעקונג". אַזוי איז עס געווען, אַזוי איז עס איצט און אַזוי וועט עס זיין אין די טעג פון וויטן שפּעטער אין גאַנג און דויער פון דער צוויי-געשטאַלטיקער אייביקייט.

— .4 —

ווענן די טעג פון וויטן שפּעטער פון יידישן פאָלק לאָזט ה. לייוויק זאָגן אברהמען צו איובן:

„אויך מיין אויג זעט זיי אין דער טיף פון דורות
און וואַנדערונג פון מיינע קינדער איבער גאָר דער ערד
און זייער זוכן לייטערונג און אויסדערוויילטקייט
אין גלותן און אין צוריקקערונג פון גלות".
(ה. לייוויק: — „אין די טעג פון איוב")

אפילו אין דער סאַמער לעצטער, לאָמיר האָפן אייביק-בלייבנדיקער צוריקקערונג פון גלות, וועלן אָנהאַלטן און זיך אַנטוויקלען די אומדערשעפּלעכע מעגלעכקייטן פאַר זוכענישן פון לייטערונג און אויסדערוויילטקייט פון דעם יידישן פאָלק, סיי אין זיין צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט, סיי אין זיין אייגנצזאַמלטקייט אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער היים.

אַ קאָנקרעט און גראַנדיעז בילד פון די פּאָטענציעלע מעכטיקע פאַרבאָרגענע כוחות פון גייסט און קולטור זוכענישן פון יידישן פאָלק האָט אונדז געגעבן ד"ר נ. סירקין אין די שורות:

„אין יידישער קולטור ליגן גייסטיקע און קינסטלערישע אוצרות, וועלכע זענען אינטואיטיוו באַשאַפן געוואָרן פון יידישן געניוס, וועלכע זענען נתגלה געוואָרן, ווי עס זאָגט זיך אין דער רעליגיעזער שפּראַך וועלכע דאַרפן אָבער פון דעם מאָדערנעם גייסט דערקענט ווערן באַוווסטזיניק און ווערן פּאָטענצן פון לעבן און שאַפן. דער באַגריף פון איינהייט פון אוניווערסום

און געשיכטע, דער גלויבן אין דעם גאָט־גייסט, וועלכער לעבט אין דער וועלט און פירט די געשיכטע, דער קעגנזאַץ קעגן דעם מיטוס, אפילו דעם מיטוס פון מאַטעריע, די באַגרינדונג פון דער וועלט אויף דעם „זאָל" און נישט אויף דעם „איז", די פאַרגעטערונג אָדער בעסער די פאַרהייליקונג פון געשיכטע, דער באַגריף פון דער משיח־דערלייזונג אין דעם אחרית הימים, דער גלויבן אין דער אויסגעוויילטקייט פון פאָלק ישראל, די אידייע פון דער מענטשהייט, דער געבאָט פון שבת אַלס רו־טאָג און לערן טאָג, דער געבאָט פון יום־כיפור אַלס תשובה־טאָג און מאָראַלישער ריי־קונגס־ווילן, די אידייע פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער פערזענלעכקייט, די אידייע פון מענטשלעכער גלייכקייט, דאָס זענען אייניקע פון די יסודות פון דער יידישער קולטור־אָנשויאונג, וועלכע האָבן די וועלט געשיכטע אויפגע־אַקערט אָבער זי נאָך עד־היום נישט באַפרוכפּערט, עס זאָל ברענגען „אָמען".

ווען מיר זאָלן אפילו לחלוטין מסכים זיין מיט בן גוריונען, אז די יידישע ווירקלעכקייט אין אַמעריקע און רוסלאַנד און מאַראָקאָ איז אַן אומגליקלעכע ווירקלעכקייט, אַ צעקאַליעטשעטע, אַ הויקערדיקע, אַ פאַראָרעמטע, מוזן מיר אָבער אין שיין פון צוויי־געשטאַלטיקייט זיך אויגנבליקלעך דערמאָנען און איינ־צייטיק נישט נאָר אָן די פונקען וואָס טליען זיכער אפילו אין דעם אַש פון דער היינטיקער שוואַרצעסטער ווירקלעכקייט, נאָר אויך אָן די טיף וואָרצלענדיקע שיקזאַלישע, פאַנטאַסטישע און מיסטישע פּאָטענצן, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין גייסט און קולטור פון יידישן פאָלק.

„מימוז דיי" — זאָגט אונדז ווייטער בן־גוריון — „שטאַרקן און באַ־פעסטיקן, מימוז איר פאַרשאַפן די העברעישע שפּראַך, דאָס בעסטע פון דער העברעישער ליטעראַטור, די נשמהדיקע פאַרבינדונג פון דער מדינה".

אַן אמתע פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל, אַן אמתע שטאַרקונג און באַ־פעסטיקונג פון יידישער ווירקלעכקייט אין גלות, קען אָבער קומען נאָר דעמאָלט און נאָר פון יידן, וואָס גלייבן, אַז די גרעסטע אָדער קלענערע צאָל פרעמדע היימען פון פאָלק ישראל וועלן אויף שטענדיק און אייביק צונויפשטעלן די צווייטע געשטאַלטיקייט, וואָס אָן איר קען נישט געמאָלט זיין קיין אייביקער קיום און המשך פון פאָלק.

בן גוריונס גרענעצלאָזער פעסימיסטישער בליק אויף דער גלות ווירקלעכ־קייט איז אַ פועל־יוצא פון זיין נישט איינזען געגנוג די גרויסע נפקא מינה צווישן קולטור און ציוויליזאַציע. „אַ קולטור פון אַ פאָלק", — שרייבט ער, — „ווערט צוזאַמענגעזעצט פון פעלד, שאָסיי, הויז, ים, שיף, עראָפּלאַנען, לאַבאָראַטאָריע, מוזעאום, אַרמיי, שולן זעלבסטפאַרוואַלטונג היימאַט, לאַנדשאַפט, טעאַטער, מוזיק, ביכער, שפּראַך, זכרונות, האָפענונג און נאָך מער און מער אַזעלכע זאַכן". די זאַכן וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט זענען אויסדרוקן פון ציוויליזאַציע און

קולטור. טעאַטער, מוזיק, ביכער, שפּראַך, זכרונות און האָפענונגען זענען קול־טור. אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס בן גוריון רעכנט אויס, זענען ציוויליזאַ־ציע. דער גרויסער וווּנדער, דער נס של הניסים, וואָס צייכנט אויס דאָס יידי־שע פאָלק פון אַלע אַנדערע פעלקער איז דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באַ־וויזן צו לעבן ווי אַ פאָלק און באַאיינפלוסט אפילו אַ וועלט מיט פעלקער דווקא געניסנדיק און העלפנדיק צו אַנטוויקלען די ציוויליזאַציעס אין זיינע פרעמדע היימען.

און הגם בן גוריון רעדט בנשימה אחת וועגן דער צעקאַליעטשעטקייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַמעריקע, רוסלאַנד און מאַראָקאָ, איז, אי־בערכאַפּנדיק אָבער זיין פּעסימיסטישן אָטעם וועגן גלות ווירקלעכקייט, שרייבט ער: „מיר האָבן אין דער וועלט אַ גרויסן און טייערן אוצר — דאָס וועלט־יידנ־טום. די גרויסע מערהייט פון יידנטום לעבט, צו אונדזער גליק, אין פרייע און דעמאָקראַטישע לענדער, און די דאָרטיקע יידישע ישובים האָבן אָנגעזעענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איינפלוסן". דאָס דאָזיקע יידישע יידנטום איז אַ שטאַרקע שטיצע פאַר מדינת ישראל און אבא אבן באַטאָנט זייער שטאַרק אין זיינע רעדעס, אַז די אחריות פון גייסט צווישן מדינת ישראל און די יידן אין אַלע זייערע תפוצות איז „אַ פאַקט, וואָס האָט אַ נישט קלענערן באַטייט אין לעבן פון מיטעלן מזרח — ניין, אין אינטערנאַציאָנאַלן לעבן בכלל — ווי די חשבונות פון אויל און סטראַטעגיע". צו שטעלן גייסט באַגלייך אָדער איבער אויל און סטראַטעגיע, מיינט צו אָנערקענען נישט נאָר די גלייכוויכטיקייט און גלייכווערטיקייט פון קולטור און ציוויליזאַציע — נאָר אויך די איבערוויכטי־קייט און איבערווערטיקייט פון ציוויליזאַציע איבער קולטור, און אין דער גאַנצער ביז איצטיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט קולטור איבערוויכטיקט און איבערווערטיקט ציוויליזאַציע.

די אייביקייט צוויי־געשטאַלטיקייט פון יידישן פאָלק דיקטירט דאָס געפיל און די איבערצייגונג, אַז אַ שטאַרקע ווי איצט און נאָך אַ שטאַרקערע שטיצע, אַ טיפע ווי איצט און נאָך אַ טיפערע אחדות מצד פון דעם מחוץ לארץ גע־שטאַלטיקן יידנטום, וועט אַלע מאָל זיין נייטיק, זי וועט אַלע מאָל געפונען ווערן פאַר מדינת ישראל, אין אַזעלכע אָדער אַנדערע ווינקלען פון דער גאָרער וועלט.

שטאַרקע באַגרינדונגען קאָנען געבראַכט ווערן פאַר דער האָפענונג, אַז דאָס ביז איצט געבענטשטע ווינקל פאַרן יידנטום אין דער וועלט — דאָס אַמע־ריקאַנער יידנטום וועט אויך אין די קומענדיקע דורות בלייבן אַ פעלזיקע שטי־צע פאַר דער יידיש־נאַציאָנאַלער היים — מדינת ישראל.

אַ שטראָם מיט ליכט בנוגע דעם איצט און דער צוקונפט פון דעם אַמערי־קאַנער יידישן ווינקל טוט אַ פלים אַרויס פון משה פראַגערס אַרטיקל (צוקונפט — אַפּריל 1955) „ווי אַ ישראלי זעט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום".

זיינעם אַ פריינט, אַ פּראָוואָרצלטן אַמעריקאַנער ייד, וואָס האָט אים גע־זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער יידן זענען געגליכן צו דער לבנה, וואָס גנבעט אַ ביסל בלאַס אָרעם ליכט פון דער זון, ענטפעט דער ישׂראלי פּראַגער: „ניין, אַמעריקאַ־נער יידנטום איז נישט עפּעס אַ במקום־פּראָדוקט, אָן אייגענע וואָרצלען און פּאָ־טענצן. אַמעריקאַנער יידנטום איז ביים היינטיקן טאָג איינע פון די וווּנדערלעכ־סטע דערשיינונגען אין דער יידישער נצחיות. אַמעריקאַנער יידנטום איז אַ לע־בעדיקער אָרגאַניזם. זיינע נאַציאָנאַלע איינפלוסן זאַמלען זיך איצטער און הייבן אָן פּערמענטירן. אַמעריקאַנער יידנטום האָט דעם גרעסטן חלק אין דער נאַציאָ־נאַלער קאָנסאָלידאַציע פון וועלט־יידנטום אין דער טראַגישער עפּאָכע אונדזע־רער צווישןביידע וועלט־מלחמות. אַמעריקאַנער יידנטום געהערט צו די גרעס־טע ניסים אין דער יידישער געשיכטע".

דער נס פון אַן אומגעהערטן און אומפאַרגלייכלעכן אויפשוווּנג פון דעם יידישן קיבוץ אין אַמעריקע ווי דער נס פון דער עטאַבלירונג פון מדינת ישׂראל — די דאָזיקע ביידע ניסים זענען מיסטעריע־פּולע פּועל־יוצאס פון דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק פונעם מאָמענט אָן וואָס עס איז געוואָרן אַ פאָלק, האָט זיך אריינגעקלאַמערט אָרגאַניש אין דער אייביקייט. פון דער אייביקייט פליסט עס ארויס די צייט, וואָס אויף איר — ווי חיים גרינבערג רופט אָן — „לאַטיפונ־דיע", האָט דאָס יידישע פאָלק געקענט לעבן אָן אַ ממשותדיקן אָנשפּאַר פון שטח, אין דער געשטאַלט פון לאַנד.

סובסטאַנץ איז אייביק. אייביקייט גופא איז מער פאַר סובסטאַנץ. זי איז מער אַן אויבער סובסטאַנץ. דער מענטשלעכער גייסט, וועלכער איז לויט שפּי־נאָזאַן אַן אַדעקוואַטע דערקענטעניש פון אייביקן און אומענדלעכן מהות פון גאָט, איז ווי גאָט אַליין אַזוי פיל אין דער סובסטאַנץ ווי איבער איר. די טיפע גאָט דערקענטעניש פון יידישן פאָלק, זיין אינטויטיווער אויפנעם פון דער אייבי־קייט און זיין געפיל פון אָרגאַנישן אָנשלוס אָן אייביקייט פון וועלכער עס שטראַלט ארויס צייט, האָט מעגלעך געמאַכט פאַרן יידישן פאָלק נישט אונטער־צוגיין מיטן אונטערגאַנג פון אַ לאַנד. דאָס לאַנד איז אויף אַ לאַנגן צייט־אויס־שפּרייט באַהערשט און באַזיגט געוואָרן פון פאַרשיידענע פעלקער. ישׂראל אָבער ווי אַ פאָלק איז גייסטיק און קולטורעל, אין אַ ספּעציפישן איין און אייגנאַרטיקן זין, פון קיינעם נישט באַהערשט און נישט באַזיגט געוואָרן. די פונקען טליענדי־קע אין אַש, האָבן זיך אין פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע וועלט־ווינקלען פונאַנדערגעפלאַקערט און — צום העלסטן — אינעם גאָט געבענטשטן ווינקל אַמעריקע.

דאָס יידישע פאָלק איז געווען און געבליבן ווי די אייביקייט אַליין — צוויי־געשטאַלטיק אָבער איין און איינציק פאָלק. און איצט דערשיינט עס פאַר דער וועלט ווי ישׂראל מחוץ לארץ־ישׂראל. און ישׂראל אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז איצט — מדינת ישׂראל.

דאָס טיפע געפיל פון דער איין און איינציקייט פון ישראל און זיין צוויי־געשטאַלטיקייט, דער נשמהדיק־מיסטישער ציטער פאַר מאָנאָ־ישראַליזם אין זיין צוויי־געשטאַלטיקייט האָט געפירט מיט דער פען פון שמעון ראַבידאָוויטש ווען ער האָט געשריבן צו בן גוריונען:

„עס מוז זיין אַן אַקסיאָם בין ישראל לישראל, אַז יעדער מדינת ישראל־ייד האָט פּאַקטישע און פולע בירגערשאַפט אין יעדן יידישן קיבוץ, אין וועלכן ער לעבט צי קורץ צי לאַנג. מיר האָבן נישט אין די תפוצות קיין פּאַרלאַמענט, און מיר קאָנען נישט מאַכן קיין בירגערשאַפט־געזעצן, אָבער מיר האָבן איין געזעץ געשריבן מיט פייער און בלוט, וואָס באַשטייט נאָר פון צוויי ווערטער: י ש ר א ל א ח ד, און דאָס הייסט, אַז ווו אַ ייד פון מדינת ישראל שטעלט אַוועק זיין פוס אין וועלכער עס איז קהילה אין חוץ למדינה — איז ער אַ פולער בירגער, אַ ברודער, אח לצרה ולשמחה — אויב עס איז דאָ שמחה. מדינת ישראל האָט זיך צו ראַנגלען מיטן פּראָבלעם פון מיזוג גלויות. פון שטאַנדפּונקט פון ישראל אחד שטייט פאַר אונדז דאָ אַ טאָפּלט שווערע פּראָבלעם: מיזוג גלויות צווישן זיך און די תפוצות און מיזוג מדינת ישראל מיט די תפוצות ישראל... פאַר מיר איז דאָס מוותר זיין אויף דעם נאָמען ישראל אַזוי ווי זיך אָפּשניידן אַן אבר פון גוף, ניין. אַ סך מער: ווי אַרויסדרייסן דאָס האַרץ!"

דאָס ליכט וואָס שיינט אַרויס פון אונדזער גאַנצן עבר און די וויזיע פון דער צוקונפט פון דעם צוויי־געשטאַלטיקטן פאָלק ישראל מיט זיין נשמהדיק־מיסטישן ציטער פאַר מאָנאָ־ישראַליזם שטאַרקט אונדזער גלייבן, אַז פריער אָדער שפּעטער, און גיכער פריער, וועט זיך ענדערן אונדזער בליק אויף גלות, אויף אונדזער צוגאַנג צו אים און צו דער גאַנצער געשטאַלטיקייט פון ישראל, וואָס געשטאַלטעט זיך פאַר הונדערטער יאָרן אין די תפוצות.

חיים גרינבערג און שמעון ראַבידאָוויטש, זענען פון דער קאָמעגאָריע יידישע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס שטעלן זיך איין ביז צו אַ געוויסן גראַד פאַר דער דאָזיקער ענדערונג. חיים גרינבערג האַלט, אַז נישט אַלע אונדזערע יידישע גלותן זענען געווען ביטערע, און אַז גלות בבל איז געווען גאָר ווייט פון ביטער. „אויב בדרך כלל", — שרייבט גרינבערג, — „זאָל גלות סימבאָליש פאַרגליכן ווערן צו נאַכט, זענען פאַראַן גלותן ווו די נאַכט איז אַ שטיק פינצטערניש און גלותן אַזוי צו זאָגן מיט אַ לבנה־נאַכט". און שמעון ראַבידאָוויטש קען נישט פאַרטראָגן און וויל בשום אופן נישט מוחל זיין אויף דער גרויסער זינד פון אַריבערטראָגן דעם נאָמען ישראל פון פאָלק אויף מדינה. פאַר אים איז ישראל און מדינה נישט חד הוא. דאָס פאָלק איז אויסגעשמידט געוואָרן און ווערט איצט געשמידט נישט נאָר אין לאַנד פונעם פאָלק ישראל נאָר אין לענדער פון אַלערליי תפוצות אין גלות פינצטערע און ליכטיקע.

מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט קען איצט ביז א גראד שטאָק-נאַכטיקע פינצטערניש פארוואנדלט ווערן נישט נאָר אין לבנה-אנטפלעק פאַרן יידישן פאָלק, נישט נאָר אינגאנצן ארויסגענומען ווערן פון די רייען פון פינצטערע אָדער אפילו לבנה-נעכט גלותן, נאָר אז די יידן אין אַמעריקע זאָלן לחלוטין משנה שם זיין, און גלות זאָל מער אויף די ליפּן פון אן אמעריקאנער יידן נישט גע־בּראַכט און צו די יידישע אויערן זיך נישט דערטראָגן. א ניי וואָרט, א נייער נאָמען וועט פארנעמען דאָס אָרט פון גלות ווען עס וועט זיך רעדן פון דער אַמעריקאנער יידיש-בּירגערלעכער היים פון פאָלק ישראל.

מיר טאָרן נישט פארגעסן, אז די גרעסטע צייט פון אונדזער עקזיסטענץ, די גרעסטע צאָל יאָרן פון אונדזער זיין אויף דער וועלט ווי אן אייגנאַרטיק גייסטיק קולטור פאָלק, האָבּן יידן פארבראַכט אין פרעמדע היימען. אין די פרעמ־דע היימען אין די בעסטע ווי אין די שלעכטסטע, איז דער טראָפּ געשטעלט גע־וואָרן אויף צייט אַנשטאָט שטח, אויף אייביקייט אַנשטאָט פארגענגלעכקייט, אויף אן אומענדלעכן באחרית הימים, אַנשטאָט אויף ענדלעכע און באַגרענעצטע צאָל מיילן פון שטח אונטערן נאָמען לאנד. אין דער פרעמד האָט זיך פארטיפט אונדזער געפיל און זיכערקייט אין אונדזער אויסדערוויילטקייט צו זיין די ערשטע אריינצופירן די מענטשהייט אין היכל פון אמת און ריינער געטלעכקייט. דורך דעם שאַפן הייליקע רעליגיעז-פילאָזאָפישע ספרים און דעם, איבער אלע א זיך טורעמדיקן ספר — דעם תנ"ך, און אלע טיפע קולטור-רעליגיעזע פּרושים צו אים האָבּן מיר געלייגט דעם יסוד פון דער קולטור פאַר אלע דורות פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין אונדזער שיקזאַליש-מיסטישער צוויי-געשטאַלטיקייט האָבּן מיר געשאַפן א צוויי-צווייגיקע קולטור אריינגערעכנט אויך די שאַפונג פון איר צוויי-צווייגיקער ליטעראַטור — א ליטעראַטור אויף לשון קודש און א ליטעראַטור אויף לשון חול. אונדזער סאַמער לעצטער לשון חול, יידיש לשון, איז שוין פון שיקזאַל דורכגענומען געוואָרן מיט פריידן און ליידן, פארצווייפ־לונגען און האָפענונגען; איינגעזאַפּט אין זיך אזויפיל נידערלאַגעס און טרי־אומפן פון די ליידנדיקע יידישע מאַסן, אז זי האָט גרונט און רעכט צו דער־וואַרטן אויב נישט אויף פּאָליטיש-נאַציאָנאַלער איז אויף פאָלקס-גלייכבּארעכ־טונג פון לשון העברעיש און לשון יידיש אין דער יידישער מדינה. דאָס העבּ־רעישע לשון ווידער וועט קריגן א בּרייטערן און שטאַרקערן אַנהאַלט אין די תפוצות. וואָס טיפער דאָס געפיל און וואָס שטאַרקער דער מיסטישער ציטער, וואָס דער אריינוועב פון פאָלק ישראלס צוויי-געשטאַלטיקייט אין דער אייבי־קייטס- צוויי-געשטאַלטיקייט וועט ארויסרופן ביי יידן אין „ישראל" און מחוץ לישראל, אלץ שנעלער וועט קומען און מער וועט זיך פארשפּרייטן די איבער־צייגונג, אז א טאָטאַלער אָדער אבסאָלוטער קיבוץ גלויות, וואָס זאָל זיך אויס־דריקן אין לאָזונג פון איין פאָלק, איין לאנד, איין שפּראַך איז נישט קיין אידעאַל פאַרן אויסנעם פאָלק פון אלע פעלקער — נישט קיין אידעאַל פאַרן פאָלק יש־ראל, אפילו נישט באחרית הימים.

אין ליכט פון דער אייביקייט דערשיינט ישראל אין אַ וויזיע פון פאָלק, פון פעלקער, לענדער: אַ געזונט-פיזיש און טיף־גייסטיק פאָלק מיט דעם זיכערסטן גרונט פון המשך און קיום, פאַרוואָרצלט צום גרעסטן אָדער קלענסטן טייל (לאָמיר האָפן גרעסטן) אין אייגן לאַנד ישראל, און דער אייביקער טייל (זאָל עס זיין דער קלענסטער) לעבט אין פרייד און אין נחת אין זיינע בירגערלעכע היימען און אַנטוויקלט זיך אין אַלע הינזיכטן פאָלקיש און קולטוריש — זעלבסטשטענ־דיק אין די לענדער מחוץ לארץ. צווישן ישראל מחוץ ישראל און ישראל אין מדינת ישראל וועט נישט נאָר, ווי אייניקע פאָדערן, אַריבערגעוואָרפן ווערן אַ בריק, נאָר עס וועט געשאַפן ווערן אַ טיפע און שטאַרקע אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן די צוויי געשטאַלטן פון יידישן פאָלק. פון איין געשטאַלט צו דער אַנדע־רער וועט שטראָמען קענגזייטיק אַ ליבע און הויך־שעצונג, עס וועלן זיך שטאַרק פאַרמערן אַזוי אַרום די נאַציאָנאַל־פאָלקישע און גייסטיק־קולטורעלע פעדעם פון איין און איינציקן געוועב עם ישראל — אַן עם ישראל, וואָס וועט אין ליכט פון אַן אל חי וקים זיין אַן עם חי וקים, און וועט ברענגען פרידן און גליק צו דער גאַנצער מענטשהייט.

„ישראל שלי, איך גלויב, איך גלויב אין דיר, מיין פאָלק ישראל!"
(י. י. סיגאַל)

„דער הויפּט-געבאָט" — שרייבט בן־גוריון — „פון יידישן פאָלק אין אונד־זער דור איז — קעגנזייטיקע יניקה און צובונד צווישן ישראל און די תפוצות".
„פאָלק און ציון", נומער ד־8.

אין ליכט אָבער פון דער צוויי־געשטאַלטיקייט פון דער אייביקייט און פון פאָלק ישראל — איז דער הויפּט-געבאָט פון יידישן פאָלק: קעגנזייטיקע יניקה און צובונד צווישן ישראל און תפוצות נישט נאָר אין אונדזער דור, נאָר עד סוף כל הדורות — וואָס דאָס מיינט פון אייביק ביז אייביק ווי די אייביקייט גופא.

דער יידישער באַגריף וועגן דער שייכות צווישן וועלט און גאָט

דער ריח פון גאָטס אויפגעריסן לייב הערט זיך פון מיר
און פון דער ערד אַרום,
ריח פון טראַכט, פון געבורט. אָט דאָ אין דער מיטן
פון וועלט
ביים ברעג פון אַ וואַלד, האָסטו מיך נאָך אַמאָל
באַשאַפן, באַשעפער.
ה. לייוויק: וואָלקנס אַהינטערן וואַלד.

דער יידישער באַגריף וועגן דער שייכות צווישן גאָט און וועלט ווערט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אַרויסגעבראַכט אין ריכאַרד פּאַן בערס דראַמע יעקבס חלום, ער נעמט יעקבס חלום וועגן לייטער און יעקבס וויזיע וועגן געראַנגל מיט גאָט ווי אַ מיטל אויף אַריינצוטייטשן זיינע אייגענע געדאַנקען. יעקבס צונויפטרעף מיט די העכערע ספערן פון דער וועלט, ווערט אין פּאַן־בערס דראַמע פאַרוואַנדלט אין אַ געראַנגל און אין אַ וויכוח מיט גאָט און זיינע מלאכים וועגן דעם וואָס עס זאָלן זיין די באַציונגען צווישן גאָט, מענטש און אוניווערס.

פּאַן־בער לאָזט יעקבן זיך דערפילן ווי איינער וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון גאָט. וועגן יעקבן זאָגט זיך אין תהילים, אַז ער איז קוים נידעריקער פאַר די געטלעכע וועזנס, אַז פון גאָט אַליין איז ער געקרוינט געוואָרן מיט כבוד און רום, אַז די הערשאַפט איבער גאָטס וועלט איז אים געגעבן געוואָרן און אַלץ איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער זיינע פיס.

צו יעקבס אויערן דערטראָגן זיך די ווערטער פון קוואַל:

איך רויש אַוועק איך רין,
אַ קוואַל, אַ קוואַל, פון טיפן שלאָג איך מיר
דורך פעלדז מיין וועג אַ הער — — —
ווייל דו — ווייל דו פאַרנעמסט מיך יעקב,
בין איך נישט איינזאַם מער!

מיך הערט נישט קיין געוויקס,
קיין שטיין און קיין באַשעפעניש —
גאָטס שטערן זענען ווייט —
איין יעקב נאָר וואָס הערט מיך,
נעמט צו פון מיר מיין איינזאַמקייט.

אַזוי רעדן אויך צו יעקבן די גראָזן, די שטיינער און אַנדערע נאַטור־ און וועלט־אַנטפּלעקונגען. יעקב דערפילט די נאַטור אין זיך און אין דער נאַטור ווי אין דער איבער־נאַטור דערפילט ער זיך ווי אַ פריי־ווילנדיקער און טיף־שטרעבנדיקער איך. ער דערפילט זיך ווי איינער, וועמענס ראָלע אין דער וועלט איז דורכצוזעצן זיין אייגענעם ווילן, פאַרווירקלעכן דאָס וואָס קען נאָר פון אים פאַרווירקלעכט ווערן און דאָס וואָס נאָר ער קען פאַר דעם טראָגן די אחריות. ער דערפילט זיך ווי אַ פּערזענלעכקייט, וועמענס אַנטוויקלונג באַווירקט דאָס אייביקע זיין און דאָס אומאויפהערלעכע ווערן פון דער אוניווערסאַלער פּערזענלעכקייט. ער דערפילט זיך אַזוי אָרגאַניש אַריינגעוועבט אין גאָט און גאָט אין אים, אַז ער זאָגט:

סיקאָן זיין: דו רעדסט פון מיר — צו דיר אַליין —
אַ שמועס פון דיר — מיט דיר — איז מיין געבעט!

ווי אַזעלכער איז יעקב שוין נישט צופרידן מער מיט דער ראָלע פון

אייביק נאָר מיט מענטשן־טריט
זיין וויטן גאָט־וועג דאָ מיטציען
און — מיט זיין וואָרט די לייד באַפרייען, ווערן
זיין אייביק מויל און אייביקער פאַרטיידיקער — — —

די מלאכים קאָנען נישט פאַרטראָגן יעקבס ווידערשפּעניקן גייסט, אין כעס ווערט מלאך אוריאל און שרייט אויס:

באַלד פוילנדיק, פלאַפּלסטו פון „אייביקייט".

און מלאך גבריאל גיט צו צאָרנדיק:

— דער האָר איז אייביק — דו ביסט גראָז פון דער ערד!

איגנאָרירנדיק די מלאכים, ווענדט זיך יעקב אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן צו גאָט:

דו, וואָס ווילסט מיך — דו, וועמען איך וויל — רעד!
זאָג זיי: מיר — צווייפלענדיק, צאָרנענדיק, קריגענדיק, —
קלעפּן צוזאַמען אייביק — דו און איך!

יעקבס קאמף קעגן אַ האר און קנעכט־באַציונג צווישן מענטש און גאָט, יעקבס באַשטיין, אַז:

„גאָט ווילט מיך אויס — וויל גאָט דאַרף מיך אַ פ ר י י ע ן!"

שטארקט און לייטערט זיין נשמה און גייסט. זיין געשטאַלט צעשטראַלט זיך אַזוי, אַז ער פארשאַטנט די מלאכים.

— „זע — ליכט אויף זיין שטערן" — זאָגט איין מלאך. — „גאָטס הער־לעכקייט אויף זיין קאָפּ" — זאָגט אַ צווייטער, און דער דריטער, זיך ווענדנדיק צו אַלע מלאכים, רופט אויס: — „ווי טונקלט איר אין נאָענטקייט פון זיין ליכט!".

זיי דערפילן אַלע, אַז אַ דאַנק זיינע חלומות און ראַנגלעניש מיט די העכערע גייסטיקע קרעפטן און מיט דער העכסטער גייסטיקער קראַפט גופא, איז יעקב געוואָרן אַ נייער און באַנייטער וועזן, אַ טיפערע און פאַרטיפטערע פערזענלעכ־קייט. עס איז פאַרגעקומען אַ דערנענטערונג און באַהעפטונג פון גייסט מיט גייסט, אַ קעגנזייטיקע ווירקונג, אַ דערפרישונג און אַ באַנייונג!

גבריאל זאָגט צו יעקבן:

מיט גאָט דעם האַר האָסטו זיך היינט געראַנגלט!
זאָל אין דיין נאָמען שטענדיק אויף דאָס ניי
אויפציטערן די נאַכט — אַזוי איז זיין באַפעל!
זיין מאָרגן רויט זיך שוין — מאַך אויף די אויגן —
און וואַנדל — קוק, הער — ישראל!

און ווען יעקב דערהערט זיין קנעכט אידניבעלס שטים פון טאָל ארויף:
— „קומסטו יעקב?", ענטפערט יעקב:

נישט „יעקב", צו אייך אַראָפּ שטייגט דער
וואָס האָט מיט גאָט געראַנגלט זיך — ישר־אל!

— 2 —

די גאַנצע דראַמע „יעקב חלום" איז אַ פילאָסאָפיש־קינסטלערישער אויס־דרוק פון דעם יידישן גייסט אין זיין שייכות צו די באַגריפן וועגן די באַציונגען צווישן גאָט און וועלט און וועגן די מעגלעכקייטן פון מענטשן צו דערקענען גאָט.

דאָס איז אַ דערקענונג וואָס לאָזט דעם מענטשן זיך דערפילן, נישט כחומר ביד היוצר, נאָר ווי אַ שותף צו דעם וואָס איז, נישט איין מאָל פאַר אַלעמאָל באַשאַפן געוואָרן, נאָר וואָס הערט נישט אויף באַשאַפן ווערן.

אין דער דאַזיקער דראַמע קומען צום אויסדרוק דער עיקר צוויי שטריכן פון דעם יידישן באַגריף וועגן די שייכותן צווישן וועלט, מענטש און גאָט, וועלכע זענען די פונדאַמענטאַלסטע אין דעם יידישן וועלט־באַנעם. דורך זיי וועט זיך דעריבער דער יידישער גייסט אַלע מאָל לאָזן דערקענען און אַנטפּלעקן אין די שאַפונגען פון זיינע געניאַלסטע שאַפער — ביודעים און זייער אָפט אַפילו בלא יודעים.

די דאַזיקע צוויי שטריכן זענען אימאַנענץ און דערקענעוודיקייט. זיי מיי־נען צו זאָגן, אַז די העכסטע אָנפירנדיקע קראַפט (גאָט), מעג מען זי זיך מאָלן ווי הויך איבער וועלט, איז זי אָבער שטענדיק אינעווייניק אין דער וועלט, זי איז אימאַנענט און נישט טראַנסצענדענט. אָט די העכסטע קראַפט איז, אין איר קוואַליטעט און אין איר מהות, מער און העכער פאַר אַלץ, אָבער נישט לחלוטין אַנדערש פאַר אַלץ. עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן פאַרן מענטשן צו דער־קענען און דערפילן די העכסטע קראַפט. דער מענטש קען דערקענען און דערפילן די דאַזיקע קראַפט פונקט ווי אַ פונק וואָלט דורך זיך דערקענט דאָס פייער און ווי אַ טראָפּן וואַסער — דעם ים, ווען פייער־פונק און וואַסער־טראָפּן וואָלטן דורכגענומען געוואָרן מיט באַוווסטזיין.

אין די באַגריפן פון אימאַנענץ און דערקענעוודיקייט, וואָס פאַראייניקן אין אַ סך פּרטים די דיאַמעטראַל־היפּוכדיקע דענקער, ספּינאָזאַ און בערגסאָן, אַנט־פּלעקט זיך דער גייסט פון זייער פאָלק, דער יידישער גייסט, וועלכער האָט אַלע־מאָל געפילט גאָט אויף דעם מעגלעך נאָענטסטן און קאָנקרעטן אופן. גאָט איז געווען העכער, מעכטיקער און טיפער פאַר מענטש. ער איז אָבער נישט מחוץ דעם מענטש און דעריבער קען דער מענטש אים דערשפּירן. אין גאָטס נאָמען זאָגט דער נביא ישעיה צום פאָלק ישראל:

> נישט מיינע טראַכטונגען זענען אייערע טראַכטונגען
> און נישט אייערע וועגן זענען מיינע וועגן.

דער נביא בלייבט אָבער דאָ נישט שטיין. ער גייט ווייטער און דערקלערט פאַר וואָס גאָטס טראַכטונגען און גאָטס וועגן זענען נישט די טראַכטונגען און וועגן פון מענטש.

> וואָרעם ווי דער הימל איז העכער פון דער ערד,
> אַזוי זענען מיינע וועגן העכער פון אייערע וועגן,
> און מיינע טראַכטונגען פון אייערע טראַכטונגען.

העכערע טראַכטונגען בלייבן אָבער אַלץ טראַכטונגען און וועגן בלייבן אַלץ וועגן, אַפילו ווען זיי זענען די העכסטע. פאַר די דורכשניטלעכע טראַכטונגען איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פאַר אַן אַריינבליק אין די טראַכטונגען פון אַ העכערן גראַד. כל־זמן וועג בלייבט וועג מוז אויך בלייבן דאָס פילן און די פאַרשטענדעניש פון דער נידער פאַר דער הויך. דער מענטשלעכער פאַנטאַזיסט

מוז דערלויבט ווערן זיך פאַרצושטעלן, דאָ און דאָרט אויף איינעם אָדער אַ צווייטן אופן — אַ באַריר און אַן אַריינוועב צווישן מטה און מעלה.

די ענלעכקייט צווישן ספינאָזאַ און בערגסאָן וואָס ליגט טיף אונטער זייער היפּוכדיקע שטריכן, קומט צום אויסדרוק דורך דעם יידישן גייסט, וועלכער פילט זיך ביי זיי ביידן, הגם זיי זענען ווייט איינער פונעם צווייטן. דאָס אייגענע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן נאָך איין קינד פון דעם יידישן פאָלק, וואָס אויך פון זיין וועלט-באַנעם רעדט אַרויס דער יידישער גייסט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיינע גאָר אַמאָליקע שאַפונגען. דאָס דאָזיקע דריטע קינד איז דער דווקא פון יידן ווייטער און פון יידישן גייסט פרעמדער, ענגליש־יידישער פילאָסאָף אַלעק־סאַנדער. אין זיין טיפן און גרויסן ווערק „שטח, צייט און געטלעכקייט", טרייבט ער נאָך ווייטער ווי ספינאָזאַ און בערגסאָן גאָטס אימאַנענץ און דערקענעוודי־קייט. און נישט וויניקער פאַר בערגסאָנען האָט ער געזוכט די אומבאַשטימטע און אומפאָרויסזעעוודיקע באַנייונג און באַשאַפונג פונעם קאָסמאָס. דער געדאַנק, אַז גאָטס אימאַנענץ און גאָטס דערקענעוודיקייט פון די דריי דערמאָנטע אָריגינע־לע יידישע דענקער איז אַ פּראָדוקט און אַ ווייטערדיקע אויסוויקלונג און פאַרטי־פונג פונעם יידישן גייסט, געפינט זיין באַגרינדונג אין דעם גרויסן ווערק „יו־דאַיזם" פון דזשאָרדזש פוט מור. מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער ערודיציע און מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער לאָגישער שאַרפקייט קומט מור צום אויספיר, אַז אַ טראַנסצענדענטקייט און נישט־דערקענעוודיקייט פון גאָט איז לחלוטין פרעמד דעם יידישן גייסט. ער באַטראַכט פאַר פאַלש יעדער אָפּגעזונדערטע קוואַליפיקאַ־צירונג פון דעם יודאַיזם־גייסט ווי „אַבסאָלוט" אָדער „טראַנסצענדענט". ער ווייזט צוריק די יעניקע השערות וואָס ווילן האָבן, אַז דער יודאַיזם, מיט זיין ספּע־ציפישן אופן דערהויבן גאָט איבער דער וועלט, האָט אים אין דער אמתן אַרויס־געטריבן פון דער וועלט אין אַן איינזאַמער מאַיעסטעטישקייט און דורך דעם מקריב געווען די אוממיטלבאַרקייט פון רעליגיעזער באַציונג און אינטימע באַ־דעפטונג פון דער נשמה מיט גאָט.

> אין די ישיבות פון ארץ־ישראל — שרייבט מור — האָט מען נישט געוווסט פון דער פילאָסאָפישער מורא פאַר אַנטראָפּאָמאָרפיזם, וואָס האָט באַוועלטיקט פילאָן און דעם רמב״ם. זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכ־טן וועגן גאָט מיט ווערדע און צו רעדן וועגן אים מיט יראת הכבוד. זייער קריטעריע איז אָבער געווען דער תנ״ך און דער אינסטינקט פון פיעטעט און נישט קיין פרעמדע מעטאַפיזיק.

אונטער פרעמדער מעטאַפיזיק מיינט מור די גריכישע אין דער צייט פון פילאָן, און אַראַביש־גריכישע אין רמב״ם־צייט.

אַנטראָפּאָמאָרפיזם — די גאָט־מענטש און מענטש־גאָט געשטאַלטיקייט און זייער קעגנזייטיקע דערקענעוודיקייט מיינט בשום אופן נישט דאָס זעלביקע וואָס

גאָט־מענטש אידענטישקייט. דער אַנטראָפּאָמאָרפישער באַגריף, ווען ער ווערט ריכטיק פאַרשטאַנען, מאַכט טאַקע דעם מענטשן העכער און גרעסער, אָבער גאָט ווערט דערפון נישט נידעריקער און קלענער. דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם שליסט נישט אויס די מעגלעכקייט אַרויסצוליייענען דורכן מענטשלעכן איך די אייגנשאַפטן פון גאָטס איביקייט און צו פילן די נאָענטקייט פון גאָט אין זיין ווייטקייט און הויכקייט איבער דעם מענטש. אַזאַ סאָרט דערקענען און דערפילן די העכסטע וועלט־קראַפט קען אַרויסגעלייענט ווערן פון די יידישע גייסט־שאַפונגען.

אין רבינו בחיים „והכל ממך מלא״ (און אַלץ איז פול פון דיר), ווי אין בראַזאַס „דעוס עסט אָמניבוס״ (גאָט איז פאַראַן אין אַלץ) פילט זיך די זעלביקע גאָט־דערקענטעניש. די גאָט־דערקענטעניש האָט געטראָגן ביים יידישן פאָלק אַ ממשותדיקן און נאַטירלעכן כאַראַקטער. אויף צו רעדן מיט גאָט, אויף צו זען גאָט פנים אל פנים פאָדערט זיך בלויז אַ מאָראַלישע שלמות און אַן עטישע געלייטערטקייט. דער מענטש דאַרף בלויז אין זיין פאַנטאַזיע, זיך אַוועקטראָגן אין די העכסטע הימלען אַריין, כדי ער זאָל זיך קענען צונויפטרעפן מיט דעם האַר פון אַלע וועלטן. נישט קערפּערלעך, נאָר גייסטיק. נישט אין ממשותדיקן זינען, נאָר אין מעטאַפאָרישן, דאַרף דער מענטש פאַרלאָזן די ערד אויף צו דערזען גאָטס לויטערקייט, אויף צו שפּירן זיין גרויסקייט און הערלעכקייט. ווען דער מענטש באַהעפט זיך אויף אַזאַ אופן מיט גאָט באַקומט די וועלט־פירונג אַ זינען און דאָס מענטשלעכע לעבן — אַ ווערט.

אין קיין שום אַנדער ווערק געפינט זיך נישט אַזאַ זיכערער אָנשפּאַר פאַר דער איבערצייגונג, אַז די ספּינאָזאַ־בערגסאָן־אַלעקסאַנדער־מעטאַפיזיק איז עצם מעצמו ובשר מבשרו פון יידישן באַנעם פון גאָט און וועלט־שייכות, ווי אין דעם ווערק „יודאַיזם״ פון דזשאָרדזש פוט מור.

לחלוטין ווייט פון יידישן דענקען, שרייבט מור, איז די אידעע פון אַ גאָט ווי אַ ריינער און איינפאַכער וועזן, אין זיין אייגנטלעכער נאַטור אַן אומבאַקאַנטער, ווי פילאָן האָט דאָס באַגריפן ווען ער האָט אַנטוויקלט זיין פונדאַמענטאַלע פילאָסאָפיע. יידישער מאָנאָטעיזם איז דערגרייכט געוואָרן דורך דעם גלויבן, אַז גאָטס ווילן פאַר צדק איז דער העכסטער אין דער וועלט־געשיכטע. איין ווילן פירט אַלץ צו איין צוועק, צו אַ וועלט ווי זי דאַרף זיין. אויף אַזאַ אופן איז אַ נאַציאָנאַלער גאָט געוואָרן אוניווערסאַל. מיט איין וואָרט, זיין אַנטשטייונג איז אַזוי אַרום געווען אַ מאָראַלישע און נישט קיין פיזישע און זיין מהות איז דעריבער געווען אַ פּ ע ר ז אָ נ י ש ע.

אַ גאָט ווי אַ פּערזענלעכע וועזנטלעכקייט האָט געמעגט פאַרשטאַנען ווערן איבער־וועלטיק, דערהויבן און עקזאַלטירט איבער וועלט און מענטש. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט געקענט אויפגענומען ווערן מחוץ דער וועלט און זיכער קיין מאָל נישט מחוץ די גרענעצן פון מענטשלעכער דערקענטעניש און מענטש־

לעבער דערגרייכונג. דזשאַרדזש פוט מור איז פעסט איבערצייגט, אַז נישט דער יידישער גייסט נאָר די אַראַביש־אַריסטאָטעלישע מעטאַפיזיק, אונטער וועמענס השפעה דער רמב״ם איז געשטאַנען, האָט געפירט דערצו, אַז דער רמב״ם זאָל באַטראַכטן דאָס צושרייבן אַטריבוטן צו גאָט ווי בלויז אַ פאַרפיינערטן מין אַנטראָפּאָמאָרפיזם. ער איז דעריבער ווי פילאָן געצוווּנגען געוואָרן אויסצוטייטשן גאָר אַ סך שטעלן אין תנ״ך אויף אַ מעטאַפאָרישן און אַלעגאָרישן אופן. און דאָס איז געווען אין גאַנצן להיפוך צום יידישן גייסט און זיין באַנעם פון גאָט־וועלט־און־מענטש־שייכות.

די אימאַנענטע דערקענטעניש, ווי עס שטעלן איר פאָר ספּינאָזאַ־בערגסאָן־אַלעקסאַנדער, איז אַ כסדרדיקע מעשה בראשית, אַ כסדרדיקע ווערן. דאָס זענען אָנשויונגען, וואָס וואַקסן אָרגאַניש אַרויס פון דעם יידישן גייסט. דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט דערפילט אויף דעם קאָנקרעטסטן אופן די העכסטע קראַפט אין דער וועלט ווי אַן איינציק לעבעדיקע און שטענדיק שטייגנדיקע יצירה — ווי בערגסאָן רופט עס „שעפערישע עוואָלוציע" — דאָס זעלביקע וואָס האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע פאַרגעשטעלט דעם מענטשן ווי איינעם וואָס איז אין זיין טיפסטן מהות, ענלעך צו זיין באַשאַפער.

ספּינאָזאַ, בערגסאָן און אַלעקסאַנדער טראָגן, דורך זיך, צו דער וועלט דעם גייסט פון פאָלק וואָס האָט דורך זיינע נביאים געלאָזט זאָגן: „וואָס פאַר אַ גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס גאָט איז נאָענט צו אים". אָדער:

וואָרום אַזוי זאָגט דער הויכער און דערהויבענער,
דער וואָס רוט אייביק, און הייליק איז זיין נאָמען:
אין הויכקייט און הייליקייט טו איך רוען,
אָבער אויך ביים דערשלאָגענעם און געפאַלענעם אין געמיט.
(ישעיה, נז)

און צו מענטשן, ווי זיי זאָלן זיין זיינס גלייכן, זאָגט גאָט דורך דעם נביא:

קומט נאָר, לאָמיר זיך דורכרעדן:
אויב אייערע זינד וועלן ווי קאַרמין זיין,
וועלן זיין ווייס ווי שניי ווערן.
אויב זיי וועלן רויט זיין ווי ווערמילפאַרב,
וועלן זיי ווי וואָל ווערן.
אויב איר וועט וועלן און וועט צוהערן,
וועט איר עסן דאָס גוטס פונעם לאַנד.
אָבער אַז איר וועט נישט וועלן, און וועט ווידערשפּעניקן,
וועט איר פון דער שווערד געגעסן ווערן.
(ישעיה, א׳)

יעדער טיפער אַריינבליק אין דעם מהות פון וועלט, גאָט און מענטש וועט אין זיך תמיד טראָגן שפּורן פון יידישן טעמפּעראַמענט און דענקען: פון דעם יידישן גייסט, וועלכער האָט דער וועלט געגעבן אַ טיף אָריגינעלע רעליגיע און אַ טיף אָריגינעלן וועלט־באַנעם.

דעם טיף־יידישן צוגאַנג צו דער „איך־דו"־שייכות צווישן גאָט און מענטש, געפינען מיר צום בעסטן אויסגעדריקט אין דעם קאַפּיטל פון תהילים:

ווהין זאָל איך גיין פון דיין גייסט?
און וווהין זאָל איך אַנטלויפן פון דיין געזיכט?
אויב איך זאָל אַרויפגיין אין הימל, ביסטו דאָרט פאַראַן.
אויב איך זאָל זיך אויסבעטן אין שאול, זע, ביסט דאָרט פאַראַן
(תהילים, קל״ט)

פּראַגמאַטיזם ווי אַ פאָרגייער פון לאָגישן פּאָזיטיוויזם

1. אַריינפיר

דער פּראַגמאַטיזם איז אַ פילאָסאָפישע שיטה וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן נישט פון איין דענקער ווי דאָס איז, למשל, דער ספּינאָזיזם, דער קאַנטיזם אָדער דער בערגסאָניזם. דער פּראַגמאַטיזם איז אַ פילאָסאָפישע שיטה וואָס פליסט, ווי אַ וואַסער־שטראָם, פון מער ווי פון איין קוואַל. זי ווערט דעריבער אויך ווייטער אַנטוויקלט פון מער ווי איין דענקער. די הויפּט־שאַפער פון אָט דער נייער שטרעמונג אין דער פילאָסאָפיע זענען דריי אַנגלאָ־זאַקסן. איינער איז דער ענגלישער פילאָסאָף פערדינאַנד שילער (1864 — 1937), די אַנדערע צוויי זענען די אַמעריקאַנער וויליאַם דזשיימס (1842 — 1910) און דזשאָן דיווי (1859 — 1952).

דזשיימסעס נאָמען איז צוליב אַ סך טעמים אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיטן פּראַגמאַטיזם אַז איייניקע באַטראַכטן אים פאַר דעם פאָטער פון אָט דער שיטה. דזשיימס גופא אָבער באַשטייט פעסט אַז דער ערשטער און באַטייטיקסטער מקור פון אָט דער נייער ווענדונג אין דער פילאָסאָפיע איז דאָס אַרטיקל, געשריבן פון דעם אַמעריקאַנער, קאַרל פּיערס, „ווי אַזוי מאַכט מען אונדזערע באַגריפן קלאָר“.

אָט דער אַרטיקל האָט עס דזשיימסן געגעבן דעם ערשטן און שטאַרקסטן שטויס צו פאָרמולירן דעם פּראַגמאַטיזם. שפּעטער האָט שוין דזשיימס געפונען אַ סך רמזים אויף דעם פּראַגמאַטיזם אויך ביי די דייטשע פילאָסאָפן ערנסט מאַך, ווילהעלם אָסוואַלד און געאָרג זימעל. דזשיימס וויל אַפילו האָבן אַז דער סאַמע ערשטער מקור פון דעם רושם־מאַכנדיקן פּראַגמאַטיזם האָט אָנגעהויבן שלאָגן נאָך אין דער גריכישער פילאָסאָפיע, באַזונדערס דעמאָלט ווען עס איז אויפגעשוווּמען פּראָטאַגאָר, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין אַרונטעררייסן די הימל־הויכע טעאָרעטישע ספּעקולאַציעס אויב זיי זענען זיך נישט סומך אויף ערדישער פּראַקטישקייט און מענטשלעכער דערפאַרונג. פּראָטאַגאָרס באַהויפּטונג אַז דער מענטש איז די איינציקע מאָס אויף צו מעסטן אַלע זאַכן און געשעענישן אין דער וועלט, איז דער צענטראַל־פּונקט פון זיין גאַנצער פילאָסאָפיע.

די סיבה וואָס דזשיימסעס נאָמען איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן פּראַגמאַטיזם, אויף אַזוי ווייט אַז ער האָט לגמרי פאַרטונקלט פאַרן ברייטן עולם די נעמען פון די אַנדערע זייער באַטייטיקע פילאָסאָפן־פּראַגמאַטיקער, שטעקט דער עיקר אין דעם וואָס ער איז געווען דער ערשטער אָנצוווענדן פּיערסעס געדאַנקען־גאַנג אויף דעם רעליגיע־פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם וואָס איז אַזוי אַבסטראַקט, פּרעמד דעם מענטשלעכן געדאַנק און גלייכצייטיק אַזוי אינטים און קאָנקרעט נאָענט צום מענטשנס האַרץ און נשמה.

אין דזשיימס רעפעראַט דער ווילן צו גלויבן, וועלכער האָט מיט שטורעם געצומען דעם גאַנצן אַמעריקאַנער עולם, האָט דזשיימס זיך באַמיט צו דערווייזן אַז פון אַלע שטאַנדפּונקטן לויט זיך (נאַטירלעך, אין בעסטן זינען פון וואָרט) צו גלייבן אין אַ גאָט. און מעג זיך אונדזער לאָגיק אָפּזאָגן צו געבן אונדז אַפילו איין און איינציקן אַרגומענט לטובת דער אומפאַרמיידלעכקייט פון גאָטס עקסיסטענץ און מעג די לאָגיק מחייב זיין אַלע מינים ספיקותן אַז אַ גאָט איז דאָ אויף דער וועלט, זענען מיר דאָך באַרעכטיקט צו גלייבן. און באַרעכטיקט זענען מיר צו דעם, על־פּי דזשיימס, ווייל דער גלויבן אין גאָט גיט אונדזער גייסט, אונדזער נשמה, אונדזער פּסיכיק און אונדזער אינטעלעקט אַ סך מער ווי דער נישט־גלויבן. און וויבאַלד מיר קריגן די זיכערקייט אַז מיר באַקומען אַרויס אַ גרעסערן רוחניותדיקן פאַרמעגן פון דעם גלויבן ווי פון דעם נישט־גלויבן, זענען שוין קיין שום לאָגישע ראיות ניט בכוח ווידערצושטיין דעם גלויבן־עקסטאַז. דאָס געפילט אַז עס לוינט זיך בעסער צו גלייבן אין גאָט צעשמעטערט די לאָגיק, ווייל די לאָגיק איז נישט ביכולת צו נעגירן גאָטס מהות, פירט זי בלויז צו אַזאַ סקעפּטיציזם וואָס פילט אָן מיט יאוש און וואַרפט אָן אויף דער נשמה אַ פוסטקייט דורכגעדרונגען מיט פחד.

דער פּרווו צו רעכטפאַרטיקן, אויף אַ יסוד פון פּראַקטישקייט און נוצלעכקייט, אַזאַ הייליק געפיל וואָס איז אַזוי ווייט פון נוצן, ווי דאָס איז רעליגיע, האָט בליץ־שנעל צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער דענקנדיקער טייל וועלט. אַ פילאָסאָפיע, וואָס האָט אָנגעצייכנט פאַר איר ענדציל די פּראַקטישקייט און נוצלעכקייט אין בעסטן, ברייטסטן און טיפסטן זינען פון די ווערטער, האָט ערנסט פאַרנומען די מוחות פון אַ סך דענקערס. דעם דערמאָנטן רעפעראַט האָט דזשיימס געהאַלטן אין 1896, ד"ה מיט אַכצן יאָר נאָך דעם ווי קאַרל פּיערס האָט מיט זיין שוין דערמאָנטן אַרטיקל, ווי דזשיימס מיינט, געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם פּראַגמאַטיזם. אין משך פון די אַלע אַכצן יאָר האָט קיינער, הוץ דזשיימסן, נישט באַמערקט דעם פונדאַמענט פון אַזאַ גרויסן בנין. קיין איין ציגל איז צו דעם בנין נישט צוגעלייגט געוואָרן פאַר דער גאַנצער צייט. קיינער האָט זיך נישט גענומען פאַרפעסטיקן די אמונה אויף פּראַגמאַטישע יסודות.

נאָך דזשיימסן קומען באַלד דיווי און שילער. זיי הייבן אָן אַנטוויקלען דעם פּראַגמאַטיזם אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן, אויף אַ סך ברייטערן און טיפערן אופן

ווי דזשיימס. און הגם שילער, דיוי און דזשיימס, די דריי מנהיגים פֿון דעם פּראַגמאַטיזם, זענען ווייניק מחולק צווישן זיך בנוגע די עיקר־פּרינציפּן און אַנווענדונגען פֿונעם פּראַגמאַטיזם, זענען דאָך זייערע אויסגאַנג פּונקטן, ווי אויך אַ סך פֿון זייערע אויספֿירן און ענד־פּונקטן, שטאַרק פֿאַרשיידן איינע פֿון די אַנדערע און יעדן איינעמס פּראַגמאַטישע אָנשויונג פֿאַרדינט אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג. שוין דאָס אַליין וואָס שילער רופֿט זיין אָנשויונג הומאַניזם און דיוי זיינע רופֿט אינסטרומענטאַליזם, באַווייזט אַז יעדער איינער פֿון זיי באַגרייפֿט און דערקלערט די פּראַגמאַטישע וועלט־אָנשויונג אויף אַן אַנדער, מער ווייניקער, אייגנאַרטיקן אופֿן. מיר וועלן זיך אָבער אָריענטירן כּמעט בלויז לויט דעם ווי דזשיימס האָט אים תּופֿס געווען.

2. נישטאָ קיין דערקענטעניש מחוץ דער דערפֿאַרונג

דער פּראַגמאַטיזם, נוסח דזשיימס, וויל קודם־כּל אין זיינע באַטראַכטונגען וועגן דער וועלט, לגמרי אויסשליסן די שאלה מכּוח דעם מהות פֿון דעם קאָסמאָס. ער דענקט אַז וואָס דער עצם פֿון דער וועלט זאָל נישט זיין, זענען חוץ אונדזערע חושים און געפֿילן נישטאָ קיין אַנדערע וועגן וואָס זאָלן אונדז פֿירן צו דערקענען אַזאַ מהות. חוץ דער מענטשלעכער דערפֿאַרונג איז נישטאָ קיין אַנדער אופֿן אַז דער וועלט־יש (די רעאַליטעט) זאָל זיך אונדז אַנטפּלעקן. קומט דאָך שוין במילא אויס, אַז יעדער געפֿיל, יעדער חוש אונדזערער איז אַ מין המשך אָדער גאָר אַ טייל פֿון דער אוניווערסאַלער ווירקלעכקייט. דער פּראַגמאַטיזם עצהט דעריבער די פֿילאָסאָפֿן זיי זאָלן אויפֿהערן צו פֿאַרנעמען זיך מיט הקירה און פּילפּול און מי טריין לאָגישע סברות. אָנשטאָט דעם זאָלן זיי זיך בעסער פֿאַרטיפֿן אין זייערע אייגענע געפֿילן און דערפֿאַרונגען ווי אויך פֿון די אַנדערע לעבעדיקע ברואים. און ווען אפֿילו די פֿילאָסאָפֿן דענקען אַז זייער אויפֿגאַבע און ציל אין דער וועלט באַשטייט דווקא אין קענען דערגיין צום עצם־תּמצית פֿון גאָטס וועלט, וועט אָט דער בליק גופֿא, טענהט דער פּראַגמאַטיזם, קיינמאָל נישט קומען דורך דער קאַלטער לאָגיק. אויב דאָס איז שוין אַזוי באַשערט דעם פֿילאָסאָף, וועט עס אים קומען דורך דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער דערפֿאַרונג.

דער פּראַגמאַטיזם באַשטייט פֿעסט אַז אויב נאָר מיר וועלן איינשטעלן אינטימע סימפּאַטישע באַציונגען צו די קאָנקרעטע דערפֿאַרונגען, וועלן מיר זיך אַ סך גיכער, און מיט מער זיכערקייט, דערנענטערן צום קאָסמאָס־מקור, איידער דורך חקירות און סברות וועגן דעם סאַמע לעצטן קוואַל פֿון דעם וועלט־שטראָם. מחמת די דערפֿאַרונג, לערנט אונדז דער פּראַגמאַטיזם, איז די פֿאַרקערפּערונג פֿונעם לעבנס־תּוך און דער אויסדרוק פֿון דעם טיפֿסטן און וואַרעמסטן טייל פֿון דער מענטשלעכער נשמה, בעת די חקירות מיט אַלע זייערע טעאָרעטישע לופֿט־שלעסער זענען דער פּועל־יוצא פֿון דעם ריינעם שׂכל און אַבסטראַקטער

לאָגיק, ביידע, די פלאַכסטע אויסדרוקן פון דעם מענטשנס גייסט. אין דער פי־לאָסאָפישער טערמינאָלאָגיע ווערט אָט די פאָדערונג פון דעם פראַגמאַטיזם אויסגעדריקט לערך אַזוי: מעטאַפיזיק איז יענער טייל פון דער פילאָסאָפיע וואָס באַרנעמט זיך דער עיקר מיטן דערגרונטעווען זיך צום סאַמע עצם פונעם קאָסמאָס.

דער פראַגמאַטיזם וואַרפט פאָר דער מעטאַפיזיק, אַז פאַר איר איז די קור־ריאָזיטעט וויכטיקער ווי די נוצלעכקייט. ער לייקנט נישט אין דער אינטערע־סאַנטקייט פון צייכענען אַ פּלאַן לויט וועלכן די וועלט האָט געקענט געבויט ווערן. די פלענער גופא מעגן זיך זיין טאַקע ווי גראַנדיעז, וואָס עס גייט אָבער דעם פראַגמאַטיזם אין לעבן אַריין איז: וואָס פאַר אַ ממשות און וואָס פאַר אַ באַטייט האָבן די פאַרשיידענע היפּאָטעזעס מכוח דעם מאַטעריאַל און דעם בנין פון דער וועלט אויב זיי פאַרענטפערן נישט די פראַגע אויף וועלכער דעם מענ־טשנס מוח שטויסט זיך אָן אין זיין קאַמף פאַר דערהאַלטונג און אין זיין שטרעבן צו געפינען דעם ווערט, דעם צוועק און דעם זינען פון זיין אייגענעם לעבן? וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די מעטאַפיזישע הימל־שלעסער אויב עס געפינען נישט קיין אָפּקלאַנג אין זיי די אַלע מענטשלעכע איבערלעבונגען, אַלע תאוות און תשוקות וואָס פילן־אָן די נשמה פון אַלע מענטשן, דעם קלענסטן ווי דעם גרעסטן?

אַלע ביז־איצטיקע מעטאַפיזישע גריבלערייען האָבן געשטרעבט צו באַ־פרייען זיך וואָס מער פון זינדיקע געפילן, זיי האָבן געוואָלט זיך דערהייבן צום ריינעם שכל, צו אַזאַ ריינער לאָגיק וואָס זאָל זיין ריין פון תאווהדיקייט, געליי־טערט פון די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט די האַרציקסטע באַגערן פון דעם זינדיקן בשר־ודם. די מעטאַפיזיקערס האָבן דאָס געטאָן ווייל זיי האָבן געהאַלטן אַז דער וועלט ־תמצית איז אַ לאָגישער, בכן איז נאָר די לאָגיק ראוי נתגלה צו ווערן אין דעם וועלט־תמצית, נאָר דורך איר קען דער „נסתר" ווערן אַ „נגלה".

די ווערטער און די סיסטעמען פון די דאָזיקע פילאָסאָפן זענען אויסגע־כאָוועט געוואָרן אין שוים פון דער לאָגיק. היות דאָס זענען נישט קיין „דברים היוצאים מן הלב", איז קיין חידוש נישט, זאָגט דער פראַגמאַטיקער, וואָס זיי האָבן לחלוטין אויפגעהערט צו אַפּעלירן צו יענע מיליאָנען מענטשן וואָס זייער לעבנס־אימפּולס קלאַפּט אַזוי שטאַרק אַז דעם קאָפּ איז פשוט אוממעגלעך אויף איין רגע צו איגנאָרירן דאָס צאַפּלען פונעם האַרץ. טענהן דעריבער די פראַג־מאַטיקערס, אַז כדי די פילאָסאָפיע זאָל באמת ווערן אַ לעבנס־פאַקטאָר, אַ נוי־טיקייט וואָס אָן איר זאָל דער מענטש נישט קענען אויסקומען, מוז זי אויפ־הערן זיך מתעסק צו זיין מיט דעם מהות פון דער וועלט. אַנשטאָט דעם זאָל זי בעסער אָפּגעבן אירע כוחות צו פאָרשן די ווירקונגען און קעגנווירקונגען צווישן דער רעאַליטעט, וואָס זי זאָל נישט זיין, און דעם מענטשן אָט ווי ער

איז, מיט אַלע זיינע ליידנשאַפטן און געפילן, מיט זיינע חכמות און נאַרישקייטן, מיט זיינע סתירות אַזוי גוט ווי מיט זיינע קאָנסעקוועגטקייטן און לאָגישקייטן.

די ווירקלעכקייט פאַר זיך גופא, אויב זי עקזיסטירט בכלל, איז פאַר דעם מענטשן נישט וויכטיק אַפילו ווען ער זאָל זיין בכוח זי צו דערקענען. דער מענטש ווידער, פאַר זיך גופא, אומאָפּהענגיק פון דער ווירקלעכקייט, עקסיסטירט אַוודאי נישט. דעריבער דאַרף די גאַנצע וואָג פון דער פילאָסאָפיע אַרויפגעלייגט ווערן אויף די שייכותן צווישן דעם מענטשן און דער ווירקלעכקייט. אָט די שייכותן רופט דער פּראַגמאַטיזם דערפאַרונג. זיי זענען כולל אין זיך נישט נאָר דעם מענטשנס אינעווייניקסטע גייסטיקע וועלט, נאָר אויך די דרויסנדיקע פיזישע וועלט, ווייל דער מענטש אָן דער דרויסנדיקער פיזישער וועלט איז פונקט אַזוי אוממעגלעך ווי פייער אָן ליכט.

דער פּראַגמאַטיזם באַהאַנדלט דעריבער די גאַנצע פיזישע אָדער מאַטעריעלע וועלט בלויז ווי אַ צאָל פונקציעס. דער טיש, למשל, איז פאַר אים נישט קיין גייסטיקער און נישט קיין מאַטעריעלער אָביעקט. ער איז אַן „עפּעס", אַ יש וואָס ווערט דורכן מענטשן גענוצט פאַר פאַרשיידענע צוועקן: מען שרייבט אויף אים, מען עסט אויף אים, מען האַלט אויף אים זאַכן. דאָס זענען די פונקציעס פונעם טיש. ס'הייסט, די אַלע פונקציעס צוזאַמענגענומען שטעלן מיט זיך פאַר אַ טיש, דאָס זעלבע געשעט מיטן האָלץ פון וואָס דער טיש ווערט געמאַכט, מען מוז משיג זיין מיטן שכל וואָס איז אַזוינס האָלץ, וואָס פאַרא נוצן דאָס ברענגט, וואָס פון דעם ווערט געמאַכט און אַזוי כסדר מיט אַלע עלעמענטן און זאַכן וואָס שטעלן צענויף דעם אוניווערס. דער גאַנצער זיין פון דער פיזישער וועלט באַשטייט בכן פון פונקציעס, פון נוצן וואָס די לעבעדיקע באַשעפענישן מאַכן פון אָט דער אומלעבעדיקער וועלט.

די גייסטיקע וועלט ווידער איז פאַר דעם פּראַגמאַטיקער נישט מער ווי אַ שטראָם פון האַנדלונגען, אויפפירונגען און מעשים. יעדער געפיל, יעדער שטימונג, יעדער מחשבה איז נישט מער ווי אַ מוסקול אָדער נערוו־באַוועגונג. אַלץ וואָס גייט אָן צווישן דער גייסטיקער און פיזישער וועלט, אַלע צוזאַמענשטויסן צווישן אָט די ביידע טיילן פון דעם וועלטאַל רופט עס דער פּראַגמאַטיקער דערפאַרונג. אין דעם דערפאַרונג־שמעלצטאָפּ ווערן ביים פּראַגמאַטיקער צעשמאָלצן אַלע פיזישע אָביעקטן און זאַכן, אַלע פּסיכישע צושטאַנדן און סוביעקטן. „דאָס פּאַפּיר", זאָגט דזשיימס, „וואָס מיר זעען און אונדזער זען דאָס פּאַפּיר זענען בלויז צוויי נעמען פון איין אומצעטיילטן פאַקט. און דער ריכטיקער נאָמען פון אָט דעם פאַקט איז דאַטע, דערשיינונג אָדער דערפאַרונג".

דער ציל פון דעם פּראַגמאַטיזם איז אויסצופאָרשן גרינטלעך אַלע מינים דערפאַרונגען און זיי אונטערוואַרפן אונטער דעם שאַרפסטן אַנאַליטישן מעסער. און מהאי־טעמא טאַקע רופט זיך די דאָזיקע פילאָסאָפישע שיטה פּראַגמאַטיזם,

פּראַגמאַ איז די טייטש אוכ׳מיטלבאַרע דערפאַרונג. און מיט דעם וואָס דער פּראַגמאַטיזם שטעלט דעם טראָפּ אויף דערפאַרונג און אויף די ווירקונגען פון דער זאַך אַנשטאָט אויף דער זאַך גופא, האָט ער דערקלערט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט דער מעטאַפיזיק. ער זאָגט זיך לגמרי אָפּ צו קלערן ווי די רעאַליטעט זעט אויס איידער מיר דערקענען זי, ער איז בלבֿ ונפש אַריינגעטאָן אין דער פראַגע וואָס אַזוינס איז די רעאַליטעט ביכולת אונדז צו געבן נאָכדעם ווי מיר דערקענען זי. דערמיט האָט זיך דער פּראַגמאַטיזם דערקלערט פאַר אַן אָנהענגער און געטרייען דינער פון דער צווייטער פילאָסאָפישער אָפּטיילונג, באַקאַנט ווי דערקענטעניש־טעאָריע אָדער עפּיסטעמאָלאָגיע. „איינער פון די פאַרדינסטן פון דעם פּראַגמאַטיזם", שרייבט דזשיימס, „איז דאָס וואָס ער איז ריין עפּיסטעמאָ־לאָגיש. ער מוז משער זיין רעאַליטעט, ער מאַכט אָבער נישט קיין השערות בנוגע איר תוכן".

3. נישט די זאַכן זענען וויכטיק, נאָר זייער ווירקונג

דאָ קומען מיר צום צווייטן שטריך פונעם פּראַגמאַטיזם וועלכער קען פאַר־מולירט ווערן מיטן „אַל תסתכל בקנקן (לייען רעאַליטעט) אלא במה שיש בו". נישט די „זאַך אין זיך", הייסט עס, איז וויכטיק, נאָר די ווירקונג וואָס זי קען האָבן אויפן מענטשנס לעבן. באַטראַכטן דעם אויסזען פון אַ זאַך ווי אַ גאַנצע און דורך דעם זיך אויסמאָלן אירע פאַרשיידענע ווירקונגען וואָס זי קען ברענ־גען, הייסט זיין אַבסטראַקט. און דאָס האָט פּראַגמאַטיזם פיינט בתכלית שנאה. פאַרקערט, זען אָדער פילן ווירקונג ווי אַ ווירקונג פון עפּעס און אויף דעם סמך לאָזן אונדזער כוח־הדמיון מאָלן געשטאַלטן פאַר אַזאַ ווירקנדיקן עפּעס, הייסט זיין קאָנקרעט.

דזשיימס גייט אַזוי ווייט ווי צו דענקען אַז „די גאַנצע אָריגינעלקייט פונעם פּראַגמאַטיזם און דער גאַנצער זינען זיינער שטעקט אין דעם וואָס ער באַנוצט אַ קאָנקרעטן וועג אויף צו זען זאַכן. דער פּראַגמאַטיזם הייבט אָן מיט דאָס קאָנקרעטע קערט זיך אום און ענדיקט מיט דאָס קאָנקרעטע". דער פּראַגמאַטיזם דענקט אַפילו אַז אַ סך פון די מעטאַפיזישע פּראָבלעמען וואָלטן גיכער געלייזט געוואָרן דורך אַ פּראַגמאַטישן צוגאַנג, ס'הייסט ווען מען זאָל זיי באַטראַכטן אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט אָדער פון דעם רעזולטאַט וואָס אַזאַ אָדער אַן אַנדער לייזונג פונעם פּראָבלעם וואָלט מיט זיך געבראַכט. דערפאַר באַשטייט דזשיימס פעסט אויף דעם אַז דער פּראַגמאַטיזם איז גאָר נישט קיין פילאָסאָפי־שער סיסטעם, נאָר בלויז אַ פילאָסאָפישער מעטאָד און אויף דעם סמך אפשר דערלויבט זיך דזשיימס גאַנץ אָפט אַ פלי צו טאָן אין די מעטאַפיזיק־הימלען, ער לאָזט זיך אָבער באַלד אַראָפּ אויף אַ פּראַגמאַטישן פאַראַשוט און הייבט אָן טענהן אַז

וויליאַם נאַטאַנסאָן

אַלע מעטאַפיזישע וויכּוחים דאַרפן אַנטשיידן ווערן מיט דעם פּראַגמאַטישן מעטאָד, ווייל אַנדערש וואָלטן די וויכּוחים אויף אייביק פאַרבליבן אומאַנטשיידן. אַזעלכע פראַגן ווי: איז די וועלט מאָניסטיש אָדער פּלוראַליסטיש? איז זי פאָרויסבאַשטימט פונעם גורל אָדער זי איז פריי? איז זי מאַטעריעל אָדער רוחניותדיק? זענען סברות וועגן קאָסמאָס וואָס יעדער פון זיי קען זיך זיין, לאָגיש, ריכטיק ווי נישט ריכטיק. די דיקוסיעס וועגן אַזעלכע באַגריפן זענען אומענדלעך. דער פּראַגמאַטישער מעטאָד אין אַזעלכע פאַלן איז, געפינען דעם באַטייט פון יעדן באַגריף און די פּראַקטישע רעזולטאַטן צו וועלכע אַ באַגריף קען פירן.

דאָס וואָרט פּראַקטיש איז, גלייך מיט די ווערטער: ווירקונג און קאָנקרעט, אַריין אין דעם וואָקאַבולאַר פון דער פּראַגמאַטיק-ליטעראַטור און ווערט דאָרט זייער אָפט באַנוצט. און אָט אין דעם וואָרט פּראַקטיש האָבן זיך עם די פּראַגמאַטיזם-קריטיקערס אָנגעכאַפּט. ס'טייטש, טענהן זיי, ווער, אויב נישט די פילאָסאָפיע, די קדשי־קדשים פונעם מענטשלעכן געדאַנק, זאָל עס זיין די געדאַנק־דיסציפלין וואָס זאָל זיך שטעלן העכער פון יעדער פּראַקטישקייט?

דזשיימס ענטפערט די קריטיקערס בקול רם אַז ווי הויך די פילאָסאָפיע זאָל נישט שטיין, קען זי אָבער נישט שטיין העכער פאַר דער צופרידנקייט וואָס יעדער דיסציפלין איז מחויב צו ברענגען דער מענטשהייט כדי איר עקסיסטענץ זאָל האָבן אַ זינען און אַ באַרעכטיקונג. און אויב אונטער פּראַקטישקייט ווערט פאַרשטאַנען, ווי די פּראַגמאַטיקערס מיינען, גייסטיקע אַזוי גוט ווי מאַטעריעלע און פיזישע צופרידנקייט, טאָר זיך די פילאָסאָפיע דערפון נישט אָפּטרייסלען. אדרבא, ווען מען זאָל אָט די צופרידנקייט האָבן אין האַנט בעת די מעטאַפיזיקטויערן צעעפענען זיך, וואָלט זי, קלערט דזשיימס, ווי אַ צויבער־ליכט באַלויכטן גאָר אַ סך געגנטן פון דער מעטאַפיזישער ממשלה וואָס שטעקן נאָך עד־היום אין געדיכטן חושך.

אָט די צופרידנקייט ווערט ביי דזשיימסן, ווי ביי אַלע פּראַגמאַטיקערס, באַטראַכט ווי דער איינציקער מעסטאיינס פאַר אמת און שקר. געדאַנקען און געפילן, זאַכן און געשעענישן, באַהויפּטונגען און היפּאָטעזעס זענען וויכטיק בלויז אויף אַזויפיל אויף וויפיל זיי פאַרשאַפן דער מענטשהייט, ווי אַ גאַנצע, גליק און צופרידנקייט; און זייער פאַלשקייט איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאָס אומגליק און אומצופרידנקייט וואָס די מענטשהייט ליידט צוליב זיי. דער אמת איז, בכן, נישט קיין זאַך פאַר זיך גופא, נאָר איז אָפּהענגיק פון די מענטשלעכע נויטן און באַדערפענישן און מיטן בייטן זיך פון די מענטשלעכע שטרעבונגען און באַגערן, בייט זיך אויך דער אמת. בקיצור, דער אמת איז רעלאַטיוו און נישט אַבסאָלוט.

4. די רעלאַטיוויטעט פון אמת

דערמיט קומט בולט ארויס דער קאָנטראַסט צווישן דעם פּראַגמאַטיזם און די מעטאַפיזישע סיסטעמען אין דער פילאָסאָפיע, באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען אַבסאָלוטע. זיי רופן זיך אַזוי, טאַקע דערפאַר וואָס פאַר זיי איז דער אמת נישט רעלאַטיוו נאָר אַבסאָלוט. די אַבסאָלוטיסטן גלייבן אַז ערגעץ ווו געפינט זיך אַן אָביעקטיווער אמת וואָס ווירקט אויף אַלע מענטשלעכע אורטיילן. דער מאַיעסטעטישער אמת גופא אָבער ווערט פון קיינעם און פון גאָרנישט באַווירקט. די אומאויפהערלעכע שטרעבונג פון יעדן דענקער, ווי דער ענדציל פון אַלע הויכע און טיפע חקירות — האַלטן די אַבסאָלוטיסטן — דאַרף זיין אַט דעם אַבסאָלוטן אמת צו דערשפירן. פאַר די פּראַגמאַטיקער אָבער זעט די גאַנצע אָביעקטיוויטעט פונעם אמת אויס צו זיין נישט מער ווי אַן אילוזיע. „דאָס אַבסאָלוט אמתע", זאָגט דזשיימס, „איז יענער אידעאַלער פאַרשווינדונג־פּונקט וואָס אין אים, דאַכט זיך אונדז, וועלן זיך אין אַ געוויסן טאָג צונויפטרעפן אַלע אמתן". דער אמת איז לפי די פּראַגמאַטיקערס אַ סוביעקטיווער און די גראַדן פון דער אמת־מאָס ווערן באַשטימט דורך דעם מענטשנס צופרידנקייט און צוועקמעסיקייט.

דער סוביעקטיוויזם פירט אָבער נישט דעם פּראַגמאַטיזם צו סקעפּטיציזם, צו ספיקות אָדער צו נעגירן דעם אמת. ער איז נישט סקעפּטיש. מחמת ער גלייבט אַז אויף צו דערקענען דעם אמת איז קיין אַנדערער אָדער בעסערער וועג ווי דער סוביעקטיווער אָדער הומאַנער נישטאָ. מעג זיך דאָס דערקענען זיין ווי ווייניק אַבסאָלוט און ווי ווייניק אָביעקטיוו, איז עס אָבער דאָס זיכערסטע, דאָס פּאָזיטיווסטע, ווייל דאָס איינציקע און במילא דאָס בעסטע. „דער אמת", שרייבט דזשיימס, „איז בלויז אונדזער גלויבן אין דער רעאַליטעט און נישט די רעאַליטעט גופא. זי מוז נאַטירלעך כולל זיין אין זיך מענטשלעכע עלעמענטן. די דאָזיקע מענטשלעכע עלעמענטן אָבער וועלן דערקענען די נישט־מענטשלעכע עלעמענטן אין דעם איינציקן זינען וואָס זיי מאַכן מעגלעך דערקענטעניש בכלל".

די פּראַגמאַטישע טעאָריע וועגן אמת, חוץ דעם וואָס זי איז סוביעקטיוו, איז זי נאָך אויך פּסיכיש. דער אמת אויף וויפיל ער עקסיסטירט, שלאָגט זיינע וואָרצלען אין דער פּסיכיק, דאָס הייסט אין האַרץ און אין די געפילן און נישט אין דער לאָגיק, נישט אין שכל, מעג ער זיין דער ריינסטער.

5. לאָגיק איז ניט דער מקור פון דער אמתער דערקענטעניש

דזשיימס שרייט פּאַטעטיש אויס: „ווירקלעכקייט, לעבן, דערפאַרונג, קאָנקרעטקייט, אוממיטלבאַרקייט, נוצט וואָס פאַר אַ וואָרט איר ווילט אַליין, שטייגט איבער אונדזער לאָגיק, פליסט זי אַריבער און רינגלט זי אַרום". אַרומגערינגלט פון אוממיטלבאַרקייט און קאָנקרעטקייט וועלכע ציען זייער יניקה פון די געפילן,

פֿונעם האַרץ, קען שוין די לאָגיק נישט זיין דער מקור פֿון אונדזער אמתע דערקענטעניש, פֿון אונדזערע גלויבנס וועלכע דערנערן זיך מיטן בלוט פֿון אונדזער האַרץ. דזשיימס פֿרעגט: „ווי קען אייער ריינער אינטעלעקט באַשליסן? אויב אייער האַרץ וויל נישט קיין וועלט מיט אַ מאָראַלישער רעאַליטעט, וועט אייך אייער קאָפּ זיכער קיינמאָל נישט מאַכן גלייבן אין אַזאַ רעאַליטעט".

און היות דזשׂיימס גלייבט אַז יעדן מענטשנס האַרץ, אַפֿילו פֿונעם גרעסטן אַפּיקורס, וואָלט זיך גערן מודה געווען — ווען עס זאָל זיך נישט שעמען פֿאַר דער לאָגיק, — אַז בשתיקה און בחדרי־חדרים האָט עס נישט איין מאָל עובר געווען אויף דער עבירה פֿון איבערגעבן זיך ליידנשאַפֿטלעך דעם רעליגיעזן געפֿיל; היות, ווידער, ער איז זיכער אַז אַ שטאַרקע ליידנשאַפֿט איז אַ מער וואָגיקער באַווייז פֿאַר גאָטס עקסיסטענץ ווי די שאַרפֿסטע לאָגיק, וועלכע קען נישט ברענגען קיין באַווייזן פֿאַר זיין נישט־עקסיסטענץ, קומט דזשיימס צו דער מסקנה, אַז פֿאַר אַ דענקענדיקן מענטשן וואָס וויל בלייבן געטריי זיין טיפֿן „איך" איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ ווי צו גלייבן אין גאָט.

6. דער רעליגיעזער געפֿיל

און אָט קומען מיר צו נאָך איין שטריך אין דעם פּראַגמאַטיזם, לפּחות דעם פּראַגמאַטיזם נוסח דזשיימס, די רעליגיעזיטעט. דער פּראַגמאַטיקער גלייבט באמונה שלימה אין אַ גאָט. זיין גאָט אָבער, פּונקט ווי זיין אמת, איז אַן אַנדערער ווי דער גאָט פֿון די אַנדערע פֿילאָסאָפֿן. דעם פּראַגמאַטיקערס גאָט איז רעלאַטיוו, באַגרענעצט אין זיינע כוחות און אין זיינע מעגלעכקייטן. זיין באַוווסטזיין איז טאַקע דער העכסטער און דער טיפֿסטער און, אין דעם זינען, אויך אַן איבערמענטשלעכער. גאָט גופֿא אָבער איז אויך אַרומגערינגלט פֿון דער נייטראַלער רעאַליטעט וואָס דזשיימס שטעלט אַוועק מחוץ אים און וואָס אין איר שלאָגט זיך אָן גאָטס באַוווסטזיין אַקוראַט ווי דער באַוווסטזיין פֿון יעדן שטערבלעכן. און אָט די נישט־פֿיזישע און נישט־גייסטיקע סתם־רעאַליטעט וואָס די קריטיקערס קענען זי נאָך עד־היום נישט איינבייסן, נעמען אַוועק ביי גאָט זיין אַלמעכטיקייט און זיין אַבסאָלוטיזם. דזשיימס דערקלערט קאַטעגאָריש: „מעג דער איבערמענטשלעכער באַוווסטזיין זיין ווי נישט־אויסמעסטלעך, פֿאַרמאָגט ער דאָך אַ דרויסנדיקע סביבה און בכן איז ער באַגרענעצט". דער איבערמענטשלעכער באַוווסטזיין איז פֿאַר דזשיימסן בלויז אַן אַנדער נאָמען פֿאַר גאָט. און די דרויסנדיקע סביבה איז עס די אָריגינעלע רעאַליטעט וואָס, אינאיינעם מיטן אָריגינעלן גאָט, שטעלן זיי צונויף דעם קאָסמאָס. דעם מענטשנס באַוווסטזיין, הגם נישט אַזוי גרויס ווי גאָטס באַוווסטזיין, איז אָבער אַ „חלק אלוה ממעל" און ער שפּילט דעריבער אַ גאַנץ באַטייטיקע ראָלע אין דעם צוזאַמענשטויס מיט דער רעאַליטעט און אין דער אומאויפֿהעריקער אַנטוויקלונג פֿון דעם קאָסמאָס. דעם מענטשנס

ווילן איז נישט קיין מתנה פון גאָט, נאָר ער איז אַ טייל פון גאָטס ווילן און ווי אַזעלכער פאַרמאָגט ער אַ ניצוץ פון גאָטס אומאויסשעפּלעכע כוחות צו קעמפן מיט דער רעאַליטעט. ער פאַרמאָגט אַ פונק פון גאָטס פרייהייט. און מיט זיין ווילן־פרייהייט העלפט דער מענטש גאָט אָנפירן מיט דער וועלט און צו מאַכן זי, אויב נישט אינגאַנצן גוט איז, לכל הפחות, בעסער און אַנדערש פון טאָג צו טאָג.

דער פּראַגמאַטישער באַגריף וועגן גאָט און וועגן פרייען ווילן מאַכט לגמרי צונישט די מיינונג אַז דער מענטש איז דורכאויס אין גאָטס הענט אָדער אין די הענט פון אומשטענדן. דער מענטש איז נישט „כחומר ביד היוצר", פאַרקערט גאָר, ביז אַ געווויסן גראַד איז דער מענטש דער יוצר פונעם חומר. אַזאַ וועלט־באַנעם פילט־אָן דעם מענטשנס נשמה מיט ווערדע און זעלבסט־רעספּעקט, מיט פעסטן גלויבן אין די אייגענע כוחות, ווייל דער מענטש איז אַ טייל פון גאָטס ווילן.

דאָס נייע און אָריגינעלע וואָס דער פּראַגמאַטיזם האָט געבראַכט באַשטייט אין דעם קאָנקרעטן אופן פון זען זאַכן און געשעענישן. דער פּראַגמאַטיזם, ווי דאָס זאָגט דזשיימס, הייבט אָן מיט דאָס קאָנקרעטע, קערט זיך אום צו דאָס קאָנקרעטע און פאַרענדיקט מיט דאָס קאָנקרעטע.

שיר השירים

דאָס געזאַנג פון ליבע

— 1 —

פּאָעזיע, ווי קונסט בכלל, טראָגט אין זיך אַן אומדערשעפּלעכקייט פון געפילן און עמאָציעס. דאָס מיינט אויך אַן אומענדלעכקייט פון פאַרשיידנאַרטיקע געדאַנקען וואָס יעדע נייע אָנרעגונג קאָן גורם זיין אויף יעדן באַזונדערן מענטש אין פאַרלויף פון דורות און תקופות פון דעם לעבן פון דער מענטשהייט.

דערצו נאָך האָט די קונסט, אַ דאַנק איר פּעאיקייט אַרויסצורופן געפילן און עמאָציעס, אַ קולטור־ווערט אומאָפּהענגיק פון אַלץ, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן אַלס אַבסטראַקטע געדאַנקלעכקייט. די געפילן, וואָס ווערן דערוועקט פון קונסט, זענען פון אַ שטאַרקערן קולטור־ווערט איידער די וואָס ווערן פאַראורזאַכט אויף אַן אומමיטלבאַרן אופן פון דער אויסנווייניקסטער וועלט אָדער פון אַלץ, וואָס מען רופט לעבן אין קעגנזאַץ צו ליטעראַטור. קונסט — די איבערשאַפערין פון דעם רויען לעבן און די ספּיריטואַליזירערין פון דער נאַטור און פון דער וועלט — פאַרטיפט די מענטשלעכע נשמה נאָך מער ווי זי פאַרטיפט די וועלט און די נאַטור גופא.

די נשמה פון דעם מענטש ווערט אַ סך מער פאַרטיפט פון אַן אָנגעלאָדנקייט פון געפילן און עמאָציעס, וואָס קענען נישט אויסגעלאָדן ווערן, וואָס קענען נישט געזעטיקט און געשטילט ווערן, איידער פון אַזעלכע, וואָס קענען אויסגעלעבט און אויסגעפילט ווערן און קומען דורכדעם צו אַ רו־צושטאַנד. אָנגעלאָדנקייט און געשפּאַנטקייט פון געפילן רופן אַרויס אין דער נשמה אַ וועלט מיט קלאַנגען און פאַרבן, און שטימונגען פון אַלערליי ניואַנסן און שאַטירונגען, וואָס מאַכט די נשמה אינהאַלטרייכער, שענער און אינטערעסאַנטער. דער פאַרטיפונגס־כוח פון רעליגיע, מיסטיק, ליבע און פון צו מסירת־נפש־פירנדיקע אידעאַלן, ליגט אין דעם, וואָס זיי לאָזן די נשמה־גלוסטונגען דורכגענומען ווערן מיט אַן אומענדלעכקייט, מיט אַן עפּעס, וואָס איז נישט צום דערקענען און נישט צום דערגרונטעווען. דורך דעם שאַפן זיי די אילוזיע פון אייביקער אָנגעהאַלטנקייט און אומאונטערבראָכנקייט, פון אַן אייביקן ציען און געצויגן

ווערן. זיי גיבן דעם געפיל פון אַן אייביקן שוועבן אין דער לופטן, פון אַן אייביקן געטראָגן ווערן אויף די פליגלען הין און צוריק פון טיפסטע טיפענישן צו העכסטע הויכן — פון אַן אייביקן זיין אין אַ וועלט פון נישט זיין.

מער נאָך פאַר רעליגיע, מיסטיק, ליבע און אַלערליי אידעאַלן, — קאָן עס טון די קונסט. זי קאָן עס טון דערפאַר, ווייל זי גיט דאָך אויסדרוק צו יעדן איינעם פון זיי און צו זיי אַלע אינאיינעם. די קונסט פילט אונדז אָן מיט אַלערליי נשמה־אָנרעגונגען, וועלכע מיר קענען איבערלעבן, אָבער נישט אויסלעבן. דורך דער גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט שאַפט די קונסט אין אונדזער נשמה אַ קיינמאָל נישט געשטילטן דורשט, אַ קיינמאָל נישט דערגרייכטן קאָנטאַקט מיט די וואַסערן, וואָס שטראָמען פון קוואַלן, וועלכע זענען פון יענער זייט פון אַלץ, וואָס איז פאַרפרוירנקייט און סטאַגנאַציע; פון יענער זייט פון אַלץ, וואָס איז ווירקלעך, וואָר און ממשותדיק, און וועקט נישט דעריבער קיינע שום חלומות און אילוזיעס, און רעגט נישט די פאַנטאַזיע.

— 2 —

טויזנטער יאָרן נאָכדעם ווי עס איז שוין אַזויפיל געשריבן און געזונגען געוואָרן וועגן ליבע, וועט פון דעסטוועגן זעלטן וועלכער עס איז קולטורעלער מענטש נישט דורכגענומען ווערן מיט אַ גייסטיקן ציטער, לייענענדיק די ווערטער:

טו מיר אַרויף אַ זיגל אויף מיין האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרים שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
האַרט ווי דאָס קבר די אייפערזוכט.
אירע פלאַמען זענען פלאַמען פייער,
אַ פלאַקער פון גאָט.
גרויסע וואַסערן קענען נישט פאַרלעשן די ליבשאַפט,
און טייכן וועלן זי נישט אַוועקפליצן.

דער דאָזיקער גייסטיקער ציטער, וועלכער פאַרשענערט און פאַרטיפט די נשמה, נעמט זיך דערפון, וואָס דורך עטלעכע שורות האָט דער קינסטלער דאָ באַוויזן ארויסצורופן צום לעבן און אויפשטורעמען די נשמה מיט געפילן פון ליבע, וועלכע גיסן זיך צונויף און פלעכטן זיך אריין אין די געפילן פון רעליגיע און מיסטיק. דער לייענער ווערט דורכדעם אריינגעפירט אין די רעגיאָנען פון אומענדלעכקייט און העכערער רעאַלקייט און ממשותדיקייט. די ליבע ווערט אריבערגעטראָגן פון מענטשלעכן בוזעם אין די געצעלטן פון גאָט. פון אַ זינדיקער בשר־ודמיקער ברענעניש ווערט אַ פלאַקער פון גאָט, וואָס קיינע וואַסערן קענען אים נישט פאַרלעשן און זיין מהות אוועקפליצן. דערמיט, וואָס מען דאַרף צום טויט אָנקומען פאַר אַ פאַרגלייך צו דער שטאַרקייט און אומפאַר־

מיידלעכקייט פון דער ליבע, ווערט די ליבע אריבערגעטראָגן איבער די גרענעצן פון צייט און רוים און אריינגעזעצט אין אן אייביקייט, וואָס ווייסט נישט פון צייט און רוים.

— 3 —

די מענטשלעכע נשמה, היינט אזוי גוט ווי ווען עס איז פריער, ווערט אָנגעפילט מיט גליקזעליקייט, מיט פריידיקער און פיינלעכער מיסטעריעזקייט, וואָס ליגט אין די פאָלגנדיקע שורות פון שיר השירים:

האָסט סיהאַרץ מיר געפאַנגען,
שוועסטער מיין כלה,
האָסט סיהאַרץ מיר געפאַנגען
מיט איינעם פון דיינע בליקן,
מיט איין שנור פון דיינע האַלדזבענדער.

ווי שיין איז דיין ליבשאַפט,
שוועסטער מיין כלה,
ווי בעסער זיין ליבשאַפט פון וויין,
און דער ריח פון דיינע אייל
פון אַלערליי בשמים!

האָניקזאַפט טריפן דיינע ליפן, מיין כלה,
האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג,
און דער ריח פון דיינע קליידער,
ווי דער ריח פון לבנון.

אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן,
איז מיין שוועסטער, מיין כלה,
אַ פאַרשלאָסענער ברונעם,
אַ פאַרחתמעטער קוואַל.

דער כישוף און דער רייץ, וואָס ליגט אויך איצט פאַר דעם מענטש פאַרבאַהאַלטן אין דער פאַרשלאָסנקייט פון גאָרטן, אין דער פאַרשלאָסנקייט פון ברונעם און אין דער פאַרחתמעטקייט פון קוואַל פון דער שוועסטער־כלה, זענען עד־היום — נאָך אַלע עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס פונעם מענטשלעכן שכל און נאָך אַלע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון מין מענטש — פאַרבליבן אַ מיסטעריע. זי פירט און טרייבט דעם מענטש צו זוכענישן און טראַכטענישן וועגן קוואַלן, וואָס פון זיי שלאָגט ארויס אַלץ, וואָס זעט אויס קלאָר און אַלץ, וואָס איז נישט קלאָר, אַלץ, וואָס לאָזט זיך

קולטור קוואַלן

דערקלערן און אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן, אַלץ, וואָס שטילט און זעטיקט די לײדנשאַפטן און אַלץ, וואָס, ווי דער האַריזאָנט, פירט און פאַרפירט און דערפירט צו דער אומענדלעכקייט מיט אַלע אירע מיסטעריעס.

עס איז די מיסטעריע פון דער נשמה־זוכעניש, וואָס מאַכט, אַז די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון דער קינסטלערישער געשטאַלט שולמית, זאָלן אויף שטענדיק אָנפילן די מענטשלעכע נשמה מיט געלייטערטקייט און געהויבנקייט:

מיין געליבטער געהערט צו מיר
און איך געהער אים,
דעם, וואָס וואַנדערט צווישן די ליליען

אויף מיין געלעגער ביינאַכט
האָב איך געזוכט דעם, וואָס מיין זעל האָט ליב,
איך האָב אים געזוכט
און האָב אים נישט געפונען.
לאָמיך אויפשטיין און אַרומגיין אין שטאָט
אין די מערק און אין די גאַסן,
לאָמיך זוכן דעם, וואָס מיין זעל האָט ליב.

די ליבע ווי אַ צונויפטרעף און צונויפשמעלץ־פונקט פון זעלישן און קערפערלעכן איז אויסערגעוויינלעך שיין און איינפאַך געמאָלן אין די שורות:

איך שלאָף און מיין האַרץ איז אויף;
האָרך, מיין געליבטער קלאַפּט:
עפן מיר, מיין שוועסטער, מיין געליבטע,
מיין טויב, מיין אומשולדיקע,
וואָרים מיין קאָפּ איז פול מיט טוי,
מיינע לאָקן מיט טראָפּנס פון נאַכט.

האָט מיין געליבטער אויסגעשטרעקט
זיין האַנט דורכן טיר־לאָך,
און מיין אינגעווייד האָט געברומט צו אים,
בין איך אויפגעשטאַנען עפענען מיין געליבטן,
און מיינע הענט האָבן מיר געטריפט,
און מיינע פינגער פליסיקע מירע
אויף די הענטלעך פון ריגל.
איך האָב געעפנט מיין געליבטן,

ווילִיאַם נאַטאַנסאָן

אָבער מיין געליבטער איז געווען פאַרשוואונדן, אַוועק —
מיין זעל איז אויסגעגאַנגען, ווען ער האָט גערעדט צו מיר — — —

די דאָזיקע שורות שטעלן אַוועק קלאָר און שאַרף — פון איין זייט: די ענלעכקייט צווישן דער חיה און דעם מענטש, וואָס זייערע איינגעווייִדן ברומען צום געליבטן און — פון דער צווייטער זייט: דעם גרויסן חילוק, דעם געוואַלטיקן איבערשטייג פון דעם מענטש איבער דער חיה.

די פיינלעכע גליקזעליקייטן, וואָס קומען פון די ליבע-זוכענישן און ליבעבענקעני־שן, פירן זייער אָפט צו די טיפסטע זוכענישן און בענקענישן נאָך די טיפסטע און אַלע לעצטע מהותן פון דער וועלט. די דאָזיקע מיט צער און פרייד דו כגענומענע און דורכגעדרונגענע גליקזעליקייטן זענען די נישט־חיהשע עלעמענטן אין דעם מענטש — חיה. זיי טרייבן עס אָן זיין אַנטוויקלונג צום איבערמענטש, וועלכער וועט איבערשטייגן און איינשליסן אין זיך דעם מענטש, ווי דער מענטש האָט איבערגעשטיגן און איינגעשלאָסן אין זיך די חיה. שוין נאָך דער ענטפער אַליין, וואָס שולמית גיט אויף דער פראַגע פון די טעכטער פון ירושלים, רעגט אונדזערע נשמות צו יאָגענישן נאָך דער אומענדלעכקייט, וועלכע ציט דעם מענטש פון די ערדישע צו די הימלישע וועלטן און צוריק.

די טעכטער פון ירושלים פרעגן:

וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער,
דו שענסטע פון פרויען?
וואָס איז דיין געליבטער פאַר אַ געליבטער,
וואָס דו האָסט אונדז אַזוי באַשוואוירן?

און שולמית ענטפערט:

מיין געליבטער איז קלאָר און גערויטלט.
די פאָן פון צען טויזנט,
זיין קאָפּ איז פיין גינגאָלד,
זיינע לאָקן געקרייזלט,
שוואַרץ ווי דער ראָב,
זיינע אויגן, ווי טויבן
ביי בעכן פון וואַסער,
געבאָדן אין מילך,
איינגעזעצט אין פולן.
זיינע באַקן, ווי אַ בייט בשמים,
ווי טורעמלעך געווירצן,
זיינע ליפּן ליליען,
וואָס טריפן פליסיק אין מירע.

קולטור קוואַלן

די הענט זיינע — גילדענע וואַלצן
מיט קרישטאָל־שטיין באַזעצט,
זיין לייב — אַ שטיק עלפאַנטביין
מיט סאַפירן באַדעקט.
זיינע שענקלען מירמל־שטיין
געגרונטפעסט אויף שוועלן פון גינגאָלד.
זיין אָנבליק, ווי דער לבנון,
אויסדערוויילט פון די צעדערן.
זיין גומען איז זיסקייט,
און ער אינגאַנצן אַ גלוסטיקייט.
דאָס איז מיין געליבטער,
און דאָס איז מיין חבר,
טעכטער פון ירושלים. — —

די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, וואָס קאָן באַשאַפן אַזאַ שיין, אַזאַ נשמה- און גוף־פאַרכאַפנדיק געשטאַלט, קאָן זיך בשום אופן נישט אָפּשטעלן שוין מער ביים מענטשלעכן בלויז. אַזאַ פאַנטאַזיע מוז אַליין גיין און אויך מיטרייסן מיט זיך אין איבערמענטשלעכע וועלטן אַלע די, וואָס ווערן באַווירקט פון פראַכט און שיינקייט. אַזאַ פאַנטאַזיע מוז זיך אוועקטראָגן איבער דעם רעאַלן אין דעם אידעאַלן. דאָס שלאָגט זי זיך אָן אין דעם אַבסאָלוטן, וואָס אין אים גיסט זיך צונויף דאָס העכסטע און דאָס נידעריקסטע, דאָס גייסטיקע און דאָס קערפּערלעכע און אַלע אַנדערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אויסדרוקן, וועלכע האָבן וואוין- און בירגער־רעכט אין דער מענטשלעכער שפּראַך.

גליקזעליקייט איז אַ צושטאַנד, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום גרענעצן נישט אין דער טיף, נישט אין דער הייך און נישט אין דער ברייט. אין יעדן מאָמענט, ווען דער מענטש ווערט באַפאַלן פון אַזאַ געמיט- און נשמה־צושטאַנד, זענען די געפילן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ נשמה־צושטאַנד אַזוי פריש און ניי, ווי זיי וואָלטן אַט צום ערשטן מאָל אויף דער גרויסער וועלט געקומען. די דאָזיקע נשמה־צושטאַנדן, אָן נפקא־מינא צי קומען זיי פון ליבע־געפילפקייט, צי פון אַ העלדיש־רעוואָלוציאָנערער מחשבה אָדער טאַט, צי פון אַן אָריגינעלן קינסטלערישן, פילאָזאָפישן אָדער וויסנשאַפטלעכן אַריינבליק אין דער רעאַליטעט פון דער וועלט, פירן צו אַלערליי פאַרטיפונגען פון דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין.

דאָס דערקלערט פאַרוואָס רבי עקיבא, וועמענס אייגן לעבן איז געשיקזאַלט און געשטאַלטעט געוואָרן פון התלהבותדיקער ראָמאַנטישער ליבע, האָט געקענט צושרייבן דעם העכסטן ווערט דעם טאָג, וואָס אין אים איז געגעבן געוואָרן שיר השירים צו די יידן. דער רעליגיעזער ציטער, וואָס די ראָמאַנטישע ליבע אין דעם געזאַנג פון געזאַנגען לאָזט מיט אים דורכגענומען ווערן די מענטשלעכע נשמה, האָט געפירט צו דעם, אַז שיר השירים זאָל אַריינגענומען ווערן אין די כתבי הקודש.

נעמען פון די ביישטייערער וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס בוך זאָל דערשיינען:

מ. קאַפּלאַן
וויליאם שאָר
מאַקס האָלצמאַן
ח. געסין
יעקב זילבערשטיין
פיליפּ שיאַן
פנחס ראפאפארט
חיים שאַפּיראָ
יוסף פאניץ
דזשיי ראשעל
ישראל פריינד
יצחק מעראן
יעקב דובאָוו
סידני פּאָסטער
יעקב ניומאן

אברהם ווישא
יוסף פאול
מ. דראָזד
א. ראבין
י. גרעי
ל. מעלצער
אסתר לוקאטסקי
מאָריס נייטענזאָן
קאַרל וואולף
יוסף גאָלדבערג
וואולף ניומאן
ה. אַסטאָר
ז. בונין
מאָריס דייטש
יחזקאל קוזנעצאָוו

ווענן אַלע עיניינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:
EDITORIAL "IDBUJ"
Boulogne Sur Mer 671 — T. E. 87 - 9566 — Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyrigth by:
W. NATANSON, Los Angeles
1 9 5 9

Hecho el Depósito que marca la ley
(C) Industria Argentina

Este libro se terminó de imprimir el día 22 de julio 1959
en la imprenta "Graficón" N. Zielony, Loria 618, Bs. Aires.

WILIAM NATANSON

FUENTES DE CULTURA

(KULTUR KWALN)

EDITORIAL "IDBUJ"
de la Asociación pro Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

BUENOS AIRES — 1959